משה פײנקינד

וטעיודען אין פוילען

ארויסגעגעבן דורכן מחברס קינדער
שלמה (ווארשע), הינדע (לוצק),
פערל (פיאטרקאוו), הערצל (תל־אביב)

צינא

משה פיינקינד

גוטע יודען אין פוילען

ארויסגעגעבען דורכ׳ן מחבר׳ס קינדער:
שלמה (ווארשע), הינדע (לוצק), פערל (פיאטרקאוו),
און הערצל (תל־אביב).

ווארשע — 1926 — פרייז 5 זל.

Printed in Poland

MOJZESZ FEINKIND

Gute Juden in Polen

(Cadycy w Polsce)

Wydane przez dzieci autora
Szlomo (Warszawa), Hinda (Łuck), Perla (Piotrków), i Hercel (Tel Awiw).

Warszawa 1936

Druk. „Grafja" Warszawa.

אינהאלט פון די קאפיטלען

מחברס ביאָגראַפיע 5
„מגן אברהם" 19
רבי ר' מענדעלע קאָצקער 26
דער „חדושי הרי"ם 26
שפת אמת 43
אַ ברכה פון „חפץ חיים" 50
דריי דורות אַלעקסאַנדרער רביים 56
דער פהן גדול פון אַלעקסאַנדער 63
ר' אברהמ'לע סאָכאַטשאָווער 72
ר' דודל לעלעווער 79
דער ביאַלער רבי ר' בעריש 87
די ראַדאָמסקער דינאַסטיע 92
דער ריזשינער 101
דער אַפּטער גאון 110
ר' מאיר שפּירא אַלס פּיאָטרקאָווער רב 116
ר' וואָלף סטריקאָווער 121
ר' פישעלע סטריקאָווער 128
דער „חוזה" 135
דער רבי ר' אלימלך 145
דער זאַלושינער — אַ דאָקטאָר
אַ גוטער ייד 152
דער קאָזשעניצער צו כל נדרי 159
דער „ינוקא" 164
ר' יחזקאלע פון קוזמיר 170
דער בראָקאָזש 176
דער קאָזשעניצער מגיד 184
דער הייליקער זיידע פון ראַדזימין 193
דער רבי ר' בונם 201
פינף דורות איזשביצער 210
דער אוהב ישראל 221
ר' אברהמ'ל טשעכאַנאָווער 229
דער יוד הקדש 237
דער בענטשינער 245
דער מאָגעלניצער 251
דער ווילנער גאון 259
דער טשאָרטקאָווער רבי 264
די פּשעדבאָזשער דינאַסטיע 270
דער וואָלבאָזשער רבי ר' בעריש 278
דער אָפּטאָוצער 286
ר' דודל טאַלנער 294
דער גוטער יוד פון נײַשטאָדט 300
דער אמשינאָווער 307
ר' מאיר אַפּטער 314
די טריסקער 320
דער שידלאָווצער 326
ר' מענדעלע וואַרקער 332
ר' לייב שרה'ס 338
לאָדזשער רב מייזעל 344
פּאָדעמביצער רב ר' משה'ל חר 350
אברהם סבא 358
ר' ירחמיאל פּשיסכער 463
ר' דודל לעלעווערס ברכה 370
דער ראַדזימינער און זיין משמש 378
דער ראַדאָשיצער רבי ר' בער 382
ראַדאָשיצער רב און פראַנץ יאָזעף 389
דער גאָסטינינער למד־וואָווניק 395

0—0—0



משה פיינקינד

(1935-1865)

די ביאגראפיע פון משה פיינקינד ז״ל

מחבר פון בוך „די גוטע יודען פון פוילן״

משה פיינקינד ז״ל איז געבוירען געווארען אין טורעק, קאלישער געגענד, כ״ג שבט תרכ״ה (1865 יאהר) און אויסגעהויכט זיין נשמה אין פיעטרקאוו־טריבונאלסקי ב׳ סיון תרצ״ה (3 יוני 1935 יאהר), ער האט געלעבט 70 יאהר.

משה פיינקינד האט געשטאמט פון א יחוס׳דיגער חסידישער פאמיליע. פון זיין מוטערס צד איז ער געווען אנ׳אור־אור־אייניקעל פון „מגן אברהם״. זיין עלטער־זיידע איז געווען דער פאדעמביצער רב (קאלישער געגענד) ר׳ משה׳לע חריף, וואס האט אנטייל גענומען אין קאשציושקא׳ס אויפשטאנד.

משה פיינקינד האט געלערנט אין חדר און אין פערשידענע ישיבות, דערהויפט אין בערידהמטען שניידער־שטעדטעל בזשעזשין (לאדזער געגענד) אונטער דער השגחה פון זיין פעטער, דער בזשעזשינער רב ר׳ ישראל פיינקינד זצ״ל.

גלייכצייטיג האט משה פיינקינד זיך אבגעגעבען מיט אלגעמיינע למודים ביי פריוואטע לעהרער, גריטענדיג זיך צו ווערען

ראבינער. צו 17 יאָהר האָט ער צונויפגעשטעלט מיט זיין חבר, דעם בעריהמטען סקולפּטאָר הנוך גליצענשטיין, ארויסגעגעבן א טאָפּאָגראַפישע קאַרטע פון ארץ־ישראל. צו דער צייט איז ער אַוועק קיין בערלין, וואו ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע, געשיכטע און ליטעראַטור, ספּעציאַליזירענדיג זיך אין חכמת ישראל ביי ד״ר קאַסעל, לאַצאַרוס, ד״ר הילדעסהיימער, שטיינשנייד א. אנד.

אין יאָהר 1886 איז משה פיינקינד געוואָרען ארויסגעשיקט פון בערלין פאַר אַנטיילנעמען אין א דעמאָנסטראַציע פון רוסיש־יודישע סטודענטען געגען דעם רוסישען אמבאַסאַדאָר אָרלאָוו.

קומענדיג צוריק קיין פּוילען, איז משה פיינקינד געוואָרען א לעהרער פון העברעאיש און דייטש און געגעבן לעקציעס, דערהויפּט אין די חסידישע און פערמעגליכע הייזער. ער איז געווען לעהרער אין זיין געבורטס־שטאָדט טורעק, דאַן אין לאָדז און נאָכהער אין פּיעטריקאָוו־טריבונאַלסקי.

שוין צו 15 יאָהר האָט משה פיינקינד איבערזעצט אין העברעאיש שירים פון די דייטשע קלאַסיקער (שפּעטער פערעפענטליכט אין „הנצנים״ פון הנ״ע).

זינט 1884 יאָהר האָט משה פיינקינד זיך בעטייליגט מיט היסטאָרישע און פּובליציסטישע ארטיקלען אין דער דייטשער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס״, ארויסגעגעבן פון לודוויג פיליפּזאָן, וועמענס ביאָגראַפיע פיינקינד האָט בעשריבען אין א רייהע ארטיקלען אויף דער טעמע „ציון לנפש יהודה״ אין „הצפירה״ (1890 — 1891), אין דער דייטשער „איזראַעליטישער וואָכענשריפט״ (ביז׳ן יאָהר 1887), אין דער דייטשער „יודישעס ליטעראַטורבלאַט״ און אין אנדערע דייטש־יודישע אויסגאַבען.

אין יאָהר 1888 האָט משה פיינקינד צוגעגרייט פאַר גרעצ׳ן א דייטשע איבערזעצונג פון מאַטעריאַלען צו דער געשיכטע

פון די יודען אין פוילען און רוסלאנד. ער האט אויך געפירט א קארעספאנדענץ מיט פיליפזאן, קייזערלינג, ווינשע, נעלדעקע און דעליטש.

שפעטער האט ער קארעספאנדירט און געדרוקט ארטיקלען פון פוילען אין פעטערבורגער „פריינד", אין „הצפירה", אין אינזש. יאן קירשראט'ס וואכענבלאט „גלאס זשידאווסקי" און אין דער צייטשריפט „ציון", וואס זענען ערשינען אין ווארשא, אין ווארשאווער „אונזער לעבען", אין די פעטערבורגער יודיש־רוסישע וואכענבלעטער „יעווריייסקאיא זשיזן" און „ראזסוויעט", אין ד"ר הערצעל'ס דייטשען וואכענבלאט „די וועלט", וואס איז ערשינען אין וויען, אין „לאדזער טאגעבלאט" און אין פיעל אנדערע טעגליכע און וועכענטליכע צייטונגען, וואס זענען ער־שינען אין העברעאיש, יודיש, דייטש, פויליש און רוסיש. דאס רוב זיינע ארטיקלען און קארעספאנדענציעס זענען געווען גע־דרוקט אונטער די פסעוודאנימען: „סערוואוס", משה פינקוס־זאן, „איקס", „א. ב. ג.", „מפה", מ. פנחסי, מ. פ. און א פיעטרקאווער.

נאכ'ן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה איז משה פיינקינד געווארען א מיטארבייטער אין לאזאר קאהאנ'ס „לאדזער פאלקס־בלאט" און „ווארשאווער טאגעבלאט", וואו ער האט אין משך פון עטליכע יאהר פערעפענטליכט ארטיקלען אונטער'ן פסעוו־דאנים „א ראטמאן" איבער די אקטועלע פראגען פון יודישען לעבען אונטער דער עסטרייכישער אקופאציע. חוץ דעם האט משה פיינקינד אין די יאהרען 1915 — 1917 געדרוקט אין „לאדזער פאלקסבלאט" א גאנצע סעריע ארטיקלען אונטער'ן פסעוודאנים „א. ב. ג." וועגען די גרויזאמע פאגראמען און שחיטות, וואס זענען פארגעקומען אויף די יודען אין די שטעדט און שטעדטלעך פון געוו. קאנגרעס־פוילען און אויסגעפירט דורכ'ן צארישען מיליטער און זייערע נאכשלעפער. דאס זענען

געווען באשרייבונגען וועגן אלע אכזריות'ן, וואס זענען אין די דעמאלטדיגע מלחמה־יארען בעגאנגען געווארען דורך דער אונטערגעהעצטער צארישער ארמעע מיט דער הילף פון געוויסע טיילען פון אונזערע שכנים.

אין אנהויב 1916, ווען דאס „לעמבערגער טאגבלאט" האט זיך געהאלטען ביים פארמאכען, ווייל כמעט אלע רעדאקציע־מיטארבייטער זענען צוגענומען געווארען צום מיליטער, האט דער רעדאקטאר ד"ר ביקעלעס ז"ל איינגעלאדען משה פיינקינד'ן אלס מיטרעדאקטאר און ער האט כמעט טעגליך געשריבען פאר דער צייטונג ארטיקלען, איבערשיקענדיג זיי פון פיעטרקאוו קיין לעמבערג. ער האט צוליב די דאזיגע ארטיקלען, ווי אויך פאר זיינע קארעספאנדענציעס, געדרוקט אין „נייעם וויענער מארגענבלאט" און אין אנדערע דייטשע צייטונגען אין וויען, געהאט אויסצושטיין פיעל צרות פון דער עסטרייך־אונגארישער מיליטער־צענזור און פון דער זשאנדארמעריע אין פיעטרקאוו. נישט איינמאל האט די עסטרייכישע זשאנדארמעריע געוואלט משה פיינקינד'ן ארעסטירען, אדער פערשיקען אין געפאנגענען־לאגער, אבער די לייטונג פון „נאטשעלני קאמיטעט נאראדאווי" (נ. ק. נ.) ד. ה. דער פוילישער נאציאנאלער הויפט־קאמיטעט, וואס האט געארבייט פאר מארשאל פילסודסקי'ס לעגיאנען, האט נישט דערלאזט דערצו.

משה פיינקינד איז אויך געווען דער רעדאקטאר־ארויסגעבער פון ערשטען יודישען וואכענבלאט אין פיעטרקאוו אונטער'ן נאמען „פיעטרקאווער שטימע". די צייטונג האט די ליבטיגע שיין נישט אנגעזען. זי איז געווארען אבגעדרוקט, אבער געמוזט ווערען פערניכטעט, ווייל אזוי האט געפאדערט דער פיעטרקאווער גובערנאטאר יאטשעווסקי. דאס איז געווען אין אויגוסט 1914, ווען ס'איז אויסגעבראכען די וועלט־מלחמה. דער גובערנאטאר יאטשעווסקי האט עטליכע מאל אבגעזאגט משה פיינקינד'ן

צרוםצוגעבען אַ קאָנצעסיע אויף אַ וואָכענבלאַט אין פּיעטרקאָוו, אָבער פיינקינד האָט געוואָלט אויסנוצען דעם מאָמענט, וואָס דער גובערנאַטאָר מיט דער גובערניע האָבען יעדע ווײַלע בעדאַרפט אנטלויפען פון פּיעטרקאָוו קיין רוסלאַנד. ביז דער לעצטער מינוט האָט דער גובערנאַטאָר נישט דערלויבט אין „זיין שטאָט" ארויסצוגעבען אַ יודישע צייטונג.

אזוי איז טאַקי געשעהן. די גאַנצע צייט פון דער צאַריזשער הערשאַפט אין פּיעטרקאָוו איז קיין יודישע צייטונג דאָרט נישט ערשינען, הגם אין דער שטאָדט האָבען זיך געפונען זעהר א סך יודישע דרוקערייען און געזעצט ספרים און ביכער פאַר דער גאַנצער יודישער וועלט.

בעת דער עסטרייכישער אָקופּאַציע, אין די יאָהרען 1916 — 1917, האָט משה פיינקינד רעדאַגירט און ארויסגעגעבען אין פּיעטרקאָוו אַ פּויליש וואָכענבלאַט „גלאָס זשידאָווסקי". ער האָט אויך רעדאַגירט און ארויסגעגעבען אין פּיעטרקאָוו די יודישע וואָכענבלעטער „די יודישע וועלט" אין יאָהר 1924, „די צייט" און „נייע צייט" אין יאָהר 1926. מיטגעאַרבייט אויך אין וואַרשאַווער וואָכענבלאַט „דאָס פאָלק" אונטער לאַזאַר קאַהאַנ'ס רעדאַקציע, אין דוד דרוק'ס חודשליכען זשורנאַל „שול און ערציהונג", אין א. ל. יאַקובאָוויטשעס וואָכענבלאַט „דער וועלטשפּיגעל", „זאַגלעמביער צייטונג", „טשענסטאָכאָווער צייטונג" און אין וואַרשאווער פּויליש־יודישען וואָכענבלאַט „עווא".

פאַר די לעצטע 15 יאָהר ביז דער לעצטער וואָך פון זיין לעבען האָט משה פיינקינד נישט ארויסגעלאָזט די פעדער פון זיין האַנד. זייענדיג שוין צוגעשמידט צום בעט, האָט ער בסדר געשריבען און גראָד זעהר א סך היסטאָרישע און קריטישע אַרטיקלען, ווי אויך לעגענדעס. זיי האָבען זיך געדרוקט אין וואַרשאווער „אונזער עקספּרעס", אין דער וואַרשאווער יודיש־פּוילישער צייטונג „פּיאָנטאַ ראַנאָ", אין לאָדזער „נייעם פאָלקס־

בלאַט" און אין אַנדערע ווארשאווער טעגליכע יודישע צייטונ־
גען, אין פּראָווינצער פּוילישע צייטונגען, ווי „דזשענניק נאַ־
ראָדאָווי" און „גלאָס טריבונאַלסקי", וואָס ערשיינען אין פּיעטר־
קאָוו, ווי אויך אין די פיעל יודישע וואָכענבלעטער, וואָס זענען
צעזייט און צעשפּרייט איבער דער פּוילישער פּראָווינץ.

משה פיינקינד'ס אַרטיקלען פלעגען גערן ווערען איבער־
געדרוקט אין דער אויסלענדישער יודישער פּרעסע, ווי אין
לאָנדאָן, ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, בוענאָס־איירעס,
מאָנטרעאַל און אין פיל אַנדערע שטעדט פון איראָפּע און
מעבר־לים, וואו עס ערשיינען נאָך טעגליכע, אָדער וואָכענטליכע
יודישע צייטונגען.

משה פיינקינד האָט אויך אַרויסגעגעבען עטליכע היסטאָ־
רישע בראָשורען אין יודיש און אין פּויליש, ווי די „כוזרים"
(פּיעטריקאָוו 1910), „אויף די פּוילישע פעלדער" (העפט א'
— „פּערעלע די קאָושעניצער רבי'צין". העפט ב' — „העגעלע,
די כלה פון קעניג זיגמונד" און דער „גר צדק" פון ווילנא,
פערלאַג ב. ליבעסקינד, פּיעטריקאָוו 1926). די מאָנאָגראַפיע
פון פּיעטריקאָוו אין דער פּוילישער שפּראַך „דזשעיע זשידוב
וו'פּיאָטרקאָוויע", ערשינען אין פּיעטריקאָוו אין יאָהר 1930.

משה פיינקינד האָט נאָך זיין טויט איבערגעלאָזט א מאַסע
כתבים און א רייכע ביבליאָטעק מיט א סך אַנטיקען. צווישען די
איבערגעלאָזטע ווערק זענען פאַראַן אין יודיש: „זכרונות פון
דער וועלט־מלחמה" מיט א כראָנאָלאָגישער רשימה פון די
שטעדט און שטעדטלעך אין פּוילען, וואו ס'זענען פאָרגעקומען
שחיטות, פּאָגראָמען, אַרעסטען דורכגעפירט דורך די רוסען,
דייטשען, עסטרייך־אונגאַרער אא"וו; א היסטאָרישע באַשריי־
בונג וועגען קאָזשימיעזש דעם גרויסען און די יודען. די גע־
שיכטע פון דער אַלגעמיינער און יודישער ליטעראַטור, געזאַ־
מעלטע גלייכווערטלעך פון יודישען לעבען בעת דער וועלט־

מלחמה. אַנ׳אָבהאַנדלונג אין דייטש וועגן די קוועלן צו שפּי־נאָזאַ׳ס פּאָליטיש־טעאָלאָגישן טראַקטאַט. מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די יידן אין פּיעטריקאָוו און אין פּוילן בכלל, אַ מלחמה־דראַמע „דער שפּיאָן", אַ ספר אין העברעאיש „זכרון משה" (הכולל תולדות הרבנים וכו׳ בפּיעטרקוב) און בראָשורן אין יידיש וועגן פּאָליטישן ציוניזם און שקל, ביאָגראַפיעס פון דוד וואָלפזאָהן, די געשיכטע פון די יידן אין פּוילן און פיל אַנדערע.

נאָך זיין טויט האָבן זיך געדרוקט און עס דרוקן זיך נאָך פון צייט צו צייט זיינע היסטאָרישע אַרטיקלען און לעגענ־דעס אין וואַרשאַווער „אונזער עקספּרעס", אין דער וואַרשאַווער יידיש־פּוילישער טעגליכער צייטונג „פּיאָנטאַ ראַנאַ" און אין פאַרשידענע יידישע זשורנאַלן.

קיין פּיעטריקאָוו מדיב. איז משה פיינקינד געקומען אַלס איידעם פון דאָרטיקן בעל־הבית ר׳ לייבעל עהרליך ז״ל. דאָס איז געווען אַ ייד אַ משכיל, אַ תלמיד־חכם, נוטבעזיצער פון סטאַראַ־וויעש (פּיעטריקאָווער קרייז), גבאי און [illegible] אין דער פּיעטריקאָווער „דייטשער שוהל".

צו יענער צייט איז משה פיינקינד׳ס שווער ר׳ לייבעל עהרליך ז״ל געווען אַ פּאָפּולערע פּערזענליכקייט אין פּיעטרי־קאָווער געגענד. ביי איהם אין הויז זענען טהיר און טויער גע־שטאַנען אָפן פאַר אַלעמען. שמחות זענען אין זיין הויז געווען זעהר אַנ׳אָפטע ערשיינונג. למשל, ביי אַ חתונה פון אַ טאָכטער, אָדער פּורים־באַל, האָט געמוזט שפּיעלן דער גאַנצער מילי־טערישער אָרקעסטער פון פּיעטריקאָווער גאַרניזאָן. ר׳ לייבעל עהרליך ז״ל איז אויך געווען אַ הדרת־פּנים און גבור. ער האָט אין יאָהר 1899 אין „שמאָלען געסעל", בעת אַ שפּאַציר, אויס־געפּאַטשט דעם דעמאָלסדיגן פּיעטרקאָווער גובערנאַטאָר מי־לער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַבטרעטן דעם דורכגאַנג עהרליכ׳ן איבער׳ן שמאָלן טראָטואַר. ר׳ לייבעל עהרליך האָט

געהאַלטען, אז דער גובערנאַטאָר, אַנטרעפענדיג איהם, וואָס איז געווען עלטער פון גובערנאַטאָר, דערצו אַ שטאַרק־קורצ־זיכטיגער — ער האָט געטראָגען 2 פּאָר ברילען — האָט גע־דאַרפט אראָבנעהמען פון שמאָלען טראָטואר אין דער מיטען גאַס און דורכלאָזען איהם, עהרליכ'ן, דעם אַלטען און אָנגעזעהענעם פּיעטריקאָווער בעל־הבית. ר' לייבעל עהרליך איז דערפאַר גע־וואָרען בעשטראָפט מיט אַ חודש ארעסט דורכ'ן וואַרשאווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. ס'האָבען נישט געהאָלפען קיין שום השתדלות'ן אין פּעטערבורג ביים אינערן־מיניסטער. ר' לייבעל עהרליך איז די שטראָף אָבגעזעסען. עטליכע חדשים דערנאָך אין יאָהר 1900 איז ער געשטאָרבען.

משה פיינקינד איז אָנגעקומען צו זיין שוועהר אלס איידעם אויף קעסט. פיינקינד האָט חתונה געהאַט מיט ר' לייבעל עהר־ליכ'ס עלטסטע טאָכטער פריידעל ז"ל. דאָס איז געווען אַ פרוי אַ צדיקת און אַ שטילע כלל־טהועדין, גלייכצייטיג, אָבער, אַ פריוליכע און לעבעדיגע. איהרע גלייכווערטלעך און וויצען, מיט וועלכע זי פלעגט שיטען, האָבען געהאַט אַ רוהם אין פּיעטריקאָ־ווער געגענד. משה פיינקינד'ס גוטע יאָהרען אלס גביר'ישער קעסט־איידעם האָבען אָבער נישט לאַנג געדויערט.

פון שרייבעריי, זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור האָט מען דעמאָלט נישט געקענט מאַכען קיין לעבען. ער איז דעריבער געוואָרען צודיק לעהרער פון העברעאיש און דייטש אין די דייכע חסיד'ישע הייזער אין פּיעטרקאָוו. ס'איז איהם גוט גע־גאַנגען. אָבער פאַר זיין אידעאַליזם, השכלה און ציוניזם־פער־שפּרייטונג האָט ער טייער בעצאָהלט. פאַנאַטיקער האָבען איהם אַריינגעלייגט אין „חרם" און משה פיינקינד האָט אין איין טאָג פערלוירען אַלע זיינע לעקציעס. ער מיט זיין פרוי פריידעל און 5 קינדערלעך זענען אין דיזער שטיל אויסגעגאַנגען פון נויט. זעלטען עמיצער האָט געוואוסט, אַז דער קרבן פון ווילדען פאַנאַ־טיזם און בלבול ליידט שוין אויף אַזוי פיל נויט מיט זיין פרוי

און קינדער, און אז די קינדער האָבן שוין אַפּילו אָנגעהויבן קרענקען אויף שווינדזוכט.

צו יענער צייט האָט זיך מיט משה פיינקינד'ן בעקאַנט א קריסטליכע דיכטערין, וואָס האָט געשטאַמט פון די באַל־טישע לענדער. זי איז געווען די פרוי פון א וויצע־פּאָרזיצער פון פּיעטריקאָווער קרייז־געריכט. זיי פלעגן פון צייט צו צייט זיך צונויפקומען און פירן שמועסן אין דער דייטשער שפּראַך וועגן דער שיינער ליטעראַטור און דיכטונג. זי האָט זיך אין שטאָדט ביי יודען דערוואוסט, וואָס ס'איז מיט משה פיינקינד'ן געשעהן. זי האָט אינסטינקטיוו דערפיהלט, אז ער גייט אויס פון הונגער צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער. זי האָט איהם אין א געשפּרעך אָנפעדמרויט, אז זי האָט בעשלאָסען איהם צו בעפרייען פון צו זיין ביי יודען אין „גלות". דורך איהרע בעמי־הונגען, איז ער אָנגעקומען אויף א פּאָסטען אלס שפּראַכען־איבערזעצער צו איינעם פון די גרעסטע אדוואָקאַטען אין פּיעט־ריקאָוו מיעטשיסלאַוו כאַנדזינסקי. הגם דער דאָזיגער אדוואָקאַט איז געווען א שונא־ישראל — צו יענער צייט שוין אַנ'ענדעק, דאָך האָט משה פיינקינד אָבגעאַרבעט ביי איהם 25 יאָהר ביז צום אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה. משה פיינקינד האָט אַזוי ווייט אוואַנסירט אויף זיין פּאָסטען, אז ער איז פאַר די לעצטע 15 יאָהר געווען דער סעקרעטאַר פון דערמאָנטען אדוואָקאַט און דערצויגען דורך זיין האַנד א דור פון אדוואָקאַטען, וואָס פערנעמען היינט וויכטיגע מלוכה־פּאָסטענס אין פּוילישען גע־ריכט און אדמיניסטראַציע־וועזען.

דאָס וואָס ס'האָט געטראָפען מיט משה פיינקינד'ן, וואָס איבער־נאַכט איז ער געוואָרען געשטעלט פאַר דער געפאַהר פון א הונגער־טויט, איז אויך נישט איין מאָהל אין לעבען געשעהן מיט זיין עלטסטען זוהן שלמה אין ווארשא און מיט'ן יונגסטען זוהן הערצל אין חדרה.

א קרבן פון משה פיינקינד'ס הונגער און נויט־טראַגעדיע

איז שפּעלען זיין מיטעלסטער זוהן רפאל צבי. ער איז דעם 15־טען פעברואר 1916 געשטאָרבען אין פּיעטריקאָוו פון שווינדזוכט אין עלטער פון 21 יאָהר. ער איז געווען א יונגער בעגאַבטער רעפּאָרטער און דיכטער. ער האָט מיטגעאַרבעט אין מ. ספּעקטאָר׳ס וואַרשאווער טעגליכע ציימונג „די נייע וועלט", אין דער אַלטער „דויטשע לאָדזשער צייטונג" און בעת דער וועלט־מלחמה אין לאזאר קאַהאַנ׳ס „וואַרשאווער טאַגבלאַט" און פון „לעמבערגער טאַגבלאַט" אלס קאָרעספּאָנדענט פון פּיעטרקאָוו און אומגעגענד. רפאל צבי פיינקינד איז געווען אַנ־אַקטיווער טוער פון פּיעטרקאָווער „פּועלי - ציון" - אָרגאַ־ניזאַציע. ער האָט נאָך זיך געלאָזט עטליכע שענע, נישט־געדרוקטע דיכטונגען, סצענקעס און סקיצען אין יודיש און אין פּויליש. ער האָט געשריבען אונטער די פּסעוודאָנימען: „רפאל", „רפאל מאָזעסזאָהן", „ראדא" [redacted].

חוץ א שרייבער איז אויך משה פיינקינד געווען א זעלטע־נער טיפּ פון א יודישען עסקן. ער איז געווען צווישען די גע־צעהלטע, וואָס האָבען פון זייער כלל־טועריי נישט געצויגען קיין פּראָפיט. זיין הויז איז געווען א מקום־מקלט פאַר די אַלע, וואָס האָבען זיך גענויטיגט אין הילף בעת א צרה. אויך די, וואָס האָבען געאַרט נאָך וויסען און האָבען זיך געריסען אין דער ברייטער וועלט אריין, האָבען געפונען אין איהם א רבי און וועג־ווייזער.

משה פיינקינד איז געווען א בעשיידענער מענש, וואָס איז אַנטלאָפען פאַר רעקלאַמע. ער איז אָבער געווען א מענש מיט אַנ׳אויסערגעוועהנליכען טעמפּעראַמענט און ענערגיע. א מענש פון שווערער אַרבייט, אָפּפערוויליגען קאַמף פאַר דעם דאַ־זיין און פאַר׳ן בעסערען מאָרגען, סיי פאַר דעם כלל און סיי פאַר דעם יחיד.

די יודען פון לוצק, ראָוונא, קאָוועל און פערשידענע אַנ־דערע שטעדט און שטעדטלעך פון וואָהלין, וואָלטען געקאָנט

זעהה א סך דערצעהלען, וואס משה פיינקינד איז פאר זיי געווען אין יענער צייט, ווען די עסטרייכיש־אונגארישע אקו־פאציע־מאכט האט זיי פערשיקט איבער די תפיסות און דערפער פון פעטרקאווער געגענד. ער האט זיך געטיילט מיט זיי מיט׳ן ביסען און א דאנק זיינע מסירת־נפש׳דיגע בעמיהונגען, זענען א סך וואהלינער יודען געווארען דעמאלט אבגעראטעוועט פון טויט און אונטערגאנג. זיי האבען נאך זוכה געווען זיך אומ־צוקעהרען אין זייער אלטער היים.

ער איז געווען א מענש און א ווארימער יוד, וואס האט געהאט פערשטענדעניש פאר אלעם. אנגעהערענדיג א קורצע צייט צו די ערשטע סאציאליסטישע קרייזלעך פון פיעטריקא־ווער געגענד, וועלכע מען האט דעמאלט אנגערופען — די „סאמעבלעך", איז ער אין יאהר 1894 געווארען ביינאכט ארעס־טירט דורך דער צארישער זשאנדארמעריע. געשמידט אין קיי־טען איז ער פון זיין וואוינונג גלייך געווארען אוועקגעפיהרט קיין ווארשא אין ציטאדעל אריין. ער איז דעמאלט געפאלען א קרבן פון א מסירה. אויף דער השתדלות פון וויצע־פארזיצער פון פיעטריקאווער קרייז־געריכט, וואס איז געווען מיט משה פיינקינד׳ן פערזענליך בעקאנט, און פון הויפט־פראקוראר פון זעלבען געריכט, איז ער אין א וואך ארום בעפרייט געווארען.

משה פיינקינד איז געווען איינער פון די פיאנערען פון פאליטישען ציוניזם אין פוילען און איינער פון די גרינדער פון די ערשטע ציוניסטישע אגודות אין פיעטריקאוו און אומגעגענד. ער איז אליין טאג און נאכט, אויף אייגענע הוצאות, ארומגע־פאהרען איבער שטעדט און שטעדטלעך פון דער פיעטריקאווער גובערניע, האלטענדיג ציוניסטישע דרשות אין די שוהלען און בתי מדרשים.

אין פיעטריקאוו גופא פלעגט ער יעדען שבת האלטען פאר־לעזונגען איבער יודישער געשיכטע און ציוניזם.

א רייה יאהרען איז ער געווען דער פארזיצער פון דער

„אגודת הציונים בפיעטריקאוו". דער סטעמפעל פון דער ערש־טער ציוניסטישער אגודה אין פיעטריקאוו איז פערבליבען אין זיין רייכען ארכיוו.

זיין גאנץ לעבען און פערמעגען (דאס שרייבט ער אויך אין זיין צוואה) האט ער אוועקגעגעבען פאר'ן ציוניזם און ארץ־ישראל.

אבער ווען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע האבען בעת און נאך דער וועלט־מלחמה זיך אריינגעכאפט אזעלכע עלעמענטען, וואס האבען אין דעם ציוניזם דערשמעקט א „גוטען עסק", איז דעמאלט משה פיינקינד, א זעץ־געבענדיג אויף זיין שטייגער מיט דער טהיר, אוועק פון דער ציוניסטישער ארגא־ניזאציע. ער איז אבער ביז זיין לעצטען אטעם געבליבען א גע־טרייער פאליטישער ציוניסט.

נישט געווען אין פיעטריקאוו קיין איין פעראיין, געזעל־שאפט, ארגאניזאציע, אינסטיטוציע, אנשטאלט, חברה און קאָ־אפעראטיוו, אז ער זאל נישט זיין געווען איהר מיטגרינדער אדער מיטבויער. איז די ארגאניזאציע אדער געזעלשאפט נישט געווען איהם אידעאיש נאהנט, האט ער בלויז דעם סטאטוט רעדאגירט און אדורכגעפיהרט די לעגאליזאציע.

ער איז אויך געווען דער מיטגרינדער פון דער „ארט"־שול אין פיעטריקאוו און א געוויסע צייט פארזיצער פון דעם דארטיגען „ארט" - קאמיטעט. משה פיינקינד איז אויך געווען פארזיצער און נאכהער נעקליבען געווארען אלס אייביגער עהרען־פארזיצער פון פיעטריקאווער האנדווערקער־פערבאנד, בעת זיין 50־יעהריגען ליטעראַרישען יובילעאום, וואס ער האט געפייערט דעם 9־טן פעברואר 1934 — 16 חדשים פאר זיין טויט.

ביי די וואהלען פון ערשטען פיעטריקאווער שטאדט־ראט אין יאהר 1915 איז משה פיינקינד געקליבען געווארען אלס ראטמאן. ער איז געווען דער איינציגער יודישער פארשטעהער אין פיעטריקאווער שטאדט־ראט, וואס האט דעמאלט אונטער

דער עסטרייכישער אקופאציע, ארויסגעשטעלט די פאדערונג פון פאליטישער קולטורעלער אויטאנאמיע פאר יודען אין פוילען. ער האט געקעמפט פאר דער גלייכבערעכטיגונג פון דער יודישער שפראך. זיין פאליטישע דעקלאראציע, וואס ער האט דעמאלט פארגעלייגט אויף דער פייערליכער זיצונג פון ערשטען פיעטריקאווער שטאדט־ראט, האט ארויסגערופען א געוואלדיגען שטורם ביי די ענדעקעס און אפילו ביי די דעמאלטיגע ליבעראלען. אפילו זיינע קריסטליכע תלמידים זענען איהם דערפאר געווארען דם שונאים.

הגם משה פיינקינד איז די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען געשטאנען פון דער ווייטענס פון דער אקטיווער ציוניסטישער ארבייט, האט ער דאך אין זיין פובליציסטישער ארבייט רעאגירט אויף יעדער וויכטיגער געשעהעניש אין דעם ציוניסטישען וועלט'ל. ער איז געבליבען ד"ר הערצל'ס א געטרייער תלמיד. יעדעם יאהר האט משה פיינקינד אויסגעקויפט דעם טראדיצי־יאנעלען ציוניסטישען שקל. ווען עס פלעגט איהם די לעצטע יאהרען אויסקומען צו זיין אין פיעטריקאוו כ' תמוז, בעת ס'פאלט אוים ד"ר הערצל'ס יאהרצייט, האט משה פיינקינד, נישט קוקענדיג אויף זיין עלטער און קראנק הארץ, געהאט די טראדיציע מספיד צו זיין דעם שעפער פון פאליטישען ציוניז אין דער אלטער, היסטארישער, שטאדטישער שוהל, אדער אי א ספעציעלער פערזאמלונג.

משה פיינקינד איז געווען פון די טיפען אקטיווע ציוניס־טישע טוער, וואס הגם ער האט אליין ארגאניזירט ציוניסטישע ראיאן־צוזאמענפאהרען ביי די געפערליכסטע צארישע בעדינ־גונגען און איז אויך עטליכע מאהל געקליבען געווארען אלס דע־לעגאט צו ציוניסטישע קאנגרעסען, איז ער דאך ביי זיין לעבען אויף קיין קאנגרעס נישט געפאהרען און אין ארץ־ישראל נישט געווען.

ער האט איבערגעלאזט אן'איינציגע שוועסטער אין לאס־

אנדזשעלאס. משה פיינקינד איז געווען א בן־יחיד ביי זיין פאטער ר׳ פנחס אליהו ז״ל, וואס איז געווען אן אנגעזעהענער בעל־הבית און אבגעהיטענער יוד אין טורעק. די לעצטע 12 יאהר האט דער פאטער זיך אויפגעהאלטען ביים זוהן משה אין פיעטריקאוו און דארט געשטארבען אין שבט תרצ״א אין עלטער פון 96 יאהר. משה פיינקינד׳ס מוטער אסתר צילקע ז״ל רוהט אויפ׳ן טורקער בית־עולם.

משה פיינקינד׳ס פרוי, פריידעל, איז געשטארבען אין י׳ תמוז 1921 אין עלטער פון 56 יאהר. זיי האבען איבערגעלאזט 2 טעכטער און 2 זיהן: הינדע, פערל, שלמה און הערצל.

צו דער ערשטער יאהרצייט פון משה פיינקינד דערשיינט דער דאזיגער באנד פון זיינע שריפטען.

די קינדער.

דער „מגן־אברהם"

ס'איז געוואָרען 250 יאָהר זינט דער גאון־עולם און לעצ־טער פוסק ר' אברהם־אבא'לע גאָמבינער, דער „מגן־אברהם", איז נפטר געוואָרען אין קאַליש. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט די קאַלישער קהלה, ווי בעקאַנט, געשטעלט אַ נייע מצבה אויף זיין קבר.

דער ביי יודען אַזוי פּאָפּולערער „מגן־אברהם", איז גע־בוירען געוואָרען אין שטעדטעל גאָמבין (ביי קוטנאָ) אין יאָהר שצ"ז (1637). אין זעלבען שטעדטעל זענען זיין פאָטער (ר' חיים הלוי) און זיין מוטער אומגעקומען אויף קידוש־השם אין יאָהר 1655, פון טשאַרניעצקי'ס קאָנפעדעראַטען, וועלכע האָבען געמאַכט, נאָך דער שוועדישער מלחמה, שחיטות אויף יודען אין גאַנץ פּוילען.

דער „מגן אברהם" איז דעמאָלט אַלט געווען אַכצעהן יאָהר. זיין ברודער יהודה, איז געווען מיט דריי יאָהר יונגער. האָבען זיך די צוויי יתומים געלאָזט אין דער וועלט אַריין לערנען. ר' אברהם אבא'לע האָט זיך אַבגעשטעלט אין ליסא ביי קרובים, זוכענדיג דאָרט אַ תכלית. פון דאָרט איז ער שוין געקומען אַ חתונה־געהאַטער קיין קאַליש, וואו ער איז געוואָרען אַ מלמד, געלערנט מיט בחורים'לעך און פון דעם געצויגען זיין אָרימע חיונה. ער האָט כל־ימיו געוואוינט אין אַ פינסטערע קעלער־שטי־

בעל אין אולריכ'ס הויז, וואס האט זיך געפונען נעבען דער שוהל און געלעבט מיט זיינע בני־בית אין גרויס דחקות, דערפאר אבער געלערנט טאג און נאכט תורה לשמה, נישט צוליב פרנסה אדער כבוד (ווי דער פראנקפורטער רב, ר' יוסף שמואל פון קראקא, בעשטעטיגט עס אין זיין הסכמה אויף דעם חיבור „מגן אברהם). אזוי ווי ער איז געווען בטבע א בעהאלטענער, א גרויסער עניו, האט מען אין שטאדט קנאפ־וואס געוואוסט וועגען זיין ארימקייט און וועגן זיין למדנות. ערשט דורך א צופאל איז ר' אברהם־אבא'לע גאמבינער נתגלה געווארען אלס גדול בישראל.

ווי מען דערצעהלט, איז געקומען קיין קאליש דער ש"ך (דער שפתי־כהן"), וועלכער איז געווען פון די גולי ווילנא (די אנטלאפענע פון ווילנא) אין דער צייט פון כמיעלניצקי'ס שחי־טות. פאהרענדיג קיין אויסלאנד, איז ער אבגעשטעטען אין קאַ־ליש און געהאלטען שבת אין דער שוהל א דרשה, אין וועלכער ער האט געפרעגט ביי די קאלישער לומדים א הארבע קשיא, אויף וועלכער קיינער האט נישט געוואוסט קיין תירוץ. האט זיך פון דער קשיא דערוואוסט דער „מגן־אברהם" פון איינעם פון זיינע תלמידים און ער האט זי באלד אויפ'ן ארט פער־ענטפערט.

האט מען דעם ש"ך צוגעטראגען דעם תירוץ פון „מגן־אברהם", איז באלד דער ש"ך געלאפען צום „מגן־אברהם" אהיים און, שמועסענדיג מיט איהם אין לערנען, איז ער נבהל־ונשתומם געווארען פון זיין חריפות און גאונות. און נישט קיין וואונדער: האט דאך דער „מגן־אברהם" געקענט פון אויסוועניג גאנץ ש"ס.

א צווייטע לעגענדע וויל האבען, אז דער „מגן־אברהם" האט פערענטפערט א זעהר שווערע שאלה וועגען חמץ, מיט וועלכער דער קאלישער בית־דין האט זיך נישט געקענט קיין עצה געבען.

אזוי ארום איז מען ערשט איצט דערגאנגען, אז דער צע־

בראַכטעטער, קרענקליכער מלמד אינ'ם קעלער־שטיבעל איז נאָך א גרויסער גאון.. האָט די שטאָדט איהם געמאכט פאַר א ראש־ישיבה און פאַר א דיין, אָבער נישט־וועלענדיג, ביי זיין גרויס עניוות. קיינעם פון די אַלטע דיינים מקפח־פרנסה־זיין, האָט ר' אברהם דאָס אָנגעבאָטענע דיינות נישט געוואָלט אָננעהמען, סיידען מען וועט איהם מאכען פאַר א שוהל־דיין. און א שוהל־דיין איז טאַקע ר' אברהם געוואָרען און אזוי האָט מען איהם שוין גערופען דאָס גאַנצע לעבען, אפילו נאָכדעם, ווי ער איז שוין מעהר קיין שוהל־דיין נישט געווען.

ערשט שפּעטער האָט דער קאַלישער רב ר' ישראל שפּירא דעם „מגן־אברהם" אריינגענומען אין זיין בית־דין און ר' אברהם איז פון דעמאָלט אָן פערעכענט געוואָרען אַלס שטאָדט־דיין. אָבער עס איז איהם ווייטער אויסגעקומען צו ליידען דחקות און נויט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט נעהמען קיין פסק־געלד.

נאָך נישט אַלט־זייענדיג קיין גאַנצע דרייסיג יאָהר, האָט דער „מגן־אברהם" גענומען שרייבען א פירוש אויף גאַנץ שולחן־ערוך „אורח־חיים" (1665—71). נישט האָבענדיג קיין געלד אויף פּאַפּיר, האָט ער געשריבען דעם פירוש אויף שטיקלעך פּאַפּיר פון טיטלען, אין וועלכע ס'ווייב האָט איינגעפּאַקט עסענוואַרג פון גאַס אָדער אויף שניצלעך פּאַפּיר, וואָס פאַלען אַב ביים איינבינדער. אויפשטעהענדיג פון שלאָף אין מיטען דער נאַכט, אָדער ליגענדיג קראַנק אין בעט, פלעגט ער זיינע חידושים אויפשרייבען אויף דער וואַנד מיט האָליע־קויהלען, כדי ער זאָל זיי נישט פערגעסען. דערביי האָט ער זיך שטאַרק געהיט, אַז קיינער זאָל זיך, חלילה נישט, דערוויסען, אַז ער שרייבט א חיבור, ווייל ער האָט נישט ליב געהאַט קיין פירסום.

צווישען זיינע קרובים קורסירט די לעגענדע, אַז דער קרע־מער, ביי וועלכען דעם „מגן־אברהמ'ס" ווייב (מ'האָט זי גערו־פען: די באָבע מאכעשי) פלעגט איינקויפען צוקער און אַנדערע זאַכען, האָט אַמאָל אריינגעלעגט פון אונטען, אין דעם טיטעל

מיט צוקער, א גאַנצן אימפּעריאַל, וועלענדיג דעם „מגן־אברהם" מהנה־זיין אין זיין גויט מיט א מתן בסתר. די רבי'צין האָט אויסגעשאָטען דעם צוקער, געבענדיג דעם מאַן דאָס מיטל צו שרייבען דערויף, איז זי שטאַרק איבערראַשט געוואָרען דער־זעהענדיג א גאָלדען רענדעל. האָט דער „מגן־אברהם" געהייסען תיכף ומיד צוריקגעבען דעם קרעמער דאָס רענדעל. און ווען דער קרעמער האָט גע'טענה'ט אז ס'איז נישט זיין געלד, האָט דער „מגן־אברהם" געלאָזט אויסרופען אין די שוהלען צוויי מאָל טעגליך, אינדערפריה און אין אָוונד, אז ווער עס האָט פערלוירען א גאָלדען רענדעל, זאָל קומען צו איהם אָבנעהמען. איז דאָך אָבער קיינער נישט געקומען, האָט עס דער „מגן־אברהם אָוועקגעגעבען דער שוהל אויף „ברק־הבית"...

ביים לעבען איז דעם „מגן־אברהם" נישט בעשערט געוועזן צו זעהן זיין חיבור אָבגעדרוקט, כאָטש ער האָט שוין געהאַט דערויף די הסכמה פון ליסער רב ר' יהודה בר' שלום (1671). די סיבה דערפון איז געוועזן, וואָס זיין ברודער ר' יהודה גאָמבינער פון קראָקא, פאַהרענדיג קיין אַמסטערדאַם עס דרוקען, איז אויפען וועג נפטר געוואָרען און דער כתב־יד איז פערלוירען געגאַנגען. האָט זיך שוין דער „מגן־אברהם" אינגאַנצען מיאש געווען פון זיין חיבור. אָבער נאָך דער פטירה פון „מגן־אברהם" האָט זיך זיין זוהן, ר' חיים גאָמבינער אונטערגענומען אויפצוזוכען דעם כתב־יד און ער האָט איהם טאַקע ביי עמי־צען געפונען. האָט דער בעזיצער, אויף דער התראה פון ועד ארבע ארצות, געמוזט דעם כתב־יד אַרויסגעבען דעם זוהן און ערשט מיט צוויי יאָהר שפּעטער האָט דער מדפיס ר' שבתי משורר אין פּראָג געלאָזט דעם חיבור אויף זיינע הוצאות אָב־דרוקען אין זיין דרוקעריי אין דירענפורט (1692).

געדרוקט האָט ער דעם פירוש צוזאַמען מיט דעם שולחן־ערוך. פון איין זייט דעם פירוש פון „טורי־זהב" מיט'ן נאָמען „מגן־דוד", און פון דער צווייטער זייט — דעם פירוש פון ר'

אברהם־אבא'לע נאָמבינער מיט'ן נאָמען „מגן־אברהם"?

דעם נאָמען „מגן־אברהם" האָט דער זוהן ר' חיים דעם פּירוש געגעבען. דער מחבר אליין האָט עס אָנגערופען גר־ישראל.

אַראָפּ דעם, וואָס דער פּירוש איז גלייכצייטיג אָבגעדרוקט געוואָרען מיט'ן „טורי־זהב" און איניינעם מיט'ן שולחן־ערוך, האָט מען דעם „מגן־אברהם" אָנגעהויבען בעטראַכטען אלס איינעם פון די ערשט־ראַנגיגע פּוסקים. די תלמודישע וועלט האָט זיך צום פּירוש אָנגעהויבען צו בעציהען מיט גרויס כבוד און זיך שטאַרק גערעכענט מיט'ן מגן־אברהם'ס מיינונג אין הלכה למעשה. דער פּירוש איז קורץ און שאַרף, פול מיט לאָ־גישער טיפקייט און בעהאַווענטקייט, הריפות'דיג און אויסגע־האַלטען. ער איז ממלא די אַלע דינים און מנהגים, וואָס דער רמ"א האָט נישט דעמאָהנט אין זיין היבור. — מען קאָן דרייסט זאָגען, אז נאָכ'ן רמ"א איז דער „מגן־אברהם" געוואָרען דער פּאָלסטער פּוסק אויפ'ן געביט פון שולחן־ערוך.

ס'איז כדאי צוצוגעבען, אז ביי זיין גאַנצען שטרענגען טראַדיציאָנאַליזם, האָט דער „מגן־אברהם" נישט געהאַלטען, למשל, פון כפּרות שלאָגען, אָנרופענדיג עס אַ „מנהג של שטות", אַ נאַרישער מנהג. די דאָזיגע ווערטער זענען אויסגעמעקט גע־וואָרען פון'ם אָריגינאַל פון זיין פּירוש. ער איז געווען אזא עניו, אז ער האָט נישט געהאַט די העזה צו זאָגען: „קבלו דעתי", נאָר האָט לאָגיש בעוויזען, אז ער איז גערעכט מיט זיין בעהויפּטונג (ווי ס'איז מעיד אויף איהם דער פראַנקפורטער רב, ר' יוסף־שמואל).

צוליב דעם, וואָס דער „מגן־אברהם" האָט נישט געשריי־בען זיין פּירוש סיסטעמאַטיש און ציטירט אַנדערע מיינונגען פון זכרון, איז ביים צופּאַסען די חידושים צום טעקסט פון שולחן־ערוך אריינגעפאַלען אַ סך טעותים, וואָס האָט געגעבען שטאָף די מפרשים צו ערקלערען און פעסטצושטעלען דעם מגן־אברהם'ס מיינונג.

ר׳ שלמה קעלן האט צוליב דער קורצער שרייב־ארט פון „מגן־אברהם" געשריבן אויף איהם א פירוש א. נ. „מחצית־השקל" (ווין, 1807).

דער „מגן ־ אברהם האט אויך אנגעשריבן א פירוש אויף׳ן „ילקוט־שמעוני" (דרוק דעסוי 1704) און חידושים אויף עטליכע מסכתות פון נזיקין (אמסטערדאם, 1722) דרשות אויף עטליכע סדרות פון בראשית א. נ. „שמן־ששון" (וואס עס האט ארויסגעגעבן זיין איידעם, ר׳ משה יקותיאל קויפמאן, דער קוטנער רב, מחבר פון „לחם הפנים" א. אנד. חידושים־ספרים).

דער „מגן־אברהם" האט אויך געפרובט שרייבן פיוטים, וועלכע מען פלעגט זאגן אין דער קאלישער שוהל כל־זמן ער האט געלעבט. צוויי פון די דאזיגע פיוטים זענען געדרוקט אין זיין איידעם׳ס ספרים. אבער די פיוטים זיינע האבן ביים עולם ווייניג אויסגענומען, ס׳פעהלט אין זיי דער פאעטיש־רעליגיעזער שוואונג. אפילו זיין שעהנע קינה אויף תשעה־באב האט נישט געפונען קיין אבקלאנג אין דער יודישער ליטורגיע.

דער „מגן־אברהם" איז נפטר געווארען נישט דערגרייכענדיג קיין פופציג יאהר, נאך א לאנגער שווערער קראנקהייט (ט"ו אדר, תת"נ). ער האט איבערגעלאזט א צוואה, אז אויף זיין מצבה זאל נישט מעהר זיין אויפגעשריבן, ווי זיין נאמען און דער נאמען פון זיין חיבור. און אזוי ווי אין קאליש איז געווען א ווילדער מנהג בכלל גארנישט אויפצושרייבן אויף די מצבות, וואס זענען בעשטאנען פון פשוט׳ע זאמד־שטיינער, איז אויך אויף׳ן מגן־אברהמ׳ס מצבה א לאנגע צייט איבערהויפט גאר־נישט געווען אויפגעשריבן.

אין מיטען דעם אלטען קאלישער בית־עלמין, וואס עגזיסטירט שוין פון יאהר 1287, געפינט זיך אויף׳ן בערגעל, וואו עס זענען געקומען צו קבורה די „הכמי קאליש" מיט זייערע תלמידים, אויך דער קבר פון גרויסען עניו און גאון, דעם „מגן

אברהם". עס שטעהט דאָרט נאָך ביז היינט א שפּיציגער נע־
וועהנליכער זאמד־שטיין מיט דער אויפשריפט: פ"נ ר' אברהם־
אבא בר' חיים הלוי — מגן־אברהם".

אָרים געבוירען, אָרים געלעבט און אָרים געשטאָרבען...
דער גורל פון כמעט אַלע פּאָרצייטישע יודישע גדולים...

דער קאצקער רבי ר׳ מענדעלע

א.

ר׳ מענדעלע קאצקער איז געווען א פענאמען אין דער חסידישער און לומדישער וועלט, דער „עמוד האש" פון דער פלעיאדע „גוטע יודען" אין פוילען.

ער האט זיך אויסגעצייכענט פון זיינע פאר־גענגער דער־מיט, וואס ער האט זיך פערנומען נישט בלויז מיט תורה און עבודת הבורא, נאר אויך מיט חקירה און יודישער פילאזאפיע, ווייל ער האט געשטרעבט צו דערהויבען דאס חסידות צו א אויפלעבונגס־בעוועגונג פון יודישען גייסט און פון דעם יודישען רוח־חיים, דת ודעת.

אלס קינד שוין האט מען בעמערקט אין ר׳ מענדלען א גע־ניאלע נשמה און אויסערגעוועהנליכע גייסטיגע פעהיגקייטען, וואס האבען נביאות געזאגט, אז ער וועט אודאי ווערען א גדול בישראל.

אבער לערנען, קנייטשען די באנק האט ער גראד נישט געוואלט. ער איז געווען לעבענסלוסטיג, א פרייער פויגעל און ער האט געוואלט זיין א קינד פון דער נאטור...

ר׳ מענדעלע איז אלס יונגעל מעהר ווי איין מאהל אוועק־געלאפען פון דער היים אויף גאנצע טעג, און ווען זיינע על־טערן, וואס האבען געוואוינט אין בילגוריי (נעבען לובלין),

זענען נענאַנגען איהם זוכען, האָבען זיי איהם נישט איינמאָהל געטראָפען ארומלויפען באָרוועס אויף די גרינע לאָנקעס און שפּיעלען זיך מיט די פּאַסטוכעס, וואָס האָבען דאָרט געפּאַשעט די שאָף; אָדער מען האָט איהם געפונען אין וועלדעל נעבען שטעדטעל, וואו ער האָט זיצענדיג אונטער דעם שאָטען פון א בוים, געזונגען יודישע ניגונים פאַר די פּויערשע קינדער.

ר׳ מענדעלע פלעגט זיי תמיד ברענגען צוקערלעך, אז זיי זאָלען איהם ערלויבען זיך צו שפּיעלען מיט די ציגען און שאָף און די פּאַסטוכעס, האָבענדיג איהם שטאַרק ליב, האָבען איהם דאָס ערלויבט...

נישט געקוקט אויף אַלע התראות און שטראָפען פון די עלטערן אָדער מלמדים, האָט ער דאָס זייניגע ווייטער געטהון, געלאָפען אויף די גרינע פעלדער און געבלאָנדזשעט אין די גרינע וועלדער. ביי דעם אַלעם האָט ער איבערגעשטיגען אין לערנען, מיט זיין גוט קעפּעל, אַלע זיינע חברים. ווען ער האָט בלויז איין מאָהל געהערט פון דעם מלמד דעם שיעור האָט ער איהם שוין תופס געווען און ער איז איהם געבליבען אין זכרון.

באַלד ווי ר׳ מענדעלע איז נאָר דערוואַקסען געוואָרען, האָבען די עלטערן פאַר איהם געזוכט א תכלית, ד. ה. א שידוך, כדי ער זאָל געזעצט ווערען.

זייענדיג פון דער נאַטור בעשאָנקען מיט גרויס חן און שעהנקייט, האָט זיך די וועלט געריסען צו האָבען אזא עילוי פאַר אַן׳איידעם. צו 14 יאָהר האָבען איהם די עלטערן חתונה געמאַכט מיט א נגידישער טאָכטער פון טאָמאַשאָוו. מען האָט איהם צוגעזאָגט „אייביגע״ קעסט, כדי ער זאָל זיצען און לער־נען און ווערען א מענש...

טאַקע נאָך דער חתונה האָט זיך דער „ווילדער יונגערמאַנ־טשיק״, ווי מען פלעגט ר׳ מענדלען אָנרופען אין זיין שטעד־טעל, זיך גענומען לערנען מיט גרויס התמדה, גרייטענדיג זיך

צו ווערן א רבֿ. דערבײַ האָט ער נישט אויפֿגעהערט אײַנזאַם שפּאַצירן אויף די טאָמאַשאָווער פֿעלדער און וועלדער און זיך צו שפּילן מיט די פּאַסטוכעס.

אין טאָמאַשאָוו האָט זיך ר׳ מענדעלע בעקענט מיט די דאָרטיקע משכּילים־לומדים. פֿון זיי האָט ער בעקומען דעם „מורה נבֿוכים" און אַנדערע וויכטיקע ווערק פֿון דעם מין. בעקענענדיק זיך מיט דעם אינהאַלט פֿון די דאָזיקע פֿילאָזאָפֿישע ספֿרים, האָט זיך בײַ איהם געמאַכט אַ גרויסע רעוואָלוציע: זײַן לעבענס־אַנשויאונג איבער דעם מהות פֿון יודישען לעבען איז געוואָרען גאָר אַן׳אַנדערע. ער ווערט אַ פֿייערדיגער משׂכּיל, על דבר אמת, און אויך אַ פֿערביסענער מתנגד, אַ געפֿעהרליכער געגנער פֿון חסידים.

מיט אַמאָל אָבער האָט זיך דער דאָזיגער פֿאַנאַטישער מתנגד ווידער אַ וועטער־געטהון אויף רעכטס און איז גאָר געוואָרען אַ פֿערברענטער חסיד, געפֿאָהרען צום „חוזה", גע׳חבר׳ט זיך מיט׳ן „יוד הקדוש" און דאַן געוואָרען אַ תּלמיד פֿון רבי ר׳ בונם, „ער האָט גענאָסען וואַסער אויף זײַנע הענד און אײַנגעהילט זיך אין שטויב פֿון זײַנע פֿיס", זאָגט וועגען דעם די מליצה.

אין פּשיסכע ווערט ר׳ מענדעלע אַ גרויסער חשובֿ. מיט זײַן וואָרט האָט זיך אַפֿילו דער סאַמע רבי שטאַרק גערעכענט. ווען דער רבי ר׳ בונם איז נפֿטר געוואָרען (תקפ״ז) האָבען די פּשיסכער מיט׳ן „הדושי הרי״ם" אין דער שפּיץ איהם געקרוינט אַלס זייער מנהיג, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער גרעסטער טייל עולם האָט אויף איהם נישט מסכּים געווען און ס׳איז איבערגעבליבען אַ זוהן אַלס ממלא מקומו. מיט כּח האָט דער „קאָצקער" זיך גענומען די פּשיסכער „קרוין".

איבערנעהמענדיג די הנהגה פֿון פּשיסכער עולם, האָט ר׳ מענדעלע דאַן אויך פֿערלאָזט טאָמאַשאָוו און געמאַכט קאָצק

פאַר זיין רעזידענץ. דער עולם פערהייליגט און פערגעטערט איהם און שטראָמט צו איהם פון אַלע עקען.

ר׳ מענדעלע האָט אָבער איינגעפיהרט ביי זיך די מנהגים און טראַדיציעס פון פשיסכער הויף, וואו לערנען מיט מח איז געווען דער עיקר און אַלע איבעריגע א טפל. דאָס האָט אויך אַרויסגערופען צו זיך א גרוים התנגדות מצד די איבעריגע חסידישע גרופּירונגען. האַלטענדיג אויך פון דער שיטה „וחי בהם״ (לעבען און לוסטיג זיין), האָט מען ביי ר׳ מענדלען אויך אָנגעהויבען פיהרען א רייך הויז, רייכע, ברייטע טישען. רבנים, גאונים און לומדים האָבען ממש עולה רגל געווען קיין קאָצק. פון די גרויסע פדיונות, וואָס די חסידים האָבען געגעבען, האָט אויך אַלעם געקלעקט. און באַדענדיג זיך אין געלד, האָט מען, נאַטירליך, נישט פערגעסען א סך דערפון צו פערטיילען צווישען די נצרכים און בכובד׳ע יורדים אא״וו.

מיט דער צייט איז קאָצק געוואָרען דער גייסטיגער צענטר, פון די סאַמע רייכסטע און פערברענטסטע חסידים און לומדים, פון וואַנען די „תורות״ זענען פערשפּרייט געוואָרען איבער גאַנץ פּוילען.

אויך אַלס רבי פלעגט ר׳ מענדעלע זיין שטאַרק בעגייס-טערט פון די שעהנקייטען פון דער נאַטור און אַרויסווייזען צו איהר גרויס אהבה. אונטער-צייט פלעגט ער פערלאָזען זיין הדר מיוחד און צוזאַמען מיט זיינע „נושא כלים״ ר׳ הערשעל טאָמאַשאָווער און אַנדערע מקורבים, שפּאַצירען געהן אויף די געבענשטע פעלדער און געדיכטע וועלדער. צווישען די הויכע סאָסנעס און בזשאָזעס האָט ער געהאַט התבודדות און השתפכות הנפש. דאָ הערט ער זיך צו צו דעם זינגען פון די פייגעל, צו די מעלאָדיעס פון נאַכטיגאַל. דאָ דערצעהלט ער זיינע תלמידים, וואָס האָבען איהם נישט אָבגעלאָזט אויף א מינוט, זיינע זעהונ-גען, ענטפּלעקט פאַר זיי אויך די „סתרי תורה״, וואָס ער האָט

איבער'ן טאָג מחדש געווען... דאָ אין וועלדעל האָבען איהם אָבגעוואָרט און אַרומגערינגעלט די אַלע, וואָס האָבען געוואָלט אויס'פועל'ן אין הימעל אַ ישועה, רפואה פאַר זייער הויז.

אפילו ווינטער־צייט, ווען ס'זענען געווען די גרעסטע שנייען און פרעסט האָט ר' מענדעלע זיך איינגעהילט אין זיין סויבעלפעלץ, גענומען די לולקע מיט זיך און געפאָהרען מיט זיין געשפאַן אין וועלדעל אריין, וואו ער האָט מיט זיין גבאי, ר' פייוועל, פאַרבראַכט אַ שפּאַר ביסעל צייט אין דביקות און עבודת הבורא. דאָ האָט ער אויסגעגאָסען זיין האַרץ פאַר דעם שעפּער פון דער נאַטור, פון הימעל און ערד... „נישט יעדער גוף האָט אַ נשמה, נאָר יעדע נשמה האָט אַ גוף", האָט ר' מענדעלע געזאָגט, און דעריבער האָט ער געזוכט אַ תיקון פאַר אַזעלכע גופים אָהן נשמות.

אָבער דאָס קאָצקער התנהגות האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען שטורם אי ביי די געשוואוירענע מתנגדים, אי ביי די חסידים פון אנדערע לאַגער'ס, וועלכע האָבען געזעהן אין קאָצקער אַ גרויסע קאָנקורענץ און אַ געפאַהר פאַר זייערע דינאַסטיעס. די רעשטלעך „קהלקטניקעס" (אַזוי פלעגט מען אָנרופען צו יענער צייט די מתנגדים מיט ר' זלמן פויזנער בראש), האָבען געוואָרפען פיל שמוץ אויף זייער'ס אַ „געוועזענעם", אויסרעדענדיג אויף איהם און זיין הויז, וואָס „אין קאָרט שטעהט". די „איזביצער", וועמענ'ס רבי ר' מרדכי יוסף האָט זיך אָבגעריסען פון קאָצק, האָבען נישט אַנדערש געשריגען אויף די קאָצקער חסידים, ווי „קאָצקער משומדים"; אין קאָצק, האָבען זיי נע'טענה'ט, דינט מען עבודה זרה, וואָרום אין קאָצק האָט מען מעהר מקפיד געווען אויף אַ מנהג, ווי אויף אַ דין. אויף מעסערשטעך זענען דעריבער געווען די איזביצער מיט די קאָצקער. נישט וועניגער זענען געווען די „וואָרקער", פון ר' איציק'לס חדר, פייער־פלאַם אויף די קאָצקער. זיי פלעגען זיך געגענזייטיג

שטארק זידלען, רודפ'ן, שלאגען, נישט זייענדיג זיך אפילו משדך מיט זיי, כאטש די רביים גופא האבען צווישען זיך גאנץ פריינדליך געלעבט און זענען זיך צונויפגעקומען אויף שמחות.

„קאצק" האט אבגעלאכט פון די ווארקער השתדלות'ן ביי די גבירים און אין די „הויכע פענסטער" וועגען כלל־זאכען. ווארקע ווידער האט פארגעווארפען קאצק דאס צו ברייטע לעבען. קאצק האט אויך קיינמאל נישט געקאנט מוחל זיין דעם „איד ביצער", וועלכער האט אלס קאצקער תלמיד זיך אבגעריסען פון ר' מענדעלע'ן און געמאכט זיך א בעזונדער חדר.

אויף איזשביץ פלעגט ר' מענדעלע זאגען:

„אז א מענש מאכט א פנים פאר אזא פנים, וואס איז נישט קיין פנים, דאס איז עבודה זרה"...

ווען ר' מענדעלע איז אזוי געשטאנען אין העכסטען גלאנץ פון עשירות און כבוד, שטארבט איהם זיין ווייב גליקע. דער „חדושי הרי"ם" שדכנ'ט איהם זיינס א שוועגערין חיה'לע, זיין ווייב'ס א שוועסטער, די יונגסטע טאכטער פון ר' משה חלפן (ליפשיץ) אין ווארשא, וועלכער איז שוין געווען דעמאלט א גרויסער יורד און נישט געקאנט געבען איהר קיין נדן. דאס מיידעל איז שוין, נעבעך, געווען אין די יאהרען און פאר קיין ברירה האט זי זיך ענטשלאסען חתונה צו האבען פאר'ן רבי'ן. זי האט אבער געשטעלט א תנאי, אז ער זאל קיין פרוש נישט זיין, ווייל זי וויל געבוירען קינדער. ר' מענדעלע זאגט איהר צו און נאך א געוויסער צייט האט מען געשטעלט אין קאצק א חופה. אין חדר מיוחד, וואוהין מען האט געפיהרט חתן־כלה צום „גילדען הינדעל", האט די כלה נע'חלש'ט און מען האט זי קוים דערראטעוועט. נאך דער חופה האט אבער דער קאצקער נישט געוואלט לעבען מיט זיין יונג ווייבעל... לויפט חיה'לע צום „ווארקער" איהם פערקלאגען, אז ער „וואוינט" נישט מיט איהר, צוליב וואס זי איז קראנק... דער „ווארקער" שיקט נאכ'ן

„קאַצקער" און מאַכט איהם גרויסע פאַרוואורפען. בינתיים שטאַרב זי — און איצט הויבט זיך אָן דער טראַגיזם פון ר' מענדעלע קאָצקער.

ב.

נאָך ביים לעבען פון ערשטען ווייב איז פאָרגעקומען אין קאָצקער הויף אַ גרויס איבערקעהרעניש.

ר' מענדעלע ווערט פעסימיסטיש געשטימט און פערשליסט זיך אין זיין חדר מיוחד, אָבטיילענדיג זיך אויך פון זיינע תלמי־דים און חסידים און ער האָט צו זיך קיינעם נישט צוגעלאָזט. דער איינציגער, וואָס האָט זיך געקאָנט צו איהם אמאָל אריינ־כאַפּען, איז געוועזן זיין גבאי ר' פייוועל. ר' מענדעלע איז פער־טיפט אין חשבון־הנפש, ער טהוט זיך גאַנצע יאָהרען נישט אויס, זעלטען אַמאָל פלעגט ער איבערטהון זיך אַ העמד לכבוד שבת, ער וואַשט זיך נישט דאָס פנים און לאָזט זיך פערוואַקסען די האָר פון קאָפּ. זעלטען ווען קומט אריין אין זיין מויל אַ טרוקען שטיקעל ברויט, ער לעגט זיך נישט אויפ'ן בעט, ער שלאָפט נישט, שפּאַנט טאָג און נאַכט איבער דער שטוב הין און צוריק מיט דער ליולקע אין מויל, אָנגעטהון אין בלויזען טלית־קטן און אין קאַפּעל, רייבענדיג זיך דערביי זיין גרויסען, ליכ־טיגען שטערען.

און ווען ער בעווייזט זיך איין מאָהל אין יאָהר פאַר'ן עולם, אויפמאַכענדיג די טהיר פון זיין שטיבעל, וואָס איז געגאַנגען אין זיין בית־המדרש אריין, האָט ער, דערזעהענדיג אַנ'עולם זיך שטאַרק צע'כעס'ט, שרייענדיג אויפ'ן קול, אַז מען זאָל איהם אָבלאָזען, ער איז נישט מעהר קיין רבי און וויל אויך נישט מעהר קיין רבי זיין. „אַ חסיד, האָט ער געזאָגט, וואַרפט אוועק די וועלט, און דער, וואָס וואַרפט אוועק די וועלט איז אַ חסיד"...

ר' מענדעלע האָט טאַקע אוועקגעוואָרפען די גאַנצע וועלט, אָבער זיינע חסידים האָבען איהם נישט געוואָלט אוועקוואַרפען.

כאָטש ער האָט נישט מעהר געוואָלט פון זיי וויסען און נישט הערען זייער געוויין און זייער בעטען. פערקעהרט: וואָס מעהר ער האָט געוואָלט פון זיך די חסידים אָבשטופען, אַלץ מעהר זענען זיי געפאָהרען צו איהם, געגאַנגען צו פוס קיין קאָצק, ארומגעוואַלגערט זיך דאָרט גאַנצע חדשים... די גבאים, דאָס בני־בית האָבען צוגענומען די קוויטלעך און די גרויסע פדיונות פון זיי, בעהאַלטענדיג פאַר די חסידים די ערשטע צייטען דעם סוד פון רבי׳נס נייעם לעבענס־שטייגער און פון זיין אָבגעזונ־דערטקייט.

און אפילו, ווען זיי האָבען זיך שוין דערפון געהאַט דער־וואוסט, האָט אַלץ ווייטער געשטראָמט צו איהם אַ גרויסער עולם פון ווייט און ברייט, זוכענדיג ביי ר׳ מענדעלע הילף און אַ ישועה צו זייערע צרות און לייդען און — געשיט מיט געלד...

דער „חדושי הרי״ם" האָט איינמאָל געעפענט די טהיר פון רבי׳נס שטוב און אריינגעשריגען: „די יודען זענען פער־ביטערט, האָט ער פערשלאָסען די טהיר!" בעמערקענדיג, אַז אין בית־המדרש זיצען טאָקע דער „חדושי הרי״ם", דער אַלעקס־סאַנדרער, ר׳ הירשעל טאָמאַשאָווער א. אַ. האָט ר׳ מענדעלע אויפ׳ן גאַנצען קול אויף זיי אַלע געשריגען: לעדיגגעהערס, לומנערס, וואָס טהוט איהר דאָ?" פאַר גרויס שרעק זענען זיי אַלע ארויסגעשפרונגען דורך די פענסטער פון בית־המדרש.

— „וואָס איך וויל?" — האָט ר׳ מענדעלע צו זיי איינ־מאָל געזאָגט — רק שלשה דברים: פון זיך נישט ארויסקוקען, אין יענעם נישט אריינקוקען און זיך נישט מיינען — דאָס איז דער יסוד פאַר אַ יוד"...

און אַזוי האָט דער גרויסער פילאָזאָף און בעל־מקובל אָב־געלעבט און פערבראַכט גאַנצע צוואַנציג יאָהר. ער האָט געלעבט אין גרויס יסורים און דחקות־הגוף, איינזאַם און פערשלאָסען, פערזאָרגט און פערצווייפעלט. ער איז געווען פערטיפט אין הייליגע רעיונות און ספקות, מיט קיינעם קיין מגע־משא נישט

נעהאט, מיט זיין בני־בית נישט גערעדט און זיך נישט געפרעהט, נישט געגעסן און נישט געטרונקען, געקרעכצט און געזיפצט, צעבראכן און קראנק... ביז ער איז נסתלק געווארן פון דער זינדיגער וועלט אין כ"ב שבט תרי"ט (1859), זייענדיג אלט 70 יאהר (געבוירען אין יאהר תקמ"ח — מ'), גראד אין דעם זעלבען טאג, ווען ער איז פאר 26 יאהר פריהער נתגלה געווא־רען און האט בעלויכטען די וועלט מיט זיין „מארגענשטערען" (מיט דעם דאזיגען בייגאמען האט זיך דער קאצקער גע'חתמ'עט), איז אויך דער „מארגענשטערען" אויסגעלאשען געווארען פון יודישען הימעל און חשך איז געווארען אין יודישען וועלטעל...

זיינע שונאים, די חסידים, האבען נאך בחיו פערשפרייט דעם קלאנג, אז דער „קאצקער" איז נכשל געווארען און גייסטיג קראנק, די מתנגדים ווידער — אז ער איז נחמץ געווארען. זיינע אנהענגער, דאגעגען, האבען בעהויפטעט, אז ר' מענדעלע געפינט זיך שוין ביים לעבען אויף די עולמות העליונות.

און ווען די חכמי ליטא האבען זיך אנגעפרעגט ביי ר' חיים רייגראדער פון פלאנסק, ביי דעם גרויסען מתנגד, וואס האט זיך געהאט אבגעריסען פון „פשיסכע", ווער ס'זענען די לומדים אין פוילען, האט ער זיי אבגעענטפערט: ר' יצחק'ל „ווארקער" איז א למדן, דער „חדושי הרי"ם" — אנ'עילוי און ר' מענדעלע פון קאצק איז דאס, וואס קיינער קאן איהם נישט דערגעהן, תופס זיין (אין חביריו יכולין לעמוד על סוף דעתו).

אמת, דעם קאצקער'ס איבערקעהרעניש קאן מען נאך ביז היינט נישט דערגעהן און ס'איז געבליבען פאר דער וועלט א גרויסער סוד, וועלכען ר' מענדעלע האט מיט זיך מיטגענומען אין קבר...

דער „חדושי הרי״ם״

א.

איינער פון די דריי גרויסע זיילען פון חסידות אין פוילען נאָך דעם פשיסכער׳ס פטירה איז געווען דער ערשטער גערער רבי ר׳ איטשע מאיר אַלטער ז״ל, דער אַזוי־גערופענער „חידו־שי הרי״ם״.

די דאָזיגע „דריי״ זענען געווען: ר׳ איציקל וואָרקער — דער „בעל־טובה׳ניק״, ר׳ מענדעלע קאָצקער — דער תקרן און ער, דער גערער רבי — דער שר של תורה.

זייענדיג ר׳ עקיבא איינגער׳ס תלמיד מובהק, א פשיס־כער און דאַן א קאָצקער הייסער חסיד, האָט דער „חידושי הרי״ם״ פאַרקערפּערט אין זיך זייערע אַלע גרויסע מעלות תורה וחכמה במקום אחד.

אָבער דער „חידושי הרי״ם״ האָט נישט געמאַכט די תורה פאַר א קרדום פון פרנסה, ווי זיינע פאָרגעגנער האָבען דאָס געטהון. ער האָט עוסק געווען און מיט אַנדערע געלערנט תורה לשמה.

ער האָט פאַרלעגט אין וואַרשא א ישיבה, אין וועלכער עס האָבען געלערנט עטליכע הונדערט בחורים און יונגעליים.

געצויגען חיונה בצמצום האָט ער פון א קליין טליתים־פאַבריקעל, וואָס ער האָט געהאַט פאַרלעגט אין גיישטאָדט,

נעבען ראווע, און זיין שוועהר, דער אָבגעקומענער גביר ר׳ משה חלפן איז געווען דאָרט משגיח.

איז איהם דאָרט דער שוועהר אָפגעשטאָרבען (ז׳ חשון תקצ״א, 1830). דאָס פאַבריקעל איז ליקווידירט. האָט פיינע־לע, די רבי׳צין, געעפענט זיך א קליימעל מיט א ביסעל שניט־סחורה אין ווארשא אין פויזנער׳ס הויז אויף דער וואָלאָווע גאַס.

אָבער ווי נאָר עס האָט אויסגעבראָכען דער „נאָוועמבער־אויפשטאנד״ (1830), איז זיין ביסעל האָב און גוטס צורובט געוואָרען דורכ׳ן פינסטערען המון און ער איז געבליבען ווייטער א בלוטיגער אָרימאַן.

האָט זיך איצט דער „חידושי הרי״ם״ גענומען צו האנדלען מיט א ביסעל ספרים. ער ווערט א שותף צו א יודישער דרוקעריי, אָבער קיין פרנסה דערפון איז נישט געווען. איז איצט אויסגעקומען ווייטער דעם גרויסען גאון ממש אויס־צוגעהן פאַר הונגער מיט זיינע בני־בית.

און ווען מען האָט זיך דערפון דערוואוסט על פי צופאַל, האָבען די חסידים זיינע געמאַכט ספעציעל ביי איהם „מצוה־סעודה׳לעך, כדי אַזוי אָרום צו דערהאַלטען זיין הויז בדרך הכבוד. האָט ער אָבער בעמערקט די כוונה פון די חסידים און נישט מעהר געוואָלט זיך בעטייליגען אין די סעודות.

אפילו ווען תמר׳ל, די ווארשאווער נגידית, האָט איהם איינמאָל געוואָלט דערפרעהען מיט א „משלח מנות״, צו וועלכער עס איז געווען צוגעלעגט א ביסעל רענדלעך, האָט דער „חידושי הרי״ם״ — הגם אין זיין הויז האָט פשוט גע־פעהלט א שטיקעל טרוקען ברויט אויף פורים — נישט געוואָלט דערפון נהנה זיין און פייגעלע די רביצין האָט געמוזט א זאַך פערקויפען און אויך צוריקשיקען דאָס ביסעל געלד, וואָס זי האָט אינצווישען פערוועגדעט אויף פרנסה.

און ווייל ער האָט אויך נישט געוואָלט אָננעהמען קיין כסא הרבנות, האָט זיין יונגערער ברודער ר׳ משה חיים האָר־טענבערג פון כענטשין געקויפט ספּעציעל אין וואַרשא אַ הויז און דעם „חידושי הרי״ם" געמאַכט פאַר אַ זשאַנדצע צו ציהען דערפון חיונה; שפּעטער האָט ער פאַר איהם געמאַכט אַנ׳עסיג־פאַבריקעל, אָבער דער „חידושי הרי״ם" האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט די געשעפטען און איהם איז ווייטער אויסגעקומען צו ליידען צוזאַמען מיט זיין בני־בית נויט און הונגער.

איז דאָך אָבער דער הונגער שטאַרקער פון אייזען, און דער „חידושי הרי״ם" האָט ווילענדיג נישט ווילענדיג געמוזט ווערען אין וואַרשא אַ מורה הוראה (תר״ג).

ב.

אָנפיהרענדיג מיט די וואַרשאווער קאָצקער חסידים, איז דעם „חידושי הרי״ם" אויסגעקומען צו פיהרען אַ פערביטער־טען קאַמף מיט די וואַרשאָווער אסימיליאַטאָרען און משכילים. אויף יעדען שריט און טריט האָבען זיי איהם גע׳רודפ׳ט, הגם זיי האָבען גוט געוואוסט, אַז ער איז גוט בעהאווענט אין וועלט־זאַכען, ער קאָן גוט דייטש און פּויליש אא״וו, נישט צו־לאָזענדיג איהם אַפילו צו ווערען אַ געהילפס־רב אין וואַרשא.

און ווען דער וואַרשאָווער דאָזאָר האָט זיך געווענדעט אין 1843 צו דער מאַכט, מיט פּידשט פּאַסקעוויטש בראש, וועגען בעשטעטיגען דעם „חדושי הרי״ם" אַלס מורה הוראה מיט 450 רובל יעהרליכער פּענסיע, איז ערשט צוריסגעקומען די בעשטעטיגונג נאָך ניין יאָהר (1852).

מען האָט אויף איהם צוגעטראָגען אַ מלשינות, אַז דער „חדושי הרי״ם" האָט סימפּאַטיזירט מיט דעם „נאָוועמבער־אויפשטאַנד", צוליעב וואָס די צאַרישע מאַכט האָט איהם נישט געוואָלט בעשטעטיגען.

אָבער ווי מען ווייסט איז דער גערער רבי שטאַרק פערביטערט געווען אויף די פּאָוסטאַנצעס צוליעב דעם, וואָס מען האָט זיין ביסעל אָרימקייט אין אָנהויב פון אויפשטאַנד פּאָגראָמירט, און ער האָט טאָקע נישט געהאַט קיין גרויס צוטרוי צו זיי. און אויך זיין שוועהר האָט נישט צוגעטהון קיין האַנד צו דעם אויפשטאַנד, וואָרום ער האָט שוין דעמאָלט בכלל נישט געלעבט.

דער „חדושי הרי״ם איז אויך געווען אַ גרויסער נעגנער פון דער „פּאָוסטאַניע״ פון יאָהר 1863. צוליעב זיין אַקטיווער התנגדות האָט די יודישע רעוואָלוציאָנערע אַקאַדעמישע יוגענד געוואָלט פיזיש אין איהם נקמה נעהמען. נאָר אַ דאַנק דעם ענטגעגענשטעלען זיך פון קהלה־סעקרעטאַר יעקב ראָטוואַנד, וועלכער איז פאַר זיין רעוואָלוציאָנערישקייט פערשיקט געוואָרען קיין סיביר, איז דער טייוולאָנישער פּלאַן נישט אויסגעפיהרט געוואָרען.

ביז ער איז בעשטעטיגט געוואָרען אָפיציעל, איז ער געווען אונאָפיציעל מורה הוראה און אַלס אַזעלכער איז ער אויך פערבעטען געוואָרען אַלס מיטגליד פון דער אַזויגערופענער „בילדונגס - קאָמיסיע״, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו רעפאָרמירען דאָס שול־וועזען אין פוילען. האָט אָבער דער „חדושי הרי״ם״ קיינמאָל נישט אויף די זיצונגען דאָס וואָרט גענומען. מיט אַנ׳איראָניש שמייכעל אויף די ליפּען האָט ער זיך צוגעהערט, ווי מען דעבאַטירט, וואָס פאַראַ טיפּ שולע עס זאָל פאַר די יודען געשאַפען ווערען. ער האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל וויסען, וואָס פאַר אַ שטעלונג ער האָט צו דעם פּאָלאָניזירונגס־פּלאַן פון די פּאָליאַקען און אויך נישט בנוגע רוסלאַנד.

דער „חדושי הרי״ם״ האָט זיך אָבער מיט זיין גאַנצער אויטאָריטעט ענטגעגענגעשטעלט, ווען עס איז אַרויס אין

יאָהר 1851 די גזירה, אַז די יודען זאָלען אָדער זיך סלײדען לױט דעם מערב־אײראָפּעאישען שטײגער און זיך שערען די באָרד און פּאות, אָדער זיך סלײדען װי די רוסישע סוחרים און נישט דאַרפען שערען די באָרד.

דער „קאָצקער" איז אמת נוטה געװען צו די מקילים בנוגע דער הלבשה. אָבער דער טשעכאַנאָװער צדיק האָט גע־הײסען זיך מוסר־נפש זײן און נישט לאָזען שערען זיך די באָרד און פּאות און אויך נישט ענדערען די הלבשה.

און װען דער „חדושי הרי"ם" האָט געזעהען, אַז ר' שלמה פּױזנער האָט זיך באַלד נאָך דער גזירה איבערגעטהון אײראָ־פּעאיש, כדי ער זאָל נושא־חן זײן בײ דער רעגירונג און בע־קומען קאָנצעסיעס אויף מיליטערישע ליפערונגען — האָט ער פון כעלמשין געבראַכט קײן װאַרשא זײן ברודער, אַז ער זאָל קאָנקורירען מיט איהם אויף די ליציטאַציעס.

האָט דאָס שטאַרק פערדראָסען די אַסימיליאַטאָרען. זײנע איװיגע שונאים, און זײ האָבען אָנגערײצט די רוסישע בעאַמ־טע, אַז זײ זאָלען צװערשט אָבשנײדען מיט כוח דעם „חדושי הרי"ם" די פּאות און באָרד — װעלען עס אַלע דאַן נאָכטהון.

און װען דאָס האָט נישט געהאָלפען, מען האָט איהם נישט געקאָנט געפינען, װײל ער האָט זיך געהאַט געענדערט זײן בײנאָמען ראָטענבערג אויף אַלטער. האָבען זײנע גע־נער איהם פער'מסר'ט בײ דער רעגירונג, אַז דער „חדושי הרי"ם" שטעלט זיך ענטגעגען דעם רצון פון דער רעגירונג און זײ הבען געבעטען, אַז מען זאָל איהם אַרעסטירען און אַזױ אַרום איהם צװינגען אַז ער זאָל מסכים זײן צו דער גזירה.

און פּאַסקעװיטש האָט טאַקע געהײסען איהם אַרעסטי־רען.

ג.

אינמיטען דער נאכט, ווען דער „חדושי הרי״ם" איז גע־זעסן פערטיפט ביי א חלב־ליכטעל אין לערנען, איז פאליציי בעפאלען זיין וואוינונג און איהם אבגעפיהרט אין ארעסט ביים מאגיסטראט. דא האבען שוין דעם חידושי הרי״ם" אב־געווארט עטליכע הויכע בעאמטע און פערלאנגט פון איהם, אז ער זאל ארויסגעבען א „קול קורא" צו די יודען, דאס זיי זאלען זיך קליידען, לויט ווי עס פאדערט די מאכט. אין גע־נענפאל, האבען זיי איהם געדראהט, אבראזירען די בארד. האט זיך, נאטירליך, דער „חידושי הרי״ם" ענטגעגענגעשטעלט, פערענטפערענדיג זיך, אז לויט דעם יודישען דין טאר א יוד זיך נישט אבראזירען די בארד או״וו. האט מען איהם אריינגעזעצט אין צעלע צוזאמען מיט גנבים און אנדערע פער־ברעכער.

זיי, די גנבים, האבען דעם „חידושי הרי״ם" אנגעטהון געברענטע צרות. ער האט געמוזט רוהען אויף דער ערד, זיצענדיג אויף א גנב׳ס רוקען אד״גל.

האט זיך אבער באלד דער יודישער עולם דערוואוסט וועגען דעם ארעסט און זיך געלאזט אינדערפריה אין טויזענ־דער פון גרוים ביז קליין צום מאגיסטראט און מיט גרוים יללות און געשרייען געפאדערט צו בעפרייען דעם גאון.

בעזונדערס האט זיך א דעלעגאציע פון די פארנעהמסטע חסידים און אנגעזעהענע קריסטען געלאזט צום שלאס, וואו דער פירשט האט געוואוינט, מיט א פראטעסט צוליעב דעם אומשולדיגען ארעסט פון גערער רבי.

און ווען פאסקעוויטש האט זיך דערוואוסט צוליעב וואס די דעמאנסטראציע קומט פאר, האט ער זיך צוגעאיילט און בעפוילען תיכף ומיד דעם „חידושי הרי״ם" צו בעפרייען, וואס עס איז אויך דעם זעלבען טאג געשעהן.

האָט איצט דער „חידושי הרי״ם״ באַלד פערלאָזט וואַר־שא, אויפהאַלטענדיג זיך אין נאָווידוואָר.

אָבער די חסידים האָבען שוין איצט נישט פערשווינען די „מלשינים״ און עס האָט זיך אויפסניי צעפלאַקערט א שרעקליכע שנאה און קאַמף נעגען די אסימילירטע משכילים.

איין צד האָט געשריבען אויפ׳ן צווייטען פאַשקווילען. דער „חידושי הרי״ם״ אַליין האָט אויך אָנגעשריבען צוויי שי־רים, נעגען דער השכלה און איהרע אָנהענגער (זעה דרך צדיקים).

נאָך דער פטירה פון „חידושי הרי״מ׳ס״ פאָטער ר׳ ישראל׳קע (תקפ״ז), וועלכער איז געווען רב אין גער, האָט איבערגענומען דאָס כסא רבנות דער „חידושי הרי״ם״ און נאָך דער פטירה פון קאָצקער (תרי״ט) איז ער אויך געוואָרען נעקרוינט אַלס רבי.

איבערנעהמענדיג דאָס „הנהגות״, האָט ער צו די חסידים געזאָגט: „דער רבי ר׳ בונם האָט געפיהרט די וועלט מיט „אהבה״ (ליבע), דער רבי ר׳ מענדעלע — מיט „יראה״ און איך וועל פיהרען מיט תורה״.

און ווען עס איז ווער געקומען נאָך אַ רפואה אָדער סגולה פלעגט זיך דער אזוי גוטמוטשקער גערער רבי אויף דעם זעלבען אָנבייזערען און זאָגען: „איך בין נישט קיין רבי׳לע אויף רפואות״.

דער „חידושי הרי״ם״ איז מעהר געזעסען אין ווארשא, זיין ליבלינגס־שטאָדט, ווי אין גער. נאָר אויף די ימים טובים פלעגט ער די ערשטע צייטען קומען קיין גער, וואו טויזענדער חסידים, רבנים און לומדים האָבען זיך אַרום איהם גרופירט.

האָט איהם אָבער דער קינדער־צער פערביטערט זיין גאַנץ לעבען. ער האָט זיינע אַלע קינדער, דרייצעהן אין דער צאָהל, כסדר פערלוירען. אָבער ער האָט זיינע גרויסע ליידן און יסו־

דים איבערגעטראָגען הערצאיש און זיי מקבל באהבה געווען, ווי נאָר די גרויסע צדיקים קאָנען עס טהון.

די וועלט האָט אויסגעלעגט, אז דער נערער רבי איז נענש געוואָרען מיט די קינדער צוליעב דעם, וואָס ער האָט זיך נישט געהאַלטען ביים קאָזשעניצער׳ם זוהן ר׳ משה׳לע און זיך בעהאָפטען צום פשיסכער.

און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די מוטער און דאָס ווייב זיינע האָבען איהם געבעטען, אז ער זאָל זיך צוריק איי־בערטראָגען צום קאָזשעניצער׳ם זוהן, איז ער פער׳עקשנ׳ט ווייטער געפאָהרען קיין פשיסכע.

זיבען יאָהר האָט דער „חידושי הרי״ם״ געפראוועט רבי׳ש־קייט. דורך א צופאַל האָט ער בעקומען א קלאַפּ אויף א פוס, איז דערפון קראַנק געוואָרען און שוין מעהר נישט אויפגע־שטאַנען; ער איז נסתלק געוואָרען כ״ג אדר תרכ״ו (1866) אין עלטער פון 67 יאָהר.

דעם „חידושי הרי״מ׳ס״ אַרבייט איז געווען געריכטעט, אז דער חסידיזם אין פוילען זאָל בעקומען א מאַכט אין גע־זעלשאַפטליכען לעבען, מיט וועלכען מען האָט זיך אפילו אין די רעגירונגס־קרייזען געמוזט רעכענען.

די קאַנווע פון דער גערער דינאַסטיע, וועמענס שעפער דער „חידושי הרי״ם״ איז אויך געווען, האָט ערשט נאָך א געוויסער צייט ווייטער אָנגעהויבען צו שפּינען זיין אייניקעל ר׳ לייבעלע, פון זיין פערשטאָרבענעם לעצטען זוהן ר׳ אברהם מרדכי.

אין דער צווישען־צייט איז מנהיג פון גערער הויף געווען דער אַלעקסאַנדרער רבי ר׳ העניך.

דער „שפת אמת"

א.

דאָס אויסגעוויינטע אייניקעל פון דעם חידושי הרי"ם (דער ערשטער גערער רבי), וואָס איז איהם פערבליבען פון זיין אייגציגען זוהן ר' אברהם מרדכי, איז געווען דער רבי ר' אריה לייב, דער אַזוי גערופענער „שפת אמת".

דער „חידושי הרי"ם" האָט דאָס אייניקעל אויף זיין שויס געהאַלטען, זיין סנדק געווען, מיט זיינע אייגענע הענד איהם געבאָדען און דערצויגען און אפילו מיט איהם געשלאָפען אין איין בעט. מיט איהם געלערנט און גייסטיג אויף איהם משפיע געווען.

די גאַנצע חסידישע וועלט האָט זיך געגרויסט אין געצאַצקעט מיט דעם „גערער אייניקעל", וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק פון קינדווייז אויף אויסגעצייכענט מיט זיין טיפזינניגקייט און חכמה, מיט זיין גרויסער התמדה און קדושה.

שוין צו דער ברמצוה האָט איהם דער „חידושי הרי"ם" פער'קנס'ט צו דער צניעות'דיגער טאָכטער יוכבד פון זענטשינער גרויסען סוחר ר' יודעל קאַמינער, וועלכער איז געווען זיין ברודער'ס אַנ'אייניקעל. און ווען דער „חידושי הרי"ם" איז נפטר געוואָרען (תרכ"ז), האָט דער גאַנצער גערער עולם גע-

שטרעבט דעם „שפת אמת" קרוינען אלס ממלא מקומו, אבער דער דעמאלט דרייצעהניעהריקער „יונגערמאנטשיק" האט זיך שטארק אנטקעגנגעשטעלט און זיך בעהאפטען צום רבי'ן ר' העניך פון אלעקסאנדער, האט אויך דער גרעסטער טייל פון נערער עולם איהם דאס נאכגעטהון און זיך איבערגעטראגען קיין אלעקסאנדער.

ערשט נאך דער פטירה פון רבי'ן ר' העניך (תרל"א) האט דער עולם זיך איינגעשפארט און געפאהרען צום „שפת אמת" און מיט איהם האט זיך ווייטער אנגעהויבען שפינען די גאלדענע קייט פון דער גערער דינאסטיע.

דער רבי ר' לייבעלע, ווי מען האט איהם אין דער חסידי־שער וועלט אנגערופען, איז געווען פון מיטעל־וואוקס, פיזיש שטארק געבוים מיט א ליכטיג פנים און טיעפע ווייטזעהענ־דיגע אויגען, מיט א בלאנדער פאטריארכאלער בארד.

פון דער נטבע איז ער געווען א הצנעלכת און א גרויסער מענשען־פריינד, אבער געריעדט האט ער נאר געצעהלטע ווער־טער, וועלכע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט גרויס איבער־לעגונג און וויטזיכטיגקייט, וואס האט געשמעקט מיט רוח־הקודש.

מען האט געזאגט, אז דער „שפת אמת" האט דעם שליסעל צום שר צבא זיין הימעל.

האט אבער איהם דער רבי ר' גרשון העניך פון ראדזין נישט געלאזט צו רוה. דער „ראדזינער" האט, ווי בעוואוסט, אויסגעפארשט און אויסגעפונען אין ים התיכון דעם „חלזון", מיט וועלכען מען האט געפארבט דעם תכלת, וועלענדיג די יודען מזכה זיין מיט ציצית פון תכלת געמאכט.

זיינען אבער די גרויסע רביים און די גדולי־ישראל נישט צו איהם צוגעשטאנען, א סך האבען נישט געהאלטען פון ראדזינער'ס חלזון, און צווישען זיי האט זיך אויך געפונען דער „שפת אמת". אבער ווי זיין טבע איז געווען, האט ער

זיך אין גאַנצען עסק נישט געוואָלט מישען.

האָט דאָס אַרויסגערופען גרויס פערבימערונג ביים ראַדזי־נער צדיק און ער האָט זיך נישט אָבגעשטעלט אַפילו דעם „שפת אמת" אָנצוגרייפען און זיך צו זידלען. און כאָטש דער „שפת אמת" האָט די זאַך פערשוויגען, האָבען אָבער די גערער חסידים נישט געוואָלט מוחל זיין דעם ראַדזינער פאַר דעם חלול הכבוד פון זייער רבי'ן.

האָט זיך צופלאַקערט צווישען ביידע לאַגערען אַ גרויסע מחלוקה, וועלכע האָט זיך ערשט איינגעשטילט נאָך דער פטירה פון ראַדזינער.

אינטערעסאַנט איז אָבער דאָס, אַז ווען דער רבי ר' העניך איז קראַנק געוואָרען, האָט דער ראַדזינער הויף טעלע־גראַפיש זיך געווענדעט צום „שפת אמת", אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיין געזונד, ועלענדיג איהם דערמיט מפייס זיין פאַר די זלזולים, וואָס ער האָט געהאַט פון ראַדזינער.

נאָך אַ צווייטער אינצידענט איז פאָרגעקומען צווי־שען גער און סאָכאַטשאָוו, וואָס איז ווערט פערנאָטירט צו ווערען לזכרון.

די מעשה איז געווען אזוי:

אויף דער רבנישער קאָנפערענץ, וואָס איז בשעתו צו־נויפגערופען געוואָרען פון גראַדזיסקער רבי ר' אלימלך, וועגען דעם, אז מען מוז לערנען רוסיש אין די חדרים. האָט דער „שפת אמת" פערלאַנגט, אז ס'זאָל פאָרקומען אַ פערטרויליכע זי־צונג פון די אָנפיהרער פון דער קאָנפערענץ, כדי די עפענטליכקייט זאָל זיך נישט דערוויסען, וואָס ס'איז גערעדט און בעשלאָסען געוואָרען.

צו דער דאָזיגער געהיימער זיצונג איז געקומען דער „שפת אמת" מיט זיין זוהן, דעם היינטיגען גערער רבי און אויך ר' אברהמ'ל סאָכאַטשעווער מיט זיין זוהן ר' שמואל. האָט דער

„שפת אמת" ארויסגעבעכען דעם סאָכאָטשעווער'ס זוהן פון דער זיצונג. האָט זיך אָבער דער סאָכאָטשעווער שטאַרק געגען דעם אנטגעגנגעשטעלט, פרעגענדיג, פאַרוואָס דעם גערער'ס זוהן מעג יאָ בייוואוינען די פערטרויליכע זיצונג, און זיינער נישט. האָט דער גערער זיך פערענטפערט, אַז זיין זוהן איז אַ בעל־סוד. האָט דעם רבי ר' אברהמ'ל דאָס שטאַרק פערדראָסען און ער האָט פערלאָזט די זיצונג צוזאַמען מיט זיין זוהן.

צוליב דעם דאָזיגען אינצידענט האָט געהערשט אין ביידע לאַגער'ס אַ גרויסע שנאה און כעס.

ב.

דער ציוניזם, וואָס האָט דורך הערצעל'ס קאָנגרעסען אויך פערכאַפּט גאַנץ פוילען, האָט אָנגעמאַכט אין גערער הויף אַ גרויס קאָכעניש.

אַלע רבי'שע הויפען האָבען אויפגעשטעלט אוויער'ן און אויגען, וואָס מען זאָגט דערצו אין גער. איז דאָך גער פון אייביג אָן געווען דער טאָן־געבער אין דער חסידישער וועלט.

אָבער לאַנג האָבען זיי דערויף נישט געברויכט צו וואַרטען.

באַלד איז ארוים אַ קלאַנג, אַז גער זאָגט אָן אַ מלחמת־מצוה געגען דעם ציוניזם מיט דאָקטאָר הערצעל [illegible], ווייל די ציונים זענען אפיקורסים גמורים, וועלכע מען דאַרף מחרים, מנדה זיין.

אין די שטעדט און שטעדטלעך האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה רדיפות געגען די ציונים, אפילו, וואָס זענען געווען פערעכענט אַלס פרומע.

פאַשקווילען, מסירות א. א. וו. זענען געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדנונג. עס זענען פאָרגעקומען קאָנפערענצען אין ווארשא און אין אַנדערע ערטער הינגען דעם, ווי אַזוי איינצושטילען די שמוציגע רכילות און רדיפות אויף די ציוניסטען, צו וועלכע די פּאָליציי האָט זיך אויך דאָן געמשעפעט.

איז געבליבען בהסכם כולם, אז מען זאל שיקען א דעלע־
גאציע פון אנגעזעהענע ציונים קיין גער צום „שפת אמת" און
איהם אויפקלערען דעם מהות פון ציוניזם, אז ער איז נישט
נעגען דער רעליגיע א. א. וו.

אבער קויב נאר האט די דעלעגאציע בעוויזען צו קומען
קיין גער, איז ארויס א צווייטער קלאנג, אז הערצל האט זיך
געווענדעט מיט א בקשה קיין גער, אז ער זאל אונטערשטיצען
זיין פראיעקט וועגען לעגאלער קאלאניזאציע פון יודען אין
ארץ־ישראל א. א. וו.

האט דער ווארשאווער „קאמיטעט" אנגעפרעגט וועגען
דעם דאקטאר הערצל, און ס'דערשיינט אן אפיציעלער קאמו־
ניקאט פון ציוניסטישען אקציאנס־קאמיטעט, וועלכער איז
אבגעדרוקט אין דעם אפיציעלען ציוניסטישען ארגאן „די
וועלט" פון 13 יולי 1900 (נומער 28), אז „די ידיעה, וואס
די רוסישע (מען מיינט דערמיט די יודישע) צייטונגען האבען
געבראכט, אז ד"ר הערצל האט זיך געווענדעט מיט א בריוו
קיין גער, דער רבי זאל אונטערשטיצען דעם ציוניזם, איז נישט
אמת. אבער דערמיט האט זיך נאך נישט געענדיגט דער אינ־
צידענט.

די רבנישע דעלעגאציע, וואס איז דאן געפאהרען קיין
גער, האט מען נישט צוגעלאזט צום „שפת אמת". דאנעגען
פאר נחום סאקאלאוו האט מען געמאכט א שעהנעם קבלת פנים
אין גערער הויף. סאקאלאוו האט זיך אונטערגענומען דעם
„שפת אמת" צו אינפארמירען וועגען דעם מהות פון ציוניזם
א. א. וו. און פון דעם, וואס ס'איז דערגאנגען צו דער עפענט־
ליכקייט, האט סאקאלאוו געהאט דעם איינדרוק, אז דער גערער
רבי איז געווען פאלש אינפארמירט, אבער קיין גרויסע גליקען
האט מען ווייטער נישט געקאנט ערווארטען פון גער פאר די
ציוניסטישע אספיראציעס, אבער סאקאלאוו האט געמוזט מודה
זיין, אז דער „שפת אמת" איז געווען א גרויסע אויטאריטעט

אויף דעם תלמודישען געבוט, נאָר דאָס „רעדעל" פּיתּרט די „הויף־סווימע".

ג.

אין 1904, אין ברען פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה האָט מען אַלע מיליטערישע כחות מאָביליזירט אויך אין פּוילען און זיי אַרויסגעשיקט אויף דעם מאַנדזשורער שלאַכט־פעלד. בעפריים זענע זגעוואָרען נאָר די יעניגע רעזערוויסטען, וואָס האָבען געהאַט אַ סך קליינע קינדערלעך אין דער היים צו ערנעהרען.

האָט די דאָזיגע מאָביליזאַציע אַרויסגערופען אַ גרויסע פערביטערונג ביי יודען. טויזענדער מאַמעס פון קינדער און מענער פון פרויען אין די יאָהרען האָט מען מאָביליזירט און פערשיקט קיין מזרח. האָבען טויזענדער ווייבער, טאַטעס און מאַמעס ממש בעלאַגערט דעם „שפת אמת", בעוויינענדיג זייערע מענער און זיהן, וואָס געהען צו דער יאַפּאַנישער שחיטה און שווערענדיג, אז זיי וועלען נישט פריהער אַבטרעטען פון דעם אָרט, סיידען דער „שפת אמת" וועט זיי אַרויסהעלפען פון זייער נויט!

דער יאָמער און די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים.

דער „שפת אמת" האָט געהייסען ליכט צינדען און תהילים זאָגען אין בית־המדרש. ער אַליין איז געשטאַנען שעה'ן לאַנג מיט דעם עולם און מיטגעוויינט און מיטגעזאָגט תהילים. אויך האָט ער אַרויסגעשיקט אַ מנין יודען מתפלל זיין אויף דעם חידושי הרי"מ'ס קבר פאַר די אומגליקליכע זעלנער.

אין מיטען דעם געוויין האָט מען געהערט צווישען די מתפללים אַ קול: זאָגט די יודען, אז זייערע קינדער וועלען מיט דעם אויבערשטענס הילף געראַטעוועט ווערען פון דער מלחמה. און ס'האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט, האָט דער טעלעגראַף פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז די צדדים האָבען געשלאָסען אַ וואָפענשטילשטאַנד, נאָך וועלכען עס איז ענטשטאַנען

דער בעקאַנטער פּאַרטײטוער שלום-אַבמאַך און טויזענדער בע־
װייבטע יודען, וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט אויף דעם שלאַכט־
פעלד, האָט מען פון װעג צוריקבעטראַנספּאָרטירט אהיים. דער
עולם האָט איינגעזעהן דערין אַ מופת פון „שפת אמת".

װען עס האָט זיך צופלאַקערט די רוסישע רעװאָלוציע
אויך אין פּוילען, האָט דער „שפת אמת", ווי מען דערצעהלט,
שטאַרק זיך גענומען צום הארץ דאָס „הפקירות", וואָס האָט דע־
מאָלט געהערשט אויף דער יודישער גאַס. ער איז קראַנק גע־
וואָרען אויף אַ בלוט-פערגיפטיגונג און אין עטליכע טעג אַרום
איז ער נסתלק געוואָרען (ה' שבט תרס"ה — 1905) אין בלי־
הענדען עלטער פון 58 יאָהר.

דער סאָכאַטשעװער רבי ר' אברהמ'ל האָט איהם מספיד
געװען, זאָגענדיג בלויז די פּאָר װערטער, אַז ער האָט ביז איצט
גאַרנישט געװאוסט, װאָס פאַרא גדול בתורה דער רבי ר' לייבעל
איז געװען.

דאָס האָט מען זיך טאַקע ערשט שפּעטער דערוואוסט
פון די נאָך דעם טויט אַרויסגעגעבענע חידושים אויף תורה און
ש"ס אונטער דעם נאָמען „שפת אמת" (צוויי חלקים).

דער „שפת אמת" האָט נישט געלעבט פון קיינעמ'ס שות־
פות און פּדיונים, האַלטענדיג זיך טריי ביי דער טראַדיציע
פון זיין גרויסען זיידע דעם חידושי הרי"ם.

נאָר זיין אשת-חיל מרת יוכבד האָט מפרנס געװען זיין
הויז פון איהר מסחר, וואָס זי האָט געפיהרט מיט טאַבאַק און
צוקער, האַלטענדיג אַ היבשע צאָהל יודען אין איהר געשעפט.

פון די פיער זיהן, איז ממלא מקומו געוואָרען דער עלטסטער,
דער רבי ר' אברהם מרדכי, דער היינטיגער גערער רבי.

א ברכה פון „חפץ חיים"

א.

דאס וואס איך טהו אייך דא דערצעהלען, האט מיר איבער־ נעגעבן ערשט נישט לאנג די זעלבע פערזאן, מיט וועלכען די מעשה האט פאסירט.

ס'איז געווען אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, ווען דער עולם האט איינגעריסען די וועלט מיט וואנדעל און האנדעל און געלד איז נחשב געווען ווי בלאטע, איז אויסגעקומען דעם „חפץ־חיים" (דעם רבי ר' ישראל מאיר הכהן) און זיין רעזידענץ ראדון פשוט צו הונגערן און נויט צו ליידען.

האט אבער דער גרויסער גאון שוין נישט אזוי שטארק זיך איבערגענומען מיט זיין הונגער, ווי מיט דער נויט פון די תלמידים אין דער ראדונער ישיבה.

בלית ברירה האט זיך דער „חפץ חיים" טאקע געלאזט אין וועג אריין מיט זיינע חיבורים, וואס ער האט נאך געהאט אב־ געדרוקט פאר דער מלחמה און געווארען א מחזר על הפתחים, פערקויפענדיג זיי אין די שטובען פון די גבירים פאר וואס א פריי עה זאל נישט זיין, כדי צו דערהאלטען די ישיבה.

בעגלייט האט איהם אויף זיין נסיעה בקודש זיינס אנ'אידעם, אויך א גרויסער למדן.

איז דעם „חפץ חיים" אויסגעקומען צו פאהרען אויב קיין

ווילנא. די וואגאנען זענען געווען פול געפאקט מיט כל׳ערליי מענשען. בעזונדערס איז שטארק געווען איבערפולט מיט מענשען דער וואגאן, אין וועלכען ס׳איזגעקומען דעם „חפץ חיים״ צו זיצען.

דער יודישער עולם, וואס איז גראד אויך געפאהרען מיט דעם זעלבען צוג, האט איהם געמאטערט מיט בקשות און געבען ברכות, אזוי שטארק, אז ער האט אזש גע׳חלש׳ט פון חולשת הלב.

געווען איז עס שפעט ביינאכט, קיין טראפען וואסער איז נישט געווען אויף קיין רפואה.

גראד האט זיך אבער געפונען צווישען די יודישע פאסאזשי־רען א געזונדער יודישער בחור, וועלכער האט אמת קיין גרויס עסק נישט געהאט מיט דעם „חפץ חיים״, אבער זעהענדיג, ווי אלע יודען פארען זיך ארום איהם, האט ער פערשטאנען, אז ער מוז זיין נישט עפיס א גלאט פשוט׳ער יוד, און זעהענדיג אויך זיין חולשת הלב, האט ער זיך איינגעשטעלט אויף א סטאציע, וואו דער צוג האט זיך געשטעלט, און געכאפט א ביסעל טהיי אין א זעלנערישען וואגאן, וואס איז אויף דער סטאציע געשטאנען, אין זיינם א „טערמאס״, בעווייזענדיג נאך צוריק אריין אין וואגאן, וואו דער „חפץ חיים״ איז געזעסען, איידער די באהן האט זיך געריהרט פון ארט.

דער „חפץ חיים״ האט זיך דערקוויקט מיט דעם ביסעל טהיי, בעוואונדערענדיג דעם „טערמאס״, אין וועלכען מען קען שטענדיג האלטען א ביסעל ווארעמעס, „או ווא, האט ער געזאגט בתמימות, וואס פאר א קלוגע וועלט עס איז, וואס האט ערפונדען אזא כלי״. אבער נאך מעהר האט איהם געוואונדערט דאס איינשטעלעניש פון דעם יונגענמאן, וואס האט איהם דעם טהיי געבראכט.

און אזוי ווי מען האט געמוזט אויף דעם זועג אריבערגעהן פון איין באהן צו דער צווייטער, האט זיך אויך שוין געהאלטען דער זעלבער יונגערמאן; פאר א מצוה, דעם „חפץ חיים״ צו נעהמען אויף זיינע הענד און אריינצוטראגען אין וואגאן אריין, מאכענדיג

איהם אנ׳ארט אין דער צווייטער קלאס א. א. וו.

ב.

וועלענדיג אבדאנקען דעם יונגענמאן פאר די אלע טובות, וואס ער האט געטהון זיין שוועהר, האט דעם „חפץ חיים׳ס״ איידעם שטארק איהם, דעם יונגענמאן הייסט עס, אנגעהאלטען, אז ער זאל זיך אויך מזכיר זיין פאר׳ן „חפץ חיים״ און עפיס זיך אויסבעטען.

הגם דער דאזיגער בחור האט בכלל גישט שטארק געהאלטען פון רביים און זייערע ברכות, דאך האט ער נישט געקאנט מעיז פנים זיין און דערמאהנענדיג זיך, אז ער האט א ברודער אין דער מלחמה, האט ער געבעטען דעם „חפץ חיים״ וועגען א ברכה, אז זיין ברודער זאל בשלום אהיימקומען, וואס דער „חפץ חיים״ האט איהם מבטיח געווען, אויב נאר דער זעלנער וועט יעדען טאג דאווענען אין תפילין.

אין איין וועג האט זיך דער יונגערמאן שוין אויך משאל עצה געווען מיט דעם „חפץ חיים״ וועגען א שידוך. מען האט איהם גערעדט א שידוך פון ווילנא, א צווייטען ווייטער פון גראדנא, ביידע שידוכים געפעלען איהם און דעריבער ווייסט ער נישט, צו וועלכען ער זאל זיך ענטשליסען.

נאכ׳ן אויסהערען די מעלות און חסרונות פון יעדען שידוך בעזונדער, האט דער „חפץ חיים״ א שאקעל געטהון מיט דעם קאפ, ווי ער וואלט זאגען, אז די דאזיגע שידוכים זענען נישט פאר איהם, צוגעבענדיג אבער, אז ער זאל וויסען, אז זיין זיווג איז זיין דאס מיידעל, וואס וועט זיין די ערשטע, וועלכע וועט וועלען מיט איהם רעדען יודיש, בעת די אנדערע מיידלעך רעדען מיט איהם רוסיש.

מיט דעם דאזיגען מיידעל זאל ער תיכף א שידוך טהון, ווארום זי איז פאר איהם בעשטימט פון הימעל, און מיט איהר וועט ער גליקליך זיין.

דעם לעבענסלוסטיגען און אסימילירטען בחור איז דער ענט־

פער פון „חפץ חיים״ אין איין אויער אריין און פון צווייטען באלד ארויס. ער האט שטארק גרינגגעשעצט דעם חפץ חיים׳ס רייד און זיך נעגאנגען זיין וועג.

די גרויסע געשעפטען, אין וועלכע ער איז געווען שטארק בעטהון, און דאס גרויסע געלד, וואס ער האט צונויפגעקליבען, האבען פערנומען זיין גאנצען געדאנק און כסדר געגעבערט זיין מוח. און אזוי איז פערגאנגען גאנצע צוויי יאהר צייט, און ער האט מער וועגען א שידוך קיין קלעהר נישט געטהון. פלוצלונג אבער זענען אין א שיינעם פריהמארגען צו איהם אין זיין באקאליע געשעפט אריינגעקומען צוויי בע׳חנ׳טע פרויליינס, איינע איז געווען געקליידט אין קאסטבארע מלחמה־מלבושים, די צווייטע דאגעגען איז געווען געקליידט גאנץ בעשיידען; זיי האבען געבעטען א נדבה פאר א געוויסע וואוילטעטיגע אינסטיטוציע. דאס רייך־געקליידעטע מיידעל האט נאטירליך, קאקעטירט מיט איהר שעהנעם רוסיש, אבער אויף זיין בעמערקונג, פארוואס זיי רעדען צו איהם נישט אויף מאמע־לשון, האט דאס מעהר בעשיידענע מיידעל, וואס האט די גאנצע צייט געשוויגען, מיט א ליבליכען שמייכעל איהם געענטפערט, אז זי וואלט גערען געוואלט רעדען טאקע יודיש, נאר די צרה איז, וואס זי לערענט זיך ערשט יודיש רעדען און איז דעריבער נאך נישט דרייסט מיט קיינעם צו רעדען אין דער פאלקס־שפראך.

און בעקומענדיג פון יונגענמאן א שעהנע נדבה האט דאס בעשיידען געקליידעטע מיידעל טאקע שוין איצט בעדאנקט אויף יודיש.

ג.

דאס דאזיגע מיידעל איז געווען די ערשטע, וואס האט גערעדט מיט דעם דאזיגען יונגענמאן אויף מאמע־לשון, זינט ער האט געהאט דאס געשפרעך מיט דעם „חפץ חיים״.

האט זיך טאקע ביי איהם דערוועקט דער געדאנק, צי איז נישט דאס מיידעל זיין זיווג, וועגען וועלכען דער „חפץ חיים״

האָט איהם אין זיין צייט געזאָגט.

און פערטראַכטענדיג זיך אזוי וועגען דעם, האָט ער זיך גענומען אויסצופאָרשען, ווער זי איז, און ווער ס'זענען איהרע עלטערען, דערנאָך האָט ער תיכף געשיקט צו זיי א שדכן. אָבער דער שדכן האָט איהם געבראַכט א קלאָרען ענטפער, אז די עלטערען פון דעם מיידעל ווילען דערפון נישט הערען און אפילו זיך נישט מיט איהם בעקענען.

אָבער דעם יונגענמאַן איז דאָס מיידעל שטאַרק געפעלען צוליעב איהר בעשיידענהייט און בע'חנ'טקייט. גאַרטעלט ער זיך אונטער און שיקט דעם שדכן א צווייט מאָהל צו איהרע עלטערען, געבענדיג איהם יעדעס מאָהל פאַר'ן וועג א רוסיש גאָלד־שטיקעל. אָבער זעהענדיג, אז דערפון קומט גאָרנישט ארויס, איז ער אוועק צום „חפץ חיים" קיין ראדון, ער דער־צעהלט איהם די גאַנצע מעשה. דערמאָהנענדיג איהם אויך זיין צוזאָג בעת'ן פאָהרען צוזאַמען אויף דער באַהן קיין ווילנא.

האָט איהם דער „חפץ חיים" איבערגעשלאָגען די רייד, אז ער זאָל רוהיג זיין. זי איז דאָך זיין זיווג פון הימעל בעשטימט, אָבער ער וועט מוזען א געוויסע צייט צוליעב איהר ליידען, אָבער ער וועט דאַן א גליקליך לעבען מיט איהר האָבען.

אין צווישען האָט זיך דאָס כלה־מיידעל דערוואוסט פון דעם דאָזיגען שידוך, וועלכער איז איהר שטאַרק געפעלען, האָט זי שוין אויסגע'פועל'ט ביי איהרע עלטערען, אז דער יונגערמאַן זאָל ווערען זייער הויז־גאַסט, און נישט לאַנג האָט געדויערט ווי דאָס יונגע פּאָר איז געגאַנגען אונטער דער חופה.

אָבער באַלד האָבען אָנגעהויבען דעם יונגענמאַנ'ס גע־שעפטען צו געהן מיט דעם פּיטום אראָב . פון דעם גאַנצען רייכטום, אויף וועלכען ער האָט אזוי פיל געהאָרעוועט אין דער מלחמה־צייט, איז געוואָרען אש. לויפט ער ווייטער צום „חפץ חיים" זיך משאל עצה זיין. האָט ער איהם געהייסען ווייטער לערנען א מלאכה נקיה און פון דעמאָלט אָן בע־

גלייט איהם אויף יעדען שריט און טריט ביז דעם היינטיגען טאג די ברכה, וואס דער „חפץ חיים” האט איהם צולעצט געגעבען, אז קיין ברויט זאל אין זיין הויז קיינמאהל נישט פעהלען.

ער פיהרט מיט זיין בעשערטער א צופרידען גליקליך לעבען, פרנסה פעהלט אויך נישט, אבער ער פערגעסט אויך נישט מיט אלע כחות צו שטיצען מאטעריעל דעם „חפץ חיים’ס” ישיבה אין ראדון.

און היות ער וויל נישט, אז זיין נאמען זאל פערעפענט־ ליכט ווערען, טהו איך עס איהם צוליעב.

דריי דורות אלעקסאנדרער רבי'ס

דאָס דייטשע וועבער־שטעדטעל אַלעקסאַנדער, נעבען לאָדז, וואָס איז ערשט ענטשטאַנען אין אָנהויב פון 19־טען יאָרהונדערט, איז שוין אין די צייטען פון רבי ר׳ העניך געווען אַ צענטר פון פוילישען חסידות.

אָבער דער אייגענטליכער פאָטער פון דער אַלעקסאַנדער דינאַסטיע איז ערשט געווען דער גרויסער נסתר און עניו ר׳ יחיאל דאנציגער, וועלכען דער סאָכאַטשאָווער גאון רופט־אָן: „דער מלך פון די גוטע יודען".

ר׳ יחיאל׳ס פאָטער איז געווען ר׳ פייוועל גריצער, איינער פון די פיאָנערען פון דעם פוילישען חסידות. ער איז געווען רב אין שערפּץ, גאָמבין, גריצע און צולעצט אין מאַקאָוו.

ר׳ פייוועל גריצער האָט געשטאַמט פון ווארשא, ער איז געווען אַ זוהן פון ווארשאווער אָנגעזעהענעם סוחר ר׳ הירש דאנציגער. ר׳ הירש ווידער איז געווען אַ מחותן פונ׳ם „קדושת־לוי" פון בערדיטשעוו.

נישט־האָבענדיג קיין מזל צו קינדער, איז ר׳ פייוועל גריצער געפאָהרען מיט זיין בן־יחיד יחיאל צום וואָרקער רבי׳ן װעגען אַ ברכה, און יענער, דער װארקער, האָט יחיאל׳ן געהאלטען ביי זיך אַ לענגערע צייט.

— וואַרנט נישט — האָט דער וואָרקער געזאָגט צו ר' פייוולען, — איך נעהם איהם אויף מיינע פּלייצעס און וועל מאַכען פון איהם אַ לייט. —

יונגערהייד האָט זיך ר' פייוועל גריצער צוגעאיילט צו פער'קנס'ן זיין אויסגעוויינט קינד מיט דער טאָכטער פון ר' דוד נעקלאנער (וועלכער האָט זיך געדופען מיט'ן פאַמיליען־נאָמען יוזעפאָווסקי). ער האָט זיך משדך־געווען מיט איהם צוליעב אַ מיספערשטענדניש וועגען דער אָבשטאַמונג פון דער כלה.

דער טעות האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ר' דוד נעקלאנער האָט געהאַט אַ צווייט ווייב, וועלכע איז געווען אַנ'איינקעל פון „יוד־הקדוש". האָט ר' פייוועל גריצער גע־מיינט, אַז די כלה, דוויזע־מיידעל, איז אויך איהרס אַ טאָכ־טער, אָבער, ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזען, האָט זי נאָר געשטאַמט פון ר' דוד'ס ערשט ווייב, וועמענס יחוס איז גאָרנישט אָנגעשטאַנען ר' פייוועלע גריצער.

צוליב דעם טעות האָט ר' פייוועל גריצער געהאַט גרוים עגמת־נפש, אָבער פון אָבלאָזען דעם שידוך האָט מעהר קיין רייד נישט געקאָנט זיין, ווייל ערשטענס, איז זי דאָך גע־ווען אַ יתומה. צווייטענס, האָט זי, די כלה, נאָך מיידעלווייז בעקומען אַ ברכה פונ'ם רבי'ן ר' בונם פון פשיסכע, אַז זי וועט האָבען אַ מאַן, מיט וועלכען אַ האַלבע וועלט וועט זיך פרעהען — און דער זכות פון אָט דער רבי'שער ברכה איז איהר איצט שטאַרק בייגעשטאַנען.

איינמאָל, — ווערט דערצעהלט, — איז דער רבי ר' בונם אין אַ פראָסטיגער ווינטער־נאַכט דורכגעפאָהרען מיט זיינע מקורבים דורך דער שטאָדט נעקלאַן. זוכענדיג אַנ'אָרט, וואו איבערצונעכטיגען, האָט ער פונקט אָנגעטראָפען צו ר' דוד נעקלאנער'ן, וועלכער איז, אגב, געווען דער איינציגער יוד, וואָס האָט דאָרט דעמאָלט געוואוינט.

ס'איז שוין געווען גאָר האַלבער נאַכט, ווען דער פּשיס־כער האָט אָנגעקלאַפּט ביי ר' דוד'ל, אָבער נישט ר' דוד און נישט זיין ווייב האָבן זיך שטאַרק איבערגענומען מיט די נעפּרווירעגע אורחים; נעפּאַ־עט האָט זיך בלויז מיט זיי זייער טאָכטער רויזע־מינדעל. זי האָט באַלד פייער געמאַכט און אויפגעקאָכט פאַר זיי טיי און דערלאַנגט זיי צום טיש טרינקען, צוגעגרייט פאַר זיי וואַרעמע געלעגערס און אַזוי ווייטער.

אוועקפאָהרענדיג צומאָרגענס, האָט דער רבי ר' בונם זי טאַקע דערפאַר געבענשט מיט א גוטען מאַן, וואָס זאָל זיין א גדול בישראל.

און דערדאָזיגער בעשערטער איז עס טאַקע געווען ר' פייוועל גריצער'ס זוהן, דער רבי ר' יחיאל פון אַלעקסאַנדער.

די חתונה איז פאָרגעקומען אין פּשיסכע. אָבער ר' פייוועל גריצער איז נישט געווען אויף זיין זוהנ'ס שמחה. ער איז בעת דער חתונה געבליבען הינטער דער שטאָדט. דער מסדר־קדושין איז געווען דער וואָרקער צדיק...

ר' דוד נעקלאַנער האָט פאַר זיין איידעם צוגענומען אַלס רבי ר' יענקעלע ראַדזימינער. און זיי ביידען, דעם איי־דעם מיט'ן רבי'ן געהאַלטען, ביז ר' יחיאל איז געוואָרען רב אין טאַרטשין.

נאָכ'ן פאָטער'ס טויט ווערט ר' יחיאל רב אין גריצע, פון דאַנען געהט ער איבער קיין פּילץ, און צולעצט ווערט ער רב אין אַלעקסאַנדער.

בל־זמן דער וואָרקער האָט געלעבט, איז ר' יחיאל גע־ווען איינער פון זיינע שטענדיגע „יושבים". ווען ר' בעריש ביאַלער (לאַנדוי), דער זוהן פון טשעכאַנאָווער צדיק, האָט אָנגעהויבען פיהרען רבי'שאַפט נאָך דער פטירה פונ'ם וואָרקער, האָט ר' יחיאל זיך אויך איבערגעטראָגען צו איהם. אָבער נאָך דער פטירה פון ר' בעריש'ן (תרל"ו) האָט זיך א

גרויסער עולם אפגעריסען פון ביאלע און געקרוינט ר' יחיאל'ן פון פילץ אלס רבי.

ר' יחיאל האט זיך אפילו שטארק קעגנגעשטעלט די חסידים, נישט־וועלענדיג זיין קיין רבי, אבער דער עולם האט איהם נישט אבגעלאזט און בעל־כרחו האט ער געמוזט איי־בערנעהמען די רבי'שאפט.

אין אלעקסאנדער האבען די חסידים אבגעקויפט די דירה און דאס בית־מדרש, וואס איז דארט פערבליבען נאך דער פטירה פון דעם דארטיגען רבי ר' הענעך. דער רבי ר' יחיאל האט זיך דארט בעזעצט, איבערנעהמענדיג גלייכצייטיג דאס כסא־רבנות אין אלעקסאנדער.

זייענדיג רבי האט ר' יחיאל געמאכט א גאנצע איבער־קעהרעניש אין חסידישען וועלטעל.

דער חסידישער עולם איז געווען צוגעוועהנט ארומצוגעהן לעדיג און עוסק־זיין נאר אין פליאטקעס אויף אנדערע רביים און חסידים, אנפיהרענדיג צווישען זיך גרויסע מחלוקת'ן. דער רבי ר' יחיאל האט געמאכט א סוף צו די דאזיגע מחלוקת'ן. ער איז געווען א גרויסער רודף־שלום. האט געפיהרט זיינע חסידים אין די וועגען פון תורה ועבודה, געהייסען זיי א סך לערנען, א סך דאווענען, תשובה־טהון... דאס זענען אויך געווען די איינציגע כגולות, וואס ער פלעגט געבען זיינע חסידים, ווען זיי פלעגען זיך צו איהם ווענדען וועגען א ברכה, אדער אן עצה.

די חסידים פלעגען טאקע זאגען, אז אין ווארקע איז געווען דער עמוד (זייל) פון גמילת־חסדים, אין ביאלע — דער עמוד התורה און אין אלעקסאנדער געפינט זיך דער עמוד־העבודה. דער סאכאטשעווער גאון האט אבער מוסיף געווען און געזאגט, אז אלע דריי זיילען: תורה, עבודה און גמילת־חסדים האבען זיך פעראייניגט אין אלעקסאנדער...

די דאָזיגע מעלות זענען געוואָרען א טראַדיציע פון אַלעק־סאַנדער הויף, איבערגעהענדיג בירושה פון דור צו דור.

דער רבי ר' יחיאל איז נפטר געוואָרען מוצאי־שבת, י"ה שבט תרנ"ד, אויף דעם אויפרופען פון זיין אייניקעל ר' פייג־וועלע, זייענדיג קוים עטליכע און פופציג יאָהר אַלט.

פון זיינע דריי זיהן האָט דער עולם געקרוינט דעם עלטסטען ר' ישראל־יצחק, אַלס ממלא־מקום פון זיין גרויסען פאָטער.

אויך ר' ישראל־יצחק, דער „ישמח־ישראל" (לויט זיין חיבור אויף תורה), האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכענט מיט לומדות און חכמה, הויפטזעכליך אָבער מיט זיין גרויס השתפכות־הנפש און דבקות, וואָס האָט נישט געהאט קיין גלייכען אין דער רבי'שער וועלט פון זיין צייט.

ער האָט כסדר אָבגעהאַלטען תעניתים און געפּראַוועט סיגופים, געפּייניגט שטאַרק זיין גוף און עוסק געווען אין לערנען און עבודת־הבורא, און אויך אָנגעהאַלטען שטאַרק זיינע חסידים, זיי זאָלען אויך גיין אין די דאָזיגע דרכים.

מיט אַלע רביים פון זיין צייט האָט ער געלעבט בשלום. ער האָט זיך אויך נישט געמישט אין מחלוקת'ן, וואָס זענען דעמאָלט פאָרגעקומען צווישען א רייה רבנים און ר' גרשון־הע־נעך ראַדזימינער וועגען דעם חלזון, וואָס ער, ר' גרשון־הענעך האָט ענטדעקט. ער, ר' גרשון־הענעך, האָט פון זיין זייט שטאַרק כבוד צוגעטיילט דעם „ישמח־ישראל", האַלטענדיג איהם פאַר א זעהר גרויסען תלמיד־חכם.

די איינציגע מלחמה, וואָס איז אויסגעקומען דעם „ישמח־ישראל" צו פיהרען אין זיין לעבען, איז געווען נעגען דעם ד"ר זונג, אַנ'אָרטאָדאָקס, וועלכער האָט בשעתו געעפענט אין מעזר־ריש־אויסטראָה (עסטרייך) א יודישע גימנאַזיע, וואו מ'האָט אויך געלערענט גמרא און אַנדערע תלמודישע למודים. דער

רבי ר' ישראל־יצחק איז דאן ארויס מיט א קול־קורא צו זיינע חסידים אין גאליציען און צו די רבנים אין קראקא, וואס האבען זיך צו איהם ווענען דעם געווענדעט. אין דעם קול־קורא זאגט ער זיך שטארק ארויס נעגען דעם מישען לימודי־קודש מיט לימודי־חול.

דער „ישמח־ישראל" האט גישט געהאט קיין אריכת־ימים. צוליב זיין אייביגען פייניגען זיין גוף, איז ער פיזיש אבגעשוואכט געווארען. ער איז נסתלק געווארען ערב ר"ח שבט תר"ע.

אין זיין הארציגער צוואה בעט ער מחילה ביי אלע, פון וועמען ער האט וועו־עס־איז בעקומען געלד, פערזענליך, אז ער האט עס קיינמאל נישט גענומען פאר זיך. טאמער האט ער דערפון, נישט־וויסענדיג, עפעס נהנה געווען — זאל מען איהם מוחל זיין.

היות, ווי דער „ישמח־ישראל" איז געווען קינדערלאז, איז דאס כסא־דרבנות אין אלעקסאנדער איבערגעגאנגען צו זיין צווייטען ברודער, ר' שמואל־הערש.

דער רבי ר' שמואל־הערש, דער אזוי־גערופענער „תפארת־ישראל", האט זיך שטארק געהאלטען ביי דער גייסטיגער שיטה פון זיין גרויסען פאטער, אבער ער האט זיך שוין אויך געמישט אין כלל־זאכען, אין פאליטיק אא"וו. אויך ער האט נישט געהאט קיין אריכת־ימים. דאס גרויסע אומגליק, וואס האט איהם געטראפען מיט זיין זוהן פייוועל אין ראדאם, וואס איז צוליב א בלבול אומגעקומען אויף קידוש־השם אין אנהויב פון דער וועלט־מלחמה, האט איהם מקצר־ימים געווען. ער איז נפטר געווארען כ"ט תשרי תרפ"ד.

דאס אומגליק האט דעם „תפארת־ישראל" גראד געטראפען ווען ער איז געווען אין אויסלאנד אין באד ווילדינגען. די מעשה דערפון איז געווען אזוי:

א רוסישער פארפאסטען האט ארויגמארשירענדיג קיין

ראַדאָם, אַרויסגענומען פון ראַטענבערג׳ס גאַרבעריי ר׳ פּיוולען, וועלכער איז געווען ראַטענבערג׳ס אַנ׳איידעם, צוזאַמען מיט זיינע צוויי שוואָגער׳ס, ראַטענבערג׳ס זיהן, און זיי זאָלבעדריט, אַהן שום טענות־ומענות אויפגעהאַנגען אַלס דייטשע שפּיאָנען. גראָד זענען או.פן וועג אָנגעקומען נאָך צוויי פרעמדע יודען — זענען זיי אויך אַהן שום פאַרוואָס אויפגעהאַנגען געוואָרען.

מען זאָגט, אַז קורץ פאַר׳ן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט מען אָבגעשאַפט אַ קריסטליכען מייסטער פון ראַטענ־בערג׳ס גאַרבעריי, און ער זאָל זיך עם האָבען נוקם־געווען בשעת דער מלחמה אין ראַטענבערג׳ס קינדער.

ווען דער רבי ר׳ שמואל־הערש האָט, אַהיימקומענדיג פון אויסלאַנד, זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער זיין טרויער בע־גראָבען טיף אין זיך און מקבל געווען באהבה גאָט׳ס משפט...

ר׳ שמואל־הערש׳ס אָרט פערנעהמט ביים היינטיגען טאָג זיין זוהן ר׳ יצחק־מענדעל, דער היינטיגער גייסטיגער מדריך פון די אַלעקסאַנדערער חסידים. ער איז שוין דער דריטער דור פון דער אַלעקסאַנדערער דינאַסטיע נאָך דעם רבין ר׳ יחיאל.

דער כהן גדול
פון אלעקסאנדער

א.

דעם רבי ר׳ העניך פון אלעקסאנדער גערופען מיט׳ן נאָמען: כהן גדול. —

זיין יחוס האָט זיך געצויגען פון כמה דורות רבנים און גאונים פון פאָטער׳ס און מוטער׳ס צד, אין פוילען און אין אויסלאנד.

זיין פאָטער, ר׳ פנחס, איז געווען א מתנגד׳ישער יוד, א בעל־הבית אין שטעדטעל ליוטאָמיר, נעבען לאָדז. אין דעם דאָזיגען שטעדטעל איז ר׳ העניך געבוירען געוואָרען אין יאָהר תקנ״ח.

ר׳ יאָקעל פשיסכער האָט זיך גענומען דעם רבי׳ן ר׳ העניך פאר אַנ׳איידעם פאר זיין טאָכטער חנ׳טשע־פיינע. דער „יוד הקדוש" איז געווען זיין פערהערער פאר די תנאים, און ר׳ העניך האָט ביי איהם שטארק אויסגענומען מיט זיין גרויסער עילוי־שקייט.

דאָס ערשטע רבנות פון ר׳ העניך איז געווען אין אלעקסאנדער אין יאָהר תר״א. פון דאָרט איז ער איבערגעגאנגען אלס רב קיין נאָווי־דוואָר. דאָ האָט ער קיין גרויס נחת נישט געהאַט. אלס תלמיד פון פשיסכע און קאָצק, האָט ר׳ העניך בעקעמפט

די מתנגדים. צוליב א סכסוך וועגן מצות, וואס זענען געבאקען געווארען ביי מתנגדישע בעקערס און וועלכע ער האט גע'אסר'ט איז אין נאווי־דוואר אויסגעבראכען א גרויסע מחלוקת און די מתנגדים האבען איהם גענומען שטארק רודפ'ן.

בראש פון זיינע שונאים איז געשטאנען דער גביר און גרויסער תקיף פייגין, וואס איז געווען שטארק אנגעזעהן אין שטאדט און האט געהאט גרויסע מיליטערישע „פאדריאדען". דורך איהם איז ר' הענעך געווען געצוואונגען די שטאדט צו פערלאזען. ער האט דאן איבערגענומען דאס כסא־הרבנות אין פרושניץ.

נאך דער פטירת פון „חידושי הרי"ם" (תרכ"ו) האט זיך דער גאנצער גערער עולם אריבערגעטראגען צום רבי'ן ר' הענעך. ר' הענעך האט באלד פערלאזט פרושניץ און האט זיך צוריק בעזעצט אין זיין שטעדטעל אלעקסאנדער, וואו ער האט גענומען פראווען רבי'שאפט.

ער האט פרושניץ פערלאזט אויך דערפאר, ווייל ער האט דארט פערלוירען זיין פרוי, זיין „אשת־נעורים", וועלכע איז געווען אן'אישה־צדקנית. ער האט דערנאך חתונה געהאט ווידער אמאל פון פש.סכע, מיט'ן יוד הקדוש'ס אנ'אייניקעל, ר' אשר'לס א טאכטער.

ר' הענעכ'ס התנהגות אלס רבי איז געווען לויט'ן קאצקער'ס שניט. אלץ איז געטהון געווארען מיט גרויס התלהבות און מיט א חסידישען ברען און דערצו מיט א לעבעדיגקייט און שארפזיניגקייט, וואס איז געווען זעהר כאראקטעריסטיש פאר'ן קאצקער דרך.

אין דער חסידישער ליטעראטור ווערט דערצעהלט, אז אמאל איז דעם רבי ר' הענעך אויסגעקומען צו זיין צוזאמען מיט'ן גאסטינינער רבי'ן, ר' מאיר־יחיאל, אויף א חתונה אין פשיסכע. זיי האבען זיך אויפגעהאלטען אין איין אכסניה.

אויף דער חתונה האט דער רבי ר' הענעך, ווי זיין שטייגער

נער און נעוועהנהייט איז געווען, זיך שטארק משמח נעווען און ביים טיש געוויילט די געסט מיט זיינע מעשיות און וויצען אזוי, אז דער עולם האט זיך געקייקעלט פאר געלעכטער. אבער דאס וויצלען זיך פון רבי'ן איז שטארק נישט געפעלען דעם המימות'דיקן גאסטינינער צדיק. ווען ער האט אבער געהערט פארטאג, ווי דער רב ר' הענעך האט אויף דער אכסניה, פער־מאכענדיג זיך אין א בעזונדער שטיבעל, געזאגט תהילים, איז ער, דער גאסטינינער, פאר שרעק אינגאנצען אויפגעציטערט געווארען און איז שיער נישט ארויסגעפאלען פון בעט...

און ווען דער רבי ר' הענעך האט דאן אין אווענד צו שבע־ברכות ווידער געשפיעלט ביים טיש די ראָלע פון א בדחן, דער־צעהלענדיג עפעס א וויציגע מעשה, פון וועלכער דער עולם האט זיך געהאלטען ביי די זייטען — האט זיך דערמאלט דער גאסטינינער אויף א ווילע פערטראכט, צי איז דאס דערזעל־בער ר' הענעך, וואס האט מיט אזא הייליגען ברען ערשט אינדערפריה געזאגט תהילים אויף דער אכסניה.

האט דאס גלייך דערפיהלט דער רבי ר' הענעך און אויפ'ן גאסטינינער אזא קוק געגעבען, אז פאר גרויס אימה איז ביים גאסטינינער שיער די נשמה נישט אויסגע־גאנגען...

דעם רבי ר' הענעכ'ס מעשיות, אנעקדאטען אא"וו האבען זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט זייער שארפזיניגקייט און הומאר. עטליכע פון זיי וועל איך דא איבערגעבען.

ב.

דעם רבי'נס מעשה מיט חנה'לע די גנב'טע איז א סאטירע — אזוי דערצעהלט מען — אויף מתנגדים און משכילים. און ווען דער רבי האט געוואלט האלטען דעם עולם אין א גוטער שטימונג, האט ער דידאזיגע מעשה דערצעהלט, נאכמאכענדיג דערביי די העויות און דעם גאנצען מארק־לשון פון חנה'לע דער גנב'טע.

אין הערדאָזינער סאַטירע שפּינעלט זיך אָב די מעשה
פייגין. דער רבי האָט זיך דאָ אָבגערעכנט מיט זיינע שונאים.
לײדער, איז שווער צו בעקומען דעם אָריגינאַל פון דער
דאָזיגער כאַראַקטעריסטישער רבי׳שער סאַטירע.

די טבע פון רבי ר׳ הענעך איז געווען אויך צו שפּאָסען
און חוזק־מאַכען אפילו פון זיינע אייגענע חסידים.

זייענדיג נאָך א יונגערמאַן, האָט ער געטראָפען ביים רבי׳ן
ר׳ בונם א זיידען קעסט־אײדעמ׳ל, וואָס האָט זיך איינגערעדט,
אז ער איז בעשטימט צו זיין נישט מעהר און נישט ווייניגער,
ווי א פיהרער פון פאָלק ישראל.

האָט איהם אמאָל דער רבי ר׳ הענעך אריינגעלעגט אין
טאַש א קוויטעל, אז ס׳איז אין הימעל נגזר געוואָרען אויף איהם,
ער זאָל ווערען א רבי, א מנהיג־הדור. אונטערגעשריבען איז
דאָס קוויטעל געווען פון דעם מלאך פילד.

דער נאַרישער חסיד, געפינענדיג דאָס דאָזיגע קוויטעל אין
טאַש, איז געוואָרען דערפון שטאַרק איבערראַשט און איז
באַלד דערמיט אריינגעלאָפען צום רבי׳ן ר׳ בונם, אנזאָגענדיג
איהם די בשורה טובה, אז ער איז פון הימעל בעשטימט געוואָ־
רען צו ווערען רבי.

דער רבי ר׳ בונם האָט אָבער פערשטאַנען, אז דאָס שטי־
קעל מוז האָבען געטהון נישט קיין אַנדערער, ווי הענעכ׳ל (ווי
ער פלעגט איהם נאָך אלס בחור׳ל אָנרופען) און ער האָט איהם
טאַקע באַלד געלאָזט צו זיך רופען אין התבודדות־שטיבעל אריין,
ער זאָל באַטיש איהם מסביר־זיין, וואָס עס בעדייט דאָס וואָרט
„פילד". האָט ר׳ הענעך איהם ערקלערט, אז דאָס זענען די
ראשי־תיבות פון: „פתי יאמין לכל דבר" — א נאַר גלויבט אין
אַלעם....

אַנ׳אַנדערש מאָל ווידער האָט דער רבי ר׳ הענעך אויפ־
געשריבען זיינעם א חסיד אויף א קוויטעל, וואָס ער האָט איהם
געגעבען, דאָס וואָרט „גות". און ווען דער חסיד האָט דעם רבי׳ן

נעפרעגט, וואס דאס דאזיגעווארט בעדייט, האט ער איהם נעענטפערט, אז די ראשי־תיבות פון „גוף" „גוף וויל פרעסען, גוף וויל פאפען (שלאפען), גוף וויל פיען (טרינקען), גוף וועסט פגר'ן, גוף וועסט פוילען, גוף וויל פארט"... און דאס איבעריגע זאל ער זיך שוין אליין אנשטויסען...

קלאסיש זענען די מעשה'לעך פון רבי ה' הענעך, וועלכע ער פלעגט דערצעהלען ביים טיש־פיהרען.

אט דערצעהלט ער אמאל א מעשה'לע וועגען אנ'ארענדאר פון א שוויב, ווי ער לעבט זיך אב א פרייטאג־צו־נאכטס ביי זיך אין דארף ווינטער־צייט.

דער ארענדאר לעגט זיך שלאפען באלד נאכ'ן אבעסען. פאר דער האלבער נאכט האט ער זיך שוין גוהאט אויסגע־שלאפען, און אזוי ווי די לבנה האט איהם מיט איהר גאנץ ליכטיגקייט ארייננעשיינט אין פענסטער, האט דער ארענדאר גערעכענט, אז עס איז שוין טאג. ער האט אויפגעוועקט זיין גאנץ בני־בית און גענומען דאוונען. אבגעדאוונט האט ער קידוש־געמאכט און געהייסען ארויסרוקען דעם טשאלענט פון אויוועו און איהם הערלאנגען צום טיש.

אבגעגעסען האט ער זיך צוריק געלעגט שלאפען, און ווען ער האט ווידער ערוואכט, האט שוין די לבנה געהאלטען ביים אונטערגעהן. האט דער ארענדאר גערעכענט, אז עס איז שוין מנחה־צייט. האט ער געדאוונט מנחה, געגעסען שלש־סעודות און צוריק זיך געלעגט שלאפען. איבערשלאפענדיג זיך ווייטער א ביסעל, בעמערקט דער ארענדאר, אז ס'איז שוין נאט פינס־טער. האט ער גערעכענט, אז ס'ווערט אויפסניי טאג. האט ער געהייסען זיין זוהן שפאנען פערד און וואגען און איז זיך

ווען ער איז געקומען אין שטאדט אריין איז, אמת, שוין געווען גרויסער טאג, אבער צו זיין גרויס פערוואונדערונג האט ער דערזען, אז אין שטעדטעל איז נאך שבת, קיינער קויפט נישט ביי איהם קיין מילך, מען שפאט און מען מאכט פון

איהם חוזק, מען זידעלט און מען שנידעלט איהם צוליב חילול-שבת.

דער ארענדאר אבער, וועלכער האט שוין אבגעהאלטען זיין שבת, פערשטעהט נישט, פארוואס דער עולם האט אויף איהם פאראיבעל, וואס ער איז געקומען אין שטאדט אריין מיט זיין מילך. נישט אנדערש — האט ער געקלערט — אז אין שטאדט האלט מען צוויי טעג נאכאנאנד שבת... מאכט ער נישט קיין שהיות, כאפט דאס פערדעל מיט'ן וואגען מילך און — היידא צוריק אהיים. און אזוי ווי ס'איז צוויי טעג שבת נאכאנאנד הייסט ער זיך, אהיימקומענדיג, מאכען א צווייטען טשאלענט אויפ'ן צווייטען טאג שבת...

אבער דעם צווייטען פרייטאג-צו-נאכטס האט שוין די לבנה נישט געשיינט, איז דער ארענדאר אדורכגעשלאפען בשלום די גאנצע נאכט און זיך ערשט אויפגעהויבען אינדערפריה צו דער ריכטיגער צייט. ווייסט איצט נישט דער ארענדאר, וואס ווייטער צו טהון... ער האט געשטעלט צוויי טשאלענטער און שבת איז נאר געווען אינגאנצען איין טאג...

און אט איז א צווייט מעשה'לע פון רבי'ן ר' הענעך:

ס'האט אמאל א יודיש מיידעל פון פוילען זיך פערגלוסט צו פאהרען קיין פרייסען. נישט האבענדיג קיין מיטלען צו לעבען, האט זי זיך געשטעלט דארט דינען אלס קעכין ביי א יודישער בעל-הבית'טע.

פאר'ן אוועקגעהן אין שטאדט אריין, האט די בעל-הבית'טע געהייסען די קעכין צוהיטען די יויך, ס'הייסט — ווען זי וועט אויפקאכען זאל זי, די קעכין הייסט עס, די יויך „אבשרעקען" (דאס הייסט אויף דייטש אבשוימען), ווי דער סדר-העולם איז. די קעכין האט אבער נישט פערשטאנען די בע-דייטונג פון ווארט „אבשרעקען", האט זי דאס אויסגעטייטשט אויף מאמע-לשון. און, דערזעהענדיג, אז די יויך קאכט און שוימט זיך, האט זי געכאפט א בעזעם און געפאכעט מיט איהם

איבער'ן טאָפּ יויך אַהין און אַהער, ביז דער טאָפּ איז אומגע־פאַלען און די יויך האָט זיך אויסגעגאָסען. אַהאַ — האָט זי זיך געקלערט — איך האָב די יויך שוין איינמאָל אָנגעשראָקען!

ווען די בעל־הבית'טע איז אַהיימגעקומען און דערזעהן, וואָס ס'איז געוואָרען מיט דער יויך, האָט זי פון גאָרנישט גע־וואָלט וויסען און די קעכין אָבגעשאָפּט...

חסידים לעגען אריין אין דער דאָזיגער מעשה פאַרשידענע רמזים און כוונות...

— ס'איז געווען — האָט ער דערצעהלט אַנ'אַנדערש מאָל — אין אַ שטעדטעל אַ גולם, אַ נאַר. ער האָט זיך נישט געוואָלט לעגען שלאָפען, מחמת מען מוז זיך דאָך אויסטהון און ווען ער וועט זיך וועלען צומאָרגענ'ס צוריק אָנטהון, וועט ער נישט וויסען, וואו ער האָט די זאַכען אוועקגעלעגט. וואָס־זשע טהוט דער טפּש? ער נעמט אַ שטיקעל פּאַפּיר און פערשרייבט דערויף אַלע מלבושים, וואָס ער האָט ביים שלאָפען לעגען פון זיך אויסגעטהון, אויף וועלכען אָרט ער האָט זיי אוועקגעלעגט, כדי ער זאָל קאָנען רוהיג אַדורכשלאָפען די נאַכט. און געשריבען האָט ער אַזוי: „דעם הוט האָב איך ליגען דאָ, די הויזען דאָרט, די זשופּיצע ווידער אויף אַנ'אַנדער אָרט אאַ"וו.

אויפשטעהענדיג אינדערפריה וויל ער צונויפנעהמען די זאַכען. האָט ער גענומען דאָס שטיקעל פּאַפּיר, וואו ער האָט געהאַט אַלץ אויפגעשריבען און דערפון ארויסגעלייענט: דעם הוט האָב איך דאָ, די הויזען — דאָרט א.אַ.וו., צום סוף פרעגט ער זיך: „אָבער וואו בין איך?" און ער האָט גענומען זיך אליין זוכען אין בעט, אין שאַנק, אונטער די שטוהלען... (דאָס דאָזיגע מעשה'לע איז אייגענטליך אַנ'אַלטס).

די חסידים זאָגען, אַז דער רבי ר' הענעך האָט געהאַט מיט זייגע מעשה'לעך ספּעציעלע מוסר־כוונות.

ג.

דער רבי ר' הענעך איז געווען אַ גרויסער מליצה־שרייבער.

פון איהם איז פערבליבען א כאראקטעריסטישער פיוט אין פארם און אין סטיל פון תהלים. זיין „משכיל שיר ידידות" איז טהליך, לויט׳ן אינהאלט, צו „על נהרות בבל", געשריבען אין חרוזים. עס ענטהאלט דרייצעהן שורות, יעדע שורה בעשטעהט פון אכט ווערטער, צוזאמענגעשטעלט פון דרייסיג אותיות. יעדע שורה און די אותיות פון אנהויב און פון סוף פון יעדער שורה בעזונדער, בעטרעפט דאס יאהר־צאהל תקצ״ז. דאס איז דאס יאהר, אין וועלכען דער רבי ר׳ העניך האט אויפגעשריבען די דאזיגע תפילה. די ערשטע אותיות פון דרייצעהן שורות, ענט־האלטען אין דער לענג דעם נאמען חנוך העניך הכהן".

אין דעם דאזיגען פיוט האט זיך געלאזט דער רבי ר׳ העניך אויך אברעכענען מיט׳ן ווארשאווער בעריהמטען מאטע־מאטיקער און אסטראנאם, דעם משכיל ר׳ אברהם שטערן, וועלכער האט איהם, ר׳ העניכ׳ן, אין זיינ׳ס א שיר שטארק פערטשעפעט. ער האט אנגעהויבען זיין „משכיל שיר ידידות" מיט די ווערטער: „לא האמנתי כדי אדבר, אעלה כן גם אני, עתה ראה, כי בין „כוכבים" שמתי קני" ד.ה. דו וואלסט נישט געלויבט, אז איך וועל רעדען, אויך איך וועל שרייבען א שיר. איצט זעה, אז צווישען די „שטערנס" האב איך געמאכט מיין נעסט.... (געמיינט ר׳ אברהם שטערן).

בעזונדערס האט זיך דער רבי ר׳ העניך אויסגעצייכענט מיט זיינע שארפזיניגע רעטענישען און שענע מליצות, וואס פערדינען א בעזונדערע אבשאצונג.

צוקומענדיג צו די זיבעציגער יאהרען הויבט אהן דער „כהן־גדול" צו קרענקען. ער איז א גרויסער בעל־יסורים, אבער ער פערלירט נישט ביז צו דער לעצטער מינוט זיין הומאר.

מיט א הייליגען שמייכעל־אויף זיינע ליפען איז ער נפטר געווארען י״ח אדר שני תר״ל (1850), איבערלאזענדיג פאר ארץ־ישראל גאנצע צוועלף טויזענד רובל, וואס ער האט זיך צונויפגעזאמעלט אלס כהן. פון די אויסקויף־געלדער פאר „בכור־

דים".

זיין איינציגער זוהן פון ערשטע ווייב, ר' יחיאל־פישעל לשווין פון מאלעגיץ, האט זיך אבגעזאגט צו זיין דער ממלא־מקום פון זיין גרויסען פאטער. ער איז געווען א גרויסער אייזעך סוחר.

האט זיך דאן דער גאנצער אלעקסאנדרער עולם איבערגעטראגען צום „שפת־אמת", וועלכער איז אליין געפאהרען צום רבי'ן ר' העניך.

ערשט לעצטענס האט ר' העניכ'ס אנ'אייניקעל, ר' מענדעל לעווין ארויסגעגעבען די כתבים און תורות פון „כהן־גדול" אונטער'ן נאמען: „השבה לטובה" (תרפ"ח).

אין ספר געפינען זיך אויך די בריף און אלע מליצות און חידות פון רבי'ן ר' העניך. די שפראך פון זיינע מליצות איז צו בעוואונדערען. ס'האט מאקע געפאסט אזא גוטען לשון־קודש צו שרייבען פאר די אלטע משכילים, מיט וועלכע ער האט מלחמה געפיהרט.

ר' אברהמ'לע סאכאטשעווער

איינער פון דעם לעצטען דור „גוטע יודען" אין פוילען, וואס האבען זיך קונה־שם געווען מיט זייער גרויס גאונות, איז געווען דער גאון ר' אברהמ'על סאכאטשאווער.

ער איז געווען א זוהן פון ר' וואלוויש (זאב נחום) בארענשטיין, וועלכער איז געווען רב אין ביאלא־פאדליאסקי און איז דער מחבר פון דעם תלמודישען ספר „אגודת־אזוב".

ר' אברהמ'על סאכאטשאווער איז געבוירען געווארען אין בענדין אין יאהר תקצ"ז (1837). שוין אלס קינד איז ער געווען בעגאבט מיט א גרויסען זכרון און האט דערביי אויך שטארק בעגעהרט צו לערנען.

מ'דערצעהלט אפילו, אז ווען ער איז אלט געווען פינף יאהר, האט דער פאטער איהם געבראכט צום פינטשעווער רב ר' ישראל ראפאפארט, וועלכער האט זיך גראד אויפגעהאלטען אין בענדין אויף א חתונה. דער רב האט מיט דעם פינף־יעהריגען קינד געשמועסט אין פערשיעדענע סוגיות און ער איז ממש נתפעל געווארען פון זיין פענאמענאלען זכרון...

מען דערצעהלט אויך, אז דער גאון ר' חיים האלבערשטאם האט זיך געוואלט משדך־זיין מיט ר' וואלוויש'ן, ווען זיין זוהן, דער עילוי, איז קוים אלט געווען אכט יאהר. פערהערענדיג איהם, האט ר' חיים סאנדזער געוואלט זאגען, אלץ איז גאנץ גוט, נאר די צרה איז, וואס די עילויים הערען אויף צו זיין עי־

גאונים, ווען זיי ווערן עלטער. דערויף זאָל ר׳ אברהמ׳על איהם האָבען נעענטפערט: „ווי איך זעה, האָט איהר אויך געמוזט אמאָל זיין אַן׳עילוי״.

צוליעב דעם דאָזיגען חוצפה׳דיגען ענטפער פון דעם אַכט־יעהריגען יונגעל האָט ר׳ חיים האלבערשטאם, דער סאַנדזער, דעם שידוך שוין נישט געוואָלט טהון...

ר׳ אברהמ׳עלען האָט מען חתונה־געמאַכט צו בר־מצוה מיט שרה׳לען, דער טאָכטער פון רבי׳ן ר׳ מענדעלע קאָצקער (געבוירען פון רבינ׳ס צווייטען ווייב ר׳ משה חלפנ׳ס א טאָכטער).

אלס יונגערמאַן האָט דער סאָכאַטשאָווער אויך עוסק־געווען אין מאטעמאטיק. ביי ר׳ וואָלף סטריקאָווער האָט ער גע־לערנט „קידושי החודש״ פון רמב״ם א. א. וו., שטעהענדיג גלייכצייטיג אין א גאַנץ נאָהנטער בעציהונג צו דעם „חידושי הרי״ם״, מיט וועלכען ער פלעגט תמיד קאָרעספּאָנדירען.

צו 29 יאָהר ווערט ר׳ אברהמ׳לע רב אין קראָשניעוויץ, (תרכ״ו), וואו ער פערלעגט באַלד א גרויסע ישיבה און צו 33 יאָהר האָבען איהם לומדי תורה שוין געקרוינט אלס „גוטען יוד״.

אָבער צוליב א קאָנפליקט מיט די „פני־העיר״ האָט ר׳ אברהמ׳לע געמוזט קראָשניעוויץ פערלאָזען און ער איז געוואָרען רב אין נאשעלסק.

אויך דאָ האָט ער געהאַט מחלוקת׳ן מיט די בעלי־בתים און מען האָט זיך גענומען איהם גאָר שטאַרק רודפ׳ן.

וועלענדיג זיך פון איהם בעפרייען, האָט מען געזוכט אויף איהם חטאים. און ווען מען זוכט — געפינט מען...

ס׳איז גראָד צו יענער צייט פאָרגעקומען די קאָראָנאציע פון אלעקסאנדער דעם דריטען, האָט ר׳ אברהמ׳לע סאָכאַטשאָ־ווער פערגעסען צו מאַכען אין שוהל, אין קרוינונגס־טאָג, א „הנותן תשועה״. א צווייטע ווערסיע דערצעהלט, אז ער האָט בכיון נישט געמאַכט די „תפילה״, איינזעהענדיג, אז דער צאַר

איז אַ גרויסער שונא־ישׂראל... נו, איז געוואָרען — הימעל עפען דיך! נאַשעלסקער „ווייסע חברה” האָט נישט געקאָנט פערטראָגען די דאָזיגע עולה און האָט תיכף אָנגעגעבען אויפ'ן רב אַ מסירה צום גובערנאַטאָר קיין לאָמזשע, אַז ער איז אַ מורד־במלכות און לאָזט בכיון נישט מאַכען אַ „הנותן־תשועה” אין דער שוהל אין טאָג פון קייזער'ס קאָראָנאַציע.

דער גובערנאַטאָר, בעקומענדיג אַזאַ מסירה פון יודען אויף זייער אייגענעם רב, האָט נאַטירליך, באַלד בעפויהלען, אַז פּאָליציי זאָל תיכף ברענגען צו איהם דעם נאַשעלסקער רב.

דער נאַטשעלניק פון נאַשעלסק, דערהאַלטענדיג דעם דאָזיגען בעפעהל, האָט דערפון באַלד מודיע געווען דעם רב און מ'האָט איהם אונטער אַ פּאָליצייאישער שמירה באַלד אַוועקגעפיהרט קיין לאָמזשע.

עטליכע אָנגעזעהענע חס"דים זענען גלייך מיט דעם רב'ס זוהן, ר' שמואל, מיטגעפאָהרען קיין לאָמזשע.

דערוויסענדיג זיך וועגען דער מעשה איז דער לאָמזשער רב, ר' אליעזר שמחה ראַבינאָוויטש, אין בעגלייטונג פון צוויי לאָמזשער גבירים, וועלכע זענען געווען היימיש מיט דעם גובערנאַטאָר, אוועק צום גובערנאַטאָר אהיים און איהם אויפגעקלערט דעם שקר־בלבול אויפ'ן נאַשעלסקער רב. דער גובערנאַטאָר האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט ד"ז זאַד אָבלאָזען. ער האָט, אפנים, אליין מורא געהאַט פאַר די מוסרים. ערשט ווען די דעלעגאַציע האָט דעם גובערנאַטאָר ערקלעהרט, אַז דער נאַשעלסקער רב איז אַ געוואַלדיג צוטראָגענער מענש און קען זיך נישט אויף וועלט־זאַכען, ער האָט בכלל נישט געוואוסט וועגען דער פיערונג אין לאַנד, וואָרום ס'האָט איהם קיינער דערפון נישט געזאָגט, האָט דער גובערנאַטאָר געלאָזט ר' אברהמ'לען רופען צו זיך, כדי צו איבערציינען זיך פערזענליך, צי ס'איז אמת, וואָס די דעלעגאַציע האָט איהם איבערגעגעבען.

ווען מען האָט דעם רב פון דער תפיסה געבראַכט צום

גובערנאטאר איז ער געווען שטארק דערשוויצט. דער שוויים איז איהם געראנגען איבער'ן פנים. נו, מאכט ר' אברהמ'לע קיין שהיות נישט און רעכענט זיך אויך נישט, אז ער געפינט זיך אין גובערנאטאר'ס שטוב, לויפט ער צו צוטראגענערהייט צום פענסטער און ווישט זיך אב מיט דער טייערער פארהאנג דעם שוויים פון פנים... און דאס האט בעדארפט דער גובערנאטאר זעהען מיט זיינע אייגענע אויגען!

בעמערקענדיג די דאזיגע מאדנע צוטראגענקייט האט שוין דער גובערנאטאר איהם בעפרייט פון שטראף, אבער מיט דעם תנאי, אז ער מוז באלד נאשעלסק פערלאזען און זיך אבזאגען פון דארטיגען רבנות...

ר' אברהם איז דאן געווארען רב אין סאכאטשעוו. האט זיך אבער אויך דארט באלד צעפלאקערט א גרויסע מחלוקה צווישען איהם און די בעלי־בתים, וועלכע האבען דורכאויס געוואלט האבען א רב, וואס זאל קאנען גוט רוסיש רעדען און נישט זיין צוגלייך א רבי פון חסידים.

דער ווארשאווער גובערנאטאר, צו וועלכען די בעל־בתים האבען זיך ווענדען דעם געווענדעט, האט דעם רב געלאזט צו זיך רופען. ווען דער גובערנאטאר האט איינגע'טענה'ט מיט איהם האט ר' אברהמ'לע די גאנצע צייט נישט געקוקט דעם גובערנאטאר אין פנים אריין, נאר געהאלטען די אויגען אראב־געלאזט צו דער ערד. דאס האט שטארק פערדראסען דעם גובערנאטאר, ער האט עס אויסגעטייטשט, ווי א גרינגשעצונג און — ר' אברהמ'לע האט זיך געמוזט ווייטער אבזאגען פון כסא־הרבנות אין סאכאטשאוו.

ווען זיינע חסידים האבען איהם געפרעגט, פארוואס ער האט געהאלטען די אויגען אראבגעלאזט בעת ער האט גערעדט מיט'ן גובערנאטאר, האט ר' אברהמ'ל געענטפערט, אז די גמרא זאגט: „אסור להסתכל בפני אדם רשע", מען טאר נישט אנקוקען א רשע'ס פנים. האט מען אויך דאס „אבגעטראגען"

דעם ווארשאווער גובערנאטאר.. קיין מוסרים האבן נישט געפעהלט!

אויף זיין ארט האט דער גובערנאטאר ארייגגעשיקט אלס רב קיין סאכאטשאוו (מיט דער הסכמה פון די דארטינע בעלי־בתים, מיט ר׳ שמואל זייגערמאכער בראש) ר׳ מענדעל טוראַ־ווער פון ווארשא, א גרויסער משכיל און חובב־ציון. האבן זיך ווידער צו איהם „געוואשען" ר׳ אברהם׳לס אנהענגער, זוכענדיג אין איהם נקמה צו נעמען און פערגעלטונג פאר דער חרפה, וואס מען האט אנגעטהון זייער רבי׳ן.

האט זיך אנגעהויבען אויפסניי א גרויסע מחלוקה צווישען די חסידים און בעלי־בתים. מען האט זיך אויך נישט אבגעשטעלט פאר מסירות און רדיפות. מען האט פער׳מסר׳ט ר׳ מענדעל טוראָווער, אז ער איז א ציוניסט און טאקע א מורד במלכות, צוליעב וואס ר׳ מענדעל טוראָווער האט אויך געמוזט פערלאזען סאכאטשאוו און האט אפילו איינגאנצען עוקר געווען פון פוילען (ער איז געשטארבען אין אנטווערפען). נישט קוקענדיג אויף די אלע רדיפות און נגישות, וואס מען האט אנגעטהון ר׳ אברהמ׳לען, האט ער דאך שוין ווערענדיג אוים רב, געפיהרט אין סאכאטשאוו א גרויסע ישיבה, וועלכע איז שטארק פאפולער געווען בכל תפוצות ישראל. פון דארט זענען ארוים גרויסע רבנים און לומדים. אויך זיינע חסידים זענען בעשטאנען מייס־טענס פון רבנים און לומדים, עהרליכע יודען.

די שיטה פון רבי ר׳ אברהמ׳לע אין לערנען איז געווען מעהר ראציאנעל ווי סכאלאסטיש. דער פלפול איז ביי איהם נישט געווען דער עיקר. א גאנצע וועלט האט זיך צו איהם געווענדעט מיט שאלות וועגן רעליגיעזע ענינים, בעטראכטענ־דיג איהם אלס אַ׳אויטאָריטעט און פוסק אויף דעם תלמודישען געביט.

צו 73 יאָהר איז דער רבי ר׳ אברהמ׳לע נפטר געוואָרען, י״א אדר א׳ תר״ע (1910). זיין חיבור „אגלי־טל", אויף הלכות

שבת, איז ערשינען נאך ביי זיין לעבען. זיין צווייטער חיבור „אבני נזר" (אויף אלע פיער חלקים „שלחן ערוך"), וואס ענטהאלט טויזענדער תשובות, איז ערשינען שוין נאך זיין פטירה.

ביידע חיבורים צייכענען זיך אויס מיט גרו.ס חריפות און בקיאות, מיט שארפזין און זאכליכקייט.

מען דערצעהלט, אז אמאל איז געקומען צום סאכאטשער ווער א קירה'שער (גאליציאנער) חסיד אנשלאגען איהם א שידוך פאר זיינ'ס א זוהן. אבער פריהער האט דער דאזיגער חסיד זיך געוואלט בעקענען מיט'ן חתן־בחור און איהם פערהערען...

דער רבי ר' אברהמ'לע, דערהערענדיג, וואס דער גאליציאנער חסיד פערלאנגט, האט איהם געבעטען, ער זאל פריער איהם עפעס זאגען חידושי תורה, דאן וועט ער איהם לאזען פערהערען זיין זוהן. האט איהם דער שדכן עפעס נאכגעזאגט פון זיינע „אויפטהועכצער". ענטפערט איהם דער רבי, אז דאס איז א„קירה'שע תורה". זאגט איהם דער חס.ד נאך א צווייטען „אויפטהו", פרעגט איהם דער רבי פון וואנען ער האט דאס גענומען. ציהט דאך דער חסיד מיט די פלייצעס און איז אין א גרויס פערלעגענהייט; זאגט איהם ר' אברהמ'לע: דיין קאפ איז צו שואך צו אזא גאונישען אויפטהו, דאס האט נאר געקאנט זאגען אזא גאון, ווי דער פיעטר־קאווער רב ר' ברוך־צבי איז... און ער האט טאקע געטראפען. דער קירה'שער חסיד האט זיך דאן מודה געווען, אז ער האט עס געהערט נאכזאגען פון דעם פיעטריקאווער רב, און ר' אברהמ'עלע האט דעם „פערהערער" באלד משלח געווען אהיים...

דער חתן־בחור איז געווען זיין זוהן ר' שמואל, וועלכער האט שפעטער ממלא־מקום געווען נאך זיין פאטער'ס פטירה. ר' שמואל איז שוין געווען א מעהר רוהיגע נאטור.

אין חכמה און חריפות איז ער נישט אבגעשטאנען פון

זיין גרויסען פאטער. ער איז נפטר געווארען כ"ד טבת תרפ"ח (1928), זייענדיג 70 יאהר אלט (אין אטוואצק).

צוליב די מלחמה־אומשטענדען האט ר' שמואל די לעצטע צייט געוואוינט אין זגיערזש, וואו די חסידים האבען איהם געהאט געקויפט א הויז.

פון ר' שמואל סאכאטשעווער איז ערשינען נאך זיין פטירה דער חיבור „שב משמואל" (אויף תורה).

דער היינטיגער סאכאטשעווער רבי, ר' דוד'ל, וועלכער איז פריהער געווען רב אין ווישעגראד, איז שוין דער דריטער פון דער סאכאטשעווער דינאסטיע. איהם האט אבער געטראפען דער זעלבער גורל, וואס זיין גרויסען זיידען; וואו ער האט נישט געזאלט זיין רב, האט ער אומעטום געהאט אויסצושטעהן גרויסע רדיפות. אזוי אין בענדין, אזוי אין טאמאשאוו, וואו ער האט זיך געמוזט אבזאגען פון כסא הרבנות.

די רעזידענץ פון ר' דוד'ל בארנשטיין איז פאביאניץ, אבער רופען רופט מען איהם ווייטער „סאכאטשעווער רבי".

ביי היינטיגען טאג איז ער איינער פון די אנגעזעהענסטע גוטע יודען אין פוילען.

ר׳ דוד׳ל לעלעווער

א.

דער אפּאָסטאָל און פאַרשפּרייטער פון חסידות אין פּוילען איז געווען דער רבי ר׳ דוד׳ל לעלעווער. ער איז געווען ביי די פרומע יודישע פאָלקס־מאַסען זעהר בעליבט.

זיין שטערען איז אויפגעגאַנגען אין די ערשטע צייטען פון דער חסידישער בעוועגונג אין פּוילען.

ווי די גרעסטע צאָהל חסידישע רביים, איז אויך ר׳ דוד׳ל לעלעווער געווען אַ פאָלקס־קינד.

געבוירען איז ער אין יאָהר תק״ו (1746) אין דאָרף ביאַלע, נעבען דעם שטעדטעל לעלעוו, וואו זיין פאָטער ר׳ שלמה און זיין מוטער רבקה האָבען געהאַלטען די פּאַכט און דערביי אויך צוגעהאַנדעלט.

שוין אַלס קינד האָט זיך ר׳ דוד׳ל איינגעלעבט מיט דער נאַטור. איבער פעלדער און וועלדער פלעגט ער ארומגעהן גאַנצע טעג, און אין וועלדער און פעלדער פלעגט ער אויך אין די שפּעטערדיגע יאָהרען פּראַווען התבודדות...

די נאָהענטקייט צו דער נאַטור האָט אויך אנטוויקעלט אין איהם דאָס געפיהל פון צער־בעלי־חיים. ווען ר׳ דוד׳ל איז שוין געווען אַ שם־דבר אין דער חסידישער וועלט — דערצעהלט מען אין לעלעוו — פלעגט ער ארומגעהן אויף די הויפען און אויפ׳ן

מאָרל און קוים האָט ער בעמערקט, אַז די בעלי־בתים זענען נישט ביי זייער פערד און וואָגען, האָט ער גלייך געבראַכט וואַסער און אָנגעפּאָיעט די פערד און זיי נעגעבען פון וואָגען צו עסען...

אין לעלעוו האָט ר׳דוד׳ל געהאַט אַ געוועלבעל מיט „אַלי־סמאָלי״, וואָס די פּויערים פּלעגען קויפען ביי „נאַש דאַווידעק״ (אַזוי האָבען זיי איהם גערופען). אָבער קוים האָט ער שוין גע־האַט פערדינט אויפ׳ן טאָג להחיות את נפשו, האָט ער באַלד זיין געוועלבעל פאַרמאַכט, זאָגענדיג: „זאָלען אויך די איבעריגע יודען היינט עפּעס פערדינען, זיי ברויכען דאָך אויך צו לעבען״.

און אַזוי לעבט ר׳ דוד׳ל מיט גרויס בטחון זיין פרום, בע־שיידען, דחקות׳דיק לעבען. ער זיצט דערביי אָב שטיקער צייט ביי ר׳ אלימלך פון ליזענסק און דאַן ביים „חוזה״ אין לובלין, לערענט דאָרט תורה לשמה און איז עוסק אין חסידות. ער ווערט דער נושא־כלים פון לובלינער „חוזה״ און וואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָדט צו שטאָדט, פּראָפּאַגירט און פער־שפּרייט דאָס חסידות צווישען די פאָלקס־מאַסען, דערהויפּט — צווישען דאָרפס־לייט.

ר׳ דוד׳ל לעלעווער האָט דעם „יוד הקדוש״, וועלכער איז פריהער געווען אַ גרויסער מתנגד, געמאַכט פאַר אַ חסיד, איהם אונטערגעפיהרט צום „חוזה״ און דאַן זיך מיט איהם משדך געווען. דאַסזעלבע האָט ר׳ דוד׳ל געטהון מיט׳ן רבי׳ן ר׳ בו־נם, וועלכען ער קרוינט דאַן אויך אַלס רבי. דעם מיליטערישען דאָקטאָר חיים־דוד בערנאַרד פון זאַלאָשין האָט ער מחזיר־למוטב געווען, מאַכענדיג איהם פאַר אַ בעל־תשובה אאַז״וו.

ר׳ דוד׳ל לעלעווער בעקעמפט שטאַרק די מתנגדים, אָבער נישט ביד רמה, ווי אַנדערע האָבען דאָס געטהון, נאָר דאָקטאָר חיים־דוד בערנאַרד פון זאַלאָשין האָט ער מחזיר־למוטב מיט תמימות און מיט גרויס עניוות. מיט דער דאָזיגער טאַקטיק האָט ער מאַקע שטאַרק אויסגענומען ביי די מתנגדים. אפילו

ביי אזא גאון־עולם, ווי דער ברית־אברהם", דער פיעטריקאווער רב, איז געווען, האט ער אויסגע'פועל'ט, אז ער זאל מתיר־זיין צו טובל'ען זיך שבת אין א ווארימער מקווה, וואס איז ביי די מתנגדים שטארק פערבאטען געווען...

די חסידישע רביים האבען זיך טאקע שטארק געצאצקעט מיט זייער ר' דוד'ל און ער איז פון זיי געקרוינט געווארען אלס רבי, כאטש ער גופא האט נישט געשוואלט.

כאטש ר' דוד'ל איז געווען כל־ימיו א גרויסער ארימאן, דאך האט ער דעם גרעסטען טייל פון די פדיונות אוועקגעגעבען אויף ארץ־ישראל און זיך נאר אזויפיל איבערגעלאזט, וויפיל ער האט געברויכט אויף אויסצוהאלטען זיין הויז.

אויך אלס רבי האט ער געפירט א זעהר ארים, אסקעטיש לעבען, געפאסט תעניתים און אבגעהאלטען סיגופים.

ר' דוד'לס תלמידים זענען געווען: ר' יצחק'ל ווארקער, ר' שעיה'לע פשעדבאזשער, דער רבי ר' בונם פשיסכער און נאך אנדערע גרויסע צדיקים אין פוילען.

ווען עס זענען אויסגעבראכען די גרויסע היסטארישע מלחמות פון נאפאלעאנ'ען, האט ר' דוד'ל לעלעווער גע'חלומ'ט, אז ס'איז שוין משיח'ס צייטען. ער איז אוועק צום חוזה, צום יוד הקדוש און אפילו צום קאזשעניצער מגיד און מען האט צוזאמען אבגעהאלטען תעניתים, געוואלט משיח'ן אראב־ברענגען.

ב.

אין דער צייט, ווען די פראנצויזען האבען בעזעצט פוילען (1806—7) איז קיין לעלעוו אנגעקומען אנ'אבטיילונג פון דער פראנצויזישער ארמעע. לעלעוו איז דעמאלט נאך געווען א קרייז־שטאדט. אין שטעדטעל האט זיך געהאט פערשפרייט א קלאנג, אז נאפאלעאן גופא געפינט זיך מיט דער דאזיגער ארמעע־אבטיילונג, ווארום דער גענעראל, וואס האט מיט דער אבטיילונג אנגעפיהרט איז ענליך געווען צו נאפאלעאנ'ען.

האָט זיך דער פּראָנצוויזישער גענעראַל שטאַרק גע'חידוש'ט, וואָס די לעלעוועער יודען האָבען דער אָרמער נישט געמאַכט קיין שום קבלת־פּנים, ווי די יודען פּלעגען דאָס טהון אין אַנדערע מקומות אין פּוילען, נישט אַקעגענגעגאַנגען מיט אַ ספר־תורה און אַ חופּה, בעת די קריסטליכע בעפעלקערונג האָט זיי דאָרט יאָ געמאַכט אַ פייערלעכען קבלת־פּנים.

דערוויסענדיג זיך, אַז ר' דוד'ל איז נישט געווען דערפאַר צוליב געוויסע טעמים, איז דער גענעראַל שטאַרק נייגעריג געווען צו זעהן איהם און ער איז צו איהם צוזאַמען מיט זיין יודישען דאָלמעטשער, בכבודו ובעצמו, אַהיימגעגאַנגען. —

איבערראַשענדיג די שוועל פון דעם איינגעהוויקערטען און טיף אין בלאָטע פערזונקענעם הייזעל, וואָס איז געשטאַנען נעבען דער שוהל, האָט דער פּראַנצויזישער גענעראַל דערזעהן, ווי אין דעם קליינעם, אָרימען, פינסטערען שטיבעל, ד' אויף ד', מיט איין קליינעם פענסטער'ל אויפ'ן הויף אַרויס, זיצט ביי אַ טיש אַנ'אַלטיטשקער, אויסגעדאַרטער און איינגעהויקערטער יוד אויף אַ צובראָכען בענקעל און איז פערטיפט אין עפּעס אַ גרויסען ספר, נעבען וועלכען עס ליגט אַ רויטע פאַטשיילע און אַ טאַבאַק־שקעטעלע. דער אַלטער האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזעהן, אַז ס'איז עמיצער אַריינגעקומען.

ערשט ווען דער יודישער אַדיוטאַנט האָט הויך געזאָגט: „גוט מאָרגען אייך, רבי!" — האָט ר' דוד'ל אויפגעהויבען די געדיכטע ברעמען, וואָס האָבען בעדעקט זיינע ברענענדיגע שוואַרצע אויגען, און זעהנדיג, אַז נעבען איהם שטעהט עפּעס איינער אין בלויז גאָלד אָנגעטהון — האָט ער זיך תיכף אויפגעהויבען פון שטוהל, אונטערשפּאַרענדיג זיך ביים טיש מיט זיינע ציטערענדיגע הענד. רעכענענדיג, אַז דאָס מוז זיין טאַקע נאַפּאָלעאָן אַליין, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנד אויפ'ן קאָפּעל, אין וועלכען ער איז געגאַנגען און אויפ'ן קול געזאָגט: „ברוך שחלק מכבודו לבשר ודם" (די ברכה, וואָס אַ

יוד זאגט, ווען ער זעהט א מלך)...

דער פראנצויזישער גענעראל איז זעהר גערירט געווארען, דערזעהענדיג פאר זיך דעם אלטען יודישען רבי. ער איז אויך נשוען גערירט פון דער שעהנער ברכה און, אנשטאט צו מאכען דעם רב א פארוואורף פאר דעם, וואס ער האט נישט דער־לאזט, מען זאל מאכען די פראנצויזען א קבלת־פנים, האט ער נאך איהם, ר' דוד'לען, גענומען בעטען, אז אזוי ווי ער, דער גענעראל, נעהמט אין דער מלחמה אריין, זאל ער איהם געבען א ברכה, אז זיין האר זאל זיגען און דערפאר וועט ער איהם גוט בעלוינען.

ר' דוד'ל לעלעווער האט פערשטאנען די כוונה פון גע־נעראל און געענטפערט, אז ער קאן נאר איהם פערזענליך בענ־שען, אז ער זאל ניצול ווערען פון אלע געפאהרען און אהיים־קומען בשלום צו זיין ווייב און קינדער...

דער גענעראל איז נישט געבליבען צופרידען פון דער דא־זיגער צווייד׳יטיגער ברכה. ער האט דערפון געדרונגען, אז דער רבי בענשט איהם בלויז, געראטעוועט צו ווערען פון דער מלחמה־געפאהר, אבער נישט מיט א נצחון. זעהענדיג אבער די שווא־קייט פון ר' דוד'ל לעלעווער, האט דער גענעראל אויסגעמיטען א לענגערען שמועס מיט איהם און זיך מיט איהם פריינדליך געזעגענט, אוועקלעגענדיג אויפ'ן טיש א גאלדענעם הונדערט־פראנק־שטיק אלס פדיון.

ר' דוד'ל האט אבער געבעטען דעם גענעראל, אז ער זאל די „מטבע" צוריקנעהמען, ער איז נישט נהנה פון אזא געלד. דער העפליכער גענעראל האט אבער דאס געלד געלאזט ליגען אויפ'ן טיש און איז צוזאמען מיט זיין יודישען אדיוטאנט ארויס פון הייזעל, וואו ר' דוד'ל האט געוואוינט.

באלד דערנאך האט דער גענעראל פערלאזט דאס שטעד־טעל, ציהענדיג ווייטער אויפ'ן שלאכט־פעלד. דעם גאנצען וועג האט איהם געגעבערט אין מוח ר' דוד'לס ברכה. וואו ער איז

נישט געשטאַנען און געגאַנגען, איז פאַר זיינע אויגן געשטאַנען די געשטאַלט פונ׳ם אַלטן הייליגן יוד. און אַזוי אַפּט, ווי ער האָט זיך געפונען אין אַ סכנה, האָט ער זיך דערמאָנט אין ר׳ דוד׳לס ברכה און איז פון אַלע געפאַהרען ניצול געוואָרען.

נאָך דער מפלה ביי דער בערעזינא, ווען די פראַנצויזען האָבען געמוזט מאַכען דעם פאַטאַלען צוריק־צוג, און דעם גענעראַלס אַרמעע איז אינגאַנצען אומגעקומען אין פראָסט און אין שניי, האָט דער גענעראַל גופא מיט זיינע האַלב־דערפרוירענע רעשטלעך זיך צוריקגעצויגען אויף דעם זעלבען וועג, אויף וועלכען ער איז אַהינגעגאַנגען, און טאַקע אויך אָבגעטרעטען צוריקגעוועגס אין לעלעוו, וועלענדיג זיך זעהן מיט׳ן אַלטען געט־ליכען מענש, וואָס האָט פריהער איינגעזעהן מיט׳ן רוח־הקודש, אַז זיין האַר, נאַפּאָלעאָן, וועט נישט בעזיגען רוסלאַנד, און האָט דעריבער נאָר איהם אַליין געבענשט, נישט גלויבענדיג אין אַנ׳אַלגעמיינעם נצחון פון די פראַנצויזען. אָבער צו זיין גרויס בעדויערן, האָט מען איהם מער שוין נישט צוגעלאָזט צו ר׳ דוד׳ל לעלעווער. ער איז דעמאָלט געווען געפעהרליך קראַנק.

דער גענעראַל האָט זיך פשוט צעוויינט אויפ׳ן קול, דער־הערענדיג, אַז ר׳ דוד׳ל, זיין מושיע, איז אַזוי שווער קראַנק. אָבער ער האָט געמוזט ווי אַמגיכסטען די שטאָדט פערלאָזען, וועיל די רוסען האָבען נאָכגעיאָגט די פראַנצויזען מיט׳ן גאַנצען אימפעט. —

ווען מען האָט ר׳ דוד׳לען דערצעהלט, אַז ס׳איז ווידער געווען דער פראַנצויזישער גענעראַל, האָט ער צו זיינע מקורבים געזאָגט: וואָס האָט ער געוואָלט, דער פראַנצויז, מנצח זיין רוסלאַנד? זאָל ער דאַנקען גאָט, אַז ער האָט בעוויזען צו ראַ־טעווען זיין אייגען לעבען...

וועגען ר׳ דוד׳לס בעגעגעניש מיט דעם פראַנצויזישען גענעראַל איז אויך פאַרהאַן אַ צווייטע ווערסיע:

ווען די פראַנצויזען האָבען געהאַט בעזעצט פוילען און

אלע ותּנען זענען געווען פאַר־לענגט מיט זעלנער און טאַבאַרען, האָט זיך ר׳ דוד׳ל לעלעווער איינגעשטעלט ממש דאָס לעבען און איז געלאָפען קיין לובלין צום חוזה. אויפ׳ן וועג האָבען איהם די פראַנצויזען פערהאַלטען און געפיהרט צום גענעראַל, זייענדיג חושד, אז ער איז אַ שפּיאָן.

אָבער ווען דער גענעראַל האָט אויף ר׳ דוד׳לען דעם ערשטען קוק געטהון, איז ער בעגייסטערט געוואָרען פון זיין הדרת־פּנים און, דערווייסענדיג זיך, אז ער איז אַ הייליגער מענש, האָט דער גענעראַל ביי איהם געבעטען אַ ברכה. ר׳ דוד׳ל האָט איהם טאַקע געבענשט, אז ער זאָל געזונד אהיימקומען צו זיין ווייב און קינדער, און דער גענעראַל האָט איהם מיט גרוים כבוד אָבגעשיקט צוריק אהיים...

ג.

ר׳ דוד׳ל לעלעווער איז נפטר געוואָרען ז׳ שבט תקע״ד (1814) אַ יאָהר פריער פון חוזה און קאָזשעניצער מגיד, איז עלטער פון 68 יאָהר.

פון זיינע דריי זיהן: ר׳ משה׳ל, ר׳ אביגדור און ר׳ נחמיה, איז דער עלטסטער ר׳ משה׳ל, דער איידעם פון יוד „הקדוש" און רב אין פּשעדבאָרז, געוואָרען דער ממלא מקומו.

דער גאַנצער עולם, וואָס איז פריהער געפאָהרען צו ר׳ דוד׳לען, האָט גענומען פאָהרען צו ר׳ משה׳לען. ר׳ משה׳לע האָט נישט גערוהט אַ גאַנצען טאָג פון דאַווענען און לערנען. ער איז אויך געווען אַ גרויסער עניו. שטרעבענדיג צו שטאַרבען אין ארץ־ישראל, האָט ער, אין עלטער פון 72 יאָהר, פערלאָזט לעלעוו און זיינע חסידים און זיך בעזעצט אין ירושלים.

דאָרט האָט ער איינגאַנצען געלעבט 72 טעג (חסידים זאָגען כנגד זיינע 72 יאָהר) און איז באַלד נפטר געוואָרען.

דער עולם האָט זיך באַלד נאָך זיין אוועקפאָהרען איבער־געטראָגען צום „תפארת שלמה" אין ראַדאָמסק, אַזוי האָט ר׳

משה'ל זיי געהייסען טהון, בעת זיי האבען איהם געפרעגט מיט טרערען אין די אויגען, וואס זיי זאלן טהון איצט, ווען ער פערלאזט זיי...

מיט איהם האט זיך שוין די לעלעווער דינאסטיע געענ־דיגט. ס'האט שוין מעהר קיינער נישט פרעטענדירט אויף דער „לעלעווער קרוין"...

אבער צו ר' דוד'לס קבר, וואס איז איינגעהילט אין א בארג קוויטלעך און ארומגענומען מיט א ווייסער מויער, פאהרט נאך ביז היינט צום יאהרצייט א גרויסער עולם (ז' שבט) פון דער גאנצער אומגעגענד מתפלל־זיין און אויסבעטען זיך ביי איהם ישועות ונחמות...

דער ביאלער רבי, ר׳ בעריש

דער רבי ר׳ בעריש פון ביאלע איז געווען איינער פון די פיר צעראָטעגע זיהן פון דעם מתנגד׳אישען רבי ר׳ אברהמ׳ל פון טשעכאַנאָוו, וועלכער איז נפטר געוואָרען ה׳ אדר תרל״ה.

און כאָטש צו ר׳ אברהמ׳ל טשעכאַנאָווער איז געפאָהרען א גרויסער עולם חסידים און לומדים, דאָך זענען זיינע זיהן געווען מקורבים פון פרעמדע רביים, וואָס זייער גרויסער פאָטער האָט עס נישט געקענט משיג זיין...

אזוי איז זיין זוהן ר׳ וואָלף סטריקאָווער געווען א פערברענטער קאָצקער, דער רבי ר׳ בעריש — א שטאַרקער מקורב פון ר׳ איציק׳ל וואָרקער א. א. וו.

ווען ר׳ איציק׳ל וואָרקער איז נפטר געוואָרען, האָט א גרויסער עולם געוואָלט קרוינען ר׳ בעריש׳ן אלס זיין ממלא מקומו, אָבער ער האָט זיך מיט אלע כחות נעגען דעם געוועהרט און געהייסען ר׳ איציק׳עלס זוהן, ר׳ מענדעלע׳ן, צו בעשטימען אלס רבי אויף זיין פאָטער׳ס אָרט.

דער עולם האָט טאַקע געטהון ווי ר׳ בעריש ביאַלער האָט געהייסען. און ער אליין איז געבליבען טריי דעם וואָרקער הויף אזוי לאַנג, ווי ר׳ מענדעלע האָט געלעבט.

ר׳ בעריש פלעגט אָבזיצען מיט ר׳ מענדעלע׳ן גאַנצע טעג און מיט איהם עוסק זיין אין חסידות און סתם הויכע זאַכען. ביי

די שמועסען האָט מען קיינעם נישט צוגעלאָזט, און ווען ר' בעריש פלעגט פערלאָזען דאָס יחוד־שטיבעל פון ר' מענדעלע, איז ער געווען פלאַם פייער, פול מיט התלהבות.

זיי פלעגען צוזאַמען פאָהרען, צוזאַמען עסען, צוזאַמען זיך משמח זיין. די חסידים פלעגען דעריבער טאַקע זאָגען, אַז דער וואָרקער און ביאַלער זענען איין נשמה אין צוויי קערפּער'ס.

מען דערצעהלט, אַז אַמאָל פּורים אין דער סעודה־נאַכט זענען די צוויי גרויסע יודען געזעסען צוזאַמען אין התבודדות־שטיבעל ביים טיש, שעה'ן לאַנג זיך אָנגעקוקט און קיין וואָרט פון זייער מויל נישט אַרויסגעלאָזט. אַפּטמאָל האָבען זיי זיך אויפגעשטעלט און אַרומגענומען, אַריינטאַנצענדיג צום עולם, וועל־כער האָט שוין אויף זיי געוואַרט, און שעה.ן לאַנג מיט דעם עולם געטאַנצט און געזונגען...

און ווען ר' מענדעלע וואָרקער איז נפטר געוואָרען (תרכ"ה) איז דורכ'ן עולם געוואָרען געקרוינט נאָכאַמאָל אונזער ר' בעריש ביאַלער. דאָס מאָל האָט ער שוין דעם עולם צוליב־געטהון און איז געוואָרען רבי ביים לעבען פון זיין פאָטער ר' אברהם'לע טשעכאַנאָווער...

דער רבי ר' יחיאל פון אַלעקסאַנדער, ר' שמעו'לע סקיערניעװיצער און אַנדערע גרויסע רבנים זענען געוואָרען שטענדיגע יושבים ביים רבי'ן ר' בעריש ביאַלער.

דער רבי ר' בעריש איז געווען אַן אָריגינעלער טיפּ.

ער איז געווען אַ גרויסער למדן, דער רבי ר' בעריש ביאַלער. האָט זיך אויך אונטערשיידעט פון די אַנדערע פּוילישע גוטע יודען מיט דעם, וואָס ער פלעגט דאַווענען „השכמה" נישט אויסער־וועניג נאָר פון די ארי־הקדוש'ס סידור און די גאַנצע צייט פון דאַווענען פלעגט ער נישט אַרויסקוקען פון דעם סידור.

מערקווירדיג איז דאָס, וואָס דער רבי ר' בעריש ביאַלער האָט נאָך זיין גרויסען פאָטער'ס פּטירה נישט געזאָגט קדיש נאָרמאַל, נאָר מיט גרויסע אונטערברעכונגען...

דערפאר איז ער געזעסן יומם ולילה און געלערנט שיעור מיט יונגעלייט. קוים האט א חסיד איבערגעטרעטן זיין שוועל, האט ער באלד איהם נעפרעגט, וואס ער האט געלערנט און וואס ער האט אין לערנען מחדש געווען. און ווען ס'איז דעם רבי'ן גע־פעלען דער „חידוש" פון זיין חסיד, האט ער איהם ערשט דאן געגעבן שלום.

נישט אלע חסידים האבן זיך געקענט ענטשליסן דורכצו־געהן אזא שווערע פראצעדור און ביישטעהן דעם נסיון. דעריבער האבן זיך טאקע ארום דעם ביאלער גרופירט בלויז לומדים.

ביי ר' בעריש'ן האט מען אבער אויך ליב געהאט א ביסעל משקה, וואס מען האט אויך נישט פיינד געהאט אין ווארקע. אגב, דער פאטער זיינער, ר' אברהמ'לע טשעכאנאווער, האט א גאנץ יאהר נישט אריינגענומען אין זיין מויל קיין טראפען בראנפען, צוליב דעם, וואס די גמרא זאגט, בשלשה דברים ניכר אדם, ביי דריי זאכען קאן מען א מענשען דערקענען: בכוסו, בכיסו ובכעסו, ביים טרינקען, ביי געלד און אין כעס. פון די אלע דריי שלעכטע מידות איז ער, דער טשעכאנאווער צדיק, געווען אבגעהיט.

בלויז פורים ביי דער סעודה האט דער טשעכאנאווער זיך אנגעגאסען זיין זילבערנעם קידוש־בעכער מיט בראנפען און מיט גרויס כונה און מיט א געהויבענער שטים געזאגט: „הרינו מוכן ומזומן לקיים מצות־עשה מדברי סופרים, חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן וברוך מרדכי, לשם יחוד קב"ה ושכינתי' וכו' מאבענדיג דאן א „שהכל", האט ער אויסגעטרונקען דאס גרוב כוס און אזוי לאנג געזונגען, ביז ער איז איינגעשלאפען געווארען..

דער זוהן זיינער ר' בעריש האט געמוזט יעדען טאג, איידער ער האט זיך געזעצט לערנען דעם שיעור זיך מאכען קוראזש מיט א ברייטען „לחיים"...

מען דערצעהלט, אז אנומעלט האבן טשעכאנאווער חסידים פער'מסר'ט ר' בעריש'ן פאר זיין פאטער, אז ער איז מבטל פון

לערנען צוליב די „סידורשים", וואס מען מאכט ביי איהם זעהר אפט.

האט דער טשעכאנאווער תיכף ארויסגעשיקט א שליח מיוחד צו ר׳ בעריש׳ן אז ער זאל תיכף קומען צו איהם וועגן א וויכטיגען ענין, מיט דעם מיין, אז ער וועט איהם דערפאר אויס׳מוסר׳ן...

ס׳איז אבער געווען אנדערש. שמועסענדיג מיט איהם אין לערנען האט דער טשעכאנאווער געהייסען דער רבי׳צין, אז זי זאל מכבד זיין דעם זוהן מיט בראנפען און געבען איהם א צוביים א געבראטען לעבער׳ל, זאגענדיג דערביי צו איהר: אונזער בעריש׳ל געהט, חלילה, נישט ארום פועל־בטל... און ער האט זיך מאקע ווארים, פאטערליך געזעגענט...

די חסידישע לעגענדע דערצעהלט אויך, אז אויף דער חתונה פון ר׳ מענדעלע וואָרקער׳ס א זוהן האבעןביידע ברידער, דער וואָרקער און דער אמשינאווער, געטאנצט דאס מצוה־טענצעל, דערביי האט דער אמשינאווער ארומגענומען מיט דער האנד דעם וואָרקער. האט דאס שטארק פערדראסען דעם רבי ר׳ בעריש און ער האט, שרייענדיג צום אמשינאווער: „דרך ארץ!", מיט כח אראבגענומען דעם אמשינאווער׳ס האנד פון ר׳ מענדעלע׳ס אקסעל. אין דעם מאמענט איז ר׳ בעריש׳ן אויפ׳ן ארט די רעכטע האנד פאראליזירט געווארען...

די אמשינאווער האבען עס אויסגעטייטשט, אז בעריש איז גענש געווארען פון הימעל פאר׳ן מבייש זיין דעם אמשינאווער.

דער דאזיגער פאראליזש האט ר׳ בעריש׳ן מקצר־ימים געווען און ער איז אין עלטער פון 56 יאהר נסתלק געווארען כ״ה סיון תרל״ו, א יאהר נאך זיין פאטער׳ס פטירה.

דער היינטיגער זגיערזשער רבי, דער רבי ר׳ מענדעלע איז געווארען דער ממלא מקום נאך זיין פאטער.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך אויך דערמאהנען א מעשה, וואס האט פאסירט מיט אנ׳איינקעל פון ר׳ אברהמ׳על׳ע טשעכאנאווער. די מעשה איז פערשריבען געווען אין חברה קדישא

פנקס פון שטעדטעל ראספשע נעבען פיעטריקאוו. דער פנקס איז פערברענט געווארען בעת דער גרויסער שרפה ערב ראש־השנה תרפ״ח (1928).

דארט (זייט מ״ב) איז געווען פערשריבען פאלגענדעס:

הרב החריף מו״ה חיים מענדעל, דער זוהן פון הרב הגאון המנוח פון טשעכאנאוו, איז געווארען אויפגענומען אלס רב אין ראספשע.

האבען איהם זיינע געגנער, א פאטער מיט א זוהן אבגע׳מסר׳ט פאר דעם פאוויאטאווע נאטשעלניק אין פיעטריקאוו, אז ער איז א פריינד פון די פאליאקען און אנ׳אנהענגער פון פוילישען „בונט״ געגען דעם רוסישען מלכות.

נאכדעם ווי דער דאזיגער נאטשעלניק האט דורכגעפיהרט א חקירה־ודרישה און די צוויי יודען האבען בעשטעטיגט זייער מסירה, איז דער רב געווארען פעראורטיילט צו פערלאזען ראספשע.

אזוי ווי יענע מוסרים האבען אויך אין איינוועגס אבגע׳מסר׳ט די דאזארעס, אז זיי זענען יד־אחת מיט דעם רב, זענען זיי דער־פאר מיט דער הסכמה פון דער גאנצער חברה קדישא אויף אייביג אויסגעשלאסען געווארען פון דער חברה, צו וועלכער זיי האבען אויך אנגעהערט, מיט דער בעמערקונג, אז ווען ס׳וועט קומען זייער „צייט״, זאל מען געדענקען ווי זיך מיט זיי נוהג צו זיין.

ר׳ חיים מענדעל לאנדוי האט טאקע באלד פערלאזט דאס ראספישער כסא־הרבנות, אבער נאכ׳ן פערטרייבען איהם איז דאס גאנצע שטעדטעל אבגעברענט געווארען.

דער עולם האט דאס אומגליק בעטראכט אלס עונש פאר דעם מבייש זיין דעם רב...

די ראדאמסקער דינאסטיע

א.

די ראדאמסקער דינאסטיע מיט דעם „תפארת שלמה" אין איר שפיץ, איז אזוי אלט ווי די יודישע קהלה אין ראדאמסק, קיים הונדערט יאהר.

יודען האבען נישט געטארט וואוינען אין ראדאמסק, אזא פריווילעגיע האט אויך די שטאדט געהאט פון קעניג וולאדיסלאוו דעם פיערטען פון יאהר 1643, וואס איז חל געווען יורידיש ביז דעם יאהר 1862. האבען זיך די יודען בעזעצט אויף די פעלדער ארום דער שטאדט, בעזונדערס האט זיך געשאפען א „תחום-מושב" פון יודען אויף דעם בוגאי, וואס איז געווען א פארשטאדט אבגעטיילט פון „מקום" דורך א טויער מיט א שלאבאן ביי דער בריק.

די ערשטע יודישע איינוואוינער זענען בעשטאנען פון צוגערייזטע פון דער ארימער געגענד. דאן האט די רוסישע מאכט אהערגעשיקט אויף סטאלע „פאביט" יודען פאר פערשידענע פערברעכענס, וועלכע האבען געמוזט אין „תחום המושב" וואוינען.

ערשט אין יאהר 1832 האבען זיך די דארטיגע יודען, וואס האבען פריהער אנגעהערט צו דער קהלה אין פשעדבאזש, אויסגעפועלט ביי דער אדמיניסטראטיווע מאכט, א זעלבסט-

שטענדיגע קהלה מיט אַנ'איינגענעם בית־החיים. ביז דעמאָלט פלעגען די ראַדאָמסקער יודען קובר זיין זייערע מתים אין סולמיערזשיץ.

אין יאָהר 1834 האָבען זיי פערבעטען אַלס מרא־דאתרא דעם רבי ר' שלמה'לע פון וולאָשטשאָווע, ר' הירש וולאָשטשאָ־ווער'ס זוהן. ער איז געווען דער ערשטער רב אין ראַדאָמסק און האָט בעקומען גאַנצע פופצעהן גילדען (6 רובעל) אַ וואָך פענסיע.

אין רבנות־בריף האָט זיך ר' שלמה'לע אויסגע־רעדט מיט די בעלי־בתים, אַז זיין גיטעלע, די רבי'צין, זאָל מעגען אויך האַנדלען און האָבען אַ קלייט. ער האָט נישט גע־וואָלט זיין אָבהענגיג אין גאַנצען פון די בעלי־בתים זיינע...

אין וולאָשטשאָווע האָט די רבי'צין אויך געהאַט אַ קליי־טעל, אָבער נישט האָבענדיג קיין גרויס הצלחה אין האַנדעל, האָט ר' מאיר'ל אַפּטער און דער „מאַגילניצער" צוגערעדט ר' שלמה'לען, אַז ער זאָל אָננעמען אין ראַדאָמסק דאָס כסא הרבנות, כאָטש די שטאָדט איז געווען קליין.

און די רבי'צין האָט זיך געעפענט אין ראַדאָמסק אַ שניט־געוועלב צוהעלפענדיג דעם מאַן, דעם רב, אין דער פרנסה, אָבער די ראַדאָמסקער האָט נישט געשמעקט דער רבי'צינס קאָנקורענץ...

פאַר דער צייט פון ר' שלמה'לען, דער מחבר פון „תפארת שלמה", אַ ספר אויף תורה, איז ראַדאָמסק געוואַקסען הן אין אַנזעהן און רייכטום הן אין יודען. אָבער דער „תפארת שלמה" איז נישט שטאַרק צופרידען געווען פון זיינע בעלי־בתים. זיי־ענדיג אָבער שטאַרק אָנגעזעהן אין די לומדישע און תלמודישע קרייזען, האָבען איהם די רביים געקרוינט אַלס רבי און דערפון אָנגעהויבען ציהען חיונה פאַר זיין הויזגעזונד.

דער „חידושי הרי"ם", ר' חיים צאַנזער און נאָך אַזעלכע גדולים, האָבען איהם שטאַרק מחזיק געווען, און ר' משה לע־

לעווער האט פאר זיין אבפאהרען קיין ארץ־ישראל, גערייסען זיין עולם פאהרען קיין ראדאמסק.

תחילת האט אויך דער „תפארת שלמה" געהאט א סך אויסצושטעהן פון די „קאצקער" פון ר' דוד'לעס חדר, אבער באלד זענען זיינע גרעסטע מתנגדים און שונאים געווארען זיינע בעסטע פריינד און אנהענגער'ס. דער „תפארת שלמה" האט זיך אלע מנצח געווען מיט זיין גרויס צדקות, לומדות און חסידות.

דער גרויסער פוילישער גאון, דער „חידושי הרי"ם, האט זיך שטארק גע'חבר'ט מיט דעם „תפארת שלמה". ער פלעגט זיין עולם שיקען צו איהם על כל צרה שלא תבא, אז דער „תפארת שלמה זאל מיט זיינע תפילות אויספועל'ן אין הימעל ישועות און נחמות פאר יודען...

ב.

ער „תפארת שלמה" האט שוין אלס בחור, לערנענדיג אין דער פיעטריקאווער ישיבה, שטארק גע'שמ'ט אלס גרויסער עילוי. צו דרייצעהן יאהר האט ער שוין געקענט אויסענווענינג דעם גאנצען „אורים ותומים" פון ר' יהונתן אייבעשיץ און אליין געשריבען „חידושים".

ער פלעגט זיך אבער אויך שטארק פערטיפען אין די קבלה־ספרים ביינאכט ווען ער איז פערבליבען ביחידות אין בית־המדרש און עוסק זיין אין חסידות.

מאכט זיך א מעשה: שטעהענדיג אמאל אזוי פערטיפט ביים פענסטער פון דער מזרח־זואנד פון בית־המדרש, וואס געהט ארויס צום אלטען בית־החיים און לערנענדיג זוהר, האט זיך איהם שטארק פערבענקט און עס איז איהם געווארען קאלא־מוטנע אויפ'ן הארץ. האט דער „תפארת שלמה" ארויסגענומען דעם שופר פון בעלעמער און אנגעהויבען בלאזען כסדר „תקיעות".

מויזענדער מענשען פלעגען בעלאגערען זיין בית־המדרש

אין ראדאמסק, זובענדיג ביי איהם הילף, און דער „תפארת שלמה” פלעגט זיך אויף יעדען שטארק אנ'כעס'ן און טייל־מאהל זאגאר מיט די הענט אבשטופען פון זיך דעם עולם און זיי געשאלטען, האט דער עולם געשטורעמט זיינע מיהרען און זיינע קללות האבען חסידים געהאלטען פאר ברכות, און מיט זיינע קלעפ האט ער אראבגענומען גזירות, וואס זענען געהאנ־גען איבער די קעפ און מען איז טאקע געהאלפען געווארען.

פלוצלונג דערזעהט ער — אזוי ווערט דערציילט — ווי מתים אין די תכריכים בעלאגערען דאס פענסטער, וואו ער איז געשטאנען און שרייען צו איהם, צי דאס איז שוין דער קול־שופר פון משיח'ן און פון תחית המתים. האט זיך דער „תפארת שלמה” פון דעם חזיון שטארק דערשראקען און אוועק־ווארפענדיג דעם שופר האט ער תיכף פערלאזט דאס בית־המדרש און געלאפען וואו די אויגען האבען איהם געטראגען. און די מתים האבען, נעבעך, געמוזט צוריקגיין אין זייער רוה אריין.

דער „ברית אברהם”, ביי וועלכען ער האט געלערנט, האט איהם שטארק אנגעמוסר'ט דערפאר, וואס ער גיט זיך אב מיט חסידות, אנשטאט מיט תלמוד און מפרשים.

אבער דער „תפארת שלמה” איז זיך ווייטער געגאנגען זיין אויסגעטרטענעם וועג און ווען ער איז רבי געווארען האט ער — דערצעהלען די חסידים — ממש מחיה־מתים געווען און אנדערע גרויסע מופתים געוויזען.

נישט וועניג האט געהאט דער „תפארת שלמה” צו איבער־טראגען אין דער צייט פון אויפשטאנד אין יאהר 1863.

די יודען האבען זיך געפונען צווישען צוויי פייערן, וואס א מינוט זענען געקומען אנדערע מענשען צו לויפען און האבען ביים רבי'ן מרעיש עולם געווען. דא האבען די קאזאקען געכאפט א יוד און געפיהרט צו דער תליה, דא ווילען די פאוק־סטאנצעס א יוד אויפהענגען אהן א פארוואס א.א.וו. א.א.וו.

און דער „תפארת שלמה" האט א סך אבגעראטעוועט פון טויט.

און ווען די פאוסטאנצעס האבן פערנומען אין פלאונע דעם דארטיגען יודישען גוטס - בעזיצער, האבן די קרובים געמאכט אין רבי'נס בית־מדרש א גרויסען רעש און נישט געוואלט פון דארט אבטרעטען.

האט זיך דער „תפארת שלמה" אויך אויף זיי שטארק אנגעבייזערט, ווי זיין טבע איז שוין געווען, און געהייסען זיי אהיימפאהרען, ווארום עס וועט נאר אויסגעהען צו געלד און דאס געלד וועט נישט זיין פערפאלען.

האבען די קינדער געהארכט דעם רבי'ן און אויסגעקויפט זייער פאטער פאר 8 טויזענד רובל.

דער פריץ, וואס האט אנגעפיהרט מיט דער דאזיגער גרופע פאוסטאנצעס, דערוויסענדיג זיך, אז דאס געלד האט געהייסען געבען דער ראדאמסקער „פראראק", וועלכען ער האט געקענט און נישט איינמאל זיך ביי איהם אויך מזכיר געווען דורך זיין יודישען פאכטער, האט ער דאס געלד ניט איבערגעגעבען דעם רעוואלוציאנערען קאמיטעט, נאר ער האט עס אריינגעלעגט אין א קאנווערט און פערקלעבט. דאן האט ער אנגעשריבען פון וועמען ער האט דאס געלד ערהאלטען און וויפיעל דא ליגט און עס בעהאלטען ביי זיך אין דער היים אין א שופלאד לזכרון.

פלוצים איז בעפאלען דעם פריץ'ס וואוינונג דער גענעראל ברעמזען, וואס האט אין יענער געגענד אפערירט מיט דעם גענעראל וואגנער'ס קאזאקען, און מאכענדיג דארט א רעוויזיע האט ער געפונען די קאנווערט מיט דעם געלד און אויפשריפט.

דער גענעראל ברעמזען האט תיכף געהייסען צו זיך ברענגען דעם יודישען גוט־בעזיצער פון פלאונע, וואס האט פיגורירט אויף דעם קאנווערט.

איז מען ווידער געלאפען קיין ראדאמסק, און דער „תפארת שלמה" כעס'ט זיך ווידער אויף די קינדער און הייסט זיי תיכף

זיך לאָזען צום גענעראל אָבנעהמען דאָס געלד.

דער גענעראל, דערוויסענדיג זיך, אז דאָס געלד האָט דער רבי געהייסען געבען די פּאָוסטאַנצעס דערמיט אויסצולייזען דעם פאָטער זייערען, און נישט־וועלענדיג זיך איינרייסען מיט דעם רבי'ן, ווענען וועלכען ער האָט זיך אַ סך אָנגעהערט, האָט בעפרייט דעם פּלאָוונער גביר און איהם צוריקגעגעבען דאָס גאַנצע געלד.

דערמיט האָט זיך פערווירקליכט דעם „תפארת־שלמה'ס" צוזאָג...

ב.

אין ראדאָמסק גופא האָט זיך דער „תפארת שלמה" אויך שטארק פעראינטערעסירט מיט דער היימישער בעפעלקערונג. האָט מען געברויכט יודען אויסלייזען פון די זעלנער איז ער גע־גאַנגען מיט ר' טוביה זיין גבאי מבית לבית צונויפצונעהמען געלד אויף פדיון שבויים און ווינטער ווידער אויף האָלץ פאַר די אָרימע. אויף פסח — קמחא דפסחא, פאַר אָרימע קראַנקע א. אז. וו.

אָבער דער „תפארת שלמה" האָט זיך אַקעגענגעשטעלט יע־דע, וואָס זאָל נישט זיין גייאיגקייט, וואָס איז אויפגעקומען ביי יודען אין דער שטאָדט, אפילו אין דער מאָדע פון דער דאמען־וועלט האָט ער זיך געמישט און געשטערט מיט זיין גאַנצער ענערגיע און כעס...

ער האָט גע'אסר'ט און מחרים געווען די „מאָדע" פון די „קרינאָלינעס", וואָס זענען אויפגעקומען אין יאָהר 1862, אז די יודישע פרויען זאָלען עס נישט טראָגען. און ווען ס'האָט זיך א גבירישע ווייבעל אין ראדאָמסק, נישט קוקענדיג אויף דעם רבי'נס איסור, ערלויבט צו בעווייזען זיך אין דער גאַס אין אַ „קרינאָלינע", האָט איהר שוין דאָן קיין צרות נישט געפעהלט— דער „תפארת שלמה" האָט זי אין אמת'ן פערשאָלטען און ס'איז אויך מקוים געוואָרען. די קינדער זענען געמוזעלבען יאָהר רחמנא

לצלן אוועקגעשטאַרבען, אַזוי ווערט דערצעהלט אין די חסידישע מעשה־ביכלעך. ועגען דער מחלוקה, וואָס ער האָט געהאַט מיט דעם ראַדאָמסקער פּראָפּינאַטאָר, איז דאָך אַ בעוואוסטע זאַך. דער „תפארת שלמה" איז בכבודו ובעצמו צו איהם געגאַנגען ווע־גען אַ נדבה אויף פּדיון שבויים, האָט דער פּראָפּינאַטאָר גישט געוואָלט געבען אַזוי פיל, וויפיל דער רבי האָט זיך געהייסען פון איהם געבען און דעריבער האָט ער דאָס געלד נישט געוואָלט נעהמען. האָט דער פּראָפּינאַטאָר געדראָהט דעם „תפארת שלמה", אַז ער וועט איהם מסר'ן, אַז ער בעפרייט יודען פון מיליטער. מעהר האָט ער נישט געברויכט. ביים פּראָפּינאַטאָר, וואָס איז געווען אַ גרויסער גביר, האָט מען שפּעטער אַוועקגענומען די פּראָפּינאַציע, ווייל יודען האָבען איהם באָיקאָטירט און ער איז געוואָרען אַ פּשוט'ער בעטלער. דער רבי האָט איהם פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט מוחל זיין דאָס דראָהען מיט מסירה. ער האָט נישט געהאַלטען פון דעם, אַז דער גרעסטער העלד איז דער, וואָס קאָן מוחל זיין...

בכלל האָט דער „תפארת שלמה" געטראָגען אַ בייז הארץ אויף די אַזוי־גערופענע ראַדאָמסקער „פּאָביטניקעס" און אויף דער „הפקר־שטאָדט".

ער האָט די שנאה מיטגענומען אין זיין קבר אריין.

דער „תפארת שלמה" איז נפטר געוואָרען ערב ראש חודש ניסן תרכ"ו (1866) אין עלטער פון 63 יאָהר (געבוירען אין וולאָשטשאָווע אין יאָהר תקס"ג), זייענדיג 32 יאָהר מרא דאתרא אין ראַדאָמסק.

אַכט טעג פריהער (מוצאי שבת כ"ג אדר) איז נפטר גע־וואָרען דער „חדושי הרי"ם", זאָגענדיג פאַר'ן טויט, אַז פרייטאָג וועט מען האָבען אין הימעל אַ טייערען „בעל תפילה" צו קבלת שבת. דאָס האָט ער געמיינט דערמיט דעם „תפארת שלמה", וועלכער איז געווען אויך אַ גרויסער בעל מנגן. אַ צווייטע ווער־סיע דערצעהלט, אַז געוואָהר ווערענדיג, אַז דער „חדושי הרי"ם"

איז נפטר געוואָרען, האָט דער „תפארת שלמה" געזאָלט זאָגען פערלעגענדיג די הענד, אז לכבוד דעם גאסט וועט מען אודאי מיך ארויפבעטען מקבל שבת זיין אין הימעל. אין א האלבער שעה נאָכדעם איז דער גרויסער „כהן לאל עליון" נסתלק געוואָרען.

פון זיינע זעקס זיהן האָט ממלא מקומו געווען דער גרויסער מעורב בין תבריות דער רבי ר' אברהמ'על („חסד אברהם"), וועלכער איז אויך שטארק געשעצט געוואָרען פון אלע. ער איז נפטר געוואָרען י"ג אלול תרנ"א (1891). זיין זוהן ר' יחזקאלע, דער אזוי־גערופענער „כנסת יחזקאל", וועלכער האָט גע'ירשנ'ט דאָס כסא הרבנות נאָך זיין גרויסען פאָטער, איז געשטאָרבען יונגערהייד (ח"י חשון תרע"א — 1911).

אין איין אוהל זענען זיי אַלע, די דריי דורות, צו קבורה געקומען. דערנעבען וויטער געפינט זיך דאָס קבר פון דער רבי'צין גיטעלע, דעם „תפארת שלמה'ס" ווייב. זי איז געשטאָרבען כ' אלול תרנ"ב אין עלטער פון 92 יאָהר. זי האָט געפאסט יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג.

מען דערצעהלט, אז אייגמאָל איז גיטעלע די רבי'צין ס'ראנק געוואָרען נאָך בחייו פון „תפארת שלמה", האָט ער מתפלל געווען פאַר איהר געזונד, זאָגענדיג: „רבונו של עולם, אזוי פיל פריצים האָבען גרויסע „גיטער" און דו לאָזט זיי צו־רוה, און איך האָב נאָר א קליין „גיטעלע" לאָז זי אויך צורוהה"; און מיט דער דאָזיגער תפילה האָט דער „תפארת שלמה" אויס־געבעטען פאַר זיין ווייב אריכת ימים, זי האָט נישט מעהר גע־קרענקט זינט דאמאָלס...

און פון דער דאָזיגער צדיקות איז ארויסגעגאנגען א גרויס דור פון רבנים און רביים אין פוילען. און דער היינטיגער ראַ־דאָמסקער רבי ר' שלמה'לע ראבינאָוויטש אין סאָסנאָוויצע איז שוין דער פיערטער דור פון דער „ראדאָמסקער דינאסטיע", וועלכע ווערט בעטראכט אלס די דריטע אָנגעזעהענסטע פון די

היינטיגע רבי׳שע דינאַסטיעס אין פּוילען (גער, אַלעקסאַנדער און ראַדאָמסק).

דער רבי ר׳ שלמה׳לע, א מיליאָנער, איז מחזיק עטליכע ישיבות אין פּוילען מיט זיין געלד און איז אויך א גרויסער מכנים אורח. די געשעפטען טראָגען דערויף...

פון די פיל לעגענדעס, מיט וועלכע די חסידישע וועלט האָט געקרוינט די „ראַדאָמסקער דינאַסטיע" וויל איך נאָר פאָלגענדעס איבערגעבען:

דער „תפארת שלמה" פלעגט פאָהרען צו דער יאָהרצייט פון דעם רבי ר׳ אלימלך קיין ליזענסק. און אַזוי ווי ער איז געווען א כהן, האָט ער זיך שטענדיג אַבגעשטעלט אויף א שטיקעל פעלד נעבען בית-עלמין. וואָס האָט זיך געפונען געגענאיבער דעם הייליגען קבר און דאָרט לערנען און מתפלל זיין. דער פויער, צו וועמען דאָס שטיקעל ערד האָט אָנגעהערט, האָט געהאַלטען פאַר א זכיה, אַז זיין פעלד ווערט געבענשט פון אַזא פרומען און געטליכען מאַן, פאַר וועלכען ער האָט גרויס דרך-ארץ געהאַט.

האָט דער פויער דעריבער דאָס שטיקעל פעלד נישט מעהר פעראַקערט און פערזייהט, אַזוי הייליג האָט ער עס געהאַלטען. אָבער אויף דעם פעלד זענען אַרויסגעוואַקסען עטליכע נוס-בוימער, אונטער וועמענס שאָטען דער „תפארת שלמה" פלעגט לערנען און מתפלל זיין, וועלכע האָבען נושא פירות געווען אַזוי פיל, וואָס האָט געקענט דעם פויער אויסהאַלטען א גאַנץ יאָהר.

די דאָזיגע נוס-בוימער זאָלען נאָך שטעהן ביז היינטיגען טאָג אויף יענעם שטיקעל פעלד און זענען נושא פירות לרוב...

דער „תפארת שלמה" האָט זיי געבענשט...

דער ריזשינער

א.

אויף דעם ריזשינער צדיק ר׳ ישראל׳טשע פרידמאן, דער זיידע פון דעם ערשט נישט לאנג פערשטארבענעם טשארט־קאווער רבי, האט מען געמאכט א שרעקליך בלבול, צוליעב וואס עס איז געגען איהם פערפיהרט געווארען א פראצעס, וואס האט גורם געווען, אז ער האט געמוזט עוקר זיין פון רוס־לאנד און זיך בעזעצען אין בוקאווינע.

די מעשה איז געווען אט אזוי:

ווערענדיג דער ממלא מקומו נאך זיין פערשטארבענעם קינדערלאזען ברודער ר׳ אברהמ׳טשע, האט ער שטארק אויס־גענומען אין דער וועלט מיט זיין התנהגות און גדלות און מען איז צו איהם געפאהרען פון אלע עקען וועלט, בעשיטענדיג איהם ממש מיט גאלד און זילבער.

האט ער זיך אויפגעבויט אין ריזשין א פראכטפולען פא־לאץ פול מיט לוקסוס, מעשה פירשט, און איז אויך ארויסגע־פאהרען אין א טייערען עקיפאזש איינגעשפאנט מיט פיער שניי־ווייסע שימעלם אין בעגלייטונג פון בעדינערס א. א. וו.

זיין טיש איז געווען אפילו אין א געוועהנליכען טאג סערווירט פירשטליך מיט טייערע מאכלים און משקאות און א קאפעליע פלעגט שפיעלען ביים מיטאג; אין א יומא דפגרא

אויך אין אָווענד, און נאָך אַנדערע גרויסע תענוגים פלעגט ער זיך אָנטהון, אפילו האָסען האַלץ איז אויך ביי איהם געווען א תענוג.

זיינע חסידים זענען געווען פון איין זייט גרויסע לומדים און פון דער צווייטער זייט גרויסע מאַגנאַטען, וואָס פלעגען זיך שואל עצה זיין מיט דעם „ריזשינער", אפילו רוסישע פירשטען און אַנדערע גרויסע לייט זענען וועגען פאַמיליע־ענינים אָדער געשעפטליך צו איהם געפאָהרען. אַזוי האָט דער ריזשינער געפיהרט זיין רבי'סטווא ביד רמה גאַנצע צוואַנציג יאָהר, אָבער מיט זיין פירשטליך לעבען און עשירות האָט ער אויפגעריסען די אויגען פון דער רוסישער ממשלה, וועלכע האָט אויף איהם געקוקט שטאַרק פערדעכטיג, אָבוואַרטענדיג נאָר א גינסטיגען מאָמענט, כדי מיט איהם זיך אָבצורעכענען...

עס האָבען זיך טאַקע באַלד געטראָפען אַזעלכע, וואָס האָבען אויף דעם ריזשינער מלשין געווען, אַז ער פיהרט זיך ווי א מלך ביי יודען און אויך די יודען בעטראַכטען איהם אַלס קעניג און בעשיטען איהם מיט געלד אָהן א שיעור.

מעהר האָט מען נישט געברויכט און די רוסישע מאַכט האָט זיך גענומען דעם גרויסען צדיק צו פערפאָלגען און צו רודפ'ן...

מאַכט זיך גראָד א מעשה, אַז אין שטעדטעל דונאַאיעוויץ איז גע'הרג'עט געוואָרען א משומד א מסור, האָבען זיינע חברים, אויך מוסרים, צוגעטראָגען צו דער מאַכט, אַז דער ריזשינער רבי האָט איהם געהייסען הרג'ענען, וואָס זיינע חסידים האָבען אויסגעפיהרט.

דער דאָזיגער פאַלשער בלבול האָט דעם ריזשינער גורם געווען גרויסע צרות און פיין. די מאַכט האָט דעם ריזשינער אָהן שום טענה ומענה באַלד אַריינגעזעצט אין דער תפיסה (תקצ"ח), ווען ער איז אַלט געווען פערציג יאָהר.

אין דער תפיסה האָט מען איהם אָנגעטהון געברענטע

צרות און ליידען. מען האט קיינעם צו איהם נישט אריינ־געלאזט און מים קיינעם האט ער זיך נישט געטארט זעהן. דער ריזשינער פלעגט גאנצע טעג אין דער איינזאמער קאמער מתפלל זיין און אבהאלטען סגופים און תעניתים, אבער ער האט נישט געבוינען זיין שטאלץ און קאפ פאר קיינעם. זיין בטחון צו גאט איז געווען אין לשער און דאס האט איהם פערלייכטערט צו איבערטראגען זיינע שווערע ליידען און שמערצען.

עס האבען נישט געהאלפען די גרויסע און איינפלוס־רייכע השתדלות'ן פון די גרעסטע לייט ביי דער צענטראל־מאכט. און נישט דאס פערמעגען פון ריזשינער'ס מחותן, ר' יעקב יוסף האלפערן פון קיעוו, וואס ער האט מפקיד געווען צו בעפרייען דעם ריזשינער פון געפענגעניש. מען האט איהם געהאלטען גאנצע צוויי און צוואנציג חדשים אין דער קרעמעניצער תפיסה. ערשט דאן איז ער ארויס צוברא־כען און קראנק און געמוזט צוזאגען, אז ער וועט נישט פרא־ווען קיין רבי'סטווע. און כאטש די מאכט האט זיך איבערצייגט אין זיין אונשולד, אז די גאנצע מעשה איז א בלבול פון משומדים, האט מען איהם געשטעלט אונטער דער השגחה פון פאליציי.

האט ר' ישראל'טשע מעהר נישט געקאנט פערבלייבען אין ריזשין צוליעב די שיקאנעס פון דעם קיעווער גובערנא־טאר און ער האט זיך איבערגעטראגען קיין קישיניעוו, אבער די צענטראל־מאכט האט געפלאנט דעם ריזשינער איינגאנצען צו פערטרייבען פון די יודישע ישובים צוליעב דעם, וואס מוסרים האבען ווייטער צוגעטראגען צו דער מאכט רכילות און מלשינות, אז די יודען האלטען איהם און ער אליין האלט זיך פאר א „מלך משיח"...

דערוויסענדיג זיך דערפון, האבען זיינע גבירישע חסידים

איבערגעקויפט דעם קישיניעווער גובערנאטאר און ער האט דעם ריזשינער ארויסגעגעבן אַנ׳אויסלענדישען פּאַס און ר׳ ישראל׳טשע האט צוזאמען מיט זיינע צוויי געשוואוירענע גבאים אין געהיים פערלאזט ריזשין אין דער פינסטערניש פון א סוף חודש־נאכט און אריבערקומענדיג בשלום מיט גרוים שרעק די גרעניץ, האט ער זיך בעזעצט אין דער רומענישער שטאדט יאסי בסוד סודות...

ב.

קוים עס איז געלונגען דעם ריזשינער צו בעטרעטען רומעניען, איז ארוים א געהיימער בעפעהל פון קיעווער גובערנאטאר, אז מען זאל תיכף פערשיקען איהם קיין טיעף רוסלאנד, וואו יודען וואוינען נישט, און דארט איהם האלטען אונטער א שטרענגער שמירה. און ווען דער בעפעהל איז אנגעקומען קיין קישיניעוו, האט שוין פאליציי ר׳ ישראל׳טשען נישט געטראפען אין דער היים. האט איצט אויף דעם קישיניעווער גובערנאטאר געברענט די הויט פאר פחד, מען זאל זיך נישט דערוויסען, אז ער האט דעם „ריזשינער” ארויסגעגעבען א גרעניץ־פאס. דערוויסענדיג זיך פון זייטיגע מענטשען, אז ר׳ ישראל׳טשע איז אוועק קיין רומעניען, האט דער דאזיגער גובערנאטאר זיך געווענדעט צו דער רומענישער רעגירונג, אז מען זאל דארט ארעסטירען דעם „ריזשינער” און צוריק טראנספארטירען קיין רוסלאנד. איז אבער זיינע מקורבים געלונגען מיט גרוים מסירת הנפש ר׳ ישראל׳טשען דערפון מודיע צו זיין, האט ער ווייטער אין געהיים פערלאזט רומעניען און דורכשמוגלענדיג זיך איבער דער גרעניץ, האט זיך דער ריזשינער בעזעצט אין שטעדטעל קאסוב (גאליציען).

אבער אויך דא איז ער נישט זיכער געווען, אז מען זאל איהם נישט ארויסשיקען קיין רוסלאנד, אבער אין דעם מאמענט פון גרויסער געפאהר, וואס האט איהם געדראהט אין גאליציען האט איהם געטראפען א נס: ר׳ ישראל׳טשע האט זיך בעקענט אויפ׳ן וועג מיט א קריסטליכען באראן,

ביי וועמען דער ריזשינער האט שטארק נושא חן געווען אין זיינע אויגען; דערוויסענדיג זיך פון דער געפערליכער לאגע פון ריזשינער צדיק, האט דער באראן ר' ישראל'טשען מיט־גענומען צו זיך אין זיין גוט אריין קיין סאדיגורע (תר"א), איהם אריינגענומען אין זיין פאלאץ און מיט אלעם גוטען איהם אויך פערזעהן, צוזאגענדיג דעם „ריזשינער" אויך צו בעשיצען, ווען עס וועט זיך ארויסווייזען פאר נויטיג.

ביים באראן אין סאדיגורע (בוקאווינע), וואס האט אנ־געהערט צו עסטרייך, האט א געוויסע צייט דער ריזשינער פערבראכט אהן שום מכשול. דער באראן האט זיך געהאלטען פאר דעם גרעסטען גליק, צו האבען צווישען די ווענד פון זיין פאלאץ אזא בעריהמטען און הייליגען מענש.

דער באראן איז אויסען געווען מיט דעם „ריזשינער" אויך זיין איינענע טובה. סאדיגורע איז געווען צו יענע־צייט א פוסט דארף, האט ער געוואלט מיט דער הילף פון „ריזשינער" א יודישען ישוב מאכען. אבער באלד האט זיך אויך די רוסישע מאכט דערוואוסט, אז ר' ישראל'טשע גע־פינט זיך אין עסטרייך, האט מען איהם אויך דא פערפאלגט און געפאדערט, אז מען זאל איהם פערהאלטען און צוריק־שיקען קיין רוסלאנד.

דער קישעניעווער גובערנאטאר האט אלס משכון פער־נומען דעם ריזשינער'ס ווייב און קינדער, וואס זענען פער־בליבען אין קישעניעוו, ביז ר' ישראל'טשע וועט זיך נישט צושטעלען. און וועלענדיג פערנארען דעם „ריזשינער", האט דער גובערנאטאר געצוואונגען דעם זוהן, וואס האט געשמאכט אין תפיסה, אז ער זאל שרייבען צום פאטער, דאס ער זאל אהיימקומען, ווארום ער איז שוין פריי פון פערשיקונג א. א. וו.

האבען די חסידים בעוויזען נאך בעצייטענס דורך א שליח מיודע אין געהיים דעם „ריזשינער" אין סאדיגורע

מיטצוטיילען, אז דער זוהן איז נעצוואונגען געווארען פון דעם גובערנאטאר דעם בריף צו שרייבען, און אז ער זאל, חלילה, קיין אכט דערויף נישט לעגען.

דער דאזיגער בריף איז גראד אנגעקומען אין די הענד פון דעם „ריזשינער" אין איין צייט, ווען דאס פאפיר איז גע־קומען פון לעמבערגער שטאטהאלטער, אז מען זאל איהם ארויסשיקען קיין רוסלאנד.

דעם קריסטליכען באראן איז שוין די גאנצע מעשה נמאס געווארען, ער האט מורא געהאט פאר זיך אליין, אז ער זאל נישט דערביי ליידען און טאקע געקלערט דעם „ריז־שינער" פון זיין פאלאץ משלח צו זיין.

האט זיך אבער ווייטער געמאכט א נס. פון סאדיגורע איז אלס קינד אוועק מעבר לים א ישראל זאנענפעלד, זיינע עלטערן זענען שוין לאנג געווען אויפ'ן עולם האמת און פון איהם האט מען נישט מעהר געזעהן און געהערט.

לויט די יאהרען איז ער געווען אין דעם זעלבען עלטער ווי דער „ריזשינער". האט ער זיך אויסגעגעבען אלס ישראל זאנענפעלד, וואס איז פון דאנען אויסגעוואנדערט אלס קינד און יעצט איז ער צוריקגעקומען אהיים זעהען זיך מיט זיינע קרובים.

דער „ריזשינער" האט זיך איצט אויך פארגעשטעלט אז זייענדיג א יתום, האט איהם א קרוב מיטגענומען קיין רוסלאנד, און אזוי ווי דער קרוב האט זיך גערופען מיט דעם פאמיליען־נאמען פרידמאן, האט ער זיך אויך מיט דעם נאמען אנגעהויבען צו רופען, פאקטיש אבער הייסט ער זא־נענפעלד...

מיט דער הילף פון א סך שוחד און אנדערע מיטלען איז די דאזיגע ערקלערונג פון „ריזשינער"ס אנגענומען גע־ווארען פון שטאטהאלטער פאר אנ'עהרליכען פאקט, אבער כדי איהם צו בעטראכטען פאר אנ'עסטרייכישען אונטערטאן,

האָט דער שטאַטהאַלטער פערלאַנגט, אַז ר' ישראל'טשע זאָל זיך דאָ קויפען אַ גוט אין געגענפאַל וועט ער זיין נעצוואונגען איהם ארויסצושיקען.

האָט דאָך דעם ריזשינער נישט געפעהלט קיין חסידים נבירים און מאַגנאַטען, האָבען זיי אָבגעקויפט פאַר איהם דאָס גוט פאַטין נעבען סאַדיגורע, און ר' ישראל'טשע איז איצט אנערקענט געוואָרען פון דער עסטרייכישער מאַכט אַלס איהר אונטערטאַן און אַלס אַזעלכער שוין פערבליבען אין סאַדיגורע.

איצט האָט ר' ישראל'טשע אָנגעהויבען צוריק צו פיהרען זיין רבי'סטווע ביד רחבה נאָך מיט מעהר לוקסוס ווי פריהער. די האַלבע וועלט האָט זיך מיט איהם געגרייסט און שטאָלצירט...

זיין פרעכטיגען פאַלאַץ אין סאַדיגורע האָט דער עולם אָנגערופען „היכל הקודש", וועלכער האָט זיך געקענט פערגלייכען מיט די גרעסטע קעניגליכע פאַלאַצען אין דער וועלט אין פראַכט און אין לוקסוס.

פון ווייט און ברייט זענען געקומען הויכע געסט, פון פירשטען און פון קייזערליכען הויף, קיין סאַדיגורע און האָבען בעוואונדערט דאָס רייכקייט און גרויסקייט פון דעם ריזשינער צדיק.

פירשטליך זיך געוואוינט און פירשטליך זיך געלעבט און געפיהרט. אָבער נישט לאַנג האָט זיך דאָס גליק מיט איהם אין סאַדיגורע געשפּיעלט. צעהן יאָהר נאָך דער בעפרייאונג איז ר' ישראל'טשע נפטר געוואָרען (ג' חשון תרי"א) אין עלטער פון 54 יאָהר.

ראש השנה האָט ער געזאָגט זיינע חסידים, אַז ער האָט געהערט תקיעת-שופר של משיח, וועלענדיג דערמיט מרמז זיין, אַז מען רופט איהם שוין אין הימעל אריין פון דער זינדיגער וועלט. און אַזוי ווי ער האָט געזאָגט איז געווען, ער האָט זיך

טאַקע באַלד איבערגעטראָגען...

ג.

ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תקנ״ז אין דעם פּעדוואָרפענעם רוסישען שטעדטעל פּרובשיץ. זיין פאָטער ר׳ שלום איז געווען ר׳ אברהם מלאך׳ס א זוהן און אַן׳אייניקעל פון מעזריטשער מגיד, די מוטער זיינע חוה איז געווען ווידער אַן׳אייניקעל פון ר׳ נחום׳קע טשערנאָבילער פון זיין טאָכטער מלכה׳לע.

ר׳ שלומ׳ען האָט דעם ווייב׳ס פעטער ר׳ מרדכי׳לע טשערנאָבילער געהייסען זיך בעהעפטען צו זיין ווייב, פון וועלכער ער איז געווען א פּרוש און זי וועט דאַן געבוירען א זוהן, וועלכער וועט זיין א גילגול פון בעל־שם־טוב, וועמענס נשמה ברויכט איצט נאָך 40 יאָהר פון זיין טויט אראָבצו־קומען, לויט ווי דער בעל שם טוב האָט מודיע געווען פאַר זיין טויט.

האָט ר׳ שלום געהאַלטען דעם רבי׳נס בעפעהל און טאַקע געבוירען א זוהן, געבענדיג איהם דעם נאָמען נאָך דעם בעל שם טוב.

באַלד דערנאָך איז ר׳ שלום זיין פאָטער נפטר געוואָרען און זיין עלטסטער ברודער ר׳ אברהמ׳טשע איז געווען דער ממלא מקומו און האָט ערצויגען ר׳ ישראל׳טשען. צו 13 יאָהר האָט ער איהם חתונה־געמאַכט און אַזוי ווי זיין ברודער איז געשטאָרבען (תקע״ג) קינדערלאָז, האָט דער עולם ר׳ ישראל׳־טשען געקרוינט אַלס מנהיג, בעזעצענדיג זיך אין ריזשין, זייענדיג דאַמאַלסט אַלט קוים 16 יאָהר.

דאָס גרויסע פערמעגען, וואָס ער האָט אַלס רבי ער־וואָרבען, איז איבערגעגאַנגען צו זיינע זעקס זיהן און איינ־ציגע טאָכטער.

די דאָזיגע קינדער האָבען זיך אויך איינגעטיילט מיט זייער פאָטער׳ס גייסטיגע ירושה און בעזעצענדיג זיך אין

פערשידענע שטעדט, האבען זיי אלע געפראוועט רבי'שקייט ביז רחבה אויף דעם ריזשינער'ס שטייגער, חוץ איין זוהן, וועלכער האט געבלאנדזשעט אין זיינע רעיונות און איז נכשל געווארען, האט זיך געהאט אבגעזאגט פון רבי זיין.

אין סאדיגורע, אין דעם ריזשינער'ס רעזידענץ, איז בלויז פערבליבען ר' שלום יוסף, שפינענדיג דא ווייטער די טרא־דיציעס פון זיין גרויסען פאטער, ביז ס'איז געקומען די שרעקליכע וועלט־מלחמה און האט דעם ריזשינער'ס אלע קינ־דער פעריאגט פון זייערע טייערע פאלאצען און רייכטימער, איבערטראגענדיג זיך קיין וויען אין דער שעהנער דאנאו־שטאדט און אנדערשוואו.

דער גרינדער פון דער אזוי גערופענער „טשארטקאווער" דינאסטיע, איז געוועזן דער דריטער זוהן פון דעם ריזשינער, ר' דוד משה, נאך וועמענס פטירה דער ערשט וואס פער־שטארבענער ר' ישראל'טשע, איז געוועזן דער ממלא מקומו.

ווי ס'האט מיר איבערגעגעבען א מקורב פון טשארט־קאווער הויף, איז נאך ביי היינטיגען טאג א הייליגע טרא־דיציע ביי דעם ריזשינער'ס קינדער צו פייערען דאס נס, וואס ס'האט געהאט זייער גרויסער פאטער און זיידע, ווע־רענדיג בעפרייט פון אנ'ס הענד, אין דעם היסטארישען טאג מיט גרויס שמחה און פרייד א. א. וו.

אין יענעם טאג ווערט דערצעהלט פאר אלע מקורבים די מעשה וועגען דעם פראצעס פון זייער פאטער און וועגען די נסים, וואס דער הקב"ה האט מיט זיין הויז געטהון.

די מעשה איז ביי זיי פערשריבען לזכרון לדורות.

דער אפטער גאון

א.

החולם" — דער בעל־חלומות — האט אנגערופען ציפעלע די רבי'צין איהר ערשטען מאן, דעם גרויסען גאון און מקובל ר' חנניא־ליפא מייזעלס, וועלכער איז געווען רבי אין אפט אין די יאהרען תקל"ב — תקנ"ד (1772—1794) און האט וויט און ברייט גע'שמ'ט אין דער יודישער לומדישער וועלט.

בעקומענדיג ס"ה זעקס גילדען פוילישע א וואך געהאלט (אפטער „פנקס", זייט רכ"ב) האט א רב אפילו אין יענע צייטען נישט געקענט לעבען. האט דעריבער ציפעלע די רבי'צין געמוזט מיט עפעס האנדלען, כדי צו קענען דורכקומען מיט פרנסה.

ציפעלע איז אבער, חוץ אנ'אשת־חיל, אויך געווען א למדנ'טע. זי האט געקענט א בלאט גמרא און האט אויך גוט געשריבען לשון־קודש.

טאקע דערפאר האט ר' חנניה־ליפא מייזעלס זיין ציפעלע שטארק געשעצט און געליבט.

זי, די רבי'צין, ווידער, האט שטארק שטאלצירט מיט איהר מאן. ער איז דאך געווען א גרויסער למדן און דערצו נאך א בעל־מקובל, וועגען וועלכען די וועלט האט א סך גערעדט.

אבער איינס האט זיי געפעהלט: נחת פון קינדער. צעהנד־

ליגער יאָהרען צוזאַמען געלעבט און קיין קינד נאָך אויף דער וועלט נישט געבראַכט.

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט דעם שלום־בית, דער האַרמאָניע צווישען מאַן און ווייב.

דער אַפּטער גאון האָט קיינמאָל זיין ציפּעלען וועגען דעם קיין פאָרוואורף נישט געמאַכט. פערקעהרט, ווען זי, די רבי'צין, פלעגט אַמאָל אַ שווערען קרעכץ געבען, דערמאָהנענדיג זיך, אַז זי ווערט מיט יעדען טאָג עלטער און קיין קינדער האָט זי נישט, פלעגט ער, דער רב, אפילו שטאַרק אָנשרייען אויף איהר, אַז זי זאָל נישט זינדיגען געגען גאָט.

אַזוי האָבען זיי זיך שטיל און רוהיג אָבגעלעבט אַ רייה יאָהרען. דער רב איז זיך געזעסען אויף זיין כסא־הרבנות אין אַפּט און האָט געלערנט, גע'פּסקענט שאלות. ציפּעלע, די רבי־צין, ווידער, איז געזעסען אין איהר קליימעל און האָט געהאַנדעלט מיט אַ ביסעל צעלניס.

בעמערקט אָבער אַמאָל ציפּעלע, אַז איהר מאַן געהט אַרום קאַלעמוטנע און מיט יעדען טאָג ווערט ער אַלץ מעהר מרה־שחורה'דיג, פרעגט זי איהם, וואָס ס'איז ביי איהם מיט אַמאָל אַזאַ ענדערונג געוואָרען, פאַרוואָס ער איז אַזוי שטאַרק פער־זאָרגט, ציהט ער מיט די פּלייצעס און ענטפערט איהר גאָר נישט. דער גאון האָט נישט געוואָלט זיין ווייב מצער זיין און איהר זאָגען, וואָס איהם ליגט אויפ'ן האַרצען.

ציפּעלע איז דאָך געווען אַנ'אשת־חייל, האָט זי אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטען ביי איהם, אַז ער האָט איהר ענטפּלעקט זיין האַרץ. ער האָט איהר אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז איהם חלום'ט במעט יעדע נאַכט, אַז קוים וועט ער חתונה האָבען מיט אַ צווייט ווייב — וועט ער ברענגען אויף דער וועלט אַ „זרע של קיימא". ער וועט קינדער האָבען..

ציפּעלע אָבער האָט די דאָזיגע בייזע חלומות פון רב נישט ערנסט גענומען. זי האָט זיך פון דעם גאַנץ וועניג וואָס

געמאכט. זי איז דאך צו שטארק צונעבונדען געווען צו איהר מאן און ער — צו איהר.

פאר ציפעלען איז בכלל געווען אומפערשטענדליך, ווי ס'קומט צו איהר טרייען מאן, דעם גרויסען למדן, אזא פאנ־טאזיע, אז ער זאל זי פלוצלונג וועלען איועקווארפען און נאָה־דערצו אויף די אלטע יאהרען, אין דער צייט, ווען ער האט זי קיינמאל נישט געלאזט אפילו א טראכט־טהון, א זיפ'ז נאָבען וועגען קינדער..

אבער כ'איז נישט פארבייגעגאנגען קיין טאג, דער אפטער רב זאל נישט דערצעהלען זיין ציפעלע, אז אין שלאף איז מען מודיע פון הימעל, דאס ער זאל זיך מיט איהר דורכאויס גט'ן און ער וועט פון א צווייט ווייב געהאלפען ווערען מיט קינדער...

איצט ערשט האט ציפעלע איהר מאנ'ס רייד גענומען אויפ'ן רעיון, און איינזעהענדיג, אז ער מיינט עס גאנץ ערנסט, האט זי זיך נישט לאנג מישב געווען און ענטשלאסען צו געהן מען גוטוויליג א גט פון איהר מאן, דעם אפטער גאון.

ב.

ר' חנניא־ליפא מייזעלס פלעגט אפט קומען קיין פיאטרקאוו אויף דין־תורות.

דא האט ער זיך בעקענט מיט'ן פיאטרקאווער גביר ר' אליהו, דער זוהן פון ר' הערשעל קירזשנער.

ר' אליהו האט געהאט ביי זיך א טאכטער אנ'אלמנה, דבור־רה'לע, וועלכע ער האט געוואלט דורכאויס פיהרען אונטער דער חופה מיט א תלמיד־חכם, א רב, וועלענדיג זיך איינקויפען אין א יחוס.

כל־זמן ער איז געווען ארים און מען האט איהם גערופען סתם: הערשעלע קירזשנער'ס זוהן, האט, נאטירליך, קיין רייד נישט געקאנט זיין, אז ער זאל קאנען דאס פערווירקליכען.

אבער זינט זיין פאטער, דער קירזשנער, האט געפו־נען אנ'אוצר און איז געווארען זעהר רייך און שטארק אנגע־

זעהן, האָט שוין ר׳ אליהו פיאָטרקאָווער אָנגעווענדעט אַלע מיט־לען צו דערגרייכען זיין האַרץ־בעגעהר דורך דער טאָכטער זיי־נער דבורה׳לע. זי איז געווען אַ יונגע אלמנה, אַ גרויסע יפת־תואר. חוץ דעם האָט ער איהר אויך געגעבען זעהר אַ שענעם נדן.

ווי נאָר ר׳ חנניה ליפּא מייזעלס האָט זיך גע׳גט מיט זיין ציפּעלע, האָט ר׳ אליהו זיין דבורה׳לע פער׳קנס׳ט מיט איהם, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז דעמאָלט שוין געווען אַ זקן.

דאָס פּאָרעל האָט לאַנגע יאָהרען גוט און צופרידען גע־לעבט, אָבער קיין קינדער־פרייד האָט ר׳ חנניא־ליפּא מייזעלס אויך פון זיין צווייט ווייבעל נישט געהאַט.

דאַגעגען ציפּעלע, חתונה האָבענדיג מיט אַ צווייטען מאַן, אַ בן־תורה פון פּילץ, האָט נאָך אַ געוויסער צייט געבוירען אַ זוהן און דערפון האָט זי באַלד אין אַ בריף מודיע געווען איהר געוועזענעם ערשטען מאַן, ר׳ חנניא־ליפּא מייזעלס.

אין דעם דאָזיגען בריף שרייבט זי איהם: „לכבוד בעלי הגאון ההולם״ — ס׳הייסט מיין מאַן דער טרוימער. זי פערבעט איהם אויפ׳ן ברית מילה און איז איהם גלייכצייטיג מכבד מיט סנדקאות...

ר׳ חנניא־ליפּא מייזעלס, בעקומענדיג דעם דאָזיגען כאַ־ראַקטעריסטישען בריף, איז געוואָרען שטאַרק איבערראַשט, ער האָט זיך איבערהויפּט געפונען בעליידיגט פון דעם, וואָס ציפּע־לע האָט איהם אָנגערופען מיט׳ן שפּאָט־נאָמען „החולם״, טרויר־מער, מיינענדיג, אַז זי מאַכט עס פון איהם חוזק צוליב די חלומות, וועגען וועלכע ער האָט איהר דערצעהלט, ווען ער האָט געהאַלטען ביים חתונה האָבען מיט אַ צווייט ווייב. אויך האָט ער גאַרנישט געקאָנט גלויבען, אַז זיין ציפּעלע, וועלכע איז שוין געווען אין די יאָהרען, זאָל באמת געבוירען אַ בן־זכר, נאָך וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט און צוליב וואָס

ער האט זיך מיט איהר גע'גט.

איז ר' חנניא־ליפא מייזעלס, דער פערביסענער מתנגד, געלאפען צום „חוזה" קיין לובלין, כדי זיך מיט איהם שואל־עצה צו זיין. אבער קוים האט ער געהאט בעטרעטען די שוועל פון צדיק, האט איהם דער „חוזה" גלייך געהייסען פאהרען קיין פילץ אויפ'ן ברית און זיין סנדק ביים קינד פון זיין ערשט ווייב. און ר' חנניא־ליפא מייזעלס איז טאקע תיכף געפאהרען קיין פילץ, געווען ביי זיין ציפעלע'ס בכור דער סנדק און זיך טאקע אויפ'ן ברית משמח געווען...

און ווען ער, דער רב, האט זיך מיט ציפעלע'ן אבגעזעגענט, ווינשענדיג איהר, אז זי זאל איהר קינד ערציהען צו תורה, חופה ומעשים טובים, האט ער זי גלייכצייטיג א פרעג־געטהון, פארוואס זי האט אין איהר בריוו אזוי חוזק געמאכט פון איהם, אנרופענדיג איהם איראניש: „החולם". האט דאן ציפעלע מיט א שמייכעל איהם פותר געווען, אז די ראשי־תיבות פון זיין נאמען — הרב חנניא־ליפא מייזעלס צוזאמען לעגט זיך אויס „החולם"!...

אזוי דערציהלט דער גאון אין זיין בריף צום „ברית־אברהם".

ר' חנניא־ליפא מייזעלס איז געווען רב אין פיאטרקאוו אומגעפעהר אין יאהר תקנ"ד (1794). אין דער רבנישער וועלט איז ער געווען זעהר אנגעזעהען און געאכטעט.

די מחברים פון יענער צייט האבען געזוכט ביי איהם הסכמות אויף זייערע חיבורים. דער „ברית־אברהם" פלעגט מיט איהם קארעספאנדירען וועגען רעליגיעזע ענינים, וואס ס'איז צו זעהען פון די תשובות, וועלכע געפונען זיך אבגעדרוקט אין ש"ת „ברית אברהם".

ר' חנניא־ליפא מייזעלס איז נפטר געווארען, זייענדיג א זקן, כ"ה אלול תקע"א (1811). דבורה'לע די רבי'צין — אין יאהר תקפ"ד.

אויף זיין מצבה שטעהט, אז דער נפטר איז געווען א „בוצינא קדישא" און א גרויסער בעל - מקובל, און אין דעם חברה־קדישא־פנקס (ערשטער טייל, זייט כ"ח)) ווערט ער אנ־גערופען: „מלך ישראל", דער יודישער קעניג.

אויפ'ן בערגעל, צווישען ווילדע סאסנעס, איז אין פיאטר־קאוו געקומען צו קבורה „החולם" — דער טרוימער.

ר׳ מאיר שפירא אלס פיעטריקאווער רב

צווישען די 14 רבנים, וואס האבען פאר דער צייט פון יאהר תפ״ד ביז תרפ״ד, ד״ה אין פערלויף פון 200 יאהר, אנהויבענדיג פון הרה״ג ר׳ מאיר גץ ביז ר׳ מאיר שפירא ז״ל, פערנומען דאס כסא הרבנות אין פיעטריקאוו, האט זיך דער לעצטער פערשריבען א שעהן בלעטעל אין דער געשיכטע פון דער פיעטריקאווער קהלה.

די שטאדט פיעטריקאוו האט זיך תמיד אויסגעצייכענט מיט איהרע גרויסע רבנים, גדולים און כלל-טהוער׳ס, פון וועלכע איך וויל נאר עטליכע דערמאהנען ווי די רבנים חנניא ליפא מיזלס, ר׳ אברהם צבי פאצאנאווסקי (שו״ת „ברית אברהם״), ר׳ ברוך צבי ראזענבלום, ר׳ חיים אליעזר וואקס (שו״ת נפש חיה), ר׳ דוד טעמקין אא״וו, וואס יעדער אייניציגער פון זיי האט געהאט זעלטענע מעלות און גוטע מדות. אבער איך וועל נישט איבערשעצען, ווען איך זאג, אז דער גרויסער נפטר, ר׳ מאיר שפירא ז״ל האט מיט זיינע כשרונות און מעלות באמת געפאסט צו זיין דער נאכפאלגער פון די פריהער־אויסגערעכענטע גדולים.

עס איז געווען דער גרויסער חכם, געניאלער אויפטהוער,

דער גרויסער קאָפּ. א היימישער יוד, אַנ׳עסקן בצרכי צבור באמונה, א גרויסער בעל־צדקה און דער עיקר — א טייערע, גוטע נשמה.

איך וויל נאָך דאָ געבען א כאַראַקטעריסטיק פון דער אַפּפּערפולער טעטיגקייט פון דעם גרויסען חכם ר׳ מאיר שפּירא ז״ל אַלס מרא דאתרא אין פּיעטריקאָוו אין דעם צייט־אָבשניט פון אלול תרפ״ד ביז אייר תרצ״א, ווען ער האָט זיך איבערגעטראָגען קיין לובלין.

איבערנעהמענדיג דאָס בכא - רבנות אין פּיעטריקאָוו (פּרשת קדושים) האָט דער נפטר אָנגעטראָפען אַלע רעליגיעזע מוסדות אין א שרעקליכען אָבגרונד, פערזונקען און געפאַלען. די תלמוד־תורה האָט זיך געפונען בשפל המדרגה, סיי מאַטעריעל, סיי בנוגע דעם חינוך, וועלכער איז געווען שטאַרק אָבגעשטאַנען פון אַנדערע גרויסע שטעדט. דער רעליגיעזער חינוך פון מיידלעך האָט איבערהויפּט נישט אין פּיעטריקאָוו עקזיסטירט. די שטאָדט־מקוה האָט זיך געפינען אין זעהר נישט קיין סאַניטאַרען צושטאַנד. אויך נאָך אַנדערע פערנאַכלעסיגונגען האָט דער נפטר אָנגעטראָפען אין פּיעטריקאָווער געמיינדע, וואָס עס זענען פערבליבען אַלס ירושה נאָך פון דער מלחמה.

זענען זיינע ערשטע שריט געווען אויפצוהויבען דעם רעליגיעזען און גייסטיגען מצב, די רעליגיעזע ערציהונג פון דער בעל־בתישער יוגענד.

ער האָט רעאָרגאַניזירט די תלמוד־תורה, אריינגעזעצט בעסערע מלמדים און פערשטאַרקט די יודישע למודים, אריינגעצויגען אויך קינדער פון מעהר בעמיטעלטע בעלי־בתים, שטעלענדיג די ת״ת אַוועק אויף דער געהעריגער הויך פון איהר אויפגאַבע. דער נפטר האָט אויך געהאַט די השגחה איבער דער ת״ת און זי פערזענליך געשטיצט מיט עפענטליכע רעפעראַטען, וועמענס הכנסה עס איז אויף איהר פערוועגדעט

נעוואַרען.

קוים האָט ער זיך אָבגעפּערטיגט מיט דער אַלוי גענצ־ליכער רעאָרגאַניזאַציע פון דער תלמוד־תורה, האָט זיך דער רב שפּירא זצ"ל גענומען צו שאַפען א „בית־יעקב"־שול פאַר מיידלעך. פיעל קינדער האָבען בעקומען א רעליגיעזע ערציהונג און יודישע בילדונג פון סעמינאַריסטיש־ אויסגעבילדעטע לעה־רערינס.

די ת"ת און די ב"י־שולע עגזיסטירט נאָך היינט.

א דאַנק דער איניציאַטיוו פון רב שפּירא זצ"ל איז געוואָרען די פערנאַכלעסיגטע מקוה רעסטאַוורירט און דאָרט איינגעאָר־דענט ספּעציעלע היגיענישע „סאַרינען".

אויף דעם צוועק האָט ער געזאַמעלט ביי די בעלי־בתים עטלי־כע צוואַנציג טויזענד זלאָטעס, צעהנטויזענד גילדען האָט ער אויסגעווירקט ביי דעם גביר ר' העשקע פּאַצאַנאָווסקי.

הרב שפּירא האָט אויך בעניים אין פּיעטריקאָוו דעם „תיקון עירובין", אויף וואָס ער האָט אליין צושטייער געגעבען טויזענד גילדען.

ער האָט צעהנדליגער יורדים געשטיצט און ארויסגע־האָלפען מיט געלד בתורת נדבה אָדער הלואה, וואָס ער האָט שוין קיינמאָל נישט צוריקגעפאָדערט און זיך ווייטער פעראינטע־רעסירט מיט זייער גורל.

אלס אילוסטראַציע וויל איך דאָ נאָך איבערגעבען עט־ליכע פאַקטען, וואָס זענען מעיד אויף דעם הרב שפּירא'ס ז"ל גוטהערציגקייט און אָפּפערוויליגקייט.

ערב פּסח, ווען דער רב האָט זיך געגרייט צו באַקען „שמורה" איז צו איהם ארויפגעקומען א פּיעטריקאָווער בעל־הבית, וועלכען מען האָט געהאַלטען פאַר א גביר און האָט פאַר איהם געביטערט, אז ער האָט נישט ביז איצט נאָך קיין מצות און אַנדערע פּסח־מאכלים, ועל כולם האָט דער ווירט זיינער אויף איהם אַן'עקספּימיסיע, אז יעדען טאָג דראָהט

איהם ארויסגעוואָרפען צו ווערען פון דער וואוינונג. האָט אונזער רב קיין גרויסע שהיות נישט געמאכט און געלאָזט זיך אין גאַס אריין און נישט דויערענדיג אַ גאַנצע שעה, האָט ער געמאכט פאַר דעם בלומרשטען גביר עטליכע הונ־דערט גילדען און צוריקגעשטעלט דעם יורד אויף די פיס.

אַ צווייטע מעשה וויל איך דאָ דערמאָהנען: אַ פּיע־טריקאָווער קצב האָט זיך פערלעגט אַ יאַטקע אויף די האַ־לעס, וואָס האָט איהם אָפּגעקאָסט ביז 150 גילדען. און ווענ־דענדיג זיך צום רב, אַז ער זאָל איהם ערלויבען צו פער־קויפען כשר פליישׁ, האָט דער רב נאַטירליך דאָס איהם אָפּ־געזאָגט, צוליב דעם, וואָס די כשר׳ע יאַטקעס זענען דאָ קאָנ־צענטרירט אויף איין אָרט צוליב קאָנטראָל.

האָט דער קצב אָנגעהויבען צו ביטערען, אַז ער האָט אין דעם עסק אריינגעלעגט זיין לעצטען גראָשען, רעכענדיג זיך דערפון מפרנס צו זיין. האָט דער רב קיין גרויס שהיות נישט געמאכט און איהם צוריקגעגעבען די 150 גילדען, אַז ער זאָל זיך נעהמען צו אַנ׳אַנדערע פּרנסה...

איבערהויפּט, ווען הרב שפּירא האָט נאָר געהאַט דעם מינדעסטען ספק, אַז דורך איהם קאָן עמיצער האָבען שאָדען געליטן, פלעגט ער באַלד דעם שאָדען דעמזעלבען ערזעצען.

נאָך אַ דריטען פאַקט וויל איך דאָ לזכרון איבערגעבען וועגען אַנ׳אויפטהו פון הרב שפּירא ז״ל.

ווען ער איז געווען אין אמעריקא און נישט געקאָנט זיך נאַטירליך בעטייליגען אין דער פּסח־אַקציע, צוליב וואָס עס האָט געדראָהט דער שטאָדט אַ געפאַהר, אַז די אָרימע־לייט זאָלען נישט בעקומען די פּסח־שטיצע און קמחא דפּסחא, האָט הרב שפּירא פון אמעריקא ארויסגעשיקט זיינע 500 דאָלאַר און 220 דאָלאַר, וואָס ער האָט דאָרט צונויפגענומען ביי פּיעטריקאָווער לאַנדסלייט אויף פּסח־שטיצע און דערמיט אָפּגעראַטעוועט די שטאָדט פון דער דראָהענדער געפאַהר.

און אָט האָט פּאַסירט, אַז אַ יוד פון פּאַביאַניץ איז

געקומען צו הרב שפירא זצ"ל קיין פּיעטריקאָוו און האָט איהם איבערגעגעבען זיין טרויעריגע לאַגע, אַז די "גלאַז-הוּ־טע" האָט איהם ערקלערט אַנ'אופאַדלאַשטש און שטעלט אַלץ אויס אויף ליציטאַציע. איצט בלייבט איהם נישט מעהר איבער, ווי ער זאָל ווערען א מחזיר על הפתחים...

האָט דער רב גענומען דעם יוד, איז אַרויסגעפאָהרען צום דירעקטאָר פון דער גלאַז - הוטע, קריסטמאַן, ביי איהם אויסגעפועלט, אַז ער זאָל דעם חוב צוטיילען אויף ראַ־טעם און ווייטער ביי איהם איבערלאָזען די פערטרעטונג. די ערשטע ראטע האָט דער רב באַלד איינגעצאָהלט און דער־מיט אָפּגעראַטעוועט א יודישע פאַמיליע פון אונטערגאַנג. בכלל איז דער גרויסער נפטר געווען א גרויס־האַרציגער פריינד פון יודען, נישט קוקענדיג צו וואָס פאַר א פּאַרטיי ער געהערט. כאָטש ער אַליין איז געווען א פּאַרטייאישער. ער איז געווען א שונא בצע, נישט גענומען קיין רח"ש און נישט קיין פּסק-געלד פאַר די דין-תורות. דאָס אַלץ האָט ער אוועק־געגעבען די דיינים זיינע און אַנדערע קהלה-מענשען, מקבל גע־ווען יעדען איינציגען בסבר פנים יפות, בעגייסטערט מיט זיינע גייסטרייכע דרשות דעם עולם, צוזאַמען זיך מיט זיי געפרייט און מיט זיי אויך געליטען...

ס'איז נישט פערהאַן געווען קיין דבר שבצדקה, אין וועלכער ער האָט זיך נישט געזאָלט בעטייליגען מיט זיין גרויסער נדבה, וועלכע ער האָט געגעבען ביד רחבה און מיט א זיסען שמייכעל אויף זיינע ליפּען...

הרב שפירא האָט שטאַרק ליב געהאַט די שטאָדט פּיע־טריקאָוו. ער האָט דאָס אַרויסגעוויזען ביי יעדער געלעגענ־הייט.

ער האָט צוגעשריבען פּיעטריקאָוו דעם כבוד, אַז זי האָט געהאַט דעם גרעסטען חלק אין דעם אויפבוי פון זיין ישיבה אין לובלין. די שטאָדט האָט איהם ערלויבט אויף לאַנ־גע צייטען אַרויסצופאָהרען נאָך געלד פאַר דער ישיבה

ר׳ וואלף סטריקאווער

א.

דריי זענען זיי געווען, וועלכע דער „קאצקער" האט גע־
געבען ספעציעלע נעמען.

דעם „הידושי הרי״ם" האט ער אנגערופען מיין „גאון",
ר׳ הירש טאמאשאווער — מיין „חסיד" און ר׳ וואלף סטרי־
קאווער — מיין „חכם".

און דער רבי ר׳ וואלף סטריקאווער איז שוין איינמאל
געווען א חכם ומחוכם.

א זוהן פון דעם רבי ר׳ אברהמ׳על טשעכאנאווער
(לאנדא) האט ער גע׳ירש׳ענט נאך זיין פאטער׳ס פטירה
די קרוין אלס ממלא מקומו, וואס דער עולם האט איהם אנ־
געטהון. און זייענדיג א סטריקאווער איידעם איז סטריקאוו
אויך געווארען זיין רעזידענץ, וואו עס האט שוין פריהער פאר
איהם רעזידירט דער גרויסער צדיק, דער רבי ר׳ פישעלע שפירא.

דער רבי ר׳ וואלף סטריקאווער האט זיך תחילת געהאל־
טען אין די דרכים פון זיין גרויסען רבי ר׳ מענדעלע קאצקער.
אבער מיט דער צייט האט זיין לעבענס־שטייגער אנגענומען
גאנץ אנדערע פארמען און ער האט זיך נישט געהאלטען אין
די אנגענומענע טראדיציעס פון די רבי׳שע הויפען, אויסטרע־

שטענדיג זיך אַנ׳אײַגענעם הרך אין אַ סך הינזיכטען.

דער גרויסער רבי זיינער, דער „סאַצקער", האָט געזוכט דעם „איבערמענש", וואָס איז אײַנגעטונקט אין בלויז רוחניות, דאַנעגען דער תלמיד זיינער, דער רבי ר׳ וואָלף סטריקאָווער האָט אויך ליעב געהאַט דעם פאָלקס־מענש, וועלכער הקרנ׳ט זיך נישט וועגען עולמות עליונים און דיענט דעם בורא עולם מחמת אהבה א. א. וו.

אין דער צייט ווען די רביים האָבען געלעבט פון פדיונות און „כללות־געלד" פון זייערע חסידים, האָט דער רבי ר׳ וואָלף סטריקאָווער געפיהרט וואַלד־געשעפטען בשותפות מיט זיינע גבירישע חסידים. דאָס גליק האָט איהם אויך צוגעשפיעלט, די געשעפטען זענען גוט געגאַנגען און ער איז אַליין אַ גרויסער גביר געווען און אַ גביריש הויז געפיהרט.

די פּריצים, מיט וועלכע דער רבי ר׳ וואָלף סטריקאָווער האָט געפיהרט געשעפטען, האָבען אין איהם געזעהן דעם גרויסען עהרליכען יוד און וואָרטס־מענש, מיט וועמען מ׳קאָן שליסען בלויז אויפ׳ן וואָרט דאָס גרעסטע געשעפט.

דערבײַ האָט דער רבי ר׳ וואָלף סטריקאָווער אויך עוסק געווען אין חסידות און עבודת הבורא. טויזענדער יודען זענען צו איהם געפאָהרען און זיך מיט איהם געע׳צה׳ט וועגען פערשיעדענע ענינים און פון זיין גרויסער חכמה זענען אַלע איבערראַשט געוואָרען, ער האָט כמעט אַלע פאָראויסגעזעהען.

דער רבי ר׳ וואָלף סטריקאָווער האָט אויך צו זיך צוגעצויגען דעם מתנגד׳ישען און משכיל׳ישען קלאַס יודען, וואָס האָבען שטענדיג בעקעמפט די רביים, און אויך זיי זענען בעגייסטערט געוואָרען פון זיינע גרויסע ידיעות אין די חקירה ספרים און פון זיינע שעהנע מליצות, וואָס ער האָט אָנגעשריבען.

ב.

נאָך דעם אַלעקסאַנדרער רבי׳ן ר׳ העניך, איז דער רבי

ר׳ וואָלף סטריקאָווער געוועזן דער צווייטער רבי אין פוילען, וואָס האָט געשריבן אַ זאַפּטיגע משכיליש העברעאיש, שירים, מאמרים און מכתבים צו זיינע קרובים און מקורבים, פון וועלכע עס איז ערשינען אַ „קובץ״ נאָך זיין טויט.

צווישן די דאָזיגע שירים געפינט זיך אויך אַ שיר, געווידמעט זיין ליבּ־דאָקטאָר בלאָך, ביי זיין פערלאָזן סטריקאָוו און איבערטראָגן זיך קיין לאָדז.

מיט דעם דאָזיגן דאָקטאָר איז דער רבי געווען שטאַרק בעפריינדעט. ער שרייבט דאָרט: „אתה השר בלאָך לי מחסר, מי יאהבני? רעי ממני סר, וידידי עזבני!״ (דו, הער בלאָך, וועסט מיר פעהלען, מיין פריינד האָט מיך פערלאָזט, ווער וועט מיך ליעבען?) אַגב איז דער דאָזיגער דאָקטאָר בלאָך נישט געווען אַזאַ אָבגעהיטענער יוד, און דאָך זעהט מען, אַז דער רבי האָט איהם שטאַרק געשעצט...

צווישן דעם דבי׳נס בריף געפינט מען אַ סך היסטאָריש מאַטעריאַל וועגן זיין פאָטער, דעם טשעכאַנאָווער רבי׳ן ר׳ אברהמ׳לע, וועמען די שטעדט לובלין, קאַליש און אַנדערע גרויסע קהלות האָבן געוואָלט אויפנעהמען פאַר אַ רב.

כאַראַקטעריסטיש איז דער בריף, וואָס דער רבי ר׳ וואָלף סטריקאָווער שרייבט צו זיינע חסידים וועגן צוויי אַרויסגעבער פון תנ״ך, וואָס איז ערשיענען ביי אָרגעלבראַנד׳ן אין וואַרשא. דער רבי בעט זיך ביי די חסידים נישט צו פּרענומערירען דעם דאָזיגן תנ״ך, וואָס וועט גורם זיין אַ שאָדען דעם „חידושי הרי״ם״ מיט זיינע שותפים די בעקאַנטע מדפּיסים ר׳ נתן שריפטגיסער און ר׳ יצחק נאָלדמאַן אין וואַרשא, וועלכע גיבען אויך אַרויס אַ תנ״ך, וואָרום דורך יענע מענשען שטעהט דעם „חידושי הרי״ם״ פאַר צו פערלירען זיין גאַנץ פערמעגען. זיי, די קאָנקורענטען זענען משיג גבול און די הסכמות, וואָס זיי האָבן, זענען פאַלסיפיקאַטען.

נאך דעם רבי'נס טויט איז אויך ערשינען זיינ'ס א חיבור „זר זהב כתר תורה" אויף תורה מיט הגהות און הוספות פון זיין זוהן ר' מאטעלע.

אין דעם חיבור געפינט זיך אינהאלטס־ און זינרייכע תורות מיט א רעליגיעז - פילאזאפישען אינהאלט, וועלכע דער רבי ר' וואלף סטריקאווער פלעגט זאגען פאר'ן עולם ביים טיש און אויך א סך, וואס זענען איבערהויפט נאך נישט געזאגט געווען דורכ'ן רבי'ן.

זיי אונטערשיידען זיך סיי מיט זייער אינהאלט סיי מיט זייער פארם שטארק פון די תורות, וואס מיר זענען געוועהנט צו געפינען אין רבי'שע ספרים און וואס ענטהאלטען סודות און רמזים, גמטריות און נוטריקין.

זיין גאנץ לעבען איז געשטאנען אונטער דעם צייכען פון לאגיק און קלארען שכל, און וועגען זיינע שעהנע זשעסטען פלעגט מען אין די חסידישע, ווי אויך אין די משכילישע קרייזען א סך דערצעהלען.

וועגען אזא שעהנעם זשעסט ווערט דערצעהלט אט וואס: אנומעלט האבען זיינע שותפים געקויפט א טייערען וואלד ביי א פריץ און דערויף איהם געגעבען א גרויסע סומע האנד־געלד.

האט זיך אבער דאן ארויסגעוויזען, אז די שותפים, וואס זענען געווען די מבינים פון וואלד, האבען געהאט א טעות ביים אבשאצען דעם ווערט פון וואלד און איהם שטארק איבערגעצאהלט, צוליעב וואס עס איז זיי פארגעשטאנען צו פערלירען זייער גאנץ פערמעגען און בדיל הדל צו ווערען.

האבען זיי דאך איצט נע'טענה'ט חרטה און געפאדערט צוריק פון פריץ דאס האנד־געלד. האט אבער דער פריץ גע־וואוסט, אז דער סטריקאווער רבי איז זייערס א שותף, האט ער די קויפערס געפאדערט צום רבי'ן לדין — אזוי ווי דער רבי וועט פסק'ענען, אזוי וועט ער טהון.

האָט דער רבי טאַקע גע'פסק'ענט, אַז דאָס האַנד־געלט דאַרף דער פּריץ נישט צוריקגעבען, הגם ס'איז געווען אַ מקח טעות, אָבער עס איז נישט חל אין דעם געגעבענעם פאַל אויף קריסטען.

דער פּריץ איז, נאַטירליך, שטאַרק צופריעדען געווען פון רבי'נס פּסק. די שותּפים אָבער האָט די מעשׂה שטאַרק נישט געפעלען, ס'איז דאָך זיי געווען אַ שאָד צו פערלירען דאָס געלד.

האָבען זיי זיך הינטער די אויגען פון רבי'ן שטאַרק מתרעם געווען אויף דעם פּסק־דין. דערוויסענדיג זיך דערפון, האָט דער רבי ר' וואָלף סטריקאָווער די שותּפים געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז זיי וועלען נאָך דערביי פערדיענען אַ סך געלד, זאָלען זיי נאָר געדולד האָבען.

ס'האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט, איז געקומען דער פּריץ צו די דאָזיגע יודען בעטענדיג זיך, אַז זיי זאָלען ביי איהם דעם וואַלד קויפען, ער איז דעצידירט אָראָבצולאָזען פון פּרייז און אויך צו פערדעכענען דאָס האַנד־געלד, וואָס ער האָט פון זיי ביים ערשטען מקח געהאַט גענומען, ווייל ער האָט זיך שטאַרק גענויטיגט אין געלד.

האָבען איצט די יודען דעם וואַלד געקויפט במקח און דערביי טאַקע גוט פערדיענט.

האָט דאָך דער עולם אין דעם געזעהען אַ מופת פון רבי'ן. אָבער דער רבי, דער גרויסער חכם, האָט זיי מסביר געווען, אַז לויט דעם שכל הישר האָט ער פערשטאַנען, דאָס דער פּריץ, וועלכער איז איינגעטונקט אין גרויסע חובות, צוליב וואָס ס'דראָהט אים די געפאַהר, אַז מען זאָל זיין גאַנץ מאַיאָנטעק אויסשטעלען אויף אַ ליציטאַציע צו דעקען די חובות, וועט זיין געצוואונגען, ווילענדיג, נישט ווילענדיג, דעם וואַלד פאַר יעדען פּרייז, וואָס ס'זאָל נישט זיין, צו פערקויפען, און אַזוי ווי דער פּריץ האָט נישט פאַר דער האַנט קיין אַנדערע סוחר

דים מיט קאפיטאל, איז ער נעצוואונגען געווען צו זיי צו קומען.

איבערהויפט איז דער גאנצער דרך פון רבי'ן ר' וואלף סטריקאווער געווען אלץ לאגיש אויפצופאסען.

מען דערצעהלט אויך, אז אנומעלט, פאהרענדיג מיט זיינע מקורבים קיין לאדז, האט ער אויפ'ן וועג געטייטעלט מיט די פינגער אויף א פאסטוכ'ל, וואס האט געפאשעט שאף אויפ'ן פעלד, זאגענדיג די חסידים, אז דאס דאזיגע שייגעצ'ל איז א יתום, אהן א פאטער, וואס איז היינטיגעס יאהר גע־שטארבען.

זענען טאקע די חסידים אויס נייגיעריגקייט אראב פון דער קאטש און געלאפען פרעגען דאס פאסטוכ'ל צי ער האט א פאטער. האט ער זיי געזאגט, אז דער פאטער זיינער איז געשטארבען ערשט נישט לאנג.

זענען די חסידים נבהל ונשתומם געווארען, זעהענדיג בעשיינפערליך, אז דער רבי האט רוח־הקודש. האט אבער דער רבי ר' וואלף זיי ארויסגעפיהרט פון טעות און זיי ענטפלעקט דעם סוד, אז צוליעב דעם, וואס ער האט בעמערקט, אז דאס פאסטוכ'ל טראגט א גרויסען שטרויענעם קאפעלוש אויף זיין קליין קעפעלע, האט ער דערפון ארויסגעדרונגען, אז דער קאפעלוש מוז זיין פון פאטער, וואס לעבט שוין נישט מעהר...

ג.

דער רבי ר' וואלף סטריקאווער האט שטארק אויסגענומען אין די חסידישע קרייזען מיט זיין פאלקסטימליכקייט און מיט זיין התקרבות צו בעלי־בתים.

ער האט ליב געהאט דעם בעל־מלאכה אהבת־נפש, מיט ראט און טהאט זיי געהאלפען. אין אלע געשעפטען, וואו ער איז נאר געווען בעטייליגט זענען געווען בעשעפטיגט אויסשליסליך יודען, יודישע וואלד־שומרים, וואלד־שרייבערס צ. א. וו. אויך ביי די לאדזער חסידים זיינע האט ער גע־ווירקט, אז זיי זאלען געבען „ברויט" די יודען, קוים גאט גיט זיי די „ברכה".

ר' וואָלף סטריקאָווער (לאנדא) איז נסתלק געוואָרען י"א אלול תרנ"א (1891) אין עלטער פון 83 יאָהר.

ער האָט געהאַט פינף זיהן, אַלע זענען געווען גרויסע לומדים, אָבער זיי האָבען עפּיס נישט געהאַט קיין אריכת ימים, עטליכע זענען געשטאָרבען נאָך ביי דעם לעבען פון זייער פאָטער, ווי עס וואָלט פון דער השגחה נישט בעשערט געווען צו דערהאַלטען די עגזיסטענץ פון דער סטריקאָווער דינאַסטיע.

דער איינציגער זוהן, וואָס איז געבליבען לעבען איז געווען דער צדיק ר' מענדעלע אין גאָמבין. ער איז שוין אויך נפטר געוואָרען אין חודש אייר תרצ"ג.

ר׳ פישעלע סטריקאווער

א.

א מערקווירדיגער טיפּ פון אַלטען דור „גוטע יודען" איז געווען דער רבי ר׳ פישעלע (אפרים) סטריקאָווער.

שטענדיג צוטראָגען און פערטראַכט, א יושב באוהל, וואָס האָט זיך נישט געקענט אויף קיין צורת מטבע, איז ער געזעסען אין זיין יהוד־שטיבעל על תורה ועבודה, אָבהאַלטענדיג בכדר סגופים און תעניתים אויף גלות השכינה.

דער „בוצינא קדישא", ווי די חסידישע ליטעראַטור רופט איהם אָן, האָט געשטאַמט פון פּאָדאַל, וואו די וויג פון חסידיזם איז געשטאַנען.

זיין פאָטער, ר׳ יוסף לוי, וועלכען מען האָט גערופען מיט׳ן נאָמען חסיד (פרומער), איז געווען א תלמיד פון דעם „תולדותיעקב יוסף", פון בעל שם טוב׳ס הבריא און רב אין ביעלאַצערקאָוו, וואו אויך דער רבי ר׳ פישעלע איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תק״ג (1743).

צוליעב די היידאַמאַקישע שחיטות און הריגות אויף יודען, וואָס זענען אין יענער געגענד פאָרגעקומען אונטער דער אָנפיהרונג פון גאנטא און זשעלעזניאַ׳ן (תמוז 1768), איז ר׳ יוסף לייב מיט זיין בני־בית ענטלאָפען קיין באַלטא און דאָרט געווען א מגיד משרים.

אין אָבער די דאָזיגע שטאָדט דאָן פון איין זייט בעהערשט געוואָרען דורך די טערקען און פון דער צווייטער זייט דורך פוילען. און נישט בעווייזענדיג איבערצולויפען אויף דער טערקישער זייט, ווי ס'האָבען עס געטהון אנדערע יודען, איז ר' יוסף לייב פערבליבען אויף דער פוילישער זייט.

אָבער אויך דאָ האָט ער נישט געקאָנט לאַנג פערבלייבען צוליעב די אָפטע מלחמות. האָט ער געמוזט נעהמען דעם וואנדער־שטעקען אין דער האנד און זיך לאָזען מיט זיין בני־בית אין וועג אריין. געהאַלטען אומעטום, וואו ער איז נאָר געקומען, דרשות און גענומען נדבות. און קומענדיג אויך קיין בושעזשין האָט ער זיך שוין דאָ בעזעצט און דאָרט איז ער אויך געוועזן א מגיד און געלערענט מיט בחורים, פון וואָס ער האָט זיך בצמצום ערנעהרט.

דער רבי ר' פישעלע האָט זיך ווידער אויפגעהאַלטען ביים רבי'ן ר' בער, דעם מעזריטשער מגיד, ביים רבי ר' אלימלך פון ליזענסק און ביים לעצטען האָט ער צוזאַמען מיט דעם קאָזשעניצער מגיד ר' ישראל'טשע געלערענט און עוסק געוועזן אין קבלה.

ער קומט דאָן אויך קיין בושעזשין און האָט דאָ חתונה מיט א צווייטער פרוי און די שכנות'דיגע שטאָדט סטריקאָוו האָט דעם רבי ר' פישעלע אָנגענומען אַלס רב.

אין יענעם ראַיאָן האָט צו יענער צייט דער חסידיזם נאָך נישט געהאַט קיין דריסת הרגל, האָט דער רבי ר' פישעלע דאָ פערלעגט א נעסט פאַר חסידים, פון וועלכע ער איז דאָן געוואָרען דער גייסטיגער מנהיג.

און שטאַרק גע'שמ'ט אַלס א גרויסער קדוש און בעל־מופת, האָט דער רבי ר' פישעלע גרופירט אַרום זיך א גרויסען עולם און די גרעסטע רביים האָבען צו איהם געשיקט יודען מיט שווערע הערצער, וועלכע זענען ביי איהם גע־האָלפען געוואָרען.

מען האָט איהם בּעשיט מיט „רויטע מטבעות", אַזוי האָט ער אָנגערופען די „גאָלדענע רענדלעך", אָבער ער אַליין האָט פון די פדיונות נישט געוואָלט נתנה זיין, נאָר געלעבט פון די פּאָר גילדען, וואָס די שטאָדט האָט איהם יעדע וואָך אַלס רב אויסגעצאָהלט. די „רענדלעך" פלעגט ער אַוועקגעבען די אָרימע לייט אויף הצלחה, האָבענדיג דערפון אַ גרויסע הנאה, וואָס די אָרימע האָבען זיך דערמיט געפרייט.

דער רבי ר' פּישעלע האָט אויך קיינעם נישט געגעבען מיט דער בלויזער האַנד „שלום", ער האָט זי געהאַלטען שטענדיג אַרומגעוויקעלט מיט אַ פּאַטשיילע אָדער האַנדטוך.

האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, אַז איינמאָל איז געקומען צו איהם דער רבי ר' בונם פון פּשיסכע זעהן זיין התנהגות בקודש און דערביי מיטגענומען אויך מיט זיך דעם רבי'ן ר' העניך פון אַלעקסאַנדער; האָט דער רבי ר' פּישעל איהם געגעבען „שלום" מיט דער בלויזער האַנד, האָט זיך מגיה וביה אויך צוגערוקט דער רבי ר' העניך און אויך בעקומען שלום מיט דער בלויזער האַנד. האָט זיך אָבער באַלד דער סטריקאָווער צדיק געכאַפּט, אַז ער האָט געגעבען „שלום" עפּיס אַ פרעמדען מיט אַ נישט־פאַרבונדענער האַנד, האָט ער דערפון גע־האַט גרויס עגמת־נפש. ערשט ווען דער פּשיסכער האָט איהם געזאָגט ווער און וואָס דער רבי ר' העניך איז, האָט ער זיך בערוהיגט.

דער רבי ר' העניך און דער טשעכאַנאָווער רבי ר' אברהמ'עלע זענען דאַן געוואָרען מקורבים, אַבזיצענדיג ביי איהם גאַנצע יאָהרען.

ב.

אַ גאַנצע איבערקעהרעניש איז געוואָרען פּלוצלונג אין סטריקאָווער הויף. דער רבי ר' פּישעלע האָט זיך פערמאַכט אין זיין חדר מיוחד און האָט קיינעם נישט מעהר צו זיך אַריינגע־לאָזט. האָט מען געמעגט שטורמען, ווי לאַנג מען האָט נאָר גע־

וואָלט, אין קול ואין עונה. איז דאָך געוואָרען אַ גרויסער רעש אין דער חסידישער וועלט, עס איז נישט געווען ווער עס זאָל מגין זיין אויף די יודען אין די שווערע צייטען, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין פּוילען צוליעב די מלחמות מיט רוסלאַנד און צוליעב דעם אויפשטאַנד פון קאָשטשושקאָ'ן א. אַ. וו.

האָט זיך אַנגעגורט דער רבי ר' בונם די לענדען און איז געקומען העגדום פּענדום צו לויפען קיין סטריקאָוו זעהן, וואָס דאָ איז פאַרגעקומען.

האָט דער רבי ר' פישעלע שוין נישט געקאָנט איצט מעיז פּנים זיין און געעפענט די פערמאַכטע טהיר. אויף דער פראַגע וועגען דער סיבה פון זיין פערמאַכען זיך, האָט דער רבי ר' פישעלע בתמימות דערצעהלט אַט וואָס:

אַנומעלט איז געקומען אַ יוד און האָט שטאַרק געביטערט, אַז ער איז אַ מטופל מיט אַ גרויס בני-בית, אָבער ער האָט נישט קיין מיטלען זיי מפרנס צו זיין. האָט דער רבי ר' פישעלע איהם געהייסען שפּיעלען אויף דער לאָטעריע און געוואונשען, אַז ער זאָל מצליח זיין. האָט דער יוד מאַקי איהם געהאָרכט, אָבער ווען ער האָט נישט געהאַט קיין געלד אויסצולייזען דאָס צעטעלע אין דער לעצטער קלאַס, האָט דער קאָלעקטאָר עס פערקויפט עמיץ אַנדערען און יענער האָט מאַקי דערויף געוואונען דאָס גרויסע געווינס. אויב אַזוי, האָט דער רבי ר' פישעלע ווייטער זיך מתנצל געווען פאַר דעם רבי' ר' בונם, אַז דער רבונו של עולם האָט נישט מקיים געווען וואָס ער אַלס צדיק האָט גוזר געווען, האָט ער נישט וואָס מעהר שוין אויפצוטהון און באַסמאַ.

האָט ערשט דער פּשיסכער איהם מסביר געווען, אַז אַ צדיק טאָר נישט דיקטירען דעם רבונו של עולם, ווי אַזוי ער זאָל דעם מענש העלפען, וואָרום „מי יאמר לו מה תעשה", נאָר אַ צדיק דאַרף אַנווינשען, און די השגחה וועט שוין אויסגעפינען דאָס מיטעל מקיים צו זיין דעם צדיק'ס צוזאָג.

האָט דער רבי ר׳ פּישעלע תיכף צוריק געעפענט זיין טהיר פאַר אַלע שווערע הערצער און דער עולם איז ווייטער געקומען אויסוויינען זיך פאַר איהם.

מאַכט זיך אַ מעשה. נאַפּאָלעאָן האָט דורכמאַרשירט מיט אַ גרויסער אַרמעע דורכ׳ן לאָדזשער ראַיאָן, אָבער צוליעב די גרויסע געדיכטע אור־וועלדער, וואָס האָבען אַרומגענומען יענע געגענד, האָט די אַרמעע געבלאָנדזשעט און נישט געפונען דעם וועג, וואָס פיהרט קיין וואַרשא. האָט ער געפאָדערט פון דער לאָדזשער בעפעלקערונג איהם צו געבען אַ וועגווייזער. האָט אָבער די שטאָדט פאַר מורא נישט געוואָלט עס טהון, איז מען געלאָפען צום רבי ר׳ פּישעלע וועגען אַנ׳עצה. האָט ער געהייסען דעם לאָדזשער אייגוואוינער שמואל בערמאַן, אָדער שמואל פאַכטער, ווי דער עולם האָט איהם גערופען, וועלכער איז געווען אַ בזשעזשינער יוד, אַז ער זאָל זיין דער וועגווייזער, וואָרום ער איז קלאָר געווען אין די דאָרטיגע וואַלד־וועגן, וויל „שר וגדול נפל בישראל״ אַ גרויסער שר איז נאַפּאָלעאָן, (אויסטייטשענדיג אַזוי די ראשי תבות פון דעם וואָרט „נפל״) ביי יודען; האָט ר׳ שמואל בערמאַן די אַרמעע אַריינגעפיהרט קיין בזשעזשין, פון וואַנען ס׳איז שוין געגאַנגען אַ ברייטער וועג קיין וואַרשא.

דערוויסענדיג זיך פון דעם יוד, אַז דאָ וואוינט אַ גרויסער בעל־מופת, וואָס האָט איהם געהייסען ווייזען דעם וועג, האָט נאַפּאָלעאָן געשיקט מיט שמואל פאַכטער זיינס אַנ׳אַדיוטאַנט צו בעדאַנקען פאַר דער טובה און דעם רבי׳ן דערפאַר בעלוינען.

אָבער ווי דערשטוינט איז דער פראַנצויז געווען, דערזעהענדיג פאַר זיינע אויגען אַנ׳איינגעהויקערטען זקן מיט אַ שניי־ווייסען לאַנגער באָרד, זיצענדיג אין טלית און תפילין אין אַנ׳אָרים פער׳חושכ׳ט שטיבעל, אין אַ האַלב־איינגעזונקען הייזעל. ס׳האָט דעם אָפיציר בעהערשט אַ גרויס יראת הכבוד פאַר דעם גרויסען צדיק און ער האָט איהם געבעטען, אַז ער זאָל

אנווינשען דער פראנצויזישער ארמעע, אז זי זאל מצליח זיין. דערביי האט ער אויסגעשאטען אויף דעם טיש א שפאר ביסעל נאלדשטיקלעך אלס פדיון.

דעמלאס ערשט האט דער רבי ר' פישעלע צום ערשטען מאל זיך דערוואוסט, אז די „רויטע שטיקלעך זענען טייערע מטבעות, פאר וועלכע מען קאן קריגען אלץ געקויפט".

ג.

ביים רבי'ן ר' פישעלע איז געווען אנ'אפטער איינגעהער אנ'ארים שניידער'ל, פון וועלכען ער האט געהאלטען עולם ומלואו.

האט זיך געמאכט איינמאל סוכות־צייט, ביים שניידער'ל א ביסעל ארבייט, אבער שוין ערב סוכות און דער רבי האט נאך נישט געהאט צוגעגרייט די סוכה. האט דאס שניידער'ל אוועק־געווארפען די ארבייט, וואס מיר שער, וואס מיר אייזען און האט זיך גענומען אויפצושטעלען פאר דעם רבי'ן א סוכה. האט זיך דער רבי ר' פישעלע שטארק געפרייט מיט דעם שניי־דער'ל, פרעגענדיג איהם, וואס ער וויל דערפאר צי עשירות אדער אריכת ימים, האט דאס שניידער'ל געבעטען, אז דער רבי זאל צוזאמען מיט איהם זיצען אין גן־עדן. האט איהם דער סטריקאווער צדיק דאס צוגעזאגט, און ס'האט נישט לאנג גע־דויערט, איז דאס שניידער'ל, נעביך, קראנק געווארען און אין דעם זעלבען טאג י"ז טבת תקפ"ה (1822), ווען דער רבי ר' פישעלע איז נסתלק געווארען, זייענדיג א בן שמונים, איז אויך דאס ארימע שניידער'ל געשטארבען און מען האט איהם קובר געווען נישט ווייט פון רבי'ן — אזוי האט ער געהייסען.

דער רבי ר' פישעלע האט איבערגעלאזט צוויי זיהן: ר' יעקעל אין בזשעזשין און ר' יצחק אין זשארנאוו און א איי־דעם ר' ראובן כשר, וועלכער איז געווען רב אין גויאזד.

ר' יעקעל בזשעזשינער האט משדך געווען זיין זוהן ר' ישעיה'לע מיט א טאכטער פון דעם רבי'שען דאקטאר ר' דוו

חיים בערנארד'ן, וועלכער איז געווען אויף דער עלטער א בעל־תשובה. האבען זיך די חסידים שטארק מתרעם געווען וועגען דעם דאזיגען שידוך פאר דעם רבי'ן ר' פישעלע.

האט ער זיינע חסידים געטרייסט, אז צוליעב דעם שידוך וועט א „היילונג אריינקומען אין דער משפחה".

און ווען ר' יעקעלע שפירא איז קראנק געווארען, איז ער מאקי געקומען קיין פיאטרקאוו צו זיין מחותן דעם דאקטאר זו־כען א היילונג און איז דא געשטארבען י"ט סיון ת"ר (1840).

ר' יעקעלע איז געווען א גרויסער סוחר, א מיליטער־ליפע־ראנט און דערביי א גרויסער בעל־מוצלח, האבען איהם צוליעב שנאה די קאנקורענטען שטארק גע'רודפ'ט און זיך געבונטע־וועט נישט איהם צוצולאזען אלס ממלא־מקומו נאך זיין גרויסען פאטער. און די סטריקאווער דינאסטיע האט זיך געענדיגט מיט דעם רבי ר' פישעלע ז"ל, אבער זיינע דורות עגזיסטירען אין פוילען.

דער „חוזה"

א.

דער שעפער און פאטער פון דער חסידישער בעוועגונג אין פוילען איז געווען ר' יעקב יצחק הלוי, דער רבי פון לובלין, וועלכען די חסידישע וועלט האט געקרוינט מיט'ן נאמען „חוזה", דער „זעהער".

ר' אליעזר הארוויטש, זיין פאטער, איז געווען רב אין יוזעפאוו און א גרויסער תם, נישט קענענדיג א צורה פון א מטבע.

אלס יונגעל האט שוין זיין איצק'ל גע'שמ'ט אין דער לומדישער וועלט אלס יוזעפאווער עילוי און ווען ער איז געווארען פופצעהן יאהר אלט האט איהם דער רב פער'קנס'ט מיט דער בת־יחידה פון דעם גביר רצון מרדכי וויינהענדלער פון קראס־ניבראד.

ער אליין האט זיך באשעפטיגט מיט בארגען געלד די פריצים און באלטשע, די כלה, איז געווען ווידער בעשעפטיגט אין שענק.

אין זייער וויינהאנדעל פלעגט אפט אריינקומען זיין קויפען דער דארטיגער גלח, א פראנקיסטישער משומד, מיט וועלכען באלטשע פלעגט זיך שטענדיג אונטערהאלטען און שטארק בעפריינדעט זיין.

נאך דער חתונה איז דער דאזיגער גלח ווייטער אפט

אריינגעקומען צו מרדכי וויינהענדלער אין דער שענק און בע־
קענענדיג זיך מיט באלטשעם מאן האט דער גלח פערפיהרט
מיט איהם שמועסען וועגען יודישקייט און יודען א. אז. וו.
איציק'ל, דער עילוי, האט זיך אבער באלד געכאפט, אז ער
האט דא צו טהון מיט א געפעהרליכען משומד און בעמערקענ־
דיג אויך די גלייכגילטיגקייט פון זיין יונג ווייבעל צו די אלע
אפיקורסישע טענות פון גלח, האט ער נאך אין די האניג־טעג
פערלאזט דאס הויז פון דעם גבירישען שווער און זיין ווייבעל
און איז געלאפען קיין רימשיוואל צום רבי ר' שמעלקע, וואס
איז דארט געווען רבי זיך שואל־עצה־זיין און אויסגיסען פאר
איהם זיין הארץ, ער איז דאן אויך אין גאנצען פערבליבען
דארט. אויפ'ן וועג האט זיך מיט איהם פאסירט די זעלבע
מעשה ווי מיט יוסף הצדיק. אריינקומענדיג אין א יודישער
קרעטשמע, האט זיך דעם ארענדארס טאכטער אין איהם פער־
ליעבט. וועלענדיג מיט איהם האבען געשלעכטס־בעציהונגען,
האט ער דאס הויז באלד פערלאזט. אבער דאס מיידעל האט
דאן איהר פאטער דערצעהלט, וועלכער איז גראד דעמאלט נישט
געווען אין דער היים, אז דא איז געווען א יונגערמאן, וואס
האט זי געוואלט מאנס זיין.

באלטשע האט דערווייל פערבראכט מיט איהר גלח, וועל־
כער האט זי דאן פערנארט אין א קלויסטער אריין, וואו דעם
גביר'ס טאכטער איז געווארען א „הייליגע", א „זאקאנניצע".
פטר'נדיג באלטשען האט ר' יעקב יצחק חתונה געהאט צום
צווייטען מאל פון לאנצהוט (גאליציען) מיט דעם דארטיגען
רב'ס א טאכטער.

דארט איז ער געקומען אין בעריהרונג מיט דעם בעל־שם־
טוב'ס תלמידים, מיט'ן רבי רב בער, דעם מגיד פון מעזריטש,
מיט ר' מלכ'ל פון ליזענסק א. א.

פערטיפענדיג זיך אין די קבלה־ספרים און אין חסידות
האט ר' יעקב יצחק אנגעהויבען צו שם'ען אויף דער וועלט אלס

א גרויסער בעל מקובל און מען האט צו איהם אנגעהויבען אויך באלד צו פאהרען.

א גרופע חסידים פון לובלין האבען איהם פערבעטען אין זייער שטאדט אריין, אבער דער לובלינער רב, ר' עזריאל הארוויטש, וועלכען דער עולם האט געקרוינט מיט'ן נאמען „דער אייזערנער קאפ" צוליעב זיין גרויס חריפות און בקיאות אין לערנען, האט זיך שטארק אקעגענגעשטעלט דעם רצון פון די חסידים, זייענדיג בכלל א פערביסענער מתנגד פון חסידיזם.

עס האט זיך צוליעב דעם צופלאקערט אין לובלין א גרוי-סע מחלוקה צווישען די צדדים ד. ה. צווישען די מתנגדים און חסידים, וואס האבען זיך גרופירט ארום די צוויי פיהרער פון די יודען אין פוילען.

די ראשי הקהל אין לובלין, וואס האבען געהאט דאס רעכט צו שאפען איבער זייער שטאדט, זענען געשטאנען אויף דער זייט פון זייער גרויסען רב און האבען פאר קיין פאל נישט ער-לויבט דעם יונגען רבי צו בעזעצען זיך אין לובלין, צוליעב וואס ר' יעקב יצחק איז געווען געצוואונגען צו וואוינען אין דער פארשטאדט טשעכאוו.

דאס דערפעל ווערט איצט דער צענטר פון די חסידים אין פוילען. פון ווייט און ברייט איז מען צו איהם ממש עולה רגל, אנרופענדיג איהם דער „רבי פון לובלין". די מתנגדים אבער הערען נישט אויף ווייטער איהם צו רודפ'ן און אלע מיטלען האבען געהייליגט דעם צוועק.

דער „רבי פון לובלין" איז אבער געבליבען גאנץ גלייכ-גילטיג צו די מתנגדישע רדיפות, און דער סוף איז געווען, אז זיינע סאמע פערביסענסטע שונאים זענען געווארען מיט דער צייט זיינע טרייע אנהענגערס. ווילענדיג-נישט-ווילענדיג האבען די נכבדי-העיר בעשלאסען ר' יעקב-יצחקן צו פערבעטען אין שטאדט אריין און מיט גרויס יראת הכבוד און פאראד האט מען איהם איבערגעפיהרט פון טשעכאוו קיין לובלין, אבדינ-גענדיג פאר איהם א הויז צו וואוינען און אויף א בית-המדרש.

ב.

דאָס לעבן פון „רבי פון לובלין" איז געווען דורכגענומען מיט אַנ׳אויסערגעוועהנליכער פרומקייט און הייליגקייט. די תורה פון מעזריטשער מגיד און די קדושה פון ר׳ מלכ׳ל פון ליזענסק, פון זיינע צוויי גרויסע רבי׳ס, זאָגט מען, זענען געווען אין איהם פעראייניגט. „קדושה סוכט נישט בירושה", האָט דער רבי פון לובלין געזאָגט, אזוי גוט ווי די תורה „התקן עצמך, אַרבייט דיך אַליין אוים". די גרויסע לומדי תורה פון פוילען זענען געווען זיינע תלמידים, ווי דער „יוד הקדוש", ר׳ דוד׳ל לעלעווער, ר׳ שמואל קאָראָווער, ר׳ ישעי׳לע פשעדבאָזשער, ר׳ שלמה בונם פשיסכער, דער זדיטשעווער, דער דינאָווער, ראָפשיצער, בעלזיצער, זשעליכאָווער אא"וו. הונדערט און צוואַנ־ציק אויסגעוועהלטע פלעגען שטענדיק זיצען אַרום דעם טיש פון „רבי פון לובלין". ער האָט פאַר זיי דערצעהלט וועגען זיינע וויזיעס, חזיונות און געזאָגט דברי תורה און קבלה. זיי, די דאָזיגע גרויסע צדיקים, האָבען זיך פערטיעפט אין זיינע ווערטער אָדער רמזים און פלעגען שטעהען לפני רבם מיט גרויס יראת הכבוד, שרעק און ציטערניש. דער „דינאָווער" האָט איהם פערגלייכט צו שמואל הנביא, נאָר מיט דעם אונ־טערשיד, וואָס ביים רבי פון לובלין פעהלט דער „כה אמר ה׳", אזוי האָט גאָט געזאָגט, נאָר ער זעהט אַלץ אַליין דורך רוח הקודש, אָנרופענדיג איהם דעריבער „החוזה", דער „זעהער".

„אַ נאָר זעהט אויף אַנ׳אייל, האָט געזאָגט אויף זיך דער „חוזה", אַ חכם אויף אַ מייל".

דערביי האָט דער „חוזה" נישט געפאַסט קיין תעניתים, ער האָט געדאַווענט און געלערנט מתוך חדוה, מיט פרייד און געזאַנג. געדיענט דעם בורא־עולם און נאָך יעדען דאַווענען אָדער לערנען האָט דער עולם געמוזט פערבייסען מיט אַ טרונק בראַנ־פען. ער האָט ספּעציעל ביי זיך געהאַלטען אין הויף דעם בע־קאַנטען וויצלינג און סאַטיריקער ר׳ מרדכי ראַקאָווער, כדי

תמיד צו זיין ביי א פרעהליכער שטימונג. מיט זיין הויף-לײט פלעגט זיך דער „חוזה" וויצלען און ארומשטיפען. אויף אלע שמחות, וואס זענען נאר פארגעקומען אויף זיין הויף, האט מרדכי ראקאווער געמוזט בעוויזען זיינע שטיקלעך און זאגען וויצען אויף וואס די וועלט שטעהט, אפילו איהם זעלבסט פער־משפען.

מען דערצעהלט וועגען א שפאס, וואס מרדכי ראקאווער האט זיך געמאכט מיט'ן „חוזה", פרעגענדיג איהם א שאלה, ווי ער האט זיך נוהג צו זיין ביי דעם סדר, וועלענדיג דערמיט א שטאך טהון דעם רבי'ן, אז ער קאן קיין שאלה נישט פסקנ'ען, ווי די מתנגדים פלעגען אויף איהם זאגען...

אממייסטענס האט די מתנגדים פערדראסען אויפ'ן „חוזה" צוליעב זיינע קמיעות און סגולות, וואס ער פלעגט געבען פאר הולאים און פאר די, וואס האבען זיך געווענדעט צו איהם וועגען א ישועה, נעהמענדיג דערפאר גרויסע פדיונות פון די הסידים זיינע.

ווען דער דובנער מגיד איז אנומעלט געקומען צום „חוזה" אין שטוב אריין און דערזעהען ביי איהם אויפ'ן טיש א קופע געלד, האט ער איהם געפרעגט פון וואנען עס נעמט זיך צו איהם אזוי פיעל געלד, אין דער צייט, ווען ער, דער מגיד, רעדט און רעדט אזוי פיעל אין די שטעדט און שטעדטלעך און קיינער גיט איהם נישט קיין גראשען. האט איהם דער חוזה געענטפערט: ווייל זיין, דעם מגיד'ס שטרעבען איז נאר געלד און געלד, דעריבער בעקומט ער עס נישט; ער דאגעגען שטרעבט נישט צו געלד, דעריבער בעקומט ער עס, „ווארום — זאגט דער חוזה — ווער ס'האט ליב געלד, דער האט עס נישט".

דאס אריגינעלע התנהגות פון חוזה און זיין גייסטיג לעבען האט אנגעמאכט אין יודישען וועלט'ל א גרויס איבערקעהרע־ניש אין סוף פון 18-טען יאהרהונדערט און דער הסידיזם האט

אויך בעהערשט דאָס גאַנצע יודישע לעבען אין פוילען.

נאָך בחייו זענען געוואָרען זיינע תלמידים אליין רביים, צו וועלכע דער עולם איז אויך געפאָהרען, וואָס עס האָט נאַטירליך ארויסגערופען א גרויס אומצופרידענהייט אין „לובלינער הויף", זעהענדיג דערין א מין קאָנקורענץ אויפ'ן רבי'ישען געביעט. אָבער באין ברירה האָט זיך שליסליך דער הויף געמוזט אונטערגעבען, בדי צו דערהאַלטען זיין פּרעסטיזש. האָט דאָך דער „חוזה געזאָגט: „ווען דו קאָנסט נישט אריבער, זאָלסטו אָבער נישט ארונטער".

ג.

„ווען נישט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט אין שמחת תורה מיט'ן „חוזה" בשעת הקפות אין יאָהר תקע"ה, וואָלט ער אודאי אראָבגעבראַכט משיח'ן" — האָבען זיינע מקורבים פערזיכערט.

טאַנצענדיג מיט דער תורה, איז דער חוזה פאַר גרויס עקסטאַז און התלהבות ארויסגעשפּרונגען פון פענסטער פון צווייטען שטאָק פון זיין בית המדרש, און אראָבפאַלענדיג אויפ'ן ברוק פון דער גאַס האָט ער דאָס געניק צעבראָכען, פון וואָס ער איז נישט מעהר פון זיין בעט אויפגעשטאַנען.

וועגען דעם דאָזיגען, אזוי אומגליקליכען שפּרונג, ווערט דערצעהלט, אז דער חוזה האָט א געוויסע צייט פריהער פערטרויט זיינע מקורבים, אז די סטרא אחרא האָט זיך צו איהם צוגעטשעפּעט און וויל איהם אוועקשלעפּען אין די וויסטע וועלדער אריין און אומברענגען פון דער וועלט, בעטענדיג זיך ביי זיי, אז מען זאָל אויף איהם שטאַרק אכטונג געבען, אז די סטרא אחרא זאָל נישט האָבען איבער איהם קיין שליטה.

ס'האָט זיך דעריבער באַלד געשאַפען פון זיינע טרייעסטע צעהן מקורבים א „שמירה", וועלכע האָט ביים „חוזה" געוואַכט טאָג און נאַכט, אפילו ביים בעט.

אָבער בשעת „הקפות", ווען דער עולם איז געווען

פערטהון מיט דער שמחה, האָבען די „שומרים" אינגאַנצען פערגעסען אין דער געפאַהר, וועגען וואָס דער חוזה האָט זיי פערטרויט, און אָבטהוענדיג פון איהם זייער אויג, האָט טאַקע געטראָפען, אז סטרא אחרא האָט איהם גובר געווען.

אזוי האָבען גע'טענה'ט זיינע חסידים. די מתנגדים אָבער, מיט'ן „אייזערנעם קאָפּ" בראש, האָבען אַנדערש אויסגעטייטשט דעם דאָזיגען צופאַל, טאַקע לויט זייער שטייגער, אז זייענדיג בגלופין איז ער פשוט ביים טאַנצען ארויסגעשפּרונגען פון פענסטער...

אז מען האָט דעם חוזה דערצעהלט, וואָס זיינע מתנגדים זאָגען, האָט ער זיך שטאַרק צולאַכט, ענטפערענדיג, אז זייער

אָבער אין זיינע גרעסטע יסורים האָט מרדכי ראַקאָווער פרייד איז א בחנמ'דיגע. אין טאָג פון זיין טויט וועלען זיי אפילו קיין קאַפּעטשקע בראָנפען אויך נישט קאָנען טרינקען...

געמוזט איהם זאָגען וויצען, מאַכען לצנות אא"וו, כדי צו דערהאַלטען איהם ביי א פרעהליכער שטימונג.

נאָהענט צו דער פטירה האָט זיך דער חוזה ביי איהם געבעטען, אז ער זאָל זאָגען עפּעס א מלתא־דבדיחותא, אַנ'אַנעקדאָט. דערפאַר פערזיכערט ער איהם עולם־הבא. דערצעהלט איהם מרדכי ראַקאָווער טאַקע א מעשה, ווי ער האָט אַנומעלט אריינגענאַרט א פּויער אין דער מקוה. קויפענדיג ביי א פּויער א וועגעלע שעטשקע האָט ער געהייסען איהם פערפאָהרען צו דער מקוה און אין קעלער, וואו ס'איז געווען דאָס וואסער, האָט ער איהם געהייסען אויסשיטען די שעטשקע, וואָס דער פּויער האָט אויך געטהון, נישט בעמערקענדיג אין דער פינסטער, ניש, אז דאָרט איז דאָ וואסער.

און ווען די שעטשקע איז שוין געווען דאָרט אויסגעשיט האָט ער געהייסען דעם פּויער אהינצו אריינגעהן און צוטרעטען מיט די פיס, אז עס זאָל נישט זיין אזא הויכע קופּע. האָט איהם אויך דאָס דער פּויער געפאָלגט און איז דערביי ארייג־

געפאלען אין וואסער און געטאַפּיעט — כי באו מים עד נפש.

„אַט — האָט דער חוזה אַ געשריי געטהון —- מרדכי ביזט אַ כוואַט, אַז דו האָסט געקאָנט אריינגעגאַרען די סטרא אחרא אין דער מקוה, ביזטו אַ גוטער ברודער" — און ער האָט זיך דערביי שטאַרק צעלאַכט.

און צעלאַכענדיג זיך אַזוי צוליעב דעם וויץ פון זיין לץ, מיט וועלכען ער האָט איהם געגעבען אַנצוגעהערען, פאַרוואָס ער האָט זיך געלאָזט אריינגעגאַרען פון דער „סטרא אחרא" — איז דער חוזה נפטר געוואָרען אין תשעה באב נאָכמיטאָג תקע"ה (1815).

די מתנגדים מיט'ן „אייזערנעם קאָפּ" בראש האָבען טאַקע נישט געקאָנט פאַר פרייד אַ קאָפּיטשקע בראָנפען טרינקען צוליעב'ן תענית...

וועגען פריהען טויט פון חוזה ווי וועגען זיינע חזיונות און מופתים ווערען דערצעהלט פערשיעדענע פאַנטאַסטישע מעשיות, פון וועלכע איך וויל נאָר דערמאָהנען דאָס, אַז ער פלעגט יעדעס יאָהר זיך מאַכען אַ לוח און פערצייכענען, וואָס ס'וועט יעדען טאָג פאַסירען אין יודישען וועלטעל. דאָס יאָהר פון זיין פטירה האָט מען נאָר געפונען מערקווירדיג אויפגעצייכענט די פאַסירונגען ביז תשעה באב נאָכמיטאָג פון יאָהר תקע"ה.

אין דעם זעלבען יאָהר האָט ער אויך געפאַסט פיערציג טעג און מתפלל־געווען אויף ביאת משיח, האָט זיין עולם גערעכענט, אַז צוליעב דעם, וואָס ער האָט בלויז געמאַכט זיינע פערצייכנונגען ביז דעם טראַגישען תשעה באב, וועט אודאי אין דעם טאָג קומען משיח.

נאָך היינט קען מען זעהן אין לובלין דאָס קליינע הייזעל ביים בית־המדרש אויפ'ן „געסעל", וואו עס האָט געוואוינט, געלערענט און עוסק געווען אין עבודת־הבורא, און אויך דאָס פענסטער, דורך וועלכען ער איז ביי די „הקפות" אַזוי אומ־

גליקליך ארויסגעפאלען

דאָס דאָזיגע פענסטער׳ל איז פערהאַקט מיט ברעטער ביז׳ן היינטיגען טאָג און עס ווערט שטאַרק פערהייליגט פון דעם אַלטען דור.

אויפ׳ן בערגעל פון אַלטען בית החיים אין לובלין זעהען מיר אויך דעם פערמויערטען קבר פון חוזה מיט אַ הויכער, ווייסער געוועהנליכער מצבה צו קאָפּענס מיט׳ן פּנים צו מערב, בעשריבען פול מיט נעמען, אויף וועלכער ס׳געפינט זיך דער בולט׳ער אויפשריפט: „עדה המצבה הזאת מצבת קודש קדושת רבינו״ — דאָס איז די הייליגע מצבה פון אונזער הייליגען רבי׳ן — „כל בית ישראל יבכו, אלע יודען בעוויינען איהם, כי הושך אור בעדנו, פינסטער איז געוואָרען אונזער ליכט, ביום שרפת בית אלוקינו, אין דעם טאָג, ווען דאָס בית המקדש איז פערברענט געוואָרען, הוא יום פטירת איש קודש המקובל, דאָס איז דער טאָג, ווען ס׳איז נפטר געוואָרען דער קדוש און בעל מקובל, פאר הדור, די קרוין פון זיין דור או״ו או״ו „ארץ רעשה לפ״ק״, א ציטער האָט דעמאָלט געטהון די גאַנצע וועלט.

נישט ווייט פון זיין קבר, רעכטס איז געקומען צו קבורה זיין גרויסער געגנער, דער אַזוי-גערופענער „אייזערנער קאָפּ״, וועלכער איז נפטר געוואָרען כ״ב חשון תקע״ט.

אָבער די פערביסענע חסידים, וואָס זענען עולה-רגל נאָך ביז היינטיגען טאָג צום קבר פון „רבי פון לובלין״ און זענען דאָרט מתפלל, אַריינלעגענדיג אין די שפּאַלטען פון דעם פערמויערטען קאַסטען זייערע „קוויטלעך״, מיידען נאָך היינט אויס דעם קבר פון „אייזערנעם קאָפּ״, צוליעב די מחלוקת, וואָס ער האָט געפיהרט געגען דעם חוזה אנגעפיהרט, אין דער צייט, ווען ער זעלבסט האָט קיין בייז הארץ קיינעם פון זיינע געגנערס נישט נאָכ־געטראָגען.

זיין גרויס דביקות און פשטות, זיין הארציגקייט און ליבע צום כלל ישראל און זיין מסירת־נפש פאר'ן קיום היהדות האָט נישט געקענט פערטראָגען קיין שנאה צו קיינעם נישט, אפילו נישט צו די, וואָס האָבען איהם אין לובלין אזוי שטאַרק געריד'ט און דברי לעז אויף איהם אויסגערעדט און מזלזל געווען זיין עהרליך פערדיענטען כבוד.

פון חוזה זענען פערבליבען דריי ספרים אויף תורה און קבלה: „דברי אמת", „זאת זכרון" און „זכרון זאת", פון וועלכע דאָס ערשטע איז נאָך ביי זיין לעבען ערשינען (1808).

זיין איינציגער זוהן איז נפטר געוואָרען פינף יאָהר פריהער פון איהם (תר"ע) לויט דער אויפשריפט פון דער מצבה, וואָס געפינט זיך אויפ'ן בית־החיים אין לובלין.

דער רבי ר' אלימלך

א.

דער רבי ר' אלימלך שפירא איז דער פאטער פון דער אזוי־גערופענער „גראדזיסקער דינאסטיע".

ער איז א זוהן פון מאגעלניצער רבי ר' יחיאל מאיר און אנ'אייניקעל פון דער בעקאנטער פערעלע, די קאזשעניצער רבי'צין, וועלכע איז געווען די בת־יחידה פון קאזשעניצער מגיד.

וועגן דער געבורט פון גראדזיסקער צדיק ווערט דער־צעהלט, אז ביים מאגעלניצער האט זיך נישט געהאלטען קיין קינד. זיי זענען יונגערהייד אוועקגעגאנגען פון דער וועלט. האבען גוטע יודען גע'עצה'ט, אז די רבי'צין זאל זיך אנטהון א רויטע ספודניצע און געהן אין איהר טאג און נאכט. איז זי טאקע געהאלפען געווארען און געבוירען דעם גראדזיסקער רבי ר' אלימלך, וועלכער האט זיך שוין ביי זיי געבאוועט.

איז אבער דער מאגעלניצער יונגערהייד געשטארבען און דאס אויסגעבעטענע קינד איז ערצויגען געווארען ביי ר' אליעזר'ל, אויך אנ'אייניקעל פון קאזשעניצער מגיד.

און ווען ר' אליעזר'ל איז נפטר געווארען, האט דער עולם חסידים געקרוינט דעם גראדזיסקער אלס ממלא־מקומו.

זיינע מקורבים זענען געווען דער אסטראווצער ר' יחיאל מאיר, דער שידלאווצער ר' נתן דוד און נאך א סך אנדערע גדולים.

די חסידישע לעגענדע דערציילט, אז א ווארשאווער חסיד ר' ישראל הובערבאנד האט געהאט ביים גראדזיסקער גער בעטען וועגען „פרנסה", האט איהם דער רבי מבטיח געווען, אז ער וועט אין קורצען ווערען א גביר.

מאכט זיך דעם חסיד א שטיקעל געשעפט ביים ווארשא־ווער בעקאנטען באנקיר לעסער, און אויסצאהלענדיג איהם א געוויסע סומע, האט זיך דער קאסירער טועה געווען און הו־בערבאנד'ען געגעבען עטליכע טויזענד רובל מעהר, ווי ס'איז איהם געקומען. אהיימקומענדיג האט הובערמאן ערשט דאס בעמערקט, האט ער תיכף צוריקגעטראגען אין קאנטאר אריין דאס איבריגע געלד, צוליעב וואס לעסער האט צו הובערבאנד'ען בעקומען דעם גרעסטען צוטרוי, אנטרויענדיג איהם אויך גרויסע סומעס געלד, פון וואס ער איז אליין געווארען א גרויסער גביר, א באנקיר.

דער גראדזיסקער האט זיך אויך אבגעגעבען מיט כלל־זאכען, וואס האט איהם שטארק פאפולער געמאכט אין אלע יודישע קרייזען און א סך פאר דעם כלל אויפגעטהון מיט זיינע השתדלנות'ן.

ווען ס'איז ארויס די „גזירה" פון ווארשאווער שול־קורא־טאר און רוסיפיקאטאר אפוכטין, אז מען זאל לערנען רוסיש אין די חדרים און תלמוד־תורה'ס, האט דער גראדזיסקער צונויפגערו־פען קיין אמוואצק אנ'אסיפה פון אלע פוילישע גוטע יודען און רבנים, צווישען וועלכע ס'האבען זיך אויך געפונען דער „שפת אמת", דער סאכאטשאווער, דער אלעקסאנדערער, דער וואר־קער, דער „נפש חיה" א. א. גדולים, און מען האט צענויפגעגע־מען א סומע פון צעהנטויזענד רובל, וואס מען האט געגעבען דעם ווארשאווער גענעראל־גובערנאטאר הורקא'ס ווייב אלס מתנה פאר'ן „רויטען קרייץ", אין וועמענס שפיץ זי איז געֿ־שטאנען, און די גזירה איז אביסעל פערלייכטערט געווארען מיט דעם, וואס מען האט אויפגעהערט רודפ'ן אזוי שטארק די מלמ־דים און די חדרים.

ר׳ אלימלך פון גראָדזיסק האָט אויסגעבעטען, געהאָלפען און געטרייסט די גאַנצע וועלט, נאָר פאַר זיך אַליין האָט ער גאָרנישט געקענט אויפטאָן, דאָס איז שוין דער גורל פון אַלע גרויסע יודען און צדיקים.

ער האָט נישט געהאַט בחייו קיין גרויס נחת פון זיין הויז.

געהאַט אַ בן־יחיד ר׳ יחיאל־מאיר, דער פאָטער פון היינטי־גען גראָדזיסקער רבי ר׳ ישראל׳משע (דער „אמונת־ישראל״), איז ער יונגערהייד נפטר געוואָרען. אויך דער עלטער איז ער אַליין אַ פערוויסטער אַלמן, געבעך, געוואָרען. און נישט האָבענדיג קיין זוהן, האָט דער רבי ר׳ אלימלך חתונה געהאַט, זייענדיג עטלעכע און זיבעציג יאָהר אַלט, מיט ברכה׳לען, די טאָכטער פון כענטשי־נער רבי ר׳ חיים־שמואל שטערענפעלד.

ברכה׳לע די רבי׳צין איז געווען אַן׳אַלמנה, איהר ערשטער מאַן ר׳ יהושע־העשעל תאומים פרענקעל איז געווען רב אין סאַה־קעוו און האָט ביים גרויסען „דין־תורה״ וועגען „יאָשע קאַלב״, מיט וואָס ס׳האָט זיך דאַמאָלסט פעראינטערעסירט די גאַנצע רבנישע וועלט, געשפּיעלט נישט קיין קליינע ראָלע, זייענדיג אַ קרוב פון שידלאָווצער רבי ר׳ נתן־דוד — דער זיידע פון „יאָשע קאַלב״, וועגען וואָס מיר וועלען שפּעטער באריכות דערצעהלען.

צוזאַמענגענומען נאָך דער חופּה פון גראָדזיסקער מיט ברכה׳לען, האָט דער „כענטשינער״, איהר פאָטער, איהם געוואונשען מזל־טוב אַ בן־זכר...

צו ניין חדשים האָט ברכה׳לע די זקנה, געבוירען אַ זוהן, און דאָס איז דער היינטיגער פּיאַסעטשנער רבי ר׳ קלמיש׳ל און וואַר־שא, וועלכער איז אַ שמילער גאון און דערביי אַ גרויסער חובב־ציון, פיהרט־אָן מיט אַ ישיבה פון עטליכע הונדערט בחורים און איז מחבר פון חב״ד׳ישען ספר „בני מחשבה טובה״.

ברכה׳לע האָט נאָך געבוירען אַ צווייטען זוהן, דאָס איז דער הרב ר׳ אליהו שפּירא אין ירושלים.

אבער נישט לאנג איז דעם גראדזיסקער צדיק בעשערט געווען זיך צו פרעהען מיט זיינע גערשטענע זיהן, די בני זקונים׳לעך. ער איז נסתלק געווארען ערב ר״ח ניסן תרנ״א (1892), זייענדיג אנ׳ערך פון 50 יאהר רבי.

די גראדזיסקער „מלוכה״ איז זיך צופאלען, דער פיאסעטשנער איז דאמאלסט אלט געווען קוים צוויי יאהר, האבען זיך מיט איהם איינגעטיילט די אייניקלעך מיט דעם היינטיגען גראדזיסקער ר׳ ישראל׳טשע בראש.

ברכה׳לע, די מוטער פון פיאסעטשנער, וואוינט ביי איהם, זי טראגט אויף איהר לייב א טלית־קטן און חסידים זענען זיך אויך ביי איהר מזכיר...

ברכה׳לע בעהאלט אין זיך אויך דעם סוד וועגען דעם רבי׳שען זוהן, וועלכער איז ענטפלעקט געווארען אונטער דעם נאמען „יאשע קאלב״, מיט וועמען עס האט נישט לאנג געשאכט די גאנצע רבנישע וועלט, הויפטזעכליך אבער די „רבי׳שע הויפען״.

איך וויל עס איבערגעבען, לויט ווי ס׳איז פערשריבען אין די „שאלות ותשובות״־ספרים און פון אנדערע קוועלען.

דער שידלאווצער רבי ר׳ נתן־דוד, דעם גראדזיסקער׳ס א מקורב און אנ׳אייניקעל פון „יוד הקדוש״, האט געהאט א זוהן ר׳ צמח, וועלכער איז געווען דער ממלא מקום פון זיין פאטער. קנס׳ט פאר דער טאכטער פון קאמיאנקער רבי ר׳ שיעלע.

שוין בחור־ווייז האט מען מוצא שם רע געווען, אז דער „קליינער״ איז עפים נישט מיט אלעמען, ער וויזט ארוים סמנים פון משוגעת.

און עטליכע וואכען נאך דער חתונה האט משה־חיים פערלאזט אין א פינסטערע נאכט זיין שטוב, מיט דעם אויסרעד צו־צומאכען די לאדענס פון די פענסטער און איז מעהר נישט צוריק־געקומען אין דער שטוב אריין. אלע שפורען וועגען איהם זע־

נען אויך פערלוירען געגאנגען...

דאָס ווייבעל איז פערבליבען אַ בעטריבטע עגונה, זי האָט זיך שוין איבגעגעבען אַז מ'האָט מיאש געווען פון איהם, אָבער פּלוצלונג, נאָך גאַנצע פופצעהן יאָהר, קומט זיך דער בחור צוריק קיין קאַמיאַנקאַ אָבגעריסען און אָבגעשליסען, שטאַרק בעוואַקסען און מיט אַ געשטופּעלט פּנים, פאַרשטעלענדיג זיך, אַז ער איז משה־חיים, דער מאַן פון קאַמיאַנקער רבי'נס טאָכטער, א.אַ.וו.

אָבער נישט דאָס ווייב און נישט קיין אַנדערער האָבען איהם געקאָנט דערקענען, וואָרום ער האָט זיך דאָך דורך די צייט געהאָט שטאַרק געענדערט אין אויסזעהן א.אַ.וו., האָט דער צוריקגעקומענער געזאָגט אינטימע סודות פון דעם ווייב און נאָך אַנדערע היימישע סודות, אַז ס'האָט שוין נישט געקאָנט זיין מעהר קיין ספק, אַז ער איז משה־חיים, וואָס איז אין יענער פינסטערער נאַכט פּלוצלונג אַוועקגעקומען. ער האָט דערצעהלט, אַז אין יענער נאַכט איז אין איהם אַריין אַ משוגעת אין קאָפּ און ער האָט אונטערגעצונדען דעם קלויסטער אין קאַמיאַנקאַ, וועלכער איז דאַן אַוועק מיט דעם רויך און איבערלעגענדיג דאַן זיך, וואָס פאַר אַ פערברעכען ער האָט אָבגעטהון און וואָס פאַר אַ שווערע שטראָף עס דראָהט איהם דערפאַר און אויך וואָס פאַר אַ חלול־השם דאָס קען זיין פאַר די יודען — האָט איהם די מורא געיאָגט אין דער פרעמד אַריין און ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין דער וועלט, וואו די אויגען האָבען איהם געטראָגען.

ער האָט זיך בעהאָפטען צו די שלעפּערס און געוואָרען אַ מדינה־געהער, געשנאָרעט און געבעטעלט, גענעכטיגט אין די הקדשים און ווען ער איז איינמאָל געפעהרליך קראַנק געוואָרען אויף פּאָקען האָט מען איהם גענומען אין שפּיטאָל אַריין, אין וועלכער שטאָדט דאָס איז פאָרגעקומען געדענקט ער שוין נישט. אַמאָל האָט ער אָנגעוויזען אויף בריסק, אַמאָל אויף אַן'אַנדער שטאָדט א.אַ.וו.

איצט האָט ער ווייטער ערקלעהרט, אַזוי ווי ער רעכענט, אַז

נאך אזא לאנגע צייט איז שוין די מעשה מיט דעם קלויסטער פערגעסען, און ער האט אויך נישט מעהר מורא צו האבען פאר א שטראף, איז ער אהיימגעקומען צו זיין ווייב און וויל מיט איהר וואוינען.

האט מען דאך איהם נישט געוואלט גלויבען די מעשה, האט דער קאמיאנקער רבי אנגעפרעגט וועגען דעם זיין מחותן דעם שינאווער רבי ר׳ יחזקאל׳ע, האט ער געהייסען, אז לויט די סמנים וואס משה־חיים האט געזאגט, איז ער טאקע משה־חיים, דער מאן פון זיין טאכטער, און זי מעג מיט איהם וואוינען כדת משה וישראל.

מאכט זיך א מעשה, אז אין רבי׳נס בית־המדרש זענען אין א צייט ארום געקומען חסידים צום רבי׳ן פון קראסנאבראד און דערזעהענדיג דעם בלומר׳שטען משה־חיים האבען זיי דערקענט אין איהם, אז ער איז יאשע קאלב, וועלכער איז פאר א געוויסער צייט פון קראסנאבראד פלוצלונג פערשוואונדען געווארען, אבער איבערלאזענדיג דארט זיין ווייב אן עגונה.

האט ער געלייקענט שטיין אוןביין, אז די גאנצע מעשה, וואס יענע חסידים דערצעהלען, איז נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. האט זיך אבער דערפון די וועלט דערוואוסט און עס האט זיך געמאכט א גרויס קאכעניש, היתכן, דעם קאמיאנקער צדיק׳ס טאכטער אן׳אשת־איש?!...

און אזוי ווי דער קאמיאנקער רבי איז געווען א צאנזער חסיד און א מחותן פון דעם שיניאווער רבי ר׳ יחזקאל׳ע, וועלכער איז ווייטער געווען א זוהן פון צאנז, האבען די „סאדיגורער" חסידים, וואס זענען געווען מיט צאנז אויף לעבען און טויט, בעפאלען מיט גרויסע זלזולים דעם שיניאווער רבי דערפאר, וואס ער האט מתיר געווען אן׳אשת־איש צו א ווילד־פרעמדען מאנספערשוין...

האט זיך וועגען דעם געטומעלט יאהרען לאנג צווישען די רבנים און גדולים, צי דאס איז משה־חיים, דעם שידלאוויצער׳ס א זוהן, צי טאקע יאשע קאלב. מען האט געשריבען בערג שאלות

תשובות, ווי ר׳ יצחק שמעלקעס דער לעמבערגער רב (זעה אין שו״ת „בית יצחק״ חלק אבן העזר), דער מונקאטשער רבי ר׳ אליעזר (מנחת אליעזר) און נאך צעהן אנדערע (ספר „דרכי תשובה״ א. א. וו.). דער סוף איז געווען, אז דאס פאר־פאלק האט זיך געמוזט גט׳ן, לויט ווי עס האט גע׳פסק׳ענט דער סאַרקאַוועד רבי ר׳ יהושע־העשעל תאומים פרענקעל, ברכה׳לעס ערשטער מאן. דער גט איז געוואָרען דורכגעפיהרט ביים שיניאַווער רבי. דער־ביי האט ער דעם ווייבעל גע׳אסר׳ט חתונה צו האבען מיט א צווייטען מאן, צוזאגענדיג איהר דערפאר אריכת ימים. זי איז ערשט נישט לאנג געשטאָרבען.

דאגעגען משה־חיים האט נאכ׳ן גט באלד חתונה געהאט מיט א צווייט ווייב, געהאט מיט איהר עטליכע קינדער, וועלכע לעבען נאך היינט ביי אונז אין פוילען. ער האט אבער זיין גאנץ לעבען געלעבט פון נדבות, אין א היי צער. אבגעהאלטען תעניתים און סגופים, געלערנט און מתפלל געווען, ארויסווייזענדיג פון צייט צו צייט סמנים פון משוגעת.

ער פלעגט אפט קומען קיין גראָדזיסק. דער רבי האט איהם שטארק מקרב געווען, האלטענדיג, אז ער איז נכשל געוואָרען און איז א בעל־תשובה.

משה־חיים אליין פלעגט זיך אויך שעמען פאר מענשען. אין אלע שטיבלעך און בתי־מדרשים פלעגט ער ארויסרייסען אלע בלעטלעך אין די תשובות־ספרים, אין וועלכע ס׳ווערט דערצעהלט וועגען זיין פערגאַנגענהייט, מיטנעהמענדיג זיך דעם גרויסען „סוד״ אין זיין קבר אריין...

דער „זאלושינער" — א דאקטאר — א גוטער יוד

דער „זאלושינער" — האט מען איהם קורץ גערופען. גע־הייסען האט ער אבער מיט'ן ריכטיגען נאמען: ר' חיים דוד ד"ר בערנארד. געשטאמט האט ער פון קליין־פוילען. געקומען איז ער קיין פיאטרקאוו אלס דאקטאר פון דער שטאט זאלושין און אין פיאטרקאוו איז ער נתגלה געווארען אלס „רבי"..

געווען איז ער א רבי מיט אלע פיטשעווקעס, געלאזט זיך וואקסען באָרד און פאות, אנגעטהון א שטריימעל און א זיידע־נעם כאלאט. אין דער וואכען אפילו האט ער געטראגען א ברייטען גארטעל אויפ'ן כאלאט זיינעם. ער האט געפענט זיין אייגען בית־המדרש, גענומען קוויטלעך, געפראוועט טיש, שבת און יום־טוב, געטיילט שיריים, געוואשען זיך פרייטאג צונאכטס צו 12 חלות, געזאגט פאר'ן עולם תורה א. אז. וו.

דערביי האט ער אלס דאקטאר פראקט.צירט אויך ווייטער, געגאנגען צו חולאים אהן אונטערשיעד — קריסטען צי יודען, געשמ'ט אלס גרויסער דאקטאר און געהאט אויך א גרויסע פראקטיק.

פון וויט און ברייט איז מען צו איהם געקומען. דער — וועגען רפואת הנפש, דער — וועגען רפואת הגוף, טראץ דעם אלעם, איז ער פארט ארים געווען, דאס פערדינסט האט ער צע־

טיילט צווישען זיינע אָרימע חסידים. קיין פּדיונות האָט ער נישט גענומען. אָבער דער עני שבעני האָט געמוזט איהם בעצאָהלען פאַר דער וויזיט כאָטש 2 פּוילישע גילדען: א בחנם׳־דינער רופא איז נאַרנישט ווערט. א קישען האָט ער געהייסען אנ׳אָרימאַן פערזעצען און איהם האָט מען געמוזט באַצאָהלען פאַר דער וויזיט. אָבער פאַר דעם געלד, וואָס ער האָט גענומען פון אנ׳אָרימאַן האָט ער געקויפט די מעדיצין, וואָס ער האָט פערשריבען און זי אהיימגעשיקט פאַר׳ן חולה. שבת האָט ער קיין רעצעפּטען נישט פערשריבען, נאָר געגאַנגען אליין אין דער אַפּטייק און דאָרט דעם אַפּטייקער דיקטירט די רעצעפּט.

זיין גאַנץ לעבען איז איינגעהילט אין א שלייער פון לויטער ליגענדעס.

מען דערצעהלט, אז זיינע עלטערן האָבען געוואוינט אין א דאָרף אין קליין־פּוילען, דער פאָטער זיינער האָט געהאַלטען די פּראָפּינאַציע ביים פּריץ. אלס דריי־יעהריג קינד איז ער פון דערהיים אוועקגעקומען. פרעמדע, וואָס זענען פערביינגעפאָהרען פאַר׳ן דאָרף און דערזעהען פאַר א הויז שטעהען א בילד־שען קינד, האָבען עס מיט זיך מיטגענומען. דאָס זאָלען זיין געווען קריסטען.

אנדערע בעהויפּטען, אז דער פּריץ זעלבסט האָט געלאָזט אוועק־גנב׳ענען דאָס קינד פון זיין יודישען ארענדאר, נישט פערגעננדיג אזא געראָטען שען קינד דעם יוד...

ווי עס זאָל נישט זיין — דאָס קינד איז יאָהרען לאַנג נישט געווען ביי די עלטערן. ווערענדיג ערצויגען אין דער פרעמד, איז ער געגאַנגען אין די שולען אין קראָקא. דאן האָט ער געלערנט אין דער ברעסלויער אוניווערזיטעט מעדיצין. געענדיגט אלס דאָקטאָר, איז ער אריינגעטרעטען אין פּוילישען מיליטער, געוואָרען דאָרט לייב־ארצט פון גענעראל זאַיאָנטשיק, וועלכער איז דאן געוואָרען דער נאָמיעסטניק פון פּוילען, און מיטגעמאַכט די שווערע מלחמה אונטער דער קאָמאַנדע פון פּוי־

לישען פריוואַטישער־העלד קאַשטשושקאָ אין דער ענטשיידונגס־שלאַכט ביי וראַצלאַוויצע.

ביים גענעראַל זאַיאָנטשעק האָט ער קענען געלערנט די באָנע העלענא, וואָס איז ביים גענעראַל געווען אָנגעשטעלט. די באָנע איז געווען אַ געבוירען יודיש קינד. זי האָט איהם נישט אויסגעזאָגט. אָבער זי האָט נישט געוואָלט חתונה האָבען מ׳ט בערנאַרד׳ן, מיינענדיג, אַז ער איז אַ קריסט. דער דאָקטאָר האָט שוין לאַנג געהאַט אַ שטיקעל אַהנונג, אַז ער קומט אַרויס פון יודען. אין חלומות האָט זיך איהם בעוויזען זיין פערשטאָר־בענע מוטער און איהם מודיע געווען, אַז ער זאָל וויסען, אַז ער שטאַמט פון זרע אברהם. ווייל ער איז נישט קיין יוד, האָט זי נישט קיין רוה אין קבר. שפּעטער האָט ער זיך געלאָזט אונ־טערזוכען פון אַ מוהל, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ער איז טאַקע אַ יודיש קינד. ער האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען צו־ריקקעהרען זיך צום יודענטום, און האָט פערטרויט אויך זיין געליבטע העלענא דעם סוד. פון איהר האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אויך זי, איז אַ יודיש קינד. זיי האָבען דאַן ביידע בעשלאָסען חתונה צו האָבען...

נאָך דער צעטיילונג פון פוילען איז דער דאָקטאָר אַרויס פון מיליטער־דינסט, בעזעצט זיך אין זאַלושין (אַ שטעדטעל ביי דער דייטשער גרענעץ) אַלס דאָקטאָר צוזאַמען מיט דער פרוי, וועלכע האָט איצט געהייסען מיט׳ן נאָמען הדס. דאָרט האָט ער זיך עפּעס נישט גוט געפיהלט, אָדער אַנדערע סיבות האָבען איהם אפשר בעוואויגען, זאַלושין צו פערלאָזען. אָנהויב 19־טען יאָהרהונדערט איז ער געקומען קיין פּיאָטרקאָוו צוזאַמען מיט זיין הויזגעזינד.

אין פּיאָטרקאָוו האָט ער געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיק. זייענדיג געשעצט צווישען יודען און קריסטען. געפיהרט האָט ער פריהער אַ היינטוועלטיג לעבען. געוואוינט אין יודישען קוואַר־טאַל, נישט ווייט פון דער שוהל, און נישט אין „מקום”. וואו די

אריסטאָקראַטען האָבען געלעבט. האָבען די יודען אויף איהם צוגעלעבט. צוליעב זיין נישט פרומער פיהרונג קרום געקוקט. אָבער קיינער האָט נישט געהאַט די העזה דעם דאָקטאָר דעריבער צו זאָגען א וואָרט, ווייל ער איז געווען אלס דאָקטאָר א חשוב אין אַלע פאַרציימישע רבי'שע הויפען...

איינמאָל — דערצעהלט מען — האָט ר' דוד לעלעוור געשיקט נאָכ'ן ד"ר בערנאַרד, אַז ער זאָל צו איהם תיכף קומען אויף א וויזיט. דער דאָקטאָר האָט באַלד געכאַפּט פערד און וואָגען און איז אין א גרויסען פראַסט געפאָהרען צו ר' דוד לעלעווער. נאָכדעם ווי ער האָט דעם רבי'ן אונטערזוכט און פערשריבען די רעצעפּט, האָט ר' דוד לעלעווער איהם געפרעגט ווי זיין פיהרונג איז מכח יודישקייט. דער דאָקטאָר איז געווען אין א גרויס פערלעגענהייט צוליעב דער דאָזיגער פראַגע, און ער האָט דעם רבי'ן גאָרנישט געענטפערט. ער איז געזעסען שטיל און געשוויגען...

ר' דוד לעלעווער האָט א שווערען זיפץ געגעבען.

— ד"ר בערנאַרד — האָט ר' דוד'ל, צו איהם געזאָגט — איך ברויך א רפואת הגוף און האָב נאָך איך גליך געשיקט. איהר אָבער ברויכט א רפואת־הנפש.

איך בין צו אייך געשיקט געוואָרען פון דער פמליא של מעלה, הערט איהר? — האָט ר' דוד'ל א געשריי געגעבען צום דאָקטאָר.

לסוף האָט ר' דוד'ל לעלעווער גוזר געווען אויפ'ן דאָקטאָר, אַז אזוי באַלד ווי ער וועט אהיימקומען זאָל ער צו ערשט זיין גאַנץ געשיר צעברעכען און מבער זיין פון דער שטוב. זיין ווייב זאָל נעהמען חופה־וקידושין און זאָל געהן אין מקוואות און ליכט - צינדען, ווייל פון הימעל א.ז מען גוזר, אַז דער ד"ר בערנאַרד זאָל ווערען — רבי... אָבער איינס מוז ער פאַרליב נעהמען. ס'איז אין הימעל נגזר געוואָרען, אַז זיינע זיהן — מען זאָגט, אַז ער האָט געהאַט 12 זיהן — מוזען אוועקגעהן

פון דער וועלט מיט א באלדיגן טויט.

דער ד"ר בערנארד האט אלץ געשוויגן, סיין זיפץ און סיין קרעכץ האט ער נישט געגעבן. דאס הייליגקייט פון ר' דוד'ל לעלעווער האט איהם בעאיינפלוסט. ער האט מקבל באהבה געווען דעם שווערן גזר־דין וועגן זיינע קינדער. ד"ר בערנארד איז געווארן א גאנץ אנדערער מענש.

אהיימקומענדיג, האט ער זיין ווייב מודיע געווען דעם סוד. דאס געשיר האט מען תיכף פון באלקאן אראבגעווארפען אויפ'ן הויף און צעבראכען. זי האט זיך אנגעטהון א טיפע קופּקע און ס'איז נישט אוועק קיין גאנצע 4 וואכען, ווי ס'זענען כסדר זיינע קינדער אויסגעשטארבען...

ער איז נתגלה געווארען. זיין נאמען אלס רבי האט אנגעהויבען צו קלינגען ווייט און ברייט. דער יוד הקדוש — דער רבי פון לובלין — האט זיך אנגעהויבען מיט איהם צו חבר'ן. די רביים האבען פאר איהם גרויס דרך ארץ געהאט, איהם בריוולעך אבגעגעבען א ברייטען מזל־טוב, געהייסען אומגליקליכע, וואס האבען געברויכט א רפואת הנפש און א רפואת הגוף, צו איהם צו פאהרען. ער איז אויך צו זיי צו גאסט געפאהרען. אזוי ארום איז ד"ר בערנארד געווארען רבי. נישט קענענדיג קיין יודישקייט, האט ער זיך צוגענומען א מלמד, מיט וועלכען ער האט גאנצע נעכט געלערנט תורה לשמה און געווארען א שטיקעל בעל־מקובל. קיין שום קמיעות האט ער נישט געשריבען. ער האט געגלויבט אין דער מעדיצין. קראנקע האט ער געהיילט אויך מיט האמעאפאטישע מיטלען און פאר דאקטערישע פראקטיק האט ער זיך, ווי געזאגט, געהייסען בעצאהלען. זיין הויז איז אין כשרות געווארען זעהר אבגעהיטען. זיין בית־המדרש איז תמיד געווען איבערפולט פון מתפללים און פון סתם יודען, וואס זענען צו איהם געקומען צו פאהרען וועגען א סגולה א. אז. וו.

מיט דער פרוי הדס (העלענא), האט ער דערנאך געבוירען

אנ'איינציגען זוהן, וועלכען ער האט געגעבען א נאמען יעקב־יצחק, נאכ'ן לובלינער רבי'ן, און צוויי טעכטער. איינע פון זיי, הינדע־לאה, איז אנ'אקושערקע.

דער פאטער זיינער, ר' יששכר בער, וואס איז געקומען פון ווייט צו פאהרען צום ד"ר בערנארד ווענען עפעס א סגולה, האט איהם דערקענט, אז דאס מוז זיין זיין קינד, וואס איז איהם פערלוירען געגאנגען. דעם פאטער האט ער נאכהער ביי זיך געהאלטען און מאכל ומשקה געווען, פרעהענדיג זיך, וואס גאט האט איהם מזכה געווען מקיים צו זיין די מצוה פון „כבוד אב". דער פאטער זיינער איז געשטארבען ה' טבת תקפ"ו. אויף דער מצבה געפינט זיך גארנישט ווענען דעם, אז ער איז געווען דעם ד"ר בערנארד'ס א פאטער. ער הייסט סתם: יששכר בער בענ"ו דוד ז"ל. דעם דאקטאר'ס פרוי הדס איז געשטארבען כ"ט כסלו תר"ת, צעהן יאהר פריהער פון ד"ר בערנארד. אויף איהר מצבה שמיעהט גארנישט, אז זי איז געווען זיין ווייב, נאר בלויז דאס, אז זי איז געווען א „אשה יראת ה' היא תתהלל". זי האט א סך צדקה געגעבען און איז געווען א צדיקת. אויף ביידע מצבות געפינט זיך דער פסוק „בלע המות לנצח". נאך איהר טויט האט ד"ר בערנארד גענומען א צווייט ווייב, מיט וועלכער ער האט זיך אבער באלד גע'גט.

ד"ר בערנארד איז געשטארבען אין עלטער פון איבער 80 יאהר (כ' בשט תרי"ח) גאנץ ארעם. אויף דער רעכטער זייט וואנד, אינווענינ אין זיין אוהל, געפינט זיך א פערשמירטע אויפשריפט: „הרב הצדיק ר' דוד בן ר' יששכר דוב ז"ל, נפטר כ' שבט ש' תרי"ח. דער אוהל ווערט אבגעהיט דורך זיינע קינדער און אייניקלעך.

מען דערצעהלט, אז איינמאל איז דער ד"ר בערנארד גערופען געווארען אין א פרייטאג צו א יולדת א קריסטין, אין א ווייטען דארף אריין. דארט האט ער לאנג פערבראכט. מורא האבענדיג, אז ער זאל נישט מחלל שבת זיין און קומען אהיים

שוין נאך ליכט צינדען, האט ער געבעטען, אז דער קריסט, וואס איז געפאהרען מיט די פערד, זאל איהם געבען די לייד־צעם אין דער האנד אריין. דעם קריסט האט ער געהייסען צו־מאכען די אויגען און אין א משך פון 15 מינוט, נאך פאר ליכט־צינדען איז ער אהיימגעקומען... די רייזע האט בע־דארפט דויערען ווייניגסטענס 2 שעה צייט... ער האט געהאט קפיצת־הדרך...

דער קאזשעניצער צו כל-נדרי

א.

דער קאזשעניצער מגיד פלעגט די ימים-נוראים אליין זיין אנ'„עובר לפני התיבה", נישט קוקענדיג אויף זיין חלישת הלב און אייביגער קראנקהייט.

ביי די תפילות האט דער צדיק געהאלטען אלע זיינע חסידים אויפ'ן זכרון און אלע מתפללים האבען זיך טאקי, איידער דער מגיד האט זיך צוגערוקט צום ברעטעל, ביי איהם מזכיר געווען.

בעזונדערס פלעגען זיך די חסידים ביי איהם מזכיר זיין ביי „כל נדרי", ווען דער קאזשעניצער איז געשטאנען איינגעהילט אין קיטעל, זאגענדיג „תפילה זכה".

איז אבער דאסמאל שוין געווען לאנג נאך שקיעת החמה און דער קאזשעניצער איז נאך אלץ געשטאנען ביים עמוד און ביטער געוויינט.

דעם פערציטערטען עולם האט דאס לאנגע וויינען פון רבי'ן שטארק דורכגענומען, און ווי קינדער האבען זיי מיטגעוויינט מיט זייער פאטער.

האר און נעגעל האבען זיך ביים עולם אויפגעשטעלט פאר גרויס וועהטאג און צער, נישט וויסענדיג, פארוואס דער צדיק איז דאס מאל אזוי שטארק פערוויילט צו „כל נדרי" און איז מעכב די תפילות.

גאַנצע צוויי שעה איז ער אַזוי נעשטאַנען איינגעהילט דעם קאָפּ אין טלית און אַרום איהם איז געווען אַ טייך טרערהדען.

פלוצלונג האָט זיך דער מגיד מיט'ן פּנים אומגעקעהרט צום עולם און אויפ'ן גאַנצען קול אַ פרעג געטהון, צי עס איז נישט צווישען דעם עולם פערהאַן עמ׳צער פון דער שטאָט פילעוו.

דער עולם האָט זיך מיט די אויגען איבערגעוואָרפען, ווי איינער וואָלט דעם צווייטען געפרעגט, צי ער איז נישט פון פילעוו. דאָ אָבער שפּר׳נגט איינער אַרויס, זאָגענדיג, אַז ער איז פון יענער געגענד, ער וואוינט אין דאָרף ראָווניץ, וואָס געפינט זיך צווישען פילעוו און גניעוואָשאָוו ביי דער ווייסעל. ער קען גאַנץ גוט די שטאָדט, ווייל ער פיהרט יעדען טאָג קיין פ׳לעוו מילך צו פערקויפען.

פרעגט איהם דער מגיד, צי ער קען אין פילעוו דעם פירשט טשאַרטאָריסקי און זיין הונד. ערצעהלט דער אַרענדאַר, אַז דעם פירשט'ס הונד איז אַזוי גרויס ווי אַ קאַלב. ער לויפט אַרום אין דער שטאָדט, אָבער ער בייסט קיינעם נישט. פרעגט איהם ווייטער דער מגיד, צי ער ווייסט פון וואַנען דער פ׳רשט

ענטפערט איהם דערויף דער דאָרפס־יוד, אַז דער פירשט האָט גענומען דעם הונד.

האָט איהם געבראַכט פון די וואַרימע לענדער, וואוהין ער איז געפאָהרען זיך ווייל׳ען, צאָהלענדיג פאַר דעם הונד אַכט הונדערט גילדען. די בודע, וואָס ער האָט געלאָזט אויפשטעלען ספּעציעל פאַר דעם הונד, האָט איהם געקאָסט צוויי הונדערט גילדען. צוזאַמען — אַ קיטאַ־לן פון הונדערט גאָלדענע רענדלעך האָט עס איהם אָבגעקאָסט. יעדען טאָג האָט דער הונד בעקומען צו עסען צעהן פונט פלייש. האָט אָבער אַנומעלט דער הונד, נישט ווארטענדיג ביז מען וועט אים דערלאַנגען דאָס עסען, דאָס פלייש אַרויסגעכאַפּט פון דער האַנד פון לאַקיי, האָט דאָס דעם בריו

שטאַרק פערדראָסען. האָט ער דערפאַר דעם הונד געהייסען גוט אויסשלאָגען, די בודע צונעמען און איהם איינגאַנצען פערטריבען פון הויף. פון דעמאָלט אָן דרעהט זיך אַרום דער הונד פריי און פראַנק אין דער שטאָדט, אָבער ער טהוט קיינעם נישט קיין שלעכטס.

דער עולם איז, אויסהערענדיג די מעשה, געשטאַנען אין איין שרעק. נאָך די לעצטע ווערטער פון אַרענדאַר האָט דער מגיד זיך צוריק אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צום עמוד און מיט גרוים התלהבות דריי מאָל געזאָגט: „שומע אתה, מלאך מיכאל?" (הערסטו, מלאך מיכאל?) און באַלד דערויף האָט ער געזאָגט „כל נדרי".

ב.

מיט גרוים שרעק האָט דער עולם איבערגעלעבט דעם יום־כפור. מען האָט פערשטאַנען, אַז די מעשה פון פּילעווער פּירשט מיט זיין הונד איז נישט אַזוי פשוט, אויב דער מגיד האָט זיך פאַר „כל נדר," גאַנצע צוויי שעה אַזוי שטאַרק געמאַטערט. און טאַקי באַלד נאָך יום־כפור האָבען ביים טיש עטליכע זיינע מקורבים געוואָגט דעם מגיד הקדוש צו פרעגען וועגען דער מעשה. האָט ער מיט אַ ליבליכען שמייכעל דערצעהלט אַט וואָס:

ווען ער האָט געשטעלט זיך זאָגען „כל נדרי", האָט דער שטן שטאַרק מקטרג געווען אין הימעל אויף יודען. אין מיעכאָוו האָט געלעבט אַ גרויסער אביון. ער האָט געהאַט אַ טאָכטער שוין אין די יאָהרען, נישט קאָנענדיג זי פערק'נס'ען. איז איהם דאָס ווייב דערגאַנגען די יאָהרען, אַז ער זאָל זיך לאָזען אויף דער מדינה און צונויפזאַמלען אַ נדן פאַר דער טאָכטער. איז ער געקומען צו איהם, צום מגיד, וועגען הילף. האָט ער איהם געגעבען אַ בריף, אַז מען זאָל זיך אויף דעם אָרימאַן מרחם זיין. איז ער אָבער געווען אַ גרויסער ביישן, אַ שעמעוודיגער, און ער האָט גאָרנישט געקאָנט אויפטהון... האָט ער אַזוי געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט און געהענדיג קיין פּילעוו

האָט ער זיך אָוועקגעזעצט פאַר מידקייט אין מיטען וועג אויף
אַ שטיין און בעוויינט זיין גורל...

גראָד איז פערבייגעפאָהרען דער פּילעווער פּירשט טשאַר־
טאָריסקי און זעהענדיג, ווי אַ יוד זיצט אויף אַ שטיין און
וויינט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און אַהם אויסגפרעגט וועגען
דער סיבה פון זיין וויינען. האָט זיך דער יוד אין פּלוג דער־
שראָקען, דערזעהענדיג פאַר זיינע אויגען אַ גרויסען פּריץ,
אָבער באַלד האָט ער זיך בעהערשט און איהם דערצעהלט, אַז
ער האָט אַ טאָכטער חתונה צו מאַכען און קיין פּרוטה דערויף
האָט ער נישט. גלייכצייטיג האָט ער איהם געוויזען דעם בריף
פון קאָזשעניצער מגיד.

האָט דער פּריץ קיין גרויס שהיות נישט געמאַכט און דעם
אָרימאַן געגעבען אַ בריף אין הויף אַריין, אַז מען זאָל תיכף
דעם דאָזיגען יוד אויסצאָהלען הונדערט גאָלדענע רענדלעך.
דעם יוד האָט זיך נישט געוואָלט גלויבען, אַז ער וועט דאָדס
בעקומען אויף דעם בריף געלד, רעכענענדיג, אַז דער פּריץ האָט
פון איהם חוזק געמאַכט, האָט ער פון בריף קיין געברויך נישט
געמאַכט.

געקומען קיין פּילעוו און דערצעהלט אין דער אכסניה
וועגען דעם בריף, האָט דער בעל־אכסניה גענומען דעם בריף,
איז געגאַנגען מיט איהם אין הויף אַריין און געבראַכט דעם
אורח הונדערט רענדלעך מזומן. האָט שוין דער יוד געהאַט אַ
נדן פאַר דער טאָכטער...

איצט איז געקומען דער שטן — האָט דערצעהלט ווייטער
דער מגיד — און האָט שטאַרק מקטרג געווען אויף די יודען,
טענה'דיג פאַר'ן רבונו של עולם: היתכן? אַ גאַנצע וועלט יודען
האָבען נישט מקיים געווען די מצוה פון הכנסת כלה, אין דער
צייט ווען דער גויאישער פּירשט האָט דאָס יאָ געטהון. האָט
ער, דער קאָזשעניצער, זיך אָקעגענגעשטעלט דעם קטיגור, אַז
ביי דעם פּריץ שפּילט קיין ראָלע נישט הונדערט רענדלעך,

והי ראיה, אז אויף א הונד און אויף א בודע פאר איהם, האט ער אויך אויסגעגעבען אזא סומע און דאן האט ער דעם הונד פעריאגט און די בודע צעלעגט...

האט ער, דער קאזשעניצער, אזוי לאנג מעכב געווען מיט „כל נדרי", ביז איהם איז געלונגען צו איבערצייגען דעם מלאך מיכאל, דעם מליץ־יושר פאר ידען, מנצח צו זיין דעם שטן און אויסגעבעטען ביי גאט א גוט יאהר, א יאהר פון „כפות עון"..

יענע יאהר — דערצעהלט די לעגענדע — איז טאקע געווען אנ'אמת גוט יאהר. קיין נייע גזירות זענען נישט צוגעקומען און די אלטע זענען אויך צו ביסלעך בטל געווארען.

ג.

בעת'ן זאמלען אין פילעוו די יודישע לעגענדעס, וואס ווערען דערצעהלט וועגען די טשארטאריסקים (ווענענס זומער־רעזידענץ פילעוו איז געווען), האט מען מיר אויך דערצעהלט די דאזיגע לעגענדע, וועגען וועלכער דאס גאנצע שטעדטעל רעדט עד היום. מען האט מיר אפילו אנגעוויזען דעם וועג, וואו יענער אורח איז געזעסען און זיך אויסגעוויינט א נדן פאר זיין טאכטער...

עס איז דער וועג, וואס פירט פון לובלין קיין פילעוו.

דער „ינוקא"

א.

דעם סטאָלנער רבי ר' ישראל'קע האָט מען זיין גאַנץ לעבען נישט אַנדער גערופען, ווי „ינוקא" (קינד).

ליעגענדיג נאָך אין דער וויעג, האָט מען איהם שוין געקרוינט אַלס רבי, נאָך דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין גרויסען פאָטער ר' אשר'קע הקטן, וועלכער האָט פערלענגט זיין צענטער אין סטאָלין (פּאָלעסיע), אין פירשט ראַדזיוויל'ס רעזידענץ.

אויף איינער פון זיינע נסיעות קיין גאַליציען, איז דער רבי ר' אשר'קע אין דער שטאָט דראָהאָביטש נפטר געוואָרען, פער'יתום'נדיג זיין צווייט ווייב, די רבי'צין, דעם גראָדזיסקער רבי'נס ר' אלימלכ'ס טאָכטער, און זיין איינציג קינד ישראל'קע. היות ער איז געווען דורכגעקנעטען מיט גרויס יחוס: פון פאָטער'ס צד שטאַמענדיג פון די קארלינער צדיקים, פון ר' אהרן הגדול, וועלכער איז געווען א תלמיד פון מעזעריטשער מגיד. פון דער מוטער'ס צד — פון די „טשערנאָבילער" דינאַסטיע, האָבען די סטאָלינער חסידים, וואָס זענען צושפּרייט אין גאַנץ פּאָלעסיע, אויסגע'פּועל'ט סמיכה ביים טריסקער מגיד, אז דער „ינוקא" זאָל זיין דער ממלא מקומו, כדי דערמיט צו דערהאַלטען די סטאָלינער דינאַסטיע.

איז פון דעם דאָזיגען „קינד" אַרויסגעוואַקסען דער רבי ר' ישראל'קע, צו וועלכען עס זענען געפאָהרען פון נאָהענט און ווייט, פון גאַנץ פּאָלעסיע טויזענדער חסידים און אויך א סך קריסטען.

מען האָט דעם „ינוקא" אין דער וויעג נאָך אריינגע־וואָרפען קוויטלעך און בעשיט מיט גאָלדשטיקלעך. דער משמש בקודש האָט פאַר איהם פאַרנעלייענט אלעמענס בקשות און ווען ער איז אַלט געוואָרען 6 יאָהר האָט ער זיצענדיג אויפן פאַטער'ס „פּאַטעל" שוין אליין איבערגעלייענט די קוויטלעך און ברכות געגעבען.

דער „ינוקא" פלעגט זיך שפּיעלען מיט די קוויטלעך און גאָלדשטיקלעך. א סך מאָל האָט זיך געטראָפען, אַז אין מיטען נעמען שלום פון די חסידים, האָט ער זיך צוגענומען עטליכע מטבעות, אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס און אוועק־געגעבען עס אָרימע לייט, וואָס האָבען שוין דערויף געוואַרט, אָדער זיך געקויפט אין שכנות'דיגען קליינטעל אביסעל נאַש־ווארג און פונאנדערגעטיילט די יונגלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך גע'חבר'ט און סתם קינדער.

דער „ינוקא" פלעגט אויך טייל מאָל בעת פּראַווען טיש, אַרויסלויפען אויף דער גאַס און שפּילען זיך מיט יונגלעך אין יאַגעניש אָדער פערדלעך.

און צוליעב טאַקע זיין ווילדקייט האָט מען דעם „ינוקא" גאַנץ פריה, ווען ער איז געווען קוים 13 יאָהר אַלט, חתונה געמאַכט מיט זיין'ס גלייכען.

ערשט ווען ער איז אויסגעוואַקסען און אָנגעהויבען פערשטעהען זיין ווירדע און כבוד, האָט דער „ינוקא" אָנגע־הויבען פיהרען רבי'סטווע מיטן פולען שכל און אין גרויסען מאַסשטאַב, נאָכטוענדיג זיין גרויסען פאַטער.

ב.

א מערקווירדיגע ערשיינונג איז געווען אין דער רבי־

שער וועלט דער „ינוקא". א גאנץ בעזונדער טיפ חסידישער „רבי". ער איז שוין נישט געווען דער המשך פון „קארלינער חסידות", נאר איז געגאנגען אין זיינע אייגענע ארגינעלע דרכים, אבער פול מיט סתירות. אלס מענש האט ער געלעבט און זיך געקליידט אייראפעאיש און געהאט אייראפעאישע מאניערן.

מיט זיין קליידען זיך איז דער רבי ר' ישראל'קע מעהר ענהליך געווען צו א גבירישן רוסישען סוחר, ווי צו א רבי. נישט קיין צו לאנגע קאפאטע האט ער געטראגען און די נישט צו לאנגע געקרייזעלטע פאות פלעגט ער האלטען פער־שטעלט הינטער די אויערן. געפרעסטע וועש מיט א שניפס און א שעהן געטאקט קאפעליושעל אין זומער, און אין ווינ־טער — א טייערן קאמטשאטקא־הוט אויף דעם קאפ.

מען דערצעהלט טאקע א מעשה, אז איינמאל איז אויס־געקומען דעם „ינוקא" צו פאהרען אויף דער באהן אין מרחקים, וואו מען האט איהם פערזענליך נישט געקענט. האט ער זיך צעשמועסט אין צוג מיט די יודען, מיטרייזענדע און יענע האבען איהם טאקע אנגענומען פאר א סוחר; און ווען עס האט איהם איינער געפרעגט, מיט וואס ער האנדעלט, האט דער „ינוקא" איראניש געענטפערט, אז ער האנדעלט מיט „פלע־קער".

ערשט, ווען דער „ינוקא" איז אראבגעגאנגען אויף א סטאציע, וואו ס'האט איהם אבגעווארט א גרויסער עולם, האט ער געזאגט צו יענע פאסאזשירען: אט זעהט איהר, דאס זענען מיינע „פלעקער", מיט וואס איך האנדעל!

און דעריבער פלעגט מען אנרופען שפאטיש די סטאלינער חסידים: „פלעקער"...

די דאזיגע „פלעקער" האבען זייער רבי'ן אויפגעבויט א טייערען פאלאץ, וועלכער האט געקאסט איבער 25 טויזענד

רובעל און אין איהם איינגעאָרדענט מייערע סאַלאָנען און אַ בית־מדרש.

דער „ינוקא" פלעגט אויך פיהרען אַ רייכען טיש און ארויספאָהרען שפּאַצירען מיט אַנ'איינגען געשפּאַן, אָנגעפיהרט פון אַ יודישען קוטשער, וועלכער איז געווען אָנגעטהון, ווי ביי די פוילישע רייכע פּריצים. דער רבי פלעגט אויך האַלטען אַ גרויסע שטאַל מיט טייערע צוג־פערד, מיט וועלכע ער פלעגט זיך בכבודו ובעצמו אינטערעסירען, צי זיי האָבען גענוג צו עסען און צי דער קוטשער און די איבעריגע משרתים האַלטען די שטאַל און די פערד ריין אא"וו.

בעזונדערס האָט זיך דער רבי שטאַרק אינטערעסירט מיט נאַטור־וויסענשאַפט און מעכאַניק. ער האָט פון צייט צו צייט בעזוכט די שטאָדט־מיהל און זיך פערטיעפט אין דעם מעכאַניזם פון דער מיהל.

איינמאָל האָט דער „ינוקא" בעזוכט אַנ'אויסשטעלונג פון מאַשינען, האָט ער אופמערקזאַם געמאַכט דעם אינזשיניער אויף אַ סך טעכנישע פעלערען אין דער קאָנסטרוקציע פון די אויסגעשטעלטע מאַשינען, פאַרוואָס דער אינזשיניער האָט איהם געדאַנקט.

בכלל איז דער „ינוקא" געווען אַ גרויסער מושלם אויף פיל געביטען. געקענט די גאַנצע רוסישע קלאַסישע ליטעראַטור. געווען אַ בקי בכל הדרי תורה און אַ גרויסער מקובל. דערביי געקענט בעל־פּה די יודישע פילאָזאָפישע ספרים, ווי דעם „מורה נבוכים" א.א.וו. אָבער אין פּריוואַטען לעבען און אין שטוב איז דער „ינוקא" געווען שטרענג רעליגיעז און פאַנאַטיש ביז גאָר. און אין דעם זין האָט ער אויך דערצויגען זיינע קינדער. ער האָט זיך אָבער אונטערשיידט פון די „קאַרלינער", זיינע אבות, מיט דעם, וואָס די „קאַרלינער" פלעגען דאַווענען שרייענדיג אויפ'ן קול און מיט גרויס עקסטאַז און דער רבי ר' ישראל'קע האָט געדאַוונט רוהיג און שטיל,

נישט מאכענדיג קיין ווילדע בעוועגונגען און העויות.

ער האט ביי די טישען קיין חסידות און קיין תורות נישט געזאגט, ווי עס טהוט זיך פראקטיצירען ביי די אנדערע רביים.

אריגינעל איז אויך דער „ינוקא" געווען מיט זיין פייערען סוכות.

נאך שהרית איז ער מיט דעם עולם געגאנגען פון דער קלויז אין סוכה אריין. ער האט מיט גרוים פייערליכקייט געבענשט אתרוג. זיינע קינדער, די בחורים, האבען דערביי ביים אתרוג בענשען געמוזט גיין אנגעטהון טליתים.

דאן ערשט האט דער עולם געבענשט אתרוג, וואס איז געווארען פריהער ליציטירט און מען האט דערפאר א סך געלד נעגעבען.

אין דער סוכה איז געווען געמאכט א מחיצה מיט א שפאַניש ווענטעל פאר די הויז-פרויען. זיי האבען אין דער סוכה געמוזט בענשען אתרוג.

די הכנות צו דער דאזיגער פייערליכקייט זענען געווען גאנץ גרויס. די, וואס זענען געקומען קיין סטאלין אויף די ימים נוראים, און געקומען איז א גאנצע וועלט מיט די בני בית, פלעגען שוין פערבלייבען איבער סוכות בייצוואוינען דעם צערעמאָניאל פון אתרוג-בענשען ביים רבין.

און ווען דער רבי האט נעגעסען אין דער סוכה האבען אויך געמוזט די פרויען פון הויז אין דעם עזרת נשים פון דער סוכה עסען.

די פרעהליכקייט און לעבעדיגקייט, וואס פלעגט הערשען סוכות ביי „ינוקא", האט נישט געהאט קיין גרעניץ.

איז אבער אויך די שמחה אין רבי'נס פאלאץ אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה פערשטערט געווארען.

דער רבי ר' ישראל'קע האט די גאנצע צייט פון דער מלחמה נישט געוואלט איבערלאזען די שטאדט אויף הפקר. ער האט מיט אלע כחות די דארטיגע יודען געהאלטען אונטער זיינע

פלינלען.

און ווען באלאכאוויטש איז אריין מיט זיינע רוצח'ישע מחנות קיין סטאלין, האט דער „ינוקא" צונויפגענומען זיין גאנץ גאלד און זילבער, וואס ער האט נאך געהאט און דערמיט גע־גאנגען צום רוצח, בעטענדיג ביי איהם רחמים, אז ער זאל נישט ערלויבען צו מאכען קיין שחיטה אויף די יודען, אנידערלעגענ־דיג איהם דעם גאנצען אוצר זיינעם. האט באלאכאוויטש דעם צדיק געענטפערט, אז דאס געלד נעמט ער טאקע צו פון איהם, אבער א שחיטה מוז זיין.

האט דער רבי זיך שטארק צעוויינט און פאר גרוים שרעק בלינד געווארען.

אבער דער „ינוקא" איז נישט פריהער אבגעטרעטען, ביז וואנען מען האט איהם נישט פערזיכערט, אז עס וועט די יודען אין זיין שטאדט קיין שלעכטס נישט געשעהן, און די קהלה איז נצול געווארען.

און טאקע מיט זיין ליכט פון די אויגען האט ער אויס־געקויפט די שטאדט פון די רוצחים, אבער ער האט דאס ליכט מעהר נישט צוריקבעקומען. ער איז געווארען א סגי נהור און פאהרענדיג קיין אויסלאנד זיך קורירען, איז ער אין פראנקפורט אם מיין נפטר געווארען, אבער צו קבורה איז ער געקומען אין סטאלין, אין פאטער'ס „אהל".

5

נאך דער פטירה האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער „ינוקא" איז קיין גביר נישט געווען. ער האט ביים לעבען א סך געלד אוועקגעגעבען אויף צדקה־זאכען. ער האט איבערגעלאזט 6 זיהן און 2 טעכטער.

משה'לע, דער היינטיגער סטאלינער רבי, איז א גרויסער עסקן און חובב ציון. ער איז נישט לאנג צוריק געקומען פון ארץ ישראל און שמחת־תורה מאכט ער ספעציעל פאר די דארטיגע ציונים א קידוש.

ר׳ יחזקאלע פון קוזמיר

א.

אין דער סודות׳פולער היסטארישער זומער־רעזידענץ פון קאזשימיעזש דעם גרויסען און זיין פלגש אסתר, אין דעם שטעטעל קוזמיר, וואס ליגט דארט אין א ענג געסעל און אין אנ׳איינגעבויגען הייזעל, האט געלעבט און מתפלל געווען פאר דעם יודישען פאלק דער הייליגער — ר׳ יחזקאל קוזמירער.

דער רבי ר׳ יחזקאל׳ע איז געווען א פלינסקער א קינד פון בעל־הבית׳ישע עלטערען. זיין פאטער ר׳ הערש פון ראשונסקי איז געווען א קרעמער. ער האט זיך מפרנס געווען פון א קליי־טעל און איז געווען זעהר פרום.

האט ער, דער פאטער, אלע זיינע כחות אנגעווענדט זיין געראטענעם זוהן אנצוהאלטען ביים לערנען, און דער זוהן האט טאקי געלערנט ביי ר׳ שמואל קוראווער און ביי ר׳ יצחק ווענ־גראווער, בעהעפטענדיג זיך דערנאך צום „חוזה׳ס״ חדר, אזוי אז מען האט איהם פעררעכענט צווישען די ערשטע 18 תלמי־דים פון דעם רבי׳ן פון לובלין.

ביים „חוזה״ האט מען איהם גערופען: „דער הויכער פלינסקער״ צוליב זיין אונגעהויער הויכען וואוקס.

און ווען דער „חוזה״ איז נפטר געווארען און די אלע אכצעהן תלמידים זיינע האבען צווישען זיך איינגעטיילט די גייסטיגע ירושה, האט אויך ר׳ יחזקאל׳ע נישט געוואלט זיין

קיין יוצא מן הכלל און אנגעהויבען צו פראווען רבי׳שקייט. ער האט זיך תחילת בעזעצט אין שטעדטעל טשעפיעלאוו נעבען אילזשא. האבען איהם דארט די ראשי־הקהלה גערודפ׳ט נישט אזוי צוליעב זייער התנגדות צום רבי׳ן, ווי צוליעב מורא, אז דאס עסענווארג זאל נישט טייערער ווערען אין שטעדטעל צו־ליעב די אורחים און חסידים, וואס וועלען קומען אהין.

האט דער רבי, ר׳ יחזקאל׳ע זיך אריבערגעטראגען קיין קוזמיר, וואו ער האט שוין אבגעלעבט בשלום זיינע אלע יאהרען.

דער שידלאווצער רבי ר׳ נתן דוד און אנדערע גרויסע רביים און רבנים זענען געוועזן זיינע תלמידים. דער „תפארת־שלמה" האט זיך ביי איהם מזכיר געווען און אנדערע גדולים זענען געוועזן זיינע חסידים.

ווי אזוי דער רבי ר׳ יחזקאל׳ע פון קוזמיר איז נתגלה גע־ווארען, ווערט דערצעהלט פאלגענדע לעגענדע:

ווען דער חוזה איז נפטר געווארען האט זיינם א חסיד זיך ארומגעקוקט וועגען א רבי׳ן פאר זיך. אבער צו וועלכען ער זאל נישט האבען געפאהרען האט ער זיך אלץ נישט געקאנט „צופאסען" קיין רבי׳ן לויט זיין גוסט.

איז איינמאל דעם דאזיגען חסיד געקומען צו חלום אין שלאף דער „חוזה" און איהם געוויזען די געשטאלט פון א מענש, זאגענדיג איהם, דעם חסיד, אז אט צו דעם דאזיגען מענטש זאל ער זיך בעהעפטען. אבער דער „חוזה" האט איהם נישט אנגעוויזען דאס ארט, וואו דער מענטש געפינט זיך און ווי ער הייסט.

האט דער חסיד געזוכט די דאזיגע געשטאלט ווייט און ברייט אין דער וועלט, ביז ער איז געקומען קיין קוזמיר און דארט האט ער דערקענט אין דעם רבי׳ן ר׳ יחזקאל׳ע די גע־שטאלט, וואס דער „חוזה" האט איהם געהאט געוויזען און מודיע געווען אין חלום.

דערוויסענדיג זיך פון דעם דאזיגען חלום, האט אנגעהויבען

אַ גאַנצע וועלט צו פאָהרען צום רבי'ן ר' יחזקאל'ע טרניב קיין קוזמיר.

ב.

אין קוזמיר האָט מען מיר דערצעהלט וועגען דעם רבי ר' יחזקאל'ע אָט־וואָס:

צום רבי'ן פלעגט פאָהרען יאָהר־איין יאָהר־אויס אַ חסי־דישער גביר פון יענער געגענד, וועלכער האָט זיך יעדעס מאָל געלאָזט קאָסטען אַ סך פאַר'ן רבינ'ס הויף. פלעגט דער דאָ־זיגער חסיד שטענדיג דולען דעם רבי'ן דעם קאָפּ, אַז ער זאָל איהם זאָגען, ווער עס וועט זיין זיין חבר איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר אין גן־עדן.

האָט דער רבי ר' יחזקאל'ע שטענדיג איהם געגעבען אַנ־אויסמיידענדיגען ענטפער. איינמאָל האָט דער חסיד שטאַרק אָנגעהאַלטען דעם רבי'ן, אַז ער זאָל איהם ענדליך מגלה זיין דעם סוד מיט וועמען ער וועט זיצען צוזאַמען אין גן־עדן. וועלענדיג ענדליך זיך בעפרייען פון דעם חסיד, שוטה, האָט דער רבי איהם געזאָגט, אַז זיין חבר וועט זיין „דער און דער" אין דעם און דעם שטעדטעל.

אין דער פאַנטאַזיע האָט זיך דער דאָזיגער חסיד פאָרגע־שטעלט, אַז מסתמא איז דער דאָזיגער צוקונפטיגער חבר זיי־נער, אויף וועלכען דער רבי האָט אָנגעוויזען, אַ גרויסער תלמיד חכם און אַ גביר — לכל הפחות אַ יוד, אַ ירא שמים, ווי ער איז.

וועלענדיג זיך איבערצייגען, האָט זיך אונזער גביר גע־לאָזט אין יענעם שטעדטעל אריין, אויפזוכען זיין חבר. אָבער ווי איבעררראַשט איז ער געוואָרען, דערפאַהרענדיג דאָרט, אַז דער יוד איז גאָר אַ גרויסער שיכור, אַז שלאָפען שלאָפט ער אין פאָליש פון דער שוהל און ווען ער לעגט זיך פרייטאָג צו קבלת שבת שכור'ערהייד שלאָפען, זעהט מען איהם ערשט צומאָרגענס אויסגעניכטערט פון דאָרט ארויסגעהן...

אָבער האַלטענדיג זיך ביי זיין רבי'ן האָט אונזער חסיד פריהער נישט פערלאָזט דאָס שטעדטעל, ביז ער וועט דערגעהן

דעם סוד פון זיין חבר אין גן־עדן.

ער האָט זיך מיט דעם שכור בעקענט און בײנאַנד כסדר געשכורט אין די שענקען. װען עס איז געקומען מנחה־צייט, פלעגט זיך יענער ארויסדרעהען פון דער שענק און אַנטקומען. האָט דער גביר איהם געזוכט און שפּעט אין אָװענד פלעגט ער איהם טרעפען ליגען צונויפגעקאָרטשעט װי אין א קנויל אין א װינקעלע פון שוהל־פּאָליש, פערזונקען אין א טיפען שלאָף אויף דער גאָלער ערד.

האָט זיך דער גבירישער חסיד אויך איינמאָל פרייטאָג צו־נאַכטס אדיינגעכאַפּט אין פּאָליש און זיך פערשטעלט אונטער א באַנק, כדי צו דערגעהן דעם סוד, װאָס דער שכור טהוט א גאַנצע נאַכט. האָט ער געזעהען, װי ער הויבט זיך אויף פון בעד־לעגער נאָך האַלבער נאַכט. אין פּאָליש װערט פּלוצלונג ליכטיג, װי עס װאָלטען געברענט טויזענדער ליכט און מיט גרויס התלהבות און הייליג געזאַנג איז ער מקבל שבת. איז דער גביר אזש פערציטערט געװאָרען פון זיין הייליג קול, מיט װעלכען ער האָט געזאָגט „לכה דודי", און ער הערט װי א בת־קול שרייט צום כלומר'שטען שכור: „װאויל דיר! דו ביז מכין די שעה פון קבלת השכינה". אין דעם מאָמענט בעמערקט דער שכור אין פּאָליש דעם פרעמדען, מיט װעמען ער האָט א גאַנצען טאָג פערבראַכט אין די שענקען און ביידע כאַפּען זיך ארום און מען טאַנצט אזוי לאַנג ביז יציאת־נשמה...

דער רבי ר' יחזקאל'ע קוזמירער האָט אויך נאָכגעטהון דעם חוזה, זיין רבי'ן, און האָט װי ער, געהאַט זיין הויף־לץ, װעלכער האָט אויך געשפּיעלט די ראָל פון א פּורים־רב. דער עולם פלעגט זיך מיט איהם ביים טיש שטאַרק משמח זיין. מען האָט איהם אָנגעטהון אין רבי'שע מלבושים און דערלאַנגט „קװיטלעך" װעגען „עקרות", חולאת'ן א. א. װ. און פון די פּדיונות, װאָס מען האָט איהם געגעבען, האָט דער לץ געהאַט פּסח צו מאַכען.

איינמאָל האָט דער דאָזיגער ז״ל חוזק געמאַכט פּורים ביי דער סעודה פון רבי׳ן אַליין, זאָגענדיג, אַז ווען ער וואָלט נישט געקענט לערנען, וואָלט ער אויך געווען אַ רבי... איז ער געוואָרען בעזייטיגט פון הויף און זיין אָרט האָט איבערגענומען אַ צווייטער ז״ל, ר׳ ירחמיאל ראַבאַווער.

ג.

דער רבי ר׳ יחזקאל׳ע קוזמער איז געווען אַ גרויסער נצרך און זעהר אָרים. מיר זעהען נאָך היינט דאָס יחוד־שטיבעל אין קוזמיר, וואו ביים פענסטער׳ל, וואָס געהט אַרויס אין הויף, שטעהט נאָך, ווי ביים רבי׳נס לעבען, דער צעבראָכענער פּאַטעל, אויף וועלכען דער צדיק פלעגט זיצען נעבען דעם טישעל מיט די צינענע לייכטערלעך, וואָס זענען שוין שוואַרץ פאַר אַלטקייט.

נעבען דעם פּאָטעל הענגט אויף דער וואַנד דעם רבי׳נ׳ס ברייטער אָבגעשאָסענער קאַפּעלוש און דער לאַנגער שטעקען, מיט וועלכען ער האָט מופתים געוויזען, אַרויסיאָגענדיג פאַרבלאָנדזשעטע נשמות פון דעם „מין היפה״ און זיי געגעבען תיקון, שיקענדיג זיי אין זייער רוה אַריין.

נעבען דעם עמוד׳ל שטעהט אַן׳אַלט צעבראָכער ארון־קודש און דערנעבען זעהט מען דאָס קליינע סדום־בעטעל, אין וועלכען דער „הויכער פלינסקער״ פלעגט דרימלען, די פיס אויפגעשטעלט, און אָבגעקומען גלות, זינט ער איז געוואָרען אַ „פּרוש מאשתו״. אויף דעם אָרימען בעטעל ליגט אַ שמוציגע פּערינע מיט וועלכער דער רבי האָט זיך צוגעדעקט און דערנעבען, צוקאָפּענס פון בעטעל, הענגען די דינע מעטער־לאַנגע בעקעשעס, אין וועלכע ער פלעגט איינהילען זיין לייב, אַ חוץ נאָך אַביסעל אַלטוואַרג און אָרימקייט...

ביי אַזעלכע בעדינגונגען האָט דער רבי ר׳ יחזקאל׳ע אָבגעלעבט זיינע עטליכע און אַכציג יאָהר. ער איז נסתלק געוואָרען ט״ז שבט תרמ״ז (24 יאַנואַר 1856), ווי עס איז פאַרשריבען אין די מאַגיסטראַט־ביכער.

אויף דעם אַלטען היסטאָרישען בית־החיים, אויף וועלכען עס רוהען די ביינער פון די קדושים, וואָס זענען אומגעקומען אין קוזמיר דורך סטעפּאַן טשאַרניעצקיס קאָנפעדעראַטען, איז אויך דער רבי ר׳ יחזקאלע געקומען צו קבורה.

אין דעם אויף פּאַרמעט־געשריבענעם סידור, וואָס שטאַמט פון דער צווייטער העלפט פון זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט, גע־פינען זיך די נעמען פון יענע קדושים. די נעמען זענען דאָ פערצייכענט אין דעם אל מלא־רחמים„ וואָס מען פלעגט זיי מאַכען אין דער שטאָדט־שוהל.

נאָך דער פּטורה פון דעם רבי ר׳ יחזקאלע איז דאָס שטעדטעל זוואָלין געוואָרען די רעזידענץ פון דער קוזמירער דינאַסטיע זיין ממלא מקומו, דער עלטסטער זוהן ר׳ שמואל אלי׳ האָט דאָרט געוואוינט און ר׳ ירחמיאל ראַכאָווער איז אויך ביי איהם, ביים זוהן געוועזן דער „הויף־חכם, דער פּורים־רב״.

דער מאָדזשיצער רבי ר׳ ישראל טויב, דער פאָטער פון היינטיגען אָטוואָצקער רב ר׳ שמואל טויב, איז געוועזן דער ממלא מקום נאָך זיין פאָטער ר׳ שמואל טויב, איז געווען דער געוואָרען כ״ו אייר תרמ״ט (1889).

פון דעם רבי׳ן ר׳ יחזקאל׳ע איז נאָך דער פּטירה ארויס א חיבור „נחמד מזהר״ אויף תורה. א גרויסער דור רבנים און גוטע יודען אין פוילען, ווי ר׳ אפרים׳ל, דער יאַבלאָנער רבי, ר׳ דוד הערש — דער נײשטעטער א. א. שטאַמען פון איהם — פון דער קוזמירער דינאַסטיע.

דער „ברוקאַזש"

א.

ווער און וואָס דער „ברוקאַזש איז געווען איז נאָך ביז היינט א סוד.

אין א שלייער פון סודות איז איינגעהילט זיין גאַנץ לעבען און וועזען.

זייענדיג פון קינדווייז אָן א יתום האָט ער פערלאָזט יונגערהייט זיין געבורטס־שטאָדט מעזריטש (לויט א צווייטער ווערסיע, איז ער געבוירען געוואָרען אין שטעדטעל שניאַדעוו) און געלאָזט זיך צו פוס אין דער ווייטער וועלט אריין זוכען א תכלית. ארומפאָהרענדיג א לאַנגע צייט אין פוילען, האָט ער זיך דערשלאָגען צו א שטעדטעל, וואו מען האָט נראָד געברוקירט די גאַסען און ער האָט געטראָגען שטיינער צום ברוק.

ביי דער דאָזיגער ארבעט האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט די מלאכה און אין דאַן געוואָרען א „ברוקאַזש".

ברוקירענדיג האָט ער נישט געקנים, ווי דער שטייגער איז ביי ברוקיר־ארבעט, נאָר שטעהענדיגערהייט, אין צווייען געבויגען, האָט ער געאַרבייט, צול,ב וואָס דער עולם האָט דעם יודישען ברוקירער געהאַלטען פאַר א „למד־וואָווניק" — א נסתר, און מען האָט אויך דערפון דערצעהלט דעם קאָזשעניצער מגיד.

דער „קאָזשעניצער", דערהערענדיג דאָס התנהגות פון יר־דישען „ברוקאַזש" האָט געהייסען איהם באַלד אויפזוכען און ברענגען צו זיך.

אין א דאָרף ווייט פון קאָזשעניץ, וואו ער האָט געאַרבייט ביי א פּריץ, האָט מען דעם ברוקאַזש געפונען זיצען אין א טאָהל, שמוציג און אָבגעריסען, בעוואַקסען ווי א ווילדע חיה. ער האָט שטאַרק געוויינט. זיי האָבען גע׳פּועל׳ט ביי איהם, אַז ער זאָל מיט זיי מיטגעהן, איז ער געקומען קיין קאָזשעניץ. ווי ער געהט און שטעהט און אַזוי האָט מען דעם „פּרא אדם" צוגעפיהרט צום קאָזשעניצער ז"ל און ער האָט איהם אין זיין הויז אריינגענומען פאַר א משרת און געהייסען א.הם מאכיל ומשקה זיין.

אָבער אָבלעבענדיג דעם טאָג נאָר מיט טרוקען ברויט און וואַסער, האָט ער פון אַלע מאכלים, וואָס מען פלעגט איהם דאָרט געבען, גאָרנישט טועם געוועזן און ווייטער זיך געלעבט זיין פּרימיטיוו לעבען. געשלאָפען אויף דער גאָלער ערד און גענעכטיקט אויף די פעלדער און אין די וועלדער.

ב.

א גרויסער עם־הארץ איז משה ברוקאַזש געוועזן, במחילה. אפילו רעכט דאַווענען האָט ער אויך נישט געקענט. דער „קאָ־זשעניצער" האָט איהם צוערשט געלאָזט לערנען. ער האָט אַליין מיט איהם געלערנט און געהאַלטען איהם ווי זיין אייגען קינד.

דער עולם האָט זיך אָבער איינגערעדט, אַז לערנענדיג מיט איהם, איז דער „קאָזשעניצער" אויף איהם שטאַרק משפּיע און מען האָט פאַר׳ן „ברוקאַזש" אויך שטאַרק דרך־ארץ געהאַט.

דער קאָזשעניצער האָט גע׳פּועל׳ט ביים „ברוקאַזש", אַז ער זאָל חתונה האָבען, געבענדיג איהם פאַר א ווייב זיין׳ס אַנ׳אַל־טע דינערין, וועלכע איז אין קאָזשעניצער הויף געוואָרען ער־צויגען. נאָך דער חתונה איז משה׳ל ברוקאַזש געוואָרען ביים קאָזשעניצער א גאַנצער משמש בקודש, און דער עולם פלעגט

זיך אין איין וועג'ס אויך מיט איהם דורכרעדען וועגען אלע ענינים, וואס זיי האבען געהאט מיט'ן רבי'ן צו איבערעדען. בעטענדיג איהם, אז ער זאל זיין ביי איהם א מליץ־יושר.

דערפאר האט מען איהם גוט בעפרידיגט. בחייו האט קיינער נ,שט געשטערט דאס שפיל ארום ברוקאזש, אבער באלד נאך דער פטירה פון קאזשעניצער האט ר' משה'לע, זיין זוהן, דער ממלא־מקומו, דעם ברוקאזש פון זיין הויז משלח געווען.

ארומפאהרענדיג אין רבי'שע מלבושים אין די יודישע שטעדט, וואו ער האט אנגעזאמעלט אביסעל געלד פון קוויט־לעך און ווערענדיג ארויסגעיאגט פון שידלאוויצע, איז ער, דער ברוקאזש, געקומען קיין פ.עטריקאוו. דא האט ער זיך בעזעצט מיט זיינע בני־בית און געקויפט זיך א הויז נעבען דער שוהל (דאס ראג־הויז אויף עס פילסודסקי און יעראזאלימסקא, וועל־כעם האט געהערט צו ר' ליבוש שאשעס). דער עולם האט איהם דא געקרוינט אלס רבי, אלס „א גוטען יוד"... פערשרייבענדיג איהם אלס דיין אהן געהאלט, ד.ה. אלס „האנאראווער" דיין..

ג.

מ.ט דעם בעזעצען זיך אין פיעטריקאוו איז די שטאדט געווארען די רעזידענץ פאר אלערליי משוגעים, גייסטיג קראנקע, „דבוקים" און פון אנדערע בייזע אנשיקעניש, וועלכע זענען אהערגעקומען, אדער מען האט זיי אהערגעבראכט צום „היי־ליגען" ברוקאזש צוליב א סגולה אדער א תיקון.

די דאזיגע „געסט" — ווי מען פלעגט זיי רופען אין ברו־קאזש'ס הויז — האט ער געהייסען זיך גוט בעצאהלען, ח"ו מאל ח"י, רובל איז ביי איהם געווען שוין דער קלענסטער פדיון. חוץ דעם האט מען איהם, ווען ער האט צו מזל דורכגעפיהרט די „אפעראציע" נאך געמוזט געבען מתנות און מורא האבענדיג, אז די קראנקהייט זאל זיך נישט איבער'חזר'ן א. א. וו., האט מען אויך געמוזט איהם יעהרליך צאהלען א געוויסע סומע.

וואכען־לאנג האט מען געמוזט אבשטעהן ביי דער טהיר

פון ברוקאַזש, איידער מען האָט זיך געזעגנט צו איהם דער־שלאָגען. די שמשים האָבען געהאַט די אויפגאַבע פריהער גוט זיך צו דערוויסען וועגען דעם פּאַציענט׳ס פערמעגען א. א. וו. און דאַן ערשט האָט מען זיך משוה געווען און זיך גענומען צו דער „אַרבייט".

דער משמש ר׳ ישעיה קאַטשקע האָט אַריינגעפיהרט דאָס קראַנקע מיידעל אין „רבי׳נס" חדר אָדער גאָר אין שטאָדט־וועלדעל אריין.

די עשרה בטלנים, וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען ביים „ברוקאַזש", האָבען דעמאָלט דערנעבען, אין רבי׳נס בית־מדרש׳ל, געזאָגט תהילים אויפ׳ן קול. מען האָט אָנגעצונדען אַ סך ליכט. דער משמש בקודש, ר׳ ישעיה׳לע, האָט געבלאָזען שופר און דער ברוקאַזש האָט מיט זיין לייבען־שטימע און מיט׳ן גראָבען שטעקען אין דער האַנד גענומען אַרויסיאָגען דעם דיבוק פון דעם דערשראָקענעם מיידעל, שרייענדיג עטליכע מאָל כסדר צו איהר: „אַרויס זאָלסטו געהן!"

פּלוצלונג דערהערט מען אַ שאָס... דער דיבוק איז „אַרויס" דורך אַ קליין לעכעל אין דער שויב. מען ווינשט זיך מזל־טוב און דאָס פער׳חלש׳טע מיידעל איז שוין „געזונד"...

דער עולם האָט זיך שטאַרק געפרעהט, פערביסען אַ לחיים, געפּראַוועט אַ סעודה און מען האָט געהייסען זיך גוט בעצאָהלען.

דער ברוקאַזש האָט אָבער אַ חוץ אַרויסיאָגען דיבוקים, צוליב וואָס מען איז צו איהם געקומען פון דער גאַנצער וועלט, אויך געהיילט אַנדערע קראַנקהייטען. ער האָט אָבגעשפּראָכען עין־הרע׳ס, אַ קראַנקען צאָהן, געהיילט קליפּות, פערבלאָנדזשע־טע נשמות, געגעבען אַ תיקון — און גלגולים צוריקגעשיקט אין זייער רוה אַריין א. א. וו.

פון די דאָזיגע מאַכינאַציעס האָט ער אָנגעשיט טונען מיט געלד. ער האָט אַוועקגעגעבען אַ סך מעשר אויף ישוב ארץ ישראל. אין קעלער פון זיין הויז פלעגט ער עס בכבודו ובעצמו

בעהאלטען און דעם שליסעל טראָגען ביי זיך אין דער טאַש.

אזוי ווי ער האָט ג‚שט געוואָלט ארויסהעלפען זיינע צוזיי־ זיהן, וואָס ער האָט געהאט פון דער צווייטער פרוי אין זייער שווערער לאגע, האָבען זיי איהם פער׳מסר׳ט פאַר׳ן גובער־ נאַטאָר אין ווארשא, אַז זייער פאָטער האָט א גאַנצען קעלער מיט געלד, וואָס ער נעמט צונויף ביי יודען און שיקט דאָס אוועק צום סולטאַן קיין טערקיי, יענער זאָל זיך גוט בעוואָפע־ נען. איז געקומען פּאָליציי און ביי איהם פערכאַפּט עטליכע קעסטלעך געלד, זילבער און גאָלד.

און נאָך עטליכע וואָכען האָט מען איהם צוריקגעשיקט פון ווארשא דאָס גאַנצע געלד, חוץ דאָס זילבער און גאָלד, פאַר וואָס מ׳האָט איהם אויך בעצאָהלט, דערגעהענדיג, אַז דאָס געלד געהערט אַן דעם כולל ווארשא אין ירושלים און מען האָט עס ביים ברוקאַזש רעפּאַנירט.

ד.

א פערשווענדעריש לעבען איז געוואָרען געפיהרט אין די גוטע, אַהרען ביים ברוקאַזש. ער האָט געוואוינט אין ליכטיגע שעהנע שטובען, געגאַנגען טייער געקליידט, געפיהרט א רייכען טיש שבת און יום־טוב, געזאָגט פאַר׳ן עולם תורה פון „קאַזשער ניצער” און אַנדערע גוטע יודען, געטיילט שיריים, געזונגען רבי׳שע נגונים, געטרונקען משקה א. א. וו.

בעזונדער האָט אויך געפיהרט טיש מיט איהרע געסט מרים די רבי׳צין, דעם ברוקאַזש׳ס ווייב. זי פלעגט בעזונדערס טייער זיך קליידען און פוצען... זי איז געווען א פיעטריקאָווער מישלער׳ס א שוועסטער.

די „גוטע יודען” האָבען ווייניג געהאַלטען פון ברוקאַזש און האָבען אפילו נישט געוואָלט מיט האָבען קיין מגע ומשא, אָבער זיי האָבען נישט געוואָגט איהם צו בעליידיגען, פערזוועה־ רענדיג זאָגאַר זייער עולם איהם צו טשעפּען, ווייל פאַר זיין קללה האָט מען שטאַרק מורא געהאַט. מען האָט איהם גע־

האלטען פאר א „מכשף".

דער איינציגער, וואס האט זיך נישט געשראָקען אַנצורופען דעם „ברוקאַזש" ביים ריכטיגען נאָמען, איז געווען דער בעריהמטער דאָקטאָר בערנאַרד, וועלכער איז אויך, ווי בעקאַנט, געווען א „גוטער יוד".

דאָך האט א גרויסער עולם פון ברוקאַזש געהאַלטען עולם ומלואו, און ווען ס'זענען געקומען די ימים נוראים — איז די שטאָדט פול געווען מיט צוגערייזטע, וועלכע האָבען זיך געוואָלט אויסבעטען ביי איהם א גוט יאָהר. אין ימים נוראים, ראש השנה און יום־כפור איז דער ברוקאַזש געגאַנגען אָנגעטהון פון קאָפּ ביז די פיס אין ווייסען, געטראָגען א ווייסען מיץ פון זייד, עהנליך צו דער „כובע" פון כהן ביי דער עבודה. ער אליין איז געווען דער בעל־תוקע, דער בעל־מוסף און געדאַווענט האָט ער גראָד שעהן, מיט'ן ברען און נוסח פון „קאָזשעניצער". דער עולם פלעגט אויסגעהן פאר זיין זינגען און דאַוונען און נאָכמעהר פון זיין דוכ'ענען.

זעהענדיג איהם דעמאָלט, האט מען אינגאַנצען פערגעסען אין זיין משונה'דיג אויסזעהן, אין זיין בייזען בליק און אין זיין בעס.

אָבער דאָס גליק האט זיך אויף איינמאָל פון איהם אָבגעטהון. ווערענדיג צו ניינציג יאָהר אַנ'אלמן, האט ער חתונה געהאַט מיט א דריט ווייב, מיט דער טאָכטער פון לייבקע חזן, וועלכע איז געווען א קיילעכדיגע יתומה. זי האט געהייסען פיישע, א מיידעל פון 17 יאָהר, א שענהיים. ער האט זי, אלס כלה בעשאָנקען מיט די טייערסטע מתנות, מיט פערעל און בריליאַנטען, און זי אָנגעטהון אין זייד און סאַמעט, רופענדיג זי נישט אַנדערש ווי „מיין ליכטיג קינד". אָבער די הכנסות זענען געוואָרען וואָס אַמאָל ווייניגער, די „דיבוקים" האָבען עפּעס אויפגעהערט צו קומען און לעבענדיג אָהן חשבון, האָבען זיך באלד די זעקלעך געלד אויסגעשעפּט און דער „ברוקאַזש"

האט צולעצט געמוזט פערקויפען זיין הויז. דער רבי׳צין איז נמאס געווארען איהר „זקן”, האט זי איהם אויך פערלאזט, צונעהמענדיג זיך די פערעל און דאס קינד — א מיידעל, וואס זי האט פון איהם געבוירען צו 18 יאהר.

ה.

אויף דער סילעווער גאס, אין דעם קליינעם האלצערנעם הייזעל, האט דער „ברוקאזש” צולעצט געוואוינט און א.ז דארט אויך געשטארבען ט״ו אדר תרמ״א, אין עלטער פון עטליכע און ניינציג יאהר, פיער וואכען נאך זיין קינד׳ס טויט.

נישט ווייט פון גדר, לינקס, האט מען איהם דריי טאג נאכ׳ן טויט קובר געווען. נעבען איהם זענען אויך געקומען צו קבורה זיינע צוויי זיהן שמואל און אהרן־שלמה.

די מצבה צוקאפענס דערצעהלט, אז הר׳ משה בן צבי הכהן איז געווען א בעל צדקה און קדוש.ים האבען זיך מיט איהם גערעכענט.

אויפ׳ן קבר וואקסט א יונגע אלשינע, א דאפעלט־בוים, וועמענס צווייגען עס בעדעקען די זיהנ׳ס קברים — אויף רעכטס און לינקס.

געבליבען איז פון ברוקאזש, אדער ברוקמאן, ווי ער האט זיך געשריבען, בלויז דער שטעקען, מיט וועלכען ער פלעגט ארויסטרייבען די „דבוקים”... ער געפינט זיך אין לאדז ביי א קרוב.

ר׳ יעקעל מארגענשטערן פון לאדז, אנשרייבענדיג זיין בעריהמטע פאלקס־סאטירע „ר׳ שמחה פלאכטע”, האט זיך גע־נומען דעם ברוקאזש אלס פראטאטיפ.

עס קורסירען נאך אין פיאטרקאוו און אומגעגענד פער־שיעדענע גלייכווערטלעך, וואס זענען פערבליבען נאכ׳ן „ברו־קאזש”.

נאך היינט צו טאג, ווען אויף די בענק פון בערנארדינער גארטען אין פיאטרקאוו (בעת די צאר.שע צייטען בעקאנט אלס

דעם גובערנאטאר׳ס גאָרטען), קומען זיך צונויף די „שטאָרט־אינוואַלידען" ד. ה. דער אַלטער דור יודען, וואָס לעבען פון זייערע קינדער׳ס שטיצע, אָדער אויף קהל׳ס חשבון, פערברענגט מען די צייט מיט מעשיות וועגען ברוקאַזש.

איינע פון „ברוקאַזש׳ס כאַראַקטעריסטישע מעשה פלעגט זיין וועגען „מאָרגען זינגען", „מאָרגען זינגען".

אז זיינע הסידים זענען געוואָרען מלא שמחה און אָנגעהויבען זינגען און טאַנצען ביז אין חצות אריין, פלעגט דער „ברוקאַזש" זיך אויפשטעלען פון זיין אָרט און א ברום געבען: רבותי! שוין גענוג! „מאָרגען זינגען, מאָרגען זינגען". מאָרגען איז אויך א טאָג.

דער קאזשעניצער מגיד

א.

ר׳ ישראל, דער קאזשעניצער מגיד, איז געווען איינער פון די פיאנערען, וואס האבען פערשפרייט און פראפאגאנדירט הסידות אין פוילען אין איין צייט מיט׳ן רבי׳ן פון לובלין.

זייענדיג, ווי ער, א תלמיד מובהק פון ר׳ שמעלקע הורוויץ פון ניקעלסבורג, פון דעם רבי ר׳ בער פון מעזריטש, פון דעם „קדושת לוי" און פון ר׳ מלך פון ליזענסק, האט דער קאזשעניצער מגיד ארייגעזאפט אין זיך תורה און הסידות, צדקות און עניוות און טאקע א דאנק די דאזיגע מעלות איז ער אזוי שטארק פאפולער און בעליבט געווארען אין די חסידישע און לומדישע קרייזען.

און געהענדיג מיט׳ן נייעם שטראם, וועלכען ס׳האט אריינגעבראכט קיין פוילען ר׳ גרשון קוטאווער, דעם בעש״ט׳ס שוואגער, איז ר׳ ישראל, זייענדיג נאך גאר יונג, אויסגערופען געווארען פון די הסידים אלס רבי און איז געווארען איינער פון די אנגעזעהענסטע צדיקים פון דעם דור.

צוליב דעם אבער, וואס ר׳ ישראל איז געווען אין זיין געבורטס-שטעדטעל קאזשעניץ מגיד, האט מען איהם אפילו שוין אלס רבי גערופען „קאזשעניצער מגיד".

וועגען זיין התגלות ווערט דערצעהלט, אז דער בעש״ט

האָט אָנומעלט געהייסען נאָך הבדלה איינשפּאַנען זיינע פערד
און האָט זיך געלאָזט מיט זיין פאָניע אַלעקסער, וואָס איז
ביי איהם געווען שמייסער, אין וועג אַריין. פאָהרענדיג אַזוי
אַ גאַנצע נאַכט איז ער געקומען קיין קאָזשעניץ גראָד צו
אשמורת־הבוקר. דאָ האָט ער צו זיך געלאָזט רופען דעם אָרי־
מען שבתי איינבינדער, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין קינ־
דער און איהם מבטיח געווען, אַז אין הימעל האָט מען בע־
שטימט, ער זאָל געבוירען אויף דער עלטער אַ בן־זכר, וואָס
זאָל פערשיינען די וועלט. דאָס וועט זיין אַ לוין פאַר זיין
גרויסען בטחון אין גאָט. דערביי האָט זיך דער בעש"ט אויס־
געריעדט דאָס סנדיקאות. און ווען ר' בנימין איינבינדער איז
געהאָלפען געוואָרען צום יאָהר מיט אַ זוהן, האָט ער פער־
בעטען דעם בעש"ט אַלס סנדק. דער בן־זכר האָט בעקומען
דעם נאָמען ישראל, אַזוי ווי דער סנדק האָט געהייסען. דער־
מאָלט האָט דער בעש"ט משפיע געווען פון זיין הייליגען גייסט
אויף דעם קינד און ווען ס'איז אויסגעוואַקסען איז ער אַוועק
אין זיינע, דעם בעל־שם־טוב'ס, דרכים.

ר' ישראל האָט פון קינדווייז אָן געלערענט טאָג און נאַכט
און דערביי שטאַרק צוגעהונגערט. געשלאָפען איז ער אויף דער
האַרטער באַנק אין בית־המדרש און אין די שטיבלעך, גע־
קעכטם נאָר נעגעסען פון שבת צו שבת, צוליב וואָס ער האָט
בעקומען אַ קראַנקהייט, וואָס האָט איהם געהאַלטען לעבענס־
לאַנג אין קראַנקען־בעט. אָבער קוים איז ענטפּלעקט געוואָרען
פאַר דער וועלט זיין גרויסקייט אין לערנען און צדקות, האָבען
אָנגעהויבען דער „יוד־הקדוש", דער רבי ר' בונם א. אַנד. צו
איהם צו פאָהרען, כדי צו הערען פון זיין מויל דברי תורה און
הכמה.

אַזעלכע גרויסע לומדים, ווי ר' יונה קעמפּנער, דער מחבר
פון „מעין הברכות", ר' גדליה ליפשיץ א. אַנד. האָבען זיך

מיט איהם דורכנעשריבען וועגען „הלכה למעשה". ר' ישראל'ס אויטאָריטעט איז געוואקסען אין דער חסידישער וועלט פון טאָג צו טאָג. ער האָט בעקומען א שם פון א גרויסען נעטלי־כען מענטש. ער האָט אבסאָלוט נישט נהגה געווען פון „גשמיות־דיגע זאַכען, כאָטש א דאַנק די גרויסע פדיונות, וואָס מען האָט איהם געשיקט פון ווייט און ברייט, האָט ער געקאָנט פיהרען א ברייט לעבען. אָבער ער האָט, ווי זיינע גרויסע רבי'ס, דאָס גאַנצע געלד פערטיילט פאַר אָרימע און לטובת הכלל.

אמת, שונאים האָבען איהם אויך נישט געפעהלט, שונאים, וועלכע האָבען איהם שיקאַנירט און עפנטליך פערשוועכט זיין נאָמען, פערמעהרענדיג דערמיט זיינע גרויסע קערפערליכע ליי־דען און יסורים. די שונאים זענען געווען נישט פון חסידים גופא — דאָס זענען על פי רוב געווען מתנגדים.

אָבער די אַלע שיקאַנעס און זלזולים פון וועלכען צד עס זאָל נישט זיין, האָבען נישט געקענט ברעכען דעם שטאַרקען כאַראַקטער פון דעם גרויסען בעל־נסיון און בעל־מופת, וועל־כער איז געווען פון אַלע שטאַרק געליבט און געשעצט צוליב זיין צדקות, לומדות און חכמה.

ב.

צווישען זיינע גרויסע צאָהל פערעהרערס האָט דער קאָ־זשעניצער מגיד אויך געצעהלט א סך פוילישע מאַגנאַטען און פירשטען, ווי די טשאַרטאָריסקים, פּאָטאָצקים א. אַנד., וועל־כע פלעגען איהם אָפט פערזענליך בעזוכען און זיך מיט איהם בעראַטען נישט בלויז אין פאַמיליע־ענינים, נאָר אויך אין אַזעלכע ענינים, וואָס זענען נוגע געווען דער פוילישער פּאָלי־טיק. מען האָט דאָך דעם „מגיד" געהאַלטען פאַר א גרויסען פוילישען פּאַטריאָט.

די פריינדשאַפט פון די פּילעווער טשאַרטאָריסקים צום מגיד איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען פלעגט זאָגען, אַז קיין

שמחה קען נישט פאַרקומען אין קאָזשעניצער הויף אָהן די טשאַרטאָריסקים, און אויך נישט אין פּילעווער הויף אָהן דעם „קאָזשעניצער".

ער פלעגט אויך זיין אַנ'אָפּטער גאַסט ביי די טשאַרטאָריסקים, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מען האָט איהם געמוזט צוליב שוואַכקייט יעדעס מאָהל אַרויסטראָגען פון דער שטוב אויף די הענד און איהם אַרויפלעגען אויף דעם וואָגען. און איטליכ'ס מאָהל פלעגט דער מגיד אויס'פועל'ן ביי די טשאַרטאָריסקי'ס און אויך ביי פירשט פּאָניאַטאָווסקי אַ טובה פאַר יודען. אויך פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי פלעגט אָפט קומען מיט אַ בעזוך צום מגיד אין בעגלייטונג פון זיין יודישען לייב-גוואַרדיסט מרדכי, וועלכער איז געווען דער דאָלמעטשער צווישען איהם און דעם יודישען „פּראָראָק" (נביא), כאָטש דער מגיד האָט אַליין גוט פערשטאַנען און אויך נישט שלעכט גערעדט פּויליש. די בעראַטונגען האָבען געהאַט אַנ'אינטימען כאַראַקטער.

און אַז דער קינדערלאָזער דוכוס פון פּילעווו איז ביים קאָזשעניצער געהאָלפען געוואָרען און אַ זוהן געבראַכט אויף דער וועלט — האָט מיט דעם די גאַנצע פּויליש-פּריצישע וועלט געקלונגען. דער פירשט אַליין האָט דאָס דערצעהלט זיינע מקורבים.

די מעשה ווערט דערצעהלט אַזוי:

אַנומעלט האָט דער אַלטער פּילעווער דוכוס שטאַרק זיך געקלאָגט פאַר'ן קאָזשעניצער, אַז ער ווערט פון טאָג צו טאָג עלטער און שוואַכער און קיין קינד האָט ער נישט, צוליב וואָס זיין גאַנץ לעבען און פערמעגען איז איהם נישט ניחא. ער האָט געוואָלט פאַר יעדען פּרייז אַ בן-זכר האָבען, כדי די „דינאַסטיע" צו דערהאַלטען און ביים קאָזשעניצער האָט ער געזוכט די הילף. דערביי האָט דער דוכוס, נאַטירליך, נישט געזשאַלעוועט קיין גרויסע פדיונות.

נישט קאָנענדיג מעהר צוזעהען דעם צער פון אַלטען דוכוס, האָט דער מגיד אנומעלט א געשריי־געטהון: „רבונו של עולם, דו האָסט אזוי פיל גוים אויף דער וועלט — זאָל זיין נאָך איי־נער!”..

און גאָט האָט טאַקע דערהערט דעם קאָזשעניצער'ס געבעט און דער אַלטער דוכוס איז דערפרעהט געוואָרען אויף דער עלטער מיט א בן־זכר...

מאַכט זיך א מעשה, אז דעם דוכוס'עס עלטערער ברודער, סטאַניסלאַוו טשאַרטאָריסקי, האָט, וועלענדיג בעווייזען זיין ברוד־דער, אז דער מגיד האָט נישט קיין רוח־הקודש, זיך פאר'ן מגיד שטאַרק בעקלאָגט, אז ער האָט אין דער היים א זוהן, וועלכער איז א חולה מסוכן און אַלע דאָקטוירים האָבען איהם שוין אָב־געזאָגט, דערביי האָט ער איהם געבעטען וועגען א סגולה און א רפואה, כאָטש אין דער אמת'ן איז דער זוהן געווען פולשטענ־דיג געזונד.

אָבער קוים האָט דער דוכוס געהאַט ארויסגערעדט זיין בקשה, האָט איהם דער מגיד איבערגעהאַקט די רייד און געהייסען איהם שנעל זיך צואיילען אהיים, כדי ער זאָל נאָך בעווייזען זיך צו זעהען מיט זיין זוהן פאר'ן טויט.

דערהערענדיג דעם דאָזיגען ענטפער פונ'ם מגיד, האָט זיך דער פירשט שטאַרק צולאַכט. אָבער קומענדיג אהיים האָט ער טאַקע געטראָפען דעם זוהן זיך ראַנגלען מיט'ן טויט. לויפט דער דוכוס הענדום־פענדום צוריק אויף זיין רייט־פערד קיין קאָזשע־ניץ, פאַלט דעם מגיד צו די פיס, בעט איהם מיט הייסע טרעהרען אין די אויגען וועגען פערצייהונג און א רפואה שלמה פאר זיין זוהן. דער זוהן איז געמליך, רייטענדיג אויף א פערד, אראָבגעפאַ־לען און שיער נישט געהרג'עט געוואָרען. דער מגיד בעקומט מיטלייד מיט'ן פאָטער פון זוהן, ער בענשט איהם מיט א רפואה שלמה און גאָט האָט דאָסמאָל אויך דערהערט דעם מגיד'ס

תפילה און האָט דעם פירשט'ס זוהן צוריק געשענקט דאָס לעבען.

מיט נאָך אַ סך אַזעלכע און אַנדערע לעגענדעס איז אַרומ־געשפּונען די געשטאַלט פון קאָזשעניצער מגיד. אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָנ'ס מאַרש אויף רוסלאַנד איבער פּוילען, איז אויס־געבראָכן אַ גרויסער סכסוך צווישן די צוויי פּוילישע אַרמעע־אָנפירערס, אַדאַם טשאַרטאָריסקי, דעם עלטערן, דעם גענע־ראַל פון פּאָדאָליען, און יוזעף פּאָניאַטאָווסקי, דעם קריגס־מיניס־טער, וועגן דעם, צי פּוילען זאָל זיך שטעלן אין קריג אויפ'ן צד פון רוסלאַנד, אָדער אויפן פון פראַנקרייך. טשאַרטאָריסקי, אַ פּערזענליכער פריינד פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטען, איז גע־שטאַנען אויף דער זייט פון רוסלאַנד, דאַגעגן פּאָניאַטאָווסקי — אויף דער זייט פון נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט שוין געהאַט פּוילען ערקלערט אַלס אויטאָנאָם פירשטענטום. דערצעהלט די לעגענדע, אַז אַזוי ווי די דאָזיגע גענעראַלען האָבען נישט געקענט צווישען זיך דורכקומען, זענען זיי ביידע געפאָהרען צום קאָזשעניצער זיך שואל עצה זיין.

אויסהערענדיג די טענות פון די ביידע פירשטען, האָט דער מגיד, ליגענדיג אויף זיין צוברעכען בעטעל, אָבגעהאַלטען פּאָניאַ־טאָווסקי'ן זיך צו בעטייליגען אין נאַפּאָלעאָנ'ס מאַרש אויף רוסלאַנד, פאָראויסזעהענדיג דעם טרויעריגען סוף פון נאַפּאָלעאָן. דערביי האָט ער אַרויסגעזאָגט די ווערטער: „נפל־תפול", אויס־טייטשענדיג זיי דעם פּשט הערפון: „נאַפּאָלעאָן זניגיע", ד. ה. ער, נאַפּאָלעאָן, וועט פערלירען די מלחמה.

וועגען נאַפּאָלעאָנ'ס סוף האָט שוין דער מגיד — ווי חסידים דערצעהלען — מרמז געווען נאָך מיט 20 יאָהר פריהער אין אַן ערב פּסח, זאָגענדיג דעמאָלט, אַז „ס'וועט אויפשטעהען בקרוב אַ מענש, וואָס וועט באַלד ווערען אַ מלך איבער דער גאַנצער וועלט, אָבער עס וועט פון איהם גאָרנישט ווערען"...

יוזעף פּאָניאַטאָווסקי האָט זיך וועניג צוגעהערט צום מגיד'ס

עצה, ער האָט נישט געוואָלט ברעכען די שבועה, וואָס ער האָט שוין געהאַט געגעבען נאַפּאָלעאָנ'ען, אַז ער וועט מיט דער פוילישער אַרמעע איהם געהן צו הילף און ער האָט דאָס זייניגע געטהון; אָבער די נבואה פון דעם מגיד האָט זיך בעשטעטיגט, נאַפּאָלעאָן האָט די מלחמה פערשפּילט און פּאָניאַטאָווסקי האָט אין דער עלבע, ביי לייפּציג, זיין טויט געפונען: ער איז דאָרט צוזאַמען מיט זיין רייט־פערד דערטרונקען געוואָרען.

דאָס אָנזעהן און פּאָפּולאַריטעט פון מגיד איז נאָך דער מלחמה נאָך גרעסער געוואָרען צווישען די פּוילישע מאַגנאַטישע און הערשענדע קרייזען. און ווען „מיין אדאָם" — אַזוי פלעגט דער קאָזשעניצער אָנרופען טשאַרטאָריסקי'ן — איז געוואָרען נאָך דער מלחמה קריגס־מיניסטער פון פוילען, איז דער מגיד געוואָרען זיין יוצא ונכנס. ער האָט ביי איהם צוזאַמען מיט'ן „חוזה" אויסגע'פּועל'ט א סך הנחות פאַר יודען און האָט דורך איהם דורכגעפיהרט געוויסע השתדלות'ן ביי אַלעקסאַנדער דעם ערשטען לטובת הכלל.

ווען מען האָט יודען געוואָלט נעמען צו מיליטער און פאַר יערען, וואָס דרעהט זיך ארויס פון דיענסט, האָבען קרובים און די קהלה געמוזט צאָהלען צו טויזענד גילדען שטראָף — דעמאָלט האָבען דער חוזה מיט'ן קאָזשעניצער מעזיש־עולם־געווען, אַז די גזרה זאָל בטל ווערען און זיי האָבען אויסגע'פּועל'ט, אַז אנשטאַט דיענען אין מיליטער, זאָל מען געבען א שטייער־אָבצאָהל פון זיבען הונדערט טויזענד גילדען א יאָהר.

און ווען ס'איז ארויס די גזרה פון יאָהר 1812 נישט צו לאָזען יודען האַנדלען מיט בראָנפען און האַלטען שענקען, זעהט מען ווידער דעם פיזיש־צובראָכענעם מגיד ארבייטען און זיך משתדל זיין אַזוי לאַנג, ביז די גזרה ווערט בטל. ווען די פּראָגרעסיווע יודען האָבען געפאָדערט אין דער צייט פון ווארשאווער הערצאָגטום בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג פאַר יודען, האָבען די

פרומע קרייזען מורא געהאט פאר די קאנסעקווענצען דערפון, זעהענדיג די רעזולטאטען פון דער עמאנציפאציע־בעוועגונג אין די מערב־מלוכות.

טשארטאריסקי'ס שטעלונג אין דער דאזיגער פראגע איז געווען אפילו אנ'אנדערע, ווי דעם מגיד'ס; ער, טשארטאריסקי, האט אין פעטערבורג פערלאנגט פאר די יודען אין פוילען „וואס ווייניגער פערבאטען — וואס מעהר פרייהייט".

אבער מען האט זיך צוגעהערט צו דער שטים פון די גוטע יודען. בעזונדערס פון מגיד, צו וועלכען דער פילעווער הויף האט זיך בעצויגען מיט בעזונדערען כבוד און דאנקבארקייט.

בעזונדערס האבען די טשארטאריסקי'ס סימפאטיזירט און בעשיט מיט געלד און מתנות דעם מגיד'ס איינציגע טאכטער פערעלע. זי האט גע'שמ'ט אלס א גרויסע צדיקת, פיהרענדיג זיך אין ענין יודישקייט, ווי א פארצייטישער חסיד. זי האט גע־טראגען אונטער איהר ברוסט־טוך א טלית־קטן, געדאווענט אין טלית און תפילין, זיך גע'טובל'ט צוויי מאל אין טאג, אין דער פריה און אין אווענד או"ז. דער עולם, וואס איז געפאהרען צום מגיד, האט זיך אויך ביי איהר „מזכיר געווען". זי האט אויך געגעבען ברכות און סגולות או"ו, אבער אזוי גוט ווי איהר גרויסער פאטער, האט זי נישט נהנה געווען פון די פדיונות, נאר אלע פערטיילט צווישען די נצרכים און געלעבט אויך אנ'ארים, אסקעטיש לעבען.

א דור פון גרויסע רבנים און רביים איז פון מגיד'ס בית־המדרש ארויסגעגאנגען און יעדער פון זיי האט געשאפען אין דער חסידישער וועלט זיין אייגענע דינאסטיע. דער יוד הקדוש, דער פשיסכער, איידער זיי זענען נתגלה געווארען, זענען צום מגיד געפאהרען און ביי איהם געלערנט; דער „נועם מגדים" (ר' אליעזר דוד פון טארניגראד), ר' יחזקאל'ע און ר' מנשה קאזשע־ניצער או"ו זענען געווען זיינע תלמידים.

איבער צוואַנציג ספרים האָט דער מגיד, ליגענדיג אין בעט, אָנגעשריבען אויף תורה, זוהר אא״ו. זיינע „דרשות״ אין „עבודת ישראל״, „אור ישראל״, זיין „נר ישראל״ און „נור ישראל״ צייכנען זיך אויס מיט מאָראַל און יודישקייט.

פופציג יאָהר איז ער געווען מגיד און 42 יאָהר רבי אין קאָזשעניץ (1815 — 1773). ער איז נפטר געוואָרען אין עלטער פון 74 יאָהר, ערב סוכות תקע״ה, (רעש״ה לפ״ק) דריי פירטעל יאָהר פריהער פאַר דעם חוזה און אַ יאָהר שפּעטער פון „יוד הקדוש״ (תקע״ד). אַז דער מגיד איז אוועק פון דער וועלט, האָט מען אין פּילעווער פירשטען־הויף שטאַרק געטרויערט, און ווי די לעגענדע דערצעהלט, האָט פון דעמאָלט אָן אָנגע־הויבען צו געהן ביי די משאַרטאָריסקים באַרג־אַראָב. זייער פערמעגען האָט רוסלאַנד קאָנפיסקירט און די פירשטען האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד.

פאַר דער מלחמה האָט מען נאָך געקענט זעהען דאָס אַלטע היסטאָרישע הייזעל, אין וועלכען דער מגיד האָט געוואוינט.

אין קאָזשעניץ, אין דער אַזוי־גערופענער „אוליצאַ מאַגי־דאַ״, איז דאָס דאָזיגע האַלב־איינגעפאַלענע הייזעל געשטאַנען.

דעם מגיד׳ס ממלא־מקום איז געווען זיין איינציגער זוהן ר׳ משה׳לע, וועלכער איז אָבער קיין גרויסער למדן נישט געווען.

אין די מעמואַרען פון דער גרעפין אַננאַ פּאָטאָצקאַ (געב. 1776, געשט. 1867), וועלכע זי האָט געשריבען אין פראַנצוי־זיש און וועלכע זענען געפונען און פאַרעפענטליכט געוואָרען אין פּאַריז, דערצעהלט זי דרך אגב, אַז אַ גרויסער שוועדישער אַסטראָלאָג, וואָס איז געווען שטאַרק אָנגעזעהען אין די הויפען פון די פּאָניאַטאָווסקים, איז ספּעציעל געקומען אַזש פון שווע־דען צו ישראל דעם קאָזשעניצער מגיד.

אַט דאָס איז שוין אַ גענוגענדער בעווייז, ווי פּאָפּולער דער קאָזשעניצער מגיד איז געווען אין דער וועלט.

דער הייליקער זיידע פון ראדזימין

א׳

א קליינער, איינגעהויקערטער זקן איז געווען דער רבי ר׳ יעקעלע ראדזימינער, וועלכען די חסידישע וועלט האט גערופען מיטן נאמען: „סבא־קדישא״, דאס הייסט: דער הייליגער זיידע.

דער פאטער זיינער, ר׳ שלמה גוטערמאן, איז געווען א שניט־סוחר אין ווארקע, אין דער רעזידענץ פון ר׳ איציק׳ל ווארקער. דארט איז אויך דער רבי ר׳ יענקעלע געבוירען גע־ווארען אין יאהר תקנ״ב (1792).

די עלטערן האבען איהם חתונה־געמאכט יונגערהייד פאר א בעל־הבת׳ישער טאכטער פון ריטשעוואל.

כל־זמן דער שווער זיינער, ר׳ בעריש ריטשעוואלער, האט געהאט די מעגליכקייט, האט ער זיין איידעם געגעבען „קעסט״ צו עסען, דעם „לחם הקלוקל״, ווי מען פלעגט עס איראניש אנרופען. אבער ווי נאר ער איז געווארען א יורד און ס׳איז אויס־געקומען דעם קעסט־איידעם צו הונגערן, האט ר׳ יעקעלע זיך ארומגעקוקט נאך א תכלית — האט מען איהם אויפגענומען אין ריטשעוואל פאר א רב, צאהלענדיג איהם אינגאנצען עטליכע גילדען א וואך — און ער איז געווארען א מרא־דאתרא.

אבער דאס קליינע געהאלט איז נישט גענוג געווען צו דערהאלטען דאס הויז. האט זיך די רבי׳צין (דאס איז דעמאלט

געווען א געוועהנליכע ערשיינונג אין די רבנישע קרייזען) גע־
נומען האנדלען אויף די דערפער מיט א ביסעל צעלניק און
פאר דעם לייזעניץ האט זי געקויפט לעבענס־מיטעל ביי די
פויערים פאר איהרע בני־בית.

ר׳ יעקעלע האט קנאפ וואס נהנה געווען פון דער שווערער
ארבייט פון דער רבי׳צין. ער גופא איז געזעסען על־פי־רוב אין
פשיסכע ביים רבי׳ן ר׳ בונם און אזוי ווי דער לעצטער איז געווען
א סגי־נהור אויף די אלטע יאהרען — האט דער רבי ר׳ יעקעלע
ראדזימינער פאר איהם פארגעלייענט מדרש אא״וו.

און ווען אין ראדזימין איז פריי געווארען דאס כסא־דרבנות
האט דער חידושי הרי״ם אהין אריינגעזעצט דעם רבי ר׳ יעקע־
לע און מען האט איהם פון דאן אן שוין אנגעהויבען רופען
מיט׳ן נאמען: ר׳ יעקעלע ראדזימינער.

און דא איז ר׳ יעקעלע מאקע געקרוינט געווארען אלס רבי.
דער קאצקער פלעגט אויף איהם זאגען: הלוואי וואלטען געווען
אויף דער וועלט נאך צוויי אזעלכע צדיקים, ווי דער ראדזימי־
נער און דער טשעכאנאווער זיינען...

און א גרויסער עולם קאצקער און פשיסכער חסידים האבען
זיך באלד אן איהם בעהאפטען. פון ארבע פינות העולם איז מען
צו איהם געפאהרען און מיט פדיונות בעווארפען. מען האט
איהם געהאלטען פאר גאר א גרויסען בעל־מופת.

דער רבי ר׳ יעקעלע האט נישט געקענט קיין צורת־מטבע,
אבער זיין משמש ר׳ הערשעל האט „געריסען" פון די חסידים
גרויסע פדיונות. א „פינפאונצוואנציגער" איז שוין געווען די
קלענסטע מטבע, נישט מעהר, מען האט געקענט דעם פדיון
אויסצאהלען אויך אין ראטעס...

צוליב די גרויסע מופתים, וואס ער האט בעוויזען, איז דער
רבי ר׳ יעקעלע ראדזימינער אויך שטארק מפורסם געווארען ביי
די פריצים אין זיין געגענד, און נישט פאר איין יודישען פאכ־

טער פלעגט ער זיך איינשטעלען און אויסבעטען הנחות. אויך די פריצים אליין האבען געבדרויכט זיין טובה און געמוזט צו איהם אנקומען.

מען דערציעהלט, אַז אמאל איז צו ר' יעקעלע'ן געקומען א פריץ מיט א שטומען דערוואקסענעם זוהן, דער רבי זאל איהם בענשען, אז ער זאל רעדעוודיג ווערען. אויסרעדענדיג זיך פריהער מיט'ן פריץ, אז ער וועט יודען גוט בעהאנדלען און וועט קיין שלעכטס זיינע יודישע פאכטערם קיינמאל נישט טהון, האט דער רבי ר' יעקעלע אויפגעהויבען דערנאך די אויגען צום הימעל און געבעטען: כ'איז דאך דא אזוי פיל גויים, וואס רעדען, זאל זיין נאך א גוי אויף דער וועלט, וואס זאל קענען רעדען!" דערביי האט דער רבי א קלאפ געטהון דעם שייגעץ מיט'ן גארטעל, האט יענער א געשריי געטהון: „טאטא, זשיד מניע ביע!" (פאטער, דער יוד שלאגט מיך!) און פון דעמאלט אן האט דעם פריצ'ס זוהן שוין גערעדט...

די מעשיות, וואס ווערען דערצעהלט וועגען דעם רבי ר' יעקעלע ראדזימינער, זענען אין לשער. מיר וועלען דא איבערגעבען בלויז די, וואס האבען א שייכות צו זיין אנטקעגענשטעלען זיך די צארישע סאטראפען, וועלכע מען האט געשיקט קיין ווארשא צו ליקווידירען די פוילישע פאווסטאניע פון יאהר 1831.

ב.

דעם ראדזימינער'ס ביאגראף (בערגמאן) דערצעהלט אין זיין ספר „מעשיות נוראים" (פיאטרקאוו תרע"ד), אז פאסקעוויטש, דער צארישער תליאן פון פוילען, האט פלוצלונג זיך צוגעטשעפעט אויך צו די פרומע יודען און ארויסגעגעבען א גזירה צו פערברענען דעם ש"ך, דאס הייסט דעם בעריהמטען פירוש „שפתי־כהן" פון ר' שבתי הכהן אויפ'ן „חושן־משפט".

די סיבה, פארוואס פאסקעוויטש האט געהייסען פערברע־

נען גראַד דעם ש"ך, איז נאָך ביז היינט נישט אויפגעקלערט געוואָרען. ס'זענען וועגען דעם פערהאַן פערשידענע ווערסיעס. לויט איין ווערסיע זאָל אַנ'אַסימילאַטאָר האָבען פער'מסר'ט די יודען פאַר'ן צורר, אַז זיי פיהרען זיך נישט לויט די אַלגעמיינע געזעצען פון לאַנד, נאָר זיי האָבען זייער אייגענעם קאָדעקס, וועלכען ער האָט אָנגערופען מיט'ן נאָמען ש"ך. א צווייטע ווערסיע ווידער דערצעהלט, אַז צוליב דעם, וואָס דער ש"ך, וועלכער האָט איבערגעלעבט די גזרות ת"ח ות"ט און האָט זיי בעשריבען מיט גרויס כעס אין זיין „מגילת עפה", האָט פאַסר־קעוויטש, נאַטירליך לויט עמיצענ'ס אַ מסירה, געוואויר־געווערנ־דיג, אַז די יודען אין פוילען פערהאַלטען זיך צוליב דעם מיט גרויס שנאה צו רוסלאַנד, געהייסען דעריבער פערברענגען אַלע ספרים, וועלכע טראָגען דעם ש"כ'ם נאָמען.

צווישען די פרומע יודען האָט די גזירה ארויסגערופען א מהומה. עס זענען זיך וועגען דעם צונויפגעפאָהרען אַלע רביים פון פוילען און מען האָט בעשלאָסען צו שיקען צום פירשט פאַס־קעוויטש א דעלעגאַציע פון רבנים, בראש מיט א רב, וואָס קאָן גוט רעדען רוסיש, און זי זאָל איהם אויפקלערען דאָס מיספער־שטענדניש און בעטען, ער זאָל מבטל מאַכען די גזרה.

צו דער דעלעגאַציע איז אויך געוואָרען פערבעטען דער אַמשינאָווער רבי, ר' יעקב־דוד קאַליש, אָבער ער האָט נישט געוואָלט דערויף מסכים זיין, ביז דער ראַדזימינער רבי וועט זיך אויך נישט בעטייליגען אין דער דעלעגאַציע.

דער עולם האָט פשוט מורא געהאַט צו געהן צו פאַסקע־וויטש'ן, ווייל ער איז געווען אַלגעמיין בעקאַנט פאַר א גרויסען רשע, וואָס שטעלט זיך נישט אָב, ווען דער כעס כאַפט איהם אָן, אפילו פון צו שיסען א מענטש גלייך אויפ'ן אָרט אָהן א פאַרוואָס.

דער ראַדזימינער, א גרויסער פקח, האָט פערשטאַנען, פאַר־

וואָס דער אַמשינאָווער וויל נישט אַליין גיין און ער האָט איהם צוגעזאָגט, אַז ער וועט אויך זיין ביים פּירושט.

דערציילן חסידים, אַז ווי די רבנישע דעלעגאַציע איז נאָר אַריינגעקומען אין פּאַלאַץ, וואו פּאַסקעוויטש האָט גע־וואוינט און יענער האָט דערהערט, וועגן וואָס זי איז צו איהם געקומען — האָט ער, פּאַסקעוויטש, מאַכע באַלד אַראָבגעכאַפּט פון דער וואַנד אַ ביקס און גלייך געצילט צום אַמשינאָווער צדיק. בלויז פאַר דער העזה, וואָס מען איז געקומען איהם זאָגען דעה, וואָס ער האָט צו טהון...

אָבער פּלוצלונג האָט זיך פּאַסקעוויטש בעהערשט און אוועקגעלעגט די ביקס פון דער האַנד, פרעגענדיג צעטומעלט די דעפּוטאַציע, ווער עס איז דער דריטער רב, דאָס קליינע, איינ־געהויקערטע יודעל, וואָס שטעהט נעבען איהם און האָט איהם צוגעהאַלטען ביי דער האַנד, נישט לאָזענדיג איהם שיסען.

ווען די רבנים האָבען איהם געענטפערט, אַז זיי זעהען דאָ קיינעם נישט, האָט זיי פּאַסקעוויטש געהייסען קומען מאָרגען אויף אַן'ענטפער.

קומענדיג דאַן אין פּאַלאַץ אַריין, איז שוין דער אַמשינאָ־ווער רבי דריימטער געווען, זעהענדיג, אַז דער רבי ר' יעקעלע איז אויך מיט זיי און אַז דער פּירשט שרעקט זיך פאַר זיין, ר' יעקעלע'ס גייסט...

דאָסמאָל האָט שוין דער שטרענגער, פּאַרכטיגער פּאַסקע־וויטש גאָר אַנדערע דיבורים גערעדט און האָט טאַקע צוגעזאָגט מבטל צו מאַכען די גזרה אויף דעם ש"ך.

דער רבי ר' יעקעלע איז, אַלזאָ, געווען אַ רואה ואינו נראה...

בעזונדערס אינטערעסאַנט איז די געשיכטע וועגן רבי ר' יעקעלע'ס בעגעגעניש מיט'ן וואַרשאַווער אָבערפּאָליצמייסטער אין קראַשינסקי'ס גאַרטען.

אין דעם דאָזיגען גאָרטען איז געווען איינגעאָרדענט א טרינק־האַלע פון מינעראַל־וואַסער, וועלכע עס האָט געהאַלטען אין פאַכט א קורלענדער. יעדעס יאָהר, זומער־צייט, פלעגט דער רבי ר׳ יעקעלע קומען קיין וואַרשא און דאָרט טרינקען מינעראַל־וואַסער, וואָס דאָקטוירים האָבען איהם פעראָרדענט. נאָכ׳ן טרינקען האָט ער אויך אַרומשפּאַצירט א געוויסע צייט אין גאָרטען אין דער בעגלייטונג פון זיינע צוויי משמשים.

אין דער זעלבער צייט האָט אויך געטרונקען דאָרט מינעראַל־וואַסער דער רוסישער אויבערפּאָליציימייסטער (וועלכער איז אויך געווען א גענעראַל) און זיין פרוי, די גענעראַלשע.

בעת׳ן שפּאַציר פלעגען זיך אָפט בעגעגענען דער רבי ר׳ יעקעלע און דער גענעראַל מיט׳ן ווייב.

דער „ראַדזימינער” האָט אָבער געהאַט א טבע, אַז ווען עס איז איהם אַנטקעגענגעקומען עפּעס א נקבה פנים אל פנים, האָט ער זיך אָוועקגעדרעהט פון איהר און אויסגעשפּיגען...

דאָס זעלבע האָט ער אויך געטהון, ווען ער האָט זיך בעגעגענט אין גאָרטען מיט׳ן אָבערפּאָליצמייסטער׳ס ווייב.

דאָס האָט בעמערקט דער גענעראַל און עס האָט איהם שטאַרק פערדראָסען.

— היתכן — האָט ער זיך געטראַכט — זאָל זיך אַזא יודעל ערלויבען אויסצושפּייען פאַר זיין ווייב, א רוסישע גענעראַלשע?

און ער האָט אָנגעזאָגט דעם דייטש פון דער טרינק־האַלע, אַז ער זאָל מעהר נישט פערקויפען דעם יוד קיין וואַסער און איהם טאַקע בעזייטיגען אינגאַנצען פון גאָרטען אַרויס.

דער דייטש אָבער, וועלכער האָט גוט געקענט דעם רבי׳ן פון כמה שנים און איהם שטאַרק פערעהרט, האָט ווייניג געלעגט אַכט אויפ׳ן אָבערפּאָליצמייסטער׳ס רייד און האָט דעם רבי׳ן ווייטער געגעבען צו טרינקען יעדען אין דער פריה מינעראַל־וואַסער.

דאָס האָט נאָכמעהר פערדראָסען דעם אָבערפּאָליצמייסטער און ער האָט געדראָהט דעם דייטש, אַז קוים וועט ער אַריינלאָזען דעם יוד אין גאָרטען און איהם פערקויפען וואַסער, וועט ער ביי איהם צונעמען די קאָנצעסיע.

בלית־ברירה האָט דער דייטש וועגען דער גאַנצער מעשה מודיע געווען דעם רבי'ן דורך די משמשים. דער ראַדזימינער, ווידער, האָט געהייסען זאָגען דעם דייטש, אַז ער זאָל גאָר קיין מורא נישט האָבען פאַר דעם דראָהען, ווייל צומאָרגענס וועט דער גענעראַל מעהר שוין נישט אַהערקומען...

און כך־הוה: צומאָרגענס אינדערפריה, ווען דער אָבערפּאָליציימייסטער איז אַרויסגעפאָהרען מיט אַ דראָזשקע אין דער שטאָדט, האָט זיך די דאָזיגע דראָזשקע אַנגעשטויסען מיט אַ צווייטער דראָזשקע און עס קומט שיער נישט צו אַ אומגליק. דער גענעראַל ווערט אַנגעצונדען און גיט מיט דער בלאַנקער שווערד אַ טויט־קלאַפּ זיין דראָזשקאָזש אין קאָפּ אַריין און הרג'עט איהם אויפ'ן אָרט.

צוליב דער דאָזיגער אומגעריכטער סיבה איז שוין דער פּאָליצמייסטער נישט געקומען מיט זיין ווייב אינדערפריה טרינקען וואַסער אין קראַשינסקי'ס גאָרטען און האָט אויך געמוזט באַלד פערלאָזען וואַרשא, ווייל די גאַנצע שטאָדט איז אויפגעקאָכט געוואָרען אויף איהם צוליב זיין טויטען אַנ'אומשולדיגען מענש.

ג.

דער רבי ר' יעקעלע איז נפטר געוואָרען י' תמוז תרל"ה (1875) אין עלטער פון 83 יאָהר. נאָך ביים לעבען פון רבי'ן ר' בונם האָט ער געמאַכט מיט איהם אַנ'אַזוי־גערופענעם ענגלישען תקיעת־כף (בעשטעהט אין אַרויפלעגען צוויי פינגער אויפ'ן צווייטענס צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנד). די תקיעת־כף איז געווען וועגען דעם, אַז ער וועט מיט איהם, נאָך 120 יאָהר, צוזאַמען זיצען אין איין חדר אין גן־עדן. אַ'עהנ־

ליבען האנד־שלאג האט אויך ר' יעקעלע געמאכט מיט'ן רבי'ן ר' יחיאל פון אלעקסאנדער.

ר' יעקעלעס ממלא־מקומו איז געווען זיין זוהן, ר' יהושע־שלמה, און דער פערשטארבענער מיט עטליכע יאהר צוריק ראדזימינער רבי אין ווארשא, איז שוין געווען ר' יעקעלע'ס אנ'אוראייניקעל, דער דריטער דור פון דער ראדזימינער דינאסטיע.

די היילינגע „לודמירער מויד" האט געזאגט אויפ'ן רבי'ן ר' יעקעלע, אז ביים רבי'ן ר' בונם זענען פערהאן דריי תלמידים: איינער (דער קאצקער) פערברענט די וועלט, דער צווייטער (דער ווארקער) פערשרייט די וועלט און דער דריטער ר' יעקעלע (ראדזימינער), אז ווען ער דרעהט זיך אין עיגול מיט זיין ליולקע — ציטערן פאר איהם מלאכים, שרפים ואופנים אין הימעל...

דער רבי ר' בונם

א.

א זייל פון פוילישען חסידות איז געווען דער רבי ר' בונם (דער פשיסכער).

דער רבי ר' בונם איז נישט געווען קיין „יחוס־עצמו", ווי עס זענען געווענהנליך געווען די ערשטע רביים. זיין פאטער איז געווען דער אנגעזעהענער וואודיסלאווער מגיד ר' הערשעלע, וועלכער האט גע'שמ'ט אלס גרויסער ירא־שמים.

ר' הערשעלע האט אליין זיך נישט געקאנט קיין עצה געבען מיט זיין קינד און ער האט איהם דעריבער געשיקט לערנען אין דער פרעמד אריין.

דאס קינד איז געווען זעהר פעהיג, האט געהאט א וואונדערליכע תפיסה, האט אין איין רגע תופס געווען דאס, וואס מיט אנדערע האט מען געמוזט לערנען וואכענלאנג, אבער ער האט קיין גרויס חשק צום לערנען נישט געהאט.

אונזער בונמ'ל האט זיך דעריבער ארויסגע'גנב'ט פון דעם שטעדטעל און האט זיך געלאזט קיין ווארשא „ווערען א מענש".

דארט האט זיך דאס יודישע יונגעל פערדונגען אין א יודישער אפטייק אויף דער קראכמאלנע גאס. אין א גאנץ קורצער צייט האט ער שוין די גאנצע „תורה" געקאנט אזוי גוט, אז דער בעל־הבית זיינער האט איהם אליין אנגעטרויט צו מא־

בעז מעדיצינען אא״וו.

אין ווארשא האט זיך דאס יונגעל בעקענט מיט די גרויס־שטעדטישע לעב־קינדער און מיט זיי זיך גאר שטארק גע'חבר'ט, געשפילט א קערטעל און געבומעלט...

זייענדיג איינמאל שטארק פערשלאפען האט ער זיך טועה־געווען ביי מאכען א מעדיצין, געבענדיג עפעס אנדערש, ווי עס איז געווען פערשריבען אין רעצעפט פון דאקטאר. דאס וואלט געווען פשוט'ער סם פאר'ן חולה. ווען ער האט זיך געכאפט, אז ער האט געהאט א טעות, איז שוין צו שפעט געווען. דער רייטער, וואס איז געקומען ספעציעל פון דארף נאך דער מע־דיצין, האט שוין לאנג געהאט די שטאדט פערלאזט און ער האט אויך נישט געוואוסט, פון וואנען דער דאזיגער שליח איז געווען. אויס מורא, עס זאל נישט שאדען דעם חולה, האט ער זיך פון עגמת־נפש שטארק צעוויינט.

מאכט זיך א נס, דער פויערישער רייטער קומט צוריק אין דער אפטייק אריין און הויבט אן צו קלאגען, אז עס האט איהם אויפ'ן וועג געטראפען א סיבה מיט דער מעדיצין. פון געשווינ־דען, איילינגען רייטען, איז איהם די רפואה ארויסגעפאלען פון טאש און דאס פלעשעל איז צעבראכען געווארען. האט ער גע־נומען בעטען רחמים, מען זאל איהם געבן א צווייט פלעשעל מיט דער זעלבער מעדיצין.

אבער „בונמ'ל משרת" — אזוי האט איהם גערופען די ווארשאווער דעמאלטדיגע לעב־יוגענד — האט זיך צוליב דער געשיכטע אבגעזאגט פון זיין ארבייט אין דער אפטייק. ער האט זיך איצט ארומגעדרעהט אויף די ווארשאווער גאסען אהן שום מיטלען צום לעבען, אבזאגענדיג זיך פון יעדער איינער שמיצע, וואס זיינע חברים האבען איהם פארגעלעגט.

ווען די בעוואוסטע טעמערל (תמר'ל) ר' בערל זביטקאָ־ווער'ס ווייב האט זיך דערוואוסט, אז אין ווארשא דרעהט זיך

ארום און הונגערט דעם וואוידיסלאווער'ס א קינד, האט די איהם צו זיך אריינגענומען אין בראנפען־געשעפט און ער איז ביי איהר געווארען א דייזענדער. אלס אנגעשטעלטער האט זיך דער רבי ר' בונם אויסגעצייכענט מיט זיין עהרליכקייט, פלייס און נעניטקייט אין דעם ענין פון מסחר.

צוליב זיינע ווייטע געשעפטס־רייזען איז איהם אויך אויסגעקומען צו זיין אין דאנציג און אנדערע שטעדט. ער פלעגט זיך דארט אויפהאלטען חדשים לאנג, האט ער זיך איינגעלעבט אין יענער סביבה, געקליידט זיך אייראפעאיש און געלעבט א גוטען טאג.

ווען מען האט דערצעהלט דעם פאטער זיינעם, דעם מגיד פון וואוידיסלאוו, אז זיין זוהן פיהרט זיך נישט בדרך הישר, פלעגט ער ענטפערן, אז ער האט דערפאר קיין מורא נישט, ווארום זיין בונמ'ל וועט זיין איינער, וואס וועט נאך מתקן זיין די וועלט. און דאס נביאות פונ'ם פאטער איז אינגיכען מקוים געווארען.

ב

נאך פלוצלונג, אונערווארט פאר אלעמען, האט ר' בונם פערלאזט זיין שטעל ביי ר' בעריל זביטקאווער. ער האט זיך בעזעצט אין דעם אבגעלאזענעם שטעדטעל וואוידיסלאוו און גענומען האנדלען מיט א בימעל תבואה „קיין דאנציג".

דא טרעפט זיך איהם ביי א פויער אויפ'ן מארק צו קויפען א וועגעלע תבואה. ר' בונם דינגט זיך מיט'ן פויער וועגען פרייז. דער פויער פערלאנגט א הוספה, זאגענדיג אויף פויליש: „פאפראווטשע", ד.ה. זייט מוסיף צום פרייז. הערענדיג די דאזיגע ווערטער האט ר' בונם אויפגעציטערט, איינזעהענדיג, אז זיי זענען געווענדעט געגען איהם. אפילו א ווילד פרעמדער פויער הייסט איהם, אז ער זאל בעסער ווערען! און ר' בונם איז מהרהר בתשובה, ער דערווייטערט זיך פון זיינע

הברים, פון זיינע געשעפטען, פון דער גאנצער אלטעגליכקייט, ווערט א שטוב־זיצער, נעהמט זיך צום לערנען, היט אב מיט גרויס מסירת־נפש יודישקייט, „לערנט מיט מוח און דאווענט מיט כוח", ווי אנ'אמתער בעל־תשובה. ער פאהרט אויך צום „יוד הקדוש" פון פשיסכע, און ווערט דאן זיין נושא כלים, נעהענדיג אין זיינע הייליגע דרכים. און אין דעם חסידישען וועלטעל הויבט מען שוין אן צו רעדען וועגען דעם נייעם שטער־הען, וואס האלט ביי אויפגעהן.

דער חוזה, דער זעהער פון לובלין, דער פאטער פון חסי־דות אין פוילען, איז געווען דער ערשטער, וואס האט מודיע געווען דער וועלט, אז אינגיכען דארף נתגלה ווערען א גרויס ליכט (אור), וואס וועט בעשיינען די גאנצע וועלט. און עס האט טאקע לאנג נישט געדויערט, ווי דער רבי ר' בונם איז ענטפלעקט געווארען אין זיין גאנצען גלאנץ און איז נאך ביים לעבען פון'ם „יוד הקדוש" געקרוינט געווארען אלס רבי פון פשיסכע.

דער פריהערדיגער שטארקער מתנגד פון חסידות, דער וועלטליכער מענש, האט אנגעהויבען צו פיהרען רבי'שאפט ביד רמה. א גרויסע צאהל חסידים האבען זיך אבגעריסען פון זייערע פריהערדיגע „גוטע יודען" און זיך גרופירט ארום איהם. דער קאצקער, דער „חידושי הרי"ם", דער אלעקסאנד־רער, ר' הענעכ'ל א. אנד. זענען געווארען דעם רבי'ן ר' בונ־ם'ס נושאי כלים. דער עולם האט איהם פשוט בעשיט מיט פדיונות, וועלכע ער פלעגט פערטיילען, ווי זיין גרויסער רבי, דער "יוד הקדוש", צווישען די נצרכים, וועלכע האבען זיך צו איהם געווענדעט וועגען הילף.

ס'האבען איהם אויך נישט געפעהלט קיין שונאים פון חסידישען לאגער, שוין נישט רעדענדיג וועגען די מתנגדים, וואס פלעגען איהם דערגעהן די יאהרען. די שנאה און קנאה

צום רבי ר׳ בונם איז געווען גאר גרויס. מ׳האט איהם נישט געקאנט פארגינען דאס גרויסקייט און דעם שם, וואס ער האט זיך אין א גאר קורצער צייט ערווארבען. די געגנער פלעגען איהם נישט אנדערש רופען, ווי „דאנציגער סוחר", „דאנציגער הול־טיי". שונאים האבען איהם צוגעשיקט א „שבט מוסר" אויף עברי־טייטש. ער זאל, הייסט עס, לערנען יודישקייט...

דער אפטער האט ספעציעל ארויסגעשיקט א דעלעגאציע צום פשיסכער, וואס איז בעשטאנען פון צוויי געשוואוירענע חסידים זיינע, אז זיי זאלען איהם פרעגען, ווי אזוי עס איז מעגליך, אז א „דאנציגער סוחר" זאל ווערען רבי. און דער רבי ר׳ בונם האט געהייסען דעם אפטער ענטפערן, אז ווען ער, דער רבי ר׳ בונם, הייסט עס, וואלט געוואוסט פריהער, אז ער וועט ווערען רבי, וואלט ער קיין סוחר נישט געווען, ער האט עס אבער פריהער נישט געוואוסט...

געוועהנליך איז געווען זיין ענטפער זיינע שונאים, ווען זיי האבען איהם דאס פארגעווארפען, אז ער האט אין זיך די נשמה פון זבולון׳ען, וועלכער איז אויך געווען, ווי עס שטעהט אין דער תורה — א סוחר...

און ווען מען פלעגט איהם מאכען דעם פארוואורף ווע־גען זיין „פריי לעבען" אין דער יוגענד, דא האט שוין דער רבי ר׳ בונם געגעבען די שונאים אזא מין ענטפער: „איך האב ליב — האט ער געפלעגט זאגען — הפקרות. זיין א הפקר־מענטש איז א גרויסע זאך. ווען איז דאס געזאגט געווארען? אז מען איז מפקיר זיך אליין, נישט אנדערע"...

דער אפטער איז אזוי שטארק אין כעס געווען אויף דעם רבי ר׳ בונם, אז מאכענדיג אמאל א קינד חתונה, האט ער אלע רביים און לומדים פארבעטען אויף דער שמחה, נאר דעם פשיסכער — נישט. און דאס אלץ צוליב דעם, וואס ער האט אין דער יוגענד געלעבט א „גוטען טאג".

דער עולם אויף יענער התונה האָט זיך שטאַרק פֿערנו־מען מיט'ן פּשיסכער. מען האָט געקלערט תחבולות ווי אַזוי איהם מעביר או זיין אַלס רבי. אָבער צוליב דעם, וואָס דער „יוד הקדוש" האָט פון איהם געהאַלטען עולם־ומלואו, מיט־נעהמענדיג איהם אויף אַלע נסיעות אא"ה האָט מען בעשלאָ־סען בעסער צו מאַכען אַ שוויינ. מען איז אויך דערגאַנגען, אַז דער רבי ר' בונם איז איינער פון די גרעסטע לומדים און מקובלים אין פּוילען און איז שטאַרק פּאָפּולער ביים חסידישען עולם צוליב זיין לומדות און מופתים, וואָס ער פלעגט בעווייזען, דעריבער איז די שנאה צו איהם מצד די נעגגער'ס וואָס אַמאָל שוואַכער געוואָרען, אַזוי, אַז אינגיכען איז ער פערהייליגט געוואָרען אפילו פון זיינע גרעסטע שונאים. די גאַנצע יודישע וועלט האָט ביי איהם געזוכט אַן עצה און אַ הילף. מען דערצעהלט, אַז אַנומעלט, ווען ס'איז געווען אַ טרוקן יאָהר און דער עולם האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אין די טהירען פון פּשיסכער, האָט ער זיינע מקורבים געענטפערט: „עס וועט קו־מען אַ צייט פאַר ביאת הגואל, ווען ס'וועלען זיין לומדים אָהן תורה, חסידים אָהן חסידות, נגידים אָהן געלד, זומער אָהן היץ, ווינטער אָהן קעלט, און וואַקסען וועט אָהן אַ רעגען...

און ווען די חסידים זיינע האָבען זיך פאַר איהם בע־קלאָגט, אַז זיי האָבען נישט קיין פרנסה, האָט דער „פּשיסכער" ווידער זיי געענטפערט:

„ס'זענען איצט משיח'ס צייטען. אַ יוד וועט נישט האָבען קיין פרנסה פון אַ געוועלב, איטליכער וועט זיך מוזען זוכען אַ זייטיגע פרנסה, האַר און נעגעל שטעלען זיך מיר אויף — צוליב דער דאָזיגער צייט, וואָס וועט קומען"...

דער פּשיסכער איז אויך געווען שטאַרק אָנגענומען ביי דער פּוילישער שליאַכטע, וועלכע פלעגט קומען צו איהם זיך שואל־עצה זיין אין פערשידענע געשעפטס־ענינים און משפחה־

אָנגעלעגנהייטן. די שליאַכטע האָט איהם אָנגערופען מיטן פאַמיליע־נאָמען „באַגיהאַרט" און אַזוי פלעגט ער זיך אונ־טערשרייבען.

אויף זיינע וואַנדערונגען איבער דער מדינה (ער פלעגט אַזוי אַרום אָבריכטען גלות) פלעגט דער רבי ר' בונם אַ סך אויפטהון ביי די פריצים לטובת די יודען, בעפרייענדיג זיי פון שטראָפען און פון כל'ערליי אָנשיקענישען.

דעם רבי ר' בונמ'ס גלייכוועדטלעך און אַפאָריזמען, וועלכע ער פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט אַרויסזאָגען, צייכענען זיך אויס מיט זייער טיפקייט און שעהנקייט. ער פלעגט זאָגען: „ווען אַ מענש איז בלויז גוט — איז ער אַ נואף, בלויז פרום — אַ גנב, און בלויז קלוג — אַן אַפּיקורס. דער מענש מוז זיין אַלע דריי זאַכען צוזאַמען: גוט, פרום און קלוג.

ס'ווערט אויך דערצעהלט אַ שעהנער אַנעקדאָט פון רבי ר' בונם. ס'האָבען זיך אַנומעלט זיינע חסידים פערקלאָגט פאַר איהם, אַז אין דער שטאָדט דרעהט זיך אַרום אַ גנב, וועלכער בע'גנב'עט די צוגעפאָהרענע חסידים. דער רבי ר' בונם, וועלענדיג אויספרובען, צי די זאַך איז אמת, האָט געהייסען זיין גבאי מוצאי־שבת נישט אַראָבצונעהמען פון טיש די זילבערנע לייכטערס און לאָזען זיי אַזוי שטעהן אַ גאַנצע נאַכט, דערביי האָט ער בעפוילען זיין גאַנץ בני־בית, זיי זאָלען פערלאָזען די שטוב, וואו די לייכטערס שטעהען און ער אַליין האָט זיך אויך אויסבעהאַלטען אין זיין חדר מיוחד, עפענענדיג די פענסטער פון יענער שטוב, וואָס זענען אַרוים אין דער גאַס אַריין און איבערלאָזענדיג אַ חומש'ל אויפגעשלאָגען אויף דעם „לא תגנוב"...

„יעקעל קראַדניק" — אַזוי האָט דער עולם גערופען דעם פשיסכער גנב — בעמערקענדיג ביים רבי'ן אָפענע פענסטער און זעהענדיג, אַז ס'איז פינסטער, האָט ער מאַכי קיין גרוים

שהיות נישט געמאַכט און איז פראַנק און פריי אַריין אין דער שטוב דורכ'ן פענסטער, זיך צוגענומען די טייערע זילבערנע לייכטערס און זיך דורך דעם זעלבען וועג אַהיימגעגאַנגען, אויפמישענדיג דאָס חומש'ל אויף דעם בלעטעל, וואו עס שטעהט געשריבען: כי ימיך אחיך, ווען דיין ברודער ווערט פעראָרימט, ומטה ידו עמך — און שטרעקט אַרויס די האַנד צו דיר, והחזקת בו — זאָלסטו איהם שטיצען און מחזיק־זיין (ויקרא, כ״ה, ל״ה). דער רבי, דערזעהענדיג דערנאָך דעם פסוק, אויף וועל־כען דער קראַדניק האָט אויפגעמישט דאָס חומש'ל, האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און געזאָגט: ער האָט זיך טאַקע די לייכטערס כשר פערדינט. און ער האָט די גנבה פערשוויגען.

אינטערעסאַנט איז, אַז דער רימאַנאָווער האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט מוחל זיין דעם רבי ר' בונם זיין פאַרגאַנ־גענהייט און איז געבליבען זיין געשוואָרענער שונא ביז'ן טויט אַריין, פערפאָלגענדיג איהם די גאַנצע צייט.

דאָך ווען ס'איז פאָרגעקומען דער גרויסער ויכוח צווישען די חסידים און מתנגדים פאַר דעם פוילישען גלח און מינים־טער סטאַשיץ אין יאָהר 1824, צוליב דער מסירה פון די מתנגדים, אַז די חסידים שאַפען אַ נייע רעליגיעזע סעקטע אין פוילען, האָט מען דעם רבי ר' בונם געוועהלט אַלס פער־טיידיגער פון די חסידים צוליב זיין שעהן פויליש רעדען, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין וואַרשא, זייענדיג אַ משרת אין דער אַפטייק. אָבער ער האָט זיך דערפון אָבגעזאָגט צוליב דער התנגדות פונ'ם רימאַנאָווער און צוליב דעם, וואָס ר' מאיר'ל אַפּטער, דער צווייטער מליץ, איז אַרויסגעשטעלט גע־וואָרען דורך זייערע געגנערס. און ווען דער רבי ר' בונם איז שפּעטער בעשטימט געוואָרען דורך דעם מיניסטער סטאַשיץ אַלס „קאָרעספּאָנדענט" פון דעם אַזוי־גערופענעם „יודישען קאָמיטעט" אין וואַרשא (1824) וואָס זיין אויפגאַבע איז גע־

ווען צו פערבעסערן די יודישע לאגע אין פוילען, האט ער זיך
*אויך קנאפ אבגעגעבען מיט דער דאזיגער כלל־ארבייט. ער איז שוין געווען פיזיש געבראכען, א סגי נהור און שטארק פער־טהון אין חסידות און דביקות, אין תורה און עבודה.

אבער ער האט אויך נישט געהאט, ווי דער „יוד הקדוש", קיין אריכת־ימים. ער איז נפטר געווארען קוים עטליכע פופציג יאהר אלט, מיט א הייליגען שמייכעל אויף די בלאסע ליפען, י"ב אלול תקפ"ז, און איז געקומען צו קבורה טאקע נעבען זיין גרויסען רבי'ן, דעם „יוד הקדוש".

פינף דורות איזשביצער

א.

די איזשביצער דינאַסטיע ציילט ביז היינט שוין פינף דור־דות. איהר יחוס ציהט זיך אָבער נאָך פון ר׳ שאול וואַהל, דעם לעגענדאַרישען פוילישען קעניג אויף איין נאַכט.

דער רבי ר׳ מרדכי יוסף איז געווען דער פאָטער פון דער דאָזיגער דינאַסטיע. אַלס יונגערמאַן איז ער געפאָהרען קיין פשיסכע צום רבי ר׳ שמחה בונם און נאָך זיין פטירה האָט ער אָנגעהויבען פאָהרען קיין קאָצק צום רבי ר׳ מענדעלע ז״ל.

מיט׳ן רבי ר׳ מענדעלע האָט זיך גע׳חבר׳ט ר׳ מרדכי יוסף נאָך אין טאָמאַשאָוו און דאַן, ווען מען האָט געזוכט א ממלא מקום נאָך דעם פשיסכערס פטירה, איז ר׳ מרדכי יוסף געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען ר׳ מענדעלען געמאַכט פאַר רבי און ער איז געוואָרען זיין, ר׳ מענדעלעס, נושא־כלים.

אָבער אין א געוויסער צייט אַרום איז ר׳ מרדכי יוסף אויך געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען זיך אָבגעטיילט פון קאָצק, אַריינברענגענדיג דערמיט א שפּאַלטונג צווישען די קאָצקער חסידים...

דאָס איז געשען אין יאָהר ת״ר. ר׳ מרדכי יוסף איז דער־מאָלט דאָס לעצטע מאָל געפאָהרען אויף ראש־השנה קיין קאָצק און ער איז דאָרט פערבליבען ביז איבער סוכות.

דער עולם האט איהם דארט אנגעהויבען געבען קוויטלעך, רופענדיג איהם הערביי: רבי. דאס האט, נאטירליך, שטארק פערדראסען דעם קאצקער הויף און א טייל פון די „יושבים".

דער קאצקער זעלבסט האט זיך למראית־עין ארויסגעוויזען, אז ער איז צו דער דאזיגער זאך גאנץ גלייכגילטיג, אין הארצען אבער האט איהם אויך שטארק פערדראסען.

דאס האט פאראויסגעזעהען ר' מרדכי יוסף און טאקע שמיני־עצרת צו די הקפות איז ער נישט געגאנגען צום קאצקער אהיים, נאר ער האט געמאכט הקפות מיט זיינע חסידים ביי זיך אין דער אכסניא מיט אנ'אויסגעבארגטער ספר־תורה.

דער קאצקער האט נישט געוואוסט דערפון, אז ר' מרדכי יוסף איז נישטא צו הקפות; ער האט גערעכענט, אז מען האט איהם מכבד געווען מיט דער פערטער הקפה, אויף וועלכער ער, ר' מרדכי יוסף, פלעגט שוין האבען אין קאצק א חזקה פון כמה שנים. איז ר' מענדעלע בכבודו ובעצמו צוגעגאנגען צו דעם חסיד, וואס האט געהאלטען די ספר־תורה און זי איהם פון זיינע הענד ארויסגענומען. אבער ווי נאר ער האט בעמערקט, אז דער דאזיגער חסיד איז נישט ר' מרדכי יוסף, האט ער איהם די הקפה צוריקגעגעבען.

דערפון האבען די אבטריניגע חסידים פון קאצק גערדונגען, אז ר' מרדכי יוסף האט רוח־הקודש, דעריבער האט ער געמאכט הקפות ביי זיך אין דער אכסניא, כדי אויסצומיידען אנ'אפענע מחלוקה מיט'ן קאצקער. ווארום, ווי ער האט דאן ערקלערט זיינע חסידים, וואלט זיך ר' מרדכי יוסף פאר קיין פאל נישט געלאזט ארויסנעמען די ספר־תורה פון דער האנד בשעת הקפות.

אבער דער קאצקער האט וועגען דער כוונה, וואס ער האט הערביי געהאט, זיך גארנישט ווייסענדיג געמאכט, ווי ער וואלט גארנישט איהם געמיינט. און ווען ר' מרדכי יוסף האט זיך גע־זעגענט מיט'ן קאצקער נאך יום־טוב, האט דער קאצקער איהם

בעגליים ביז צו דער טהיר און איהם געפרעגט, וואס ער לאזט איהם איבער לעצט־געלד. האט ר' מרדכי יוסף אוועקגעגעבען דעם קאצקער דאס גאנצע פעקעל קוויטלעך, וואס די חסידים האבען איהם אין קאצק געגעבען, די פדיונות, ווידער, האט ער געשיקט צו דעה רבי'צין און איז זיך אהיימגעפאהרען קיין טאמאשאוו...

איצט זענען שוין ר' מרדכי יוסף'ס אנהענגער גאנץ אפען ארויסגעטרעטען געגען דער קאצקער ממשלה און זיך גרופירט ארום זייער נייעם רבי'ן, וועלכער האט זיך דאן בעזעצט אין אידשביצע און גענומען פראווען רבי'שקייט.

קאצק און איזשביצע זענען פון דאן אן געווארען אויף מערכער־שטעך. מען האט זיך נישט געקארגט נעגענזייטיג קיין זלזולים. דער קאצקער האט אין זיין גרוים כעס געזאגט אויפ'ן איזשביצער חסידים: „אז א מענש מאכט א פנים פון אזא פנים, וואס איז קיין פנים נישט — איז דאס עבודה־זרה". דער איזשביצער ווידער האט גע'טענה'ט, אז ר' מענדעלע איז צו ווייט אוועק...

די מלחמת־מצוה האט זיך שטארק צעפלאקערט און די חסידים האבען נישט געוואוסט, ביי וועמען זיך צו האלטען.

דערצעהלט מען, אז נישט קוקענדיג אויף דער גרויסער התנגדות פון קאצקער צום איזשביצער, האט זיך א טרייער קאצקער חסיד ענטשלאסען צו פאהרען קיין איזשביצע, כדי אויסצופרובען דעם נייעם רבי'ן, צי ער האט טאקע א רוח־הקודש, ווי מען זאגט, צי נישט. ווי נאר דער דאזיגער חסיד איז געקומען איבער דער שוועל, האט איהם ר' מרדכי יוסף געגעבען אנצוהערען, צו וועלכען צוועק ער, דער חסיד, איז געקומען. און יענער קאצקער, זעהענדיג אזא מופת, איז באלד געווארען א הייסער חסיד פון איזשביצער.

די מתנגדים, וועלכע זענען געווען צו יענער צייט אויך גרויי־

מע לומדים און אבגעהיטענע יורען, זעהענדיג, ווי די חסידישע רביים נעמען איין שטאדט נאך דער אנדערער, שאפענדיג אלץ מעהר רבי'שע דינאסטיעס, האבען אויך נישט געשוויגען, ווען ר' מרדכי יוסף האט זיך בעזעצט אין איזשביצע. מען דערצעהלט, אז אנומעלט האט זיך א מתנגד אריינגע'גנב'עט שבת אין דער קיך און עפענענדיג דעם אויוען האט ער אריינגעשיט אש אין טשאלענט און קאליע געמאכט דאס גאנצע עסען לכבוד שבת. דער רבי האט איהם פערשאלטען, אז עס זאל פון איהם ווערען עפר ואפר, און אזוי — דערצעהלען חסידים — איז עס טאקע געווען.

ר' מרדכי יוסף איז נפטר געווארען אין דרוזקעניק ז' שבט תרי"ד, איבערלאזענדיג א ספר „מי־משלוח", וואס איז געדרוקט געווארען נאך זיין פטירה אין וויען אין יאהר תר"ד.

זיין זוהן ר' יעקב'ל, וואס איז געווארען דער ממלא מקומו האט אויך גע'שמ'ט אלס גאון און בעל־מופת. ער איז נפטר געווארען ט"ו אב תרל"ח.

אין דער חסידישער וועלט רופט מען איהם: דער „בית־יעקב", לויט דעם נאמען פון זיין ספר אויף תורה און קבלה.

נאך זיין פטירה טראגט זיך איבער די איזשביצער דינאסטיע קיין ראדזין, וואו זיין זוהן ר' גרשון העניך ווערט רב און רבי.

ב.

ר' גרשון העניך ליינער, געבוירען אין יאהר תקצ"ט, האט נישט געהאט זיין גלייכען אין דער רבנישער וועלט הן אין גאונות, הן אין וועלטליכער חכמה.

אלט־זייענדיג קוים דרייצעהן יאהר, האט ער אנגעשריבען זיין חיבור שו"ת אויף גאנץ שלחן־ערוך. צו 20 יאהר האט ער אנגעשריבען „זרעי כנוים". צו 29 יאהר האט ער ארויסגעגעבען דאס ערשטע חלק פון זיין סדרי טהרות — „מסכת כלים" (יר

ועפּאָו, תרל"ג) אין פאַרמאַט פון אַ ש"ס גמרא.

ער, דער גרויסער בקי און חריף, האָט דער ערשטער מסדר געווען די גמרא צו סדרי טהרות אויפ'ן יסוד פון די ערשטע קוועלן פון תלמוד און מדרשים. קיין גמרא אויף סדרי טהרות איז ביז איהם נישט געווען. זיין „מסכת כלים" איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין 30 פּרקים. 272 בלעטער מיט גרויסע פּירושים אויף ביידע זייטען. לויט'ן טעקסט און פאָרם פון רש"י און תוספות און חוץ דעם — דריי פּירושים: „מסורת הש"ס", „עין משפט" און „נר מצווה".

פון איין זייט האָט דאָס דאָזיגע ריזען־ווערק אַרויסגערופען גרויס יראת־הכבוד ביי דער לומדישער וועלט, אָבער פון דער צווייטער זייט איז דער ווילנער ראַבינאַט מיט ר' בצלאל הכהן אין דער שפּיץ אַרויס מיט „אזהרות" (זעה: „הלבנון", 34, תרל"ה) געגען דעם חיבור, אסר'נדיג עם אַריינצונעהמען אין אַ יודישער שטוב, צוליב דעם, וואָס דער מחבר האָט געפּרובט נאָכמאַכען די פאָרם פון אַ גמרא. און געטהון האָבען עס די ווילנער רבנים, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די גרויסע גאונים פון פוילען האָבען אויף ר' גרשון העניכ'ס „סדרי טהרות" געגעבען זייער הסכמה, בעגייסטערענדיג זיך פאַר דעם דאָזיגען אויפטהו.

צוליב אָט דער התנגדות מצד ווילנא, האָט ר' גרשון העניך מעהר נישט אַרויסגעגעבען בחיין די איבעריגע מסכתות פון סדרי טהרות, וואָס זענען פערבליבען ביי איהם אין כתב־יד (3000 בלעטער).

אָבער נישט בלויז אויפ'ן תלמודישען געביט האָט ר' גרשון העניך אַרויסגעוויזען זיין גאונות, נאָר אויך אויף אַנדערע געביטען האָט ער זיך אַרויסגעוויזען אַלס גרויסער אויפטהוער.

פאַרשענדיג גאַנצע יאָהרען די ברעגעס פון מיטעללענדישען ים אין איטאַליען, האָט ער אויסגעפונען דאָס ים־ווערעמעל, וואָס

הייסט טינט־פיש און וואס ווערט אין דער גמרא אנגערופען „חלזון". פון אט דעם ווערעמעל'ס בלוט זאל מען אין די צייטען פון בית־המקדש האבען געפארבט די וואל אויף תכלת צו ציצ־ית — א זאך, וואס איז בטל געווארען זינט דעם חורבן.

דער רבי האט זיך דאן פערלעגט ביי זיך אין ראדזין א כעמיש לאבאראטאריום און צונויפגעשטעלט דעם גאנצען חלזון־פרעפאראט, לויט די אנווייזונגען פון דער תלמודישער ליטע־ראטור. וועגען דעם האט ר' גרשון העניך ארויסגעגעבען דעם בעקאנטען ספר „ספוני טמוני חול" (מאמר פתיל־תכלת), וואס האט ארויסגערופען א גרויסען שטורם מצד די אנדערע פוילישע גאונים, ר' חיים אלעזר וואקס, דער „שפת אמת" און נאך אנד.

די דאזיגע „מלחמת־מצווה" איז געפיהרט געווארען אין זעהר א שארפער פארם.

ר' גרשון העניכ'ס פריהערדיגע גוטע פריינד זענען איצט געווארען זיינע געגנער און שונאים...

די מלחמה האט זיך ערשט רעכט צעפלאקערט, ווען ר' גרשון העניך איז ארויס מיט זיין ספר „זה דבר השמיטה", אסר'נדיג אין איהם די פעלד־ארבייט אין ארץ־ישראל אין די שמיטה־יאהרען, אין דער צייט, וואס די גרעסטע ליטווישע גאו־נים האבען עס יא מתיר געווען, כדי נישט צו שטערען דעם יי־דישען ישוב אין ארץ־ישראל.

דערמיט איז ר' גרשון העניך אויסען געווען צו טרעפען די רעליגיעזע בויער פון ארץ־ישראל, זיינע געגנער ר' חיים אלעזר וואקס פון קאליש, ר' שמואל מאהליווער (דעמאלט רב אין ראַ־דאם) און אנדערע.

דערצו איז צוגעקומען נאך א זאך. דער דערמאהנטער קא־לישער רב ר' חיים אלעזר וואקס, זייענדיג דער נשיא פון כולל פון פוילען, האט אין ארץ־ישראל פערפלאנצט געוויסע שטחים ערד מיט אתרוגים און דאן האט ער די אתרוגים געבראכט קיין

פוילען אויף סוכות.

דער ראדזינער האט אבער איינגעפונען, אז די דאזיגע אתרוגים געהערען נישט צום מין „הדר" און ער האט גע'אסר'ט מיט זיי צו בענשען. דאקעגען האט ער מכשיר געווען די גריכישע אתרוגים פון קארפו...

ס'וואלט פערנומען צופיל צייט און ארט זיך ארייניצולאזען אין אלע איינצעלהייטען פון דער דאזיגער לײדענשאפטליכער מחלוקה, אבער, כדי צו געבען א בעגריף וועגען איהר, מוזען דא געבראכט ווערען א פאר פאקטען, וואס אילוסטרירען, ווי ווייט פערזענליך ס'איז געווען דער קאמף צווישען דעם ראדזינער רבי'ן אין דעם מתנגדישען רב צוליב דעם אומגליקליכען חלזון, וואס די וועלט האט נישט אנערקענט און צוליב די ארץ־ישראל־אתרוגים.

ר' גרשון העניך האט דעם קאלישער רב בעשולדיגט אין די פאמפלעטען, וואס ער האט ארויסגעלאזט, אז ער מאכט מיס־ברויכען מיט כולל־געלד. דער קאלישער רב האט געמוזט שווע־רען מיט א ספר־תורה אין דער האנד אום שבת שיבה תרמ"ט, אין דער פיעטריקאווער שוהל (ער איז געווען אין זיינע לעצטע יאהרען פיעטריקאווער רב), אז ער נעמט נישט קיין גראשען פון דעם דאזיגען געלד, נישט פאר זיך און נישט פאר זיין הויז. דערביי האט ער זיך שטארק צעוויינט.

דער גרעסטער טייל רבנים אין פוילען זענען געשטאנען אין דעם דאזיגען ענין אויפ'ן צד פון קאלישער רב, ווי מען זעהט דאס פון זיין „נפש חיה" (אור החיים). אויך אין דער פראגע פון תקנות־עגונות און אין דעם ענין פון תיקון עירובין (ער האט גע־וואלט איינפיהרען עירובין לויט א נייעם סיסטעם, דורך אייזער־נע „טויערלעך" אין די הייזער און אויף די גאסען), האט דער ראדזינער קיין גרויס גליק נישט געהאט. מען האט איהם אויך דא בעקעמפט פון אלע זייטען צוליב זיין צו הייסען טעמפערא־

מענט. צעקריגט איז ער געווען מיט אלע, חוץ מיט׳ן אלעקסאנ־
דער־ער הויף, מיט וועלכען ער האט זיך גוט פערהאלטען. אבער
וואס פארא מיינונג מען זאל נישט האבען וועגען די מחלוקות׳ן,
וואס ר׳ גרשון העניך האט געפיהרט, מוז מען מודה זיין, אז
אין דער רבישער וועלט האט ער זיך אין אלגעמיין שטארק
אויסגעצייכענט. ער האט זיך אויסגעצייכענט נישט נאר מיט זיין
למדות, נאר אויך מיט זיין אלגעמיין וויסען און קענטעגישען.
ער איז געווען אויך שטארק בעהאוועגט אין דאקטאריי און
פלעגט פערשרייבען זיינע חסידים רעצעפטען אויף פערשידענע
חולאת׳ן. ער האט אויך געוואוסט דעם סוד פון היילען מיט סור
געסטיע.

מען דערציעהלט, אז אנומעלט האט מען געבראכט צו איהם
צו טראגען אויף די אקסלען א יונגעל, וואס האט נישט געקענט
שטעהן און געהן אויף די פיס.

דער רבי האט דאס יונגעל אוועקגעלעגט אויף דער קאנאפע,
איהם אויסגעצויגען די פיס און דאן איהם אראבגעשטעלט אויף
דער פאדלאגע. דער רבי האט זיך געשטעלט פון דערווייטענס,
זאגענדיג צום יונגעל: „נא, אט האסטו צוויי גראשען — און
קום צו מיר אהער!״ דאס יונגעל, וועלענדיג בעקומען די צוויי
גראשען, איז טאקע צוגעגאנגען צום רבי׳ן. — „נא, אט האסטו
נאך צוויי גראשען און געה צוריק!״ — האט ווייטער דער רבי
געזאגט צום יונגעל און דאס יונגעל איז טאקע אליין צוריקגע־
גאנגען. אזוי האט ער מיט׳ן כוח פון סוגעסטיע געווירקט אויפ׳ן
קינד, ביז דאס קינד האט טאקע אנגעהויבען צו געהן.

דער רבי פלעגט אויך ליב האבען א הלצה.

אט ווערט דערצעהלט אין די חסידישע קרייזען אזא מין
געשיכטע:

א ווייבעל, א גרושה האט געפרעגט דעם רבי׳ן אן׳עצה, צי
זי זאל א שידוך טהון מיט א יונגענמאן, וועלכער איז נאר בעד

פרייט געוואָרען פון מיליטער־דינסט אויף איין יאָהר. האָט דער רבי איהר געהייסען טהון דעם שידוך.

פרעגט זי אָבער דעם רבי'ן, וואָס וועט זיין, ווען מען וועט איהם נאָך דער חתונה נעהמען צו די זעלנער? האָט דער רבי איהר מסביר געווען, אז זי האָט נישט, וואָס מורא צו האָבען, ווארום אויב זי האָט זיך גע'גט מיט'ן ערשטען מאַן, איז זי דאָך, מן הסתם, אַ גוטע מרשעת. איהר חתן ווידער האָט בעקו־מען אויף אַ יאָהר אורלויב צוליב דעם, וואָס ער איז שוואַך און האַלט נישט די מאָס, האָט זי נישט וואָס מורא צו האָבען, אַז ער וועט ביי איהר נאָך דער חתונה שטאַרקער און דיקער ווערען. נישקשה, ער וועט שוין ביי איהר נישט בעקומען די ריכטיגע מאָס און וועט שוין קיין זעלנער נישט זיין...

מען דערציילט אויך פון „ראַדזינער" פאָלגענדען אַנעק־דאָט:

זייענדיג אין ווארשא האָט זיך איהם געמאַכט אַ געוואַלד־דים אין זיין אויבער־מלבוש, האָט ער עס באַלד געגעבען צו אַ שניידער צו פערריכטען. אָבגעבערענגט האָט איהם דאָס מלבוש דעם שניידערס ווייב, וועלכע האָט אויך פערריכט דעם געוואַלד־דים זעהר קינסטליך, פון וואָס דער רבי איז געווען שטאַרק צו־פרידען. פרעגט ער זי, וואָס ס'קומט דערפאַר? האָט זי פאַר'ן רבי'ן אויסגעגאָסען איהר ביטער הארץ, אַז זי איז קינדערלאָז און וואָלט געוואָלט ברענגען אויף דער וועלט אַ קינד. האָט דער רבי איהר מאַקע צוגעזאָגט אַ בן־זכר. און ווען זי, די שניידערין, האָט פערהאַכטען פאַר'ן רבי'ן אַ צווייט מלבוש, האָט זי דער רבי ווייטער געבענשט מיט אַ בן־זכר. האָט זיך אָבער דאָס ווייב־בעל שטאַרק דערשראָקען און זיך צעוויינט, מורא־האָבענדיג, אַז צוליב די צוויי ברכות פון רבי'ן וועט זי געבוירען אַ צווילינג, וועט זי קוים קענען איבערהאַלטען. האָט זי דער רבי געטרייסט און בערוהיגט, אַז די שמערצען וועלען נישט זיין גרעסער ווי

בײַ אײן קינד. צװײ מאָל פֿערדאָכטען — קומט איהר אַ דאָ־פּעלטען לױהן.

אין מיטען הײַסען קאַמף פֿאַר זײַנע אמת'ן איז דער ראַזױ־גער גאון־עולם נסתלק געװאָרען, אין ד' טבת תרנ"א, זײַענדיג אײנגאַנצען 52 יאָהר אַלט.

נאָך זײַן פּטירה איז ערשט ערשינען דאָס צװײטע חלק פֿון זײַן „סדרי טהרות", מסכת „אהלות" אין דעם זעלבען פֿאָר־מאַט און רעדאַקציע, װי די מסכת „כלים".

די חסידישע װעלט רופֿט ר' גרשון העניכ'ן מיט'ן נאָמען „אורחות חיים", װאָס ער האָט אַרױסגעגעבען פֿון ר' אליעזר הגדול, צוגעבענדיג צװײ פּרושים.

ג.

ר' גרשון העניכ'ס זוהן, ר' מרדכי יוסף אלעזר, װאָס האָט ממלא מקומו געװען, איז אין אַ געװיסען זין דער היפּוך פֿון זײַן גרױסען פֿאָטער. ער איז נעמליך געװען אַ גרױסער רודף־שלום אין כלל־זאַכען. ער איז געװען שטאַרק אָנגעזעהען אין די רבני־שע קרײַזען. נישט בעװײַזענדיג אַרױסצוגעבען זײַנע אײגענע חיבורים און זײַן פֿאָטערס כתב־יד, איז ער נפטר געװאָרען אין כ"ו שבט תרפ"ט אין װאַרשא, װאוהין ער האָט זיך געהאַט אין די מלחמה־יאָהרען איבערגעטראָגען.

און כאָטש זײַן 22־יאָהריגער זוהן, שמואל שלמה, װאָקעלט זיך נאָך ביז הײַנט, צי ער זאָל װערען ממלא־מקום פֿון זײַן פֿאָ־טער, האָט איהם דער ראַדזינער עולם געקרױנט פֿאַר אַ רבי נעגען זײַן װילען.

דער הײַנטיגער יונגער רבי האַלט זיך שטרענג לױט דער ראַדזינער שיטה און מיט איהם טאַקע צעהלט שױן די איזשבי־צער דינאַסטיע גאַנצע פֿינף דורות.

אינטערעסאַנט איז, אַז ער, דאָס אײניקעל פֿון ר' גרשון העניר, האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פֿון אַמשינאָװער

הבי"ן ר' יוסף סאליש, אנ'אייניקעל פון סאלישער רב ר' חיים אלעזר וואקס, דעם גרויסען גענער פון זיין זיידען...

אזוי־ארום האבען די אייניקלעך שלום־געשלאסען איבער די קברים פון די גרויסע זיידעס...

דער אוהב ישראל

א.

ר' אברהם יהושע־העשעל — אזוי האט געהייסען דער אפּ־
טער, וועלכען די חסידישע וועלט האט גערופען מיט'ן נאמען:
„דער אוהב ישראל".

ער איז געוועזען פון די פּיאָנערען פון חסידות אין פּוילען,
נאָך פאַר דעם „יוד הקדוש" און פאַר דעם פּשיסכער.

געבוירען איז דער „אוהב ישראל" אין דער צווייטער העלפט
פון 18־טען יאָהרהונדערט (אין וועלכען יאָהר ווייסט מען נישט
גענוי). פון דער מוטערס זייט שטאַמט ער פון גרויסען יחוס,
פון דעם „טורי זהב" און פון גרויסען גאון ר' יהושע־העשעל
פון קראָקא, נאָך וועמען ער הייסט. זיין פאָטער, ר' שמואל, איז
געוועזען רב אין ניי־שטאָדט (גאַליציען) און דערציהענדיג זיין
זוהן אין גייסט פון שטרענגסטער פרומקייט, האָט ער איהם
שפּעטער געשיקט לערנען צום רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק.

נאָך אלס יונגערמאַן האָט מען איהם אויפגענומען אלס רב
אין קאָלבושעוו און פון דאָרט האָט מען איהם „ארויסגעבאַפט"
קיין אפּט.

נאָך דער פּטירה פון רבי ר' אלימלך, האָט די פּוילישע
וועלט גערופען ר' אברהם העשלען אלס פיהרער און ווע־

ווייזער.

מיט זיין גרויס חסידות און פרישות האט ער זיך באלד קונה־שם־געווען און ס'האבן צו איהם אנגעהויבן פאהרען לומדים, רבנים און סתם פרומע יודען. דער ריזשינער צדיק איז געווען זיין תלמיד.

אין דער לומדישער וועלט האט מען זיך שטארק גערעכענט מיט'ן אפטער. אלע מחברים פון יענער צייט האבן געמוזט צו איהם אנקומען וועגען א הסכמה אויף זייער חיבור, קוים האבן זיי געוואלט האבען דערויף קונים...

זיין מערקווירדיגער הדרת־פנים האט ביי יעדען חסיד דער־וועקט א טיפען יראת־הכבוד.

אלס רבי האט ער, להיפוך פון אנדערע דעמאלטדיגע רביים, נישט געפראוועט רבישקייט „על מנת לקבל פרס", פאר פדיר־נות, אדער כיבודים. דער אפטער האט קיין פדיונות נישט גע־וואלט נעהמען, קיין סגולות נישט געוואלט געבען. אלע, וואס זענען צו איהם געקומען, האט ער בלויז געהייסען לערנען און גאט דינען.

דער אפטער האט בטבע שטארק ליב געהאט יודען. יענעמס לייד איז געווען זיין לייד, יענעמס שמערץ — זיין שמערץ. ער איז געגאנגען פאר א יודען פשוט אין פייער אריין, קוים האט ער איינגעזעהען, אז ער קאן מיט זיין געהן אדער השתדלות ברענגען א יודען א טובה, א שטיקעל טרייסט.

ער פלעגט פון זיך אליין זאגען, אז מיט זיין שטארקער אהבת־ישראל וועט ער זיך בעריהמען אויך פאר'ן בית־דין של מעלה. און ער, דער גרויסער צדיק, איז טאקע אויך בעליבט געווען ביי אלע יודען. אפילו די מתנגדים האבען נישט געוואגט וועגען איהם א ווארט צו רעדען, זעהענדיג, אז אלץ, וואס ער טהוט איז לשם שמים.

דער אפטער פלעגט פריהער נישט געהן דאווענען, ביז ער

האָט נישט אָבגעטהאָן עטליכע מצוות.

אַזוי פלעגט ער יערען טאָג אַרומלויפען איבער דער שטאָדט ווענען צדקה־ענינים. טהון פלעגט ער עס באַלד אינדערפריה, אָדער ווען ער האָט עס נישט בעוויזען צו טהון אינדערפריה — האָט ער עס געטהאָן אין אָווענד, אָדער גאָר שפעט ביינאַכט. ער פלעגט זאַמלען געלד אויף אַרויסצוהעלפען געפאַלענע. אויף הכנסת־כלה אד״גל.

אַמאָל — דערצעהלט מען אין אַפט — איז דער רבי ר׳ יהושע־העשעל געקומען צו זיינ׳ס אַ חסיד ווענען אַ נדבה. דער דאָזיגער חסיד איז געווען גענוג פערמעגליך, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט געבען אַזוי פיל, וויפיל ער האָט פון איהם געפאָדערט.

דער אַפּטער איז פון איהם אַוועק מיט לעדיגע הענד, אָבער ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און דער דאָזיגער פערמעגליכער חסיד איז שטאַרק פעראָרימט געוואָרען. די פרנסה, פון וועלכער ער האָט געצויגען חיונה פאַר זיין הויז, האָט ער מיטאַמאָל פערלוירען.

איז ער געקומען צולויפען מיט אַ געוויין צום אַפּטער, אַז ער האָט חרטה אויף זיינע מעשים; ער איז זיך מודה־ומתודה פאַר איהם. אָבער דער רבי האָט נישט געוואָלט פון איהם הערען.

דער חסיד האָט דאַן דעם אַפּטער גערופען צו אַ דין־תורה. דער פסק־דין איז געווען, אַז די פרנסה דאַרף מען דעם פעראָרימטען בעל־הבית צוריקגעבען, וואָרום מיט צוויי ריטער דאַרף מען איהם נישט שלאָגען.

מען דערצעהלט אויך, אַז אַמאָל איז געקומען צום אַפּטער אַ גאַנצע עדה יודען און דערצעהלט, אַז אין זייער שטאָדט הערשט אַ שרעקליכע מגפה. האָט דער אַפּטער זיי געהייסען מתפלל זיין און. אַראָבנעהמענדיג פון זיינע אויגען די ברילען, האָט ער אַליין אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען. וויינענדיג אַזוי

צוזאמען מיט'ן עולם, האט ער פלוצלונג פול מיט שמחה אויס־געשריען: „פון מות (טויט) איז געווארען מעות (געלד)!". די מגפה איז טאקע באלד אבגעטהון געווארען פון דער שטאדט און ס'האבען זיך דארט אנגעהויבען צייטען פון שפע און פרנסה...

ביים אפטער איז געפיהרט געווארען דער „טיש" גאנץ פרימיטיוו: מיט ברויט און זאלץ, אהן משקה, אהן טענץ. די תורה פלעגט ער זאגען ביים טיש מיט גרויס התלהבות און ברען און ווען די חסידים האבען זיך אמאל ארויסגעכאפט מיט טענץ און געזאנג, האט ער אויף זיי שטארק אנגעשריגען.

דער אפטער צדיק פלעגט זיך שטארק בייזערן, ווען מען האט נישט געטהון זיין ווילען. אבער אזוי געשווינד ווי ער פלעגט בייז ווערען, אזוי געשווינד פלעגט ער צוריק זאנפט און גוטמוטיג ווערען...

ב.

ווי אלע פארצייטיגע גרויסע יודען, האט אויך דער אפטער אבגעריכט גלות אין דער פרעמד.

בעת ער האט אזוי געוואנדערט א גאנץ יאהר פון דארף צו דארף, פון שטאדט צו שטאדט, האט מען איהם אין שטעד־טעל גריידאק, וואו ער האט געהאלטען שבת, צוגע'גנב'עט א טייער גאלדען זייגערל, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגע־קריצט זיין נאמען. דאס זייגערל איז געווען א מתנה פון א גרויסען צדיק און ירא־שמים און דעריבער איז עס דעם רבי'ן געווען בעזונדערס טייער. האבענדיג דערפון גרויס צער, האט דער אפטער דורך זיין אייניקעל ר' מלך, וועלכער האט איהם משמש געווען אויפ'ן וועג, געהייסען זאגען דעם עולם פאר דעם אפפאהרען פון דער שטאדט, אז דער גנב וועט נישט אויסלע־בען דאס יאהר, אויב ער וועט נישט צוריק אבגעבען די גנבה...

און קומענדיג טאקע אין נאענטן שטעדטעל אריין, האט שוין דער אפטער געטראפען דאס זייגערל ליגען אויפ'ן טיש

פון דער אכסניא, וואו ער האָט זיך געזאָלט אויפהאַלטען. דער גנב אַליין האָט זיך געשעמט צו ווייזען דעם רבי'ן פאַר די אויג־ען.

דער אַפּטער האָט אָבער דורכאויס געוואָלט מפיים זיין דעם גנב צוליב דער קללה און ער האָט געלאָזט זוכן, אַז דער גנב זאָל צו איהם קומען, צוזאָגענדיג, אַז קיינער וועט דערפון נישט וויסען...

דער גנב האָט זיך טאַקע געגעבען בין־השמשות צו דערקענען דעם רבי'ן און דער רבי האָט איהם צוגעזאָגט, אַז כל־זמן ער וועט לעבען, וועט ער, דער גנב אויך לעבען... אויף להבא — בנוגע יענער וועלט. הייסט עס, קאָן ער איהם גאַרנישט העלפען.

צוריקקומענדיק פון זיין נע ונד זיין, האָט דער אַפּטער „אוהב ישראל" פערלאָזט אויף דער עלטער זיין שטאָדט אַפּט, צו וועלכער ער איז געווען אַזוי שטאַרק צוגעבונדען, צוזאָגענ־דיג אָבער, אַז ער וועט אָן אַפּט קיינמאָל נישט פערגעסען און אונטערשרייבען זיך, ווי פריהער: „אַפּטער רב" (אב"ד דק"ק אַפּט).

פערלאָזענדיג אַפּט, האָט ער זיך אויף אַ געוויסער צייט בעזעצט אַלס רב אין יאסי און דאַן ערשט האָט ער זיך איבער־געטראָגען קיין מעזשיבוזש, וואו דער בעל־שם־טוב האָט גע־לעבט און האָט אויך דאָרט איבערגענומען דאָס רבנות. דאָרט איז ער נפטר געוואָרען ה' נסן תקפ"ה, זייענדיג 39 יאָהר רבי. פאַר זיין פטירה האָט ער פערזאָגט זיינע קינדער, אַז אויף זיין מצבה זאָל זיין אויפגעשריבען בלויז איין וואָרט „אוהב־ישראל".

וועגען זיין פטירה ווערט דערצעהלט פאָלגענדעס:

עטליכע טעג פריהער האָט אַ מאַרק־יודענע, אַן אַלמנה אין

מעזשיבוזש, דערצעהלט איהר'ס א שכנ'טע, אז זי האט די פאריגע נאכט געזעהן אין חלום איהר מאן, וועלכער איז שוין עטליכע יאהר אויפ'ן עולם האמת, ווי ער איז געלאפען שטארק פערסאפעט פארביי איהר. דערזעהענדיג איהם האט זי שטארק געבימערט, פאר וואס ער זעהט נישט צו פערזארגען זיינע קליי־נע, ארימע יתומים, וועלכע עס קומט אויס צו הונגערן צוזאמען מיט איהר.

אבער איהר מאן האט זיך גארנישט צוגעהערט צו איהר געוויין און איז זיך ווייטער געלאפען. אין א ווײלע ארום זעהט זי איהם ווידער. ער האט זיך שוין דאסמאל געבען איהר אב־געשטעלט און האט דערצעהלט, אז מען מאכט אין הימעל א ווארע פאר די צדיקים, וואס זייערע נשמות זענען געקומען מקבל־פנים־זיין דעם אפטער צדיק, וועלכער וועט די טעג שטאר־בען.

דערביי האט דער בר־מנן געטרייסט זיין פערוואגעלט ווייב, אז פון איצט אן וועט איהר שוין זיין גוט, זי וועט האבען פרנסה און ס'וועט איהר שוין גארנישט פעהלען.

אין דריי טעג ארום — דערצעהלט די לעגענדע — איז דער אפטער נפטר געווארען און די מארק־יודענע איז מאקע, אגב, געהאלפען געווארען מיט א גוטער פרנסה...

ג.

אין א קעמערל ביי דעם אזוי־גערופענעם „אויווען־בית־המדרש” אין אפט, שטעהט עד היום אין א ווינקעל א הויכער אייזערנער דראנג, אויף וועלכען ס'איז אויסגעהאקט דער נאמען: „אברהם יהושע העשעל”.

וועגען דעם ווערט אין אפט דערצעהלט פאלגענדעס:

ווען דער אפטער איז געגאנגען אבריכטען גלות, האט

אנומעלט אין בית־המדרש אנגעהויבען שטארק צו „סטראשען״ און ווען ס׳איז געקומען צו קבלת־שבת, האט זיך ממש אבגעטהון תושך. פון אונזעהבארע הענט זענען געפלויגען פעטש און קלעפ איבער די קעפ און פנים׳ער פון די מתפללים. בייזע, יאמערליכע קולות האט מען פון אומעטום געהערט און דערביי קיינעם נישט געזעהען פאר די אויגען...

דער צושראקענער און צושלאגענער עולם האט אויפגעהערט צוליב דעם צו קומען אין בית־המדרש אריין דאווענען און מען האט עס געמוזט איינגאנצען פערמאכען.

אזוי האבען דארט געהערשט פראנק און פריי די בייזע רוחות, וואס זענען געקומען צום אפטער זוכען א תיקון, ווען ער איז גראד אינדערהיים נישט געווען...

און ווען דער אפטער איז צוריקגעקומען און זיך ווענען דעם דערוואוסט, האט ער געלאזט מאכען ביי א שמיד אנ׳אייזערנעם דראנג און זיך גענומען בעפרייען די שטאדט פון די בייזע אנשיקענישען, פון די רוחות און שדים, שיקענדיג זיי צוריק אין זייער רוח אריין...

דעם דאזיגען דראנג האט דער אפטער איבערגעלאזט דער שטאדט אלס א שמירה און סגולה, וואס היט נאך ביז היינט די שטאדט פון אלעם בייזען...

נאכ׳ן אפטער איז אויך פערבליבען א טאכטער — רחל׳ע האט זי געהייסען. ער, דער פאטער, פלעגט אויף איהר זאגען, אז זי האט רוח הקודש. אגב: דאס זעלבע האט אויך געזאגט דער בעל־שם־טוב אויף זיין אדעל און דער קאזשעניצער רבי — אויף זיין פערעלע.

אין שווערע ענינים פלעגט דער אפטער הייסען אויך זיך מזכיר זיין ביי איהר, אבער רחל׳ע האט נישט געוואלט פראווען קיין רבי׳שקייט. זי איז געווען, ווי איהר גרויסער פאטער, זעהר

בעשיידען, געהאלטען זיך ווייט פון דער וועלט און נאכ'ן אפ־טער'ס פטירה האט זי זיך אפילו אינגאנצען אויסבעהאלטען פון עולם און מ'האט נישט געוואוסט, וואו זי איז אהינגעקומען.

נאך דער פטירה פונ'ם אפטער ז"ל, איז ערשינען זיין חיבור „אוהב ישראל", וואס ענטהאלט דרושים אויף דער תורה, לויט דער פרשה און אנדערע לקוטים בדרך קבלה. א סך פון דעם איז שוין פריהער געווען אבגעדרוקט אין זיין ספר „תורת אמת".

ר׳ אברהמ׳ל טשעכאנאווער

א.

אַנ׳אָריגינעלער טיפּ צווישען די „גוטע יודען" אין פּוילען איז געווען דער טשעכאנאָווער צדיק, דער רבי ר׳ אברהמ׳ל.

ער האָט זיך אונטערגעשיידט פון די איבעריגע רבנים דער־מיט, וואָס ער אַליין איז נישט געפאָהרען צו קיין רבי׳ן און נישט געדאַווענט לויט׳ן נוסח ספרד, וועלכען עס האָבען איינגעפיהרט אין פּוילען די רביים, געהאַלטען זיך ביי די אַלטע, טראַדיציאָ־נעלע מנהגים, געדאַווענט „השכמה" אין דער שטאָדט־שוהל צו־זאַמען מיט׳ן גאַנצען עולם. און באָטש ער איז געווען גאַנץ ווייט פון צו ווערען אַ רבי, וואָס נעמט קוויטלעך און פּדיונות, דאָך האָט דער עולם געזעהען אין איהם דעם מנהיג און אָנגע־הויבען פון זיך אַליין צו איהם צו פאָהרען און איהם צו פער־היילינען.

ר׳ אליהו גוטמאכער, דער גריידיצער צדיק, האָט ר׳ אבר־המ׳לען נישט אַנדערש אָנגערופען, ווי „מלאך ד׳ צבאות"...

אויך די איבעריגע גדולי הדור האָבען געבויגען זייערע קעפּ פאַר איהם, האַלטענדיג ר׳ אברהמ׳ל טשעכאנאָווער פאַר דעם גרויסען בעל־מופת און בעל־מקובל.

זיין גרויס תמימות, פּשטות און עניוות האָט געבראַכט דערצו, אַז אפילו די גרעסטע פערביסענסטע מתנגדים האָבען זיך

צו ר׳ אברהמ׳לען בעצויגען מיט אכטונג.

אינטערעסאנט איז די לעבענס-געשיכטע פון דעם דאזיגען צדיק.

געבוירען איז דער טשעכאנאווער אין יאהר תקנ״א אינ׳ם קליינעם שטעדטעל פארנעטשעוו, ביי לענטשיץ. שטאמען שטאמט ער פון גאנץ פשוטע עלטערן. דערפאר איז זיין זיידע געווען א גרויסער צדיק. מ׳האט איהם גערופען: ר׳ בעריש הגדול פון קוטנא.

וועגען דעם דאזיגען ר׳ בעריש הגדול ווערט דערצעהלט, אז ער איז געווען א „נסתר״. ער זאל האבען געשלאפען ביז צום טאג פון זיין פטירה 40 יאהר אויף א שטיין. און ווען דער גאון ר׳ יונתן פראגער (אייבעשיץ) — דערצעהלט די לעגענדע — האט זיך אמאל נעפרעגט אין הימעל, ווער ס׳וועט זיין זיין חבר אויף יענער וועלט, האט מען איהם אנגעוויזען טאקע אויף ר׳ בעריש הגדול פון קוטנא...

א פאקט איז, אז ר׳ אברהמ׳לעס אבות און אבות-אבותיו זענען געווען פרומע, אבער פשוטע יודען. דער טשעכאנאווער אליין זאל אמאל האבען געזאגט, אז ער ווייסט נישט, צוליב וואס ס׳איז איהם געקומען דער עונש פון הימעל, אז ער זאל זיין אנהערעש פון זיינע עלטערן, וואס זענען געווען נסתרים...

נישט לערנענדיג אין קיין ישיבה, האט ר׳ אברהמ׳ל אליין, דורך זיין חשק און התמדה, בעקומען א שם אלס לערנער. צו 14 יאהר האט ער שוין גע׳שמ׳ט אלס גרויסער עילוי און ווייט און ברייט האט מען גערעדט, אז ער וואקסט א גדול בישראל.

איז גארנישט קיין וואונדער, אז גבירים האבען זיך געריסען וועגען איהם, ועלענדיג איהם האבען פאר אנ׳איידעם.

וועגען דעם שידוך מיט ר׳ אברהמ׳ל טשעכאנאווער ווערט דערצעהלט אין די חסידישע קרייזען פאלגענדער קוריאז:

אין פלאצק האט זיך א גביר דערוואוסט וועגען דעם עילוי

האט ער אהינגעשיקט דער איידעם ר׳ דן, אויך א פלאצקער גביר, צו פערהערען דעם בחור, און אויב עס וועט זיך ארויס־ ווייזען, אז דער בחור איז טאקע אן עילוי, זאל ער איהם נעה־ מען פאר א חתן פאר זיינער, דעם שווער׳ס יונגסטער טאכטער.

איז ר׳ דן אויסגעפאהרען קיין פארנעמשעוו און דער בחור אברהמ׳ל האט ביי איהם שטארק אויסגענומען. און אזוי ווי ר׳ דן אליין האט אויך נעהאט זעהר א געראטענע טאכטער, האט ער זיך געטראכט: אויב דער שידוך איז גוט פאר׳ן שווער, איז ער דאך פאר מיר אויך גוט. און אונזער ר׳ דן האט טאקע באלד אויפ׳ן ארט פער׳קנס׳ט זיין טאכטער איטעלע מיט׳ן פארנע־ משטשווער עילוי.

אהיימקומענדיג האט ר׳ דן אבגע׳פטר׳ט זיין שווער מיט „שהי־פהי״, מיט פערשידענע תירוצים און פאר קיינעם, אפילו פאר זיין אייגען הויז, האט ער נישט מגלה געווען דעם סוד, אז ער האט דעם שידוך געטהון מיט זיין איטעלען.

מיט דער צייט אבער האט זיך ר׳ דנ׳ס שווער דערוואוסט און — הימעל, עפען דיך! אזא צארן זאל שוין אויף דער וועלט נישט זיין! ער האט זיך גארנישט געקאנט שענקען און גערופען דעם איידעם זיינעם צו א דין־תורה.

אזוי, אבער, ווי מען האט געמוזט האבען דערביי אויך דעם חתן, כדי ער זאל זיך אדורכזאגען, ביי וועלכער כלה ער וויל פערבלייבען, האבען די צדדים ביי זיך בעשלאסען צו האלטען די דין־תורה ביים חתן גופא — און ווי ער וועט פסק׳ענען, אזוי זאל פערבלייבען.

האט דער חתן, אברהמ׳ל, אין דער זאך שטארק מעיין געווען און, נאך א לאנגען ישוב־הדעת, האט ער ארויסגעטרא־ גען א פסק־דין, אז קוים האט זיך ר׳ דן מיט איהם משדך געווען, מן־הסתם האט ער, ר׳ דן, דערצו זוכה געווען און אזוי דארף עס שוין טאקע בלייבען.

און כך־הוה: דער עילוי ר׳ אברהמ׳ל איז געבליבן ר׳ רנ׳ס איידעם...

ב.

ווערנדיג אנ׳איידעם פון ר׳ דן לאנדוי, האט ר׳ אברהמ׳ל אויך אנגעהויבען צו חתמ׳ענען זיך מיט׳ן פאמיליע־נאמען „לאנ־דוי". דער שווער האט איהם שטארק בעאיינפלוסט און נישט געלאזט איהם ווערען א חסיד און פאהרען צו א רבי׳ן, ווי דער שטייגער איז דעמאלט געווען, אז א יונגערמאן, א למדן פלעגט זיך „בעהעפטען" צו א רבי׳ן.

ווען דער „יוד הקדוש" האט זיך דערוואוסט, וועגען דעם „פלאצקער עילוי", ווי מען האט ר׳ אברהמ׳לען אנגעהויבען רו־פען נאך דער חתונה, האט ער גוזר געווען אויף איינעם פון זיינע פלאצקער מקורבים, אז ער זאל ר׳ אברמ׳לען ברענגען צו איהם קיין פשיסכע.

דער „יוד הקדוש" האט שטארק געוואלט האבען ר׳ אב־רהמ׳לען פאר זיין חסיד. ער, ר׳ אברהמ׳ל האט דאך גע׳שמ׳ט איז דער גאנצער לומדישער וועלט אלס גרויסער עילוי און אלס אונגעוועהנליך פרומער יונגערמאן דערצו. און ווען ער האט זיך דערוואוסט אז ר׳ דן לאנדוי, דער פערביסענער מתנגד, לאזט נישט ארויס דעם איידעם פון זיינע הענד, האט דער „יוד הקדוש" געהייסען איינעם פון זיינע מקורבים, פאר יעדען פרייז צו ברענגען איהם דעם פלאצקער עילוי.

איז דער חסיד געגאנגען מיט׳ן רבי׳נס כוח און האט ר׳ אברהמ׳לען פערשלעפט צו דער ווייסעל, כדי פונדאנען צו פאהרען מיט איהם קיין פשיסכע.

דערוויל האט זיך וועגען דעם דערוואוסט דער שווער און ער האט נאך זיין איידעם נאכגעשיקט פאליציי און מיט כוח האט מען איהם צוריקגעבראכט אהיים.

אבער ר׳ אברהמ׳ל האט דאס נישט געקאנט מוחל זיין

זיין שוועך. נאָך אין יאָהרען ארום האָט ער זיך אַמאָל אויסגע־דריקט פאַר זיינע מקורבים, אז ער וועט זיין שוועך נאָך „מאה ועשרים שנה״ פאָדערן צום דין פאַר׳ן בית־דין של מעלה.

אין עלטער פון עטליכע און דרייסיג יאָהר איז ר׳ אברהמ׳לע געוואָרען רב אין טשעכאַנאָוו, וואו ער האָט מיט זיין גרויס גאָר־נות און פרומקייט שטאַרק אויסגענומען. אָבער קיין אָפיציעלער חסיד איז ער נאָך אַלץ נישט געוואָרען. ווען דער רבי ר׳ בונם האָט איהם אַמאָל געהאַט פאַרבעטען צו זיך, צוזאָגענדיג איהם, אז ער און זיין רבקה׳לע וועלען פערלאָזען די שטוב, כדי ער זאָל קאָנען דאָרט דאַווענען ווי לאַנג ער וועט נאָר וועלען, האָט ר׳ אברהמ׳ל טשעכאַנאָווער נישט געוואָלט פאָהרען צו איהם. ער האָט זיך געהאַלטען אין זיין מדרגה.

דער טשעכאַנאָווער צדיק האָט נישט מעהר געטהון א גאַנ־צען טאָג, ווי געלערענט און געדאַוונט, געהענגדיג באַלד פאַר־טאָג איינגעהילט אין טלית און תפילין אין שוהל אַריין. דעריבער האָבען איהם אַנדערע גוטע יודען אָנגערופען: „דער דאַוונער״. זיי פלעגען אויף איהם אויך זאָגען, אז דאָס, וואָס ער וועט נישט אין הימעל אויס׳פועל׳ן מיט זיין דאַווענען, וועט שוין קיינער נישט קענען פועל׳ן.

די פרומע בעל־הבית׳ישע וועלט האָט צו דעם טשעכאַנאָווער צדיק געשטראָמט פון אַלע עקען פוילען, בעטענדיג ביי איהם א ברכה. דער צדיק פלעגט נעהמען דערפאַר נאָר א פּאָה גראָשען, און איטעלע, די רבי׳צין, האָט דאָס גאַנצע געלט פערטיילט און מאכיל־ומשקה געווען אַלע הונגעריגע און דורשטיגע.

דאָס טשעכאַנאָווער פרומקייט, די „קאַלטע מסוה״, אין וועלכער יונג און אַלט האָבען ביים רבי׳נס לעבען זיך געמוזט מזבל׳ען, די אמת׳ע תמימות און הייליגע ענוות פון דעם גרוי־סען צדיק — דאָס אַלץ האָט סוף־כל־סוף באַזיגט אויך די רעשט־

דער פער'עקשנ'טע מתנגדים-לומדים פון פלאַצקער געגענד, וועל-כע האָט אַזוי שטאַרק געשמ'ט מיט איהרע משכיל'ישע אַזוי-גערופענע „קהל-קטניקעס". זיי זענען פאַר דעם גלאַנץ פון דער טשעכאַנאָווער פרומקייט אייננאַנצען ווי פערשטומט געוואָרען.

אין עלטער פון 84 יאָהר האָט דער רבי ר' אברהמ'ל טשע-כאַנאָווער אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה, אין ד' אדר תרל"ה. איאָהר פריהער איז זיין געטרייע אימעלע, די רבי'צין, אוועק פון דער וועלט.

פון דעם טשעכאַנאָווער זענען ביז איצט געדרוקט געוואָרען דריי ספרים: „זכות אברהם", בית אברהם" און „אהבת חסד".

ג.

פון די פיר זיהן, וואָס זענען נאָכ'ן טשעכאַנאָווער פערבלי-בען. האָט ר' יענקעלע גאַשטעלסקער, דער למדן, איבערגענומען דאָס רבנות אין טשעכאַנאָוו נאָך זיין גרויסען פאָטער. דער צוויי-טער זוהן, ר' וואָלף סטריקאָווער, דער חכם, וועלכער איז נפטר געוואָרען י"א אלול תרנ"א אין עלטער פון 83 יאָהר, האָט ווי-דער איבערגענומען דאָס רבי'שקייט פון זיין גרויסן פאָטער.

זייענדיג אַ סטריקאָווער איידעם, האָט ער זיך בעזעצט אין סטריקאָוו, אין דער רעזידענץ פון גרויסען צדיק, ר' פישעלע סטריקאָווער.

ר' וואָלף איז געווען אַ קאָצקער חסיד און ווען ער איז גע-וואָרען רבי, זענען צו איהם געפאָהרען דער גאָסטינינער און נאָך אַ סך אַנדערע חסידישע גדולים.

ר' וואָלף סטריקאָווער איז געווען אַנ'אָריגינעלע ערשיינונג אין דער חסידישער וועלט. ער האָט געשריבען העברעאישע שי-רים און מליצות, וועלכע זענען נאָך זיין פטירה אָבגעדרוקט גע-וואָרען אין עטליכע קונטרסים, צוזאַמען מיט זיינע בריף צו מקורבים און פריינד.

די דאָזיגע מליצות צייכענען זיך שטאַרק אויס סיי שפּראַכ-

ליד, סיי אינהאַלטליך.

דער רבי ר' מענדעל קאָצקער פֿלעגט זאָגן אויפֿ'ן „חידושי הרי"ם" — מיין גאון, אויף ר' הירש טאָמאַשאָווער — מיין חסיד און אויף ר' וואָלף סטריקאָווער — מיין חכם... מען האָט איהם טאַקע גערופֿען: דער חכם הרזים...

פֿון איהם איז ערשינען אַ חיבור „זר זהב" אויף תורה, מיט הנהגות און הוספות פֿון זיין זוהן, דעם ממלא מקומו, ר' מאָטעלע.

דער דריטער זוהן, ר' בעריש ביאַלער, איז ווידער געווען אַ וואַרקער חסיד. און כל־זמן ר' מענדעלע, ר' איציקעל וואַר־קער'ס זוהן, האָט געלעבט, איז ר' בעריש ביאַלער געבליבען טריי דעם וואַרקער הויף. נאָך ר' מענדעלע'ס פּטירה (תרכ"ה), האָט דער וואַרקער עולם, נאָך ביים לעבען פֿון זיין פֿאָטער, איהם, ר' בעריש'ן, געקרוינט אַלס רבי. ר' יחיאל, דער אַלעקסאַנדערער, ר' שימעלע, דער סקערנעוויצער, דער קוטנער און אַנדערע גרויסע רביים, זענען געווען זיינע „יושבים".

אין זיין התנהגות איז ר' בעריש ביאַלער, דער חסיד, אויך געווען גאַנץ אייגנאַרטיג, ווי זיינע אבות. ער האָט זיך נישט שטאַרק געהאַלטען ביי די אָנגענומענע טראַדיציעס פֿון די רביים.

צום אומגליק, איז ר' בעריש ביאַלער פּאַראַליזירט געוואָרען אויף אַ האַנד. ער איז אַ לענגערע צייט געווען קראַנק און זייענדיג אַלט קוים 56 יאָהר, כ"ה סיון תרל"ו, איז ער נפטר געוואָרען און זיין גאַנצער עולם האָט זיך איבערגעטראָגען צו זיין תלמיד־ותיק, ר' יחיאל, קיין אַלעקסאַנדער.

דער היינטיגער זגערזשער רבי, ר' מענדעלע לאַנדוי, איז אַ זוהן פֿון ר' בעריש ביאַלער. ער איז דער, וואָס דערהאַלט די גאָלדענע קייט פֿון דער בערימטער טשעכאַנאָווער דינאַסטיע און טראַדיציע, געהענדיג אין די דרכים פֿון זיינע אבות. אין יאָהר תרפ"ה איז ער געווען אין ארץ־ישראל און ער איז אַהיימגעקומען צוליב זיינע חסידים, וואָס האָבען פֿון איהם געפֿאָדערט,

ער זאָל צוריקקומען קיין פוילען.

דער פערטער זוהן פון טשעכאַנאָווער, ר׳ רפאל ווענגראָווער, איז שוין געווען פון דעם טיפ וואַנדער־רביים.

א זוהן פון ר׳ יענקעלע נאַשעלסקער, ר׳ חיים מענדעל לאַנ־דוי, איז געווען רב אין ראָספּשע. האָבען איהם די געגנער זיינע פער׳מסר׳ט פאַר דער רוסישער מאַכט, אז ער האָט געהאַט א מגע־ומשא מיט די פוילישע פּאָוסטאַנצעס אין יאָהר 1863 און ער איז באַלד אַרויסגעשיקט געוואָרען פון שטאָדט. אין פנקס פון דער ראָספּשער חברה־קדישא איז די דאָזיגע געשיכטע פער־שריבען לזכרון (זייט מ״ב) און דערפאַר זענען די מוסרים, חברה קדישא־לייט — א פאָטער מיט א זוהן — פון דער חברה־קדישא אויסגעשלאָסען געוואָרען אויף שטענדיג.

אגב דאַרף נאָך בעמערקט ווערען, אז דער שריפטשטעלער יקיר וואַרשאַווסקי האָט אין זיין בוך „די לעצטע״ גאַנץ פאַר־טרעפליך כאַראַקטעריזירט ר׳ בעריש ביאַלער׳ם א זוהן, ר׳ אי־טשעלע מלאָווער. דאַגעגען י. ל. פרץ׳ס בעריהמטע געשיכטע וועגען דעם ביאַלער רבי׳ן געהערט זיך גאַרנישט אָן מיט ר׳ בעריש ביאַלער, נאָר מיט ר׳ יענקעלע ביאַלער, אויך זעהר א בעריהמטער רבי.

דער יוד הקדוש

א.

ר' יעקב יצחק האָט דער „יוד הקדוש" געהייסען און גע־שטאַמט האָט ער פון אַ רבנישער פאַמיליע.

זיין פאָטער ר' אשר'ל איז געבוירען אין גראַדזשיסק און געווען דאָרט רב, נאכהער אין פשעדבאָזש. דער זיידע, ר' אל־חנן, ווידער, איז געווען רב אין גריצע ביי ווארשא.

ר' אשר'ל, דער פאָטער, פלעגט שטאַרק שטראָפן און שלאָ־גן דעם „יוד הקדוש". ער האָט איהם אויך נישט געגעבן צום עסען, ווייל ס'האָט זיך איהם געדאַכט, אז זיין זוהן דאַווענט נישט און לערענט נישט...

אַנומעלט איז דאָס יונגעל אוועקגעקומען און, זוכענדיג איהם, האָט ר' אשר'ל זיין זוהן געפונען אין דער ווייבער־שוהל. דאָרט האָט ער זיך אריינגע'גנב'עט דורכן פענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטען, וועלכער האָט זיך געפונען ביי דער שוהל. ער האָט דאָרט מתפלל געווען מיט גרויס כונה איינער אַליין, פון קיינעם נישט געזעהען...

פון דעמאָלט אָן האָט ר' אשר'ל מעהר צו זיין זוהן קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט און געהאַלטען די געשיכטע פאַר אַ גרויסען סוד, דערצעהלענדיג דערפון נאָר דער רבי'צין, דער

מוטער פון נעראטענעם קינד.

עסען און טרינקען האט איהם דאן שוין נישט געפעהלט. זיין מוטער האט איהם איצט שוין געגעבען, וואס נאר זיין הארץ האט געגלוסט. אבער אלץ, וואס ער האט בעקומען פון דער מוטער, דאט דער „יוד הקדוש" פערטיילט צווישען ארימע נצרכים.

יונגערהייד איז איהם דער פאטער אבגעשטארבען און ר' ליי־בוש האלפערן, דעם פאטער'ס ממלא מקומו אין פשעדבאזש, האט צו זיך דאס יתומ'ל אין דער ישיבה אריינגענומען און מיט איהם געלערנט. ווען ר' לייבוש איז געווארען רב אין אפט, איז מיט איהם אהינגעפאהרען דער „יוד הקדוש", דארט ווייטער מיט איהם געלערנט און געגעסען „טעג" ביי בעלי־בתים.

א בעקער אין אפט, ביי וועלכען דער „יוד הקדוש" האט געגעסען א „טאג", האט זיך דעם געראטענעם בחור גענומען פאר אנ'איידעם, צוזאגענדיג איהם אייביגע קעסט און דירה.

אבער באלד האט זיך דער בעקער צובייזערט אויף זיין „קעסט־קינד", הלמאי ער איז א בטלן און קאן גארנישט פערדי־נען. און ער האט זיין איידעם בעזייטיגט פון קעסט.

גאלדעלע, די שוויגער, האט אבער שטארק געהאלטען פון איהר איידעם און האט איהם ווייטער מאכיל־ומשקה־געווען אהן דעם וויסען פון איהר מאן, כדי ער זאל ווייטער לערנען תורה לשמה.

אבער זי איז אויך פון איהם אומצופרידען געווען צוליב דעם, וואס ער צוטיילט דאס גאנצע עסען, וואס זי גיט איהם, צווישען ארימע.

פלוצלונג איז דעם „יוד הקדוש" אויך נמאס געווארען די „קעסט" ביי דער שוויגער און ער איז געווארען א מלמד ביי דעם גביר ר' דניאל גיטפעל פון פשיסכע, און דערנאך ביי א פיכען ארענדאר אין א דארף נעבן פשיסכע

דאָ האָט מיט דעם „יוד הקדוש" געטראָפן אַזאַ געשיכטע: ס'האָט זיך צו איהם גענומען שדכנ'ען דעם אַרענדאַר'ס אַ טאָכ־טער, אַ זעהר שעהן און בע'חנ'ט יונג מיידעל און אַנומעלט ביי־נאכט האָט זי זיך אַריינגע'גנב'עט דורך אַ פענסטער אין דער שטוב פון „מלמד" אין חות'ס קליידער...

דערזעהענדיג פאר זיך אַ געשטאַלט פון אַ נאַקעטער פרוי, האָט דער „יוד הקדוש" קיין גרוים שהיות נישט געמאַכט און איז אַרויסגעשפּרונגען דורכ'ן אָפענעם פענסטער אויף דער גאַס. ער איז געלאָפן אין דער פינסטערניש איבער שטאָק און שטיין אין דער שטאָדט אַריין. ער איז צוריקגעקומען קיין פשיסכע און פון דאָרט איז ער אַוועק קיין אַפּט, וואו ער האָט זיך בעזעצט.

ריבקה'לע, זיין צניעות'דיג ווייבעל, האָט זיך דאַן מפרנס געווען פון פערקויפען סחורות אויף די טאַרגעס, טרייסטענדיג זיך מיט דער האָפנונג, אַז ווען איהר מאַן וועט ווערען אַ רב — וועט איהר דאַן שוין וואויל זיין.

דער „יוד הקדוש" האָט נישט געוואָלט פאַלען צו לאַסט זיין ווייב און ער האָט ווייטער געלערענט מיט תלמידים און זיך מסתפק געווען במועט. ער איז געווען אַזוי אָרים, אַז איהם פלעגט אָפט אויסקומען צו בעטען ביי זיינע תלמידים אַ דרייער אויף אַ ביסעל אַקעוויט, כדי צו דערכאַפּען דאָס האַרץ. מיט אַזאַ הולשת־הלב פלעגט ער אַרומגעהן גאַנצע טעג...

דעם גאַרטעל אפילו האָט ער שוין לאַנג געהאַט פערזעצט, אבי נישט צו דאַרפען אַנקומען צו זיין ווייב'ס האָרעוואַניע...

ב.

אויף דעם היי־בוידעם אין דעם שווער'ס הייזעל, וואו דער „יוד הקדוש" האָט געוואוינט, פלעגט ער זיצען גאַנצע נעכט און עוסק זיין אין תורה און עבודה.

פון גרוים דביקות און פון פאַסטען סגיפים זענען איהם נאָך יונגערהייד אַלע ציין אַרויסגעפאַלען. פון דער דאָזיגער

פראגקהייט האט קיין שום ילוד־אשה נישט געטארט וויסען. צוא נסתר איז ער געווען. געוואוסט האט נאר דערפון זיין ווייב, פאר וועלכער ער האט קיין סודות נישט געהאט...

זי פלעגט איהם אפט ארויפברענגען עפעס צום אונטער־לעהנען דאס הארץ, ווארום ער פלעגט אפט צוליב זיין שוואכ־קייט פאלען אין חלשות.

איהר, זיין ווייב, פלעגט ער אויך פון צייט צו צייט איר־בערגעבען זייגע זעהונגען און סודות, מיט וועלכע ער האט זיך שטענדיק ארומגעטראגען.

דער חסידישער עולם אין אפט פלעגט זיך שטארק מתרעם זיין אויפ'ן „יוד הקדוש" צוליב דעם, וואס מען האט איהם קיינ־מאל נישט געזעהען אין דער מקוה און אויך נישט דאווענען בציבור.

מען האט איהם טאקע דעריבער געהאלטען פאר א גרויסען מתנגד און מען האט זיך אויך שטארק בעמיהט, אז ער זאל ווערען א חסיד און פאהרען קיין לובלין צום „חוזה".

דער „חוזה" האט שוין געוואוסט פון איהם, מען האט שוין געהאט איהם דערציילט פון דעם גרויסען נסיון, וואס דער „יוד הקדוש" האט געהאט אין דארף, זייענדיג דארט מלמד.

האט אויך דער „חוזה" אליין זיך געוואלט באקענען מיט'ן „יוד הקדוש". דער „יוד הקדוש" האט זיך ענדלעך געלאזט פון די חסידים איבעררעדען און איז, צוזאמען מיט אנ'ערה יודען, געפאהרען קיין לובלין.

ביים „חוזה" האט ער שטארק אויסגענומען און נאכמער ביים עולם, וואס איז געפאהרען קיין לובלין.

האט זיך א גרויסער טייל חסידים אבגעריסען פון לובלין און אנגעהויבען פאהרען צום „יוד הקדוש", קרוינענדיג איהם זעלבסט־אלס רבי.

דאס האט שטארק פערדראסען דעם חוזה'ס מקורבים און

זיי האָבן דעם לובלינער „חוזה" צוגעטראָגן א סך רבילות אויפ'ן „יוד הקדוש".

ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן קיין שום פערענטפערן זיך פון „יוד הקדוש" פאַר'ן „חוזה". דער כעס אויף איהם איז אין לובלין געווען אזוי גרויס, אז, ווען ער האָט זיך אנומעלט געוואָלט זעהן מיט'ן „חוזה", האָט מען איהם פאַר קיין פאַל נישט צוגעלאָזט צו איהם. ר' יוסף, דעם חוזה'ס זוהן, האָט אפילו נישט געוואָלט איהם געבען „שלום".

דער רימאַנאָווער רבי האָט זיך אויך אָנגענומען די קריוודע פון חוזה'ס הויף און אָנגעהויבן צו פיהרען אנ'אָפענעם קאַמף געגען „יוד הקדוש", אויסרעדענדיג אויף איהם אַלדאָס בייז.

דאָך איז דעם „יוד הקדוש" געלונגען מנצח צו זיין אַלע שונאים מיט זיין גרויס עניוות און יראת שמים. דער „לובלינער" הויף האָט דאַן איהם אויפגעהערט צו בעטראַכטען אַלס געפעהרליכען קאָנקורענט.

ג.

אָבער ווען נישט די מעשה מיט'ן אָפּטער סוחר, וועלכער האָט „איינגעשניטען" מיט זיין וואָגען סחורה אין א טיפען שניי הינטער דער שטאָדט, נישט אהין און נישט אהער — ווער ווייסט, אויב דער „יוד הקדוש" וואָלט בכלל נתגלה געוואָרען.

וועגען דעם דערצעהלען חסידים אַזוי־וואָס:

דער „יוד הקדוש" פלעגט יעדען אָוונט שפעט, ווען די גאַנצע שטאָדט איז שוין געווען פערזונקען אין טיפען שלאָף, געהן אין דער קאַלטער מקוה אריין און דאַן האָט ער זיך געזעצט לערנען אין בית־המדרש ביי א ליכטעל, ביז ס'איז טאָג געוואָרען. ווען דער בעל־עגלה, וועמענ'ס וואָגען מיט סחורה עס האָט געהאַט איינגעשניטען אין טיפען שניי, איז געהאַט געקומען אין דער שטאָדט אריין זוכען מענשען, כדי דעם וואָגען ארויס־

צושלעפען, האָט ער געזעהען ועמען זיצען אין בית־המדרש. ער האָט דעם „יוד הקדוש" דערצעהלט זיין גאַנצע פערלעגענ־הייט. אויסהערענדיג די מעשה וועגען וואָס דער יוד איז געקור־מען אין שטאָדט אריין, האָט זיך דער „יוד הקדוש" געלאָזט צוזאַמען מיט'ן בעל־עגלה צום אָרט, וואו דער וואָגען האָט זיך געפונען. דער סוחר, דערזעהענדיג וואָס פאַר א „שלים־מזל" דער בעל־עגלה האָט געבראַכט ארויסצוציהען דעם וואָגען פון שניי, האָט זיך גוט אָנגעבייזערט אויף איהם. אָבער ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט זיך איבערציינט, אז דער פרעמדער האָט מיט זיין רוקען, פון הינטען־ארום, ארויסגע־שלעפט דעם וואָגען סחורה פון טיפען שניי און איהם ארויסגע־פיהרט אויפ'ן גלייכען וועג. ער האָט דערביי געזאָגט: איך בין א שוואַכער מענש, אָבער גאָט האָט מיר געגעבען כוח צו טהון א מצוה — ארויסצוהעלפען א יודען...

דער „יוד הקדוש" איז באַלד דערנאָך נתגלה געוואָרען פאַר דער ברייטער און ווייטער וועלט.

דער סוחר, כאָטש ער האָט איהם צוגעזאָגט די זאַך נישט מפרסם צו מאַכען, האָט עס אָבער יאָ מפרסם געווען אין דער שטאָדט און דער עולם האָט געזעהען דערין א גרויסען מופת און עס ווייט און ברייט צושפרייט.

דער „יוד הקדוש" האָט זיך שטאַרק דערוויטערט פון פרסום אַלס „גוטער יוד" און איז ווייטער געווען א נסתר ווי פריהער. נישט קוקענדיג אויף דעם האָט א גרויסער עולם אָנגעהויבען צו איהם צו פאָהרען. צווישען זיי האָבען זיך געפונען גדולים, רבנים, מיט וועלכע ער פלעגט לערנען און דרש'ענען פאַר זיי דברי־תורה און קבלה. ער איז מחדש „מעשי בראשית" — אזוי האָבען חסידים אויף איהם געזאָגט.

באַלד איז געוואָרען דער רבי ר' בונם זיין נושא־כלים; ער האָט איהם בעגלייט אויף אַלע זיינע נענג און נסיעות, זיך

שטאַרק אָנגענומען פאַר'ן כבוד פון זיין גרויסען רבי'ן, געפיהרט מיט אַלע זיינע שונאים מלחמה צוליב דעם, וואָס זיי האָבען דערנידעריגט דעם כבוד פון „יוד הקדוש" און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אַלע מנצח געווען און דער רימאַנאָווער אַליין, דער הויפּט־געגנער זיינער, האָט געמוזט איבערבעטען דעם „יוד הקדוש".

דערווייל איז דעם „יוד הקדוש" דאָס ערשטע ווייב געשטאָרבען און ער האָט זיך גענומען איהר שוועסטער פאַר א ווייב. ער האָט מיט איהר קיין שלום־בית נישט געהאַט. שיינדעל, די מרשעת — אַזוי האָט ער זי אָנגערופען. זי האָט איהם מקצר ימים געווען, האָט נישט געקאָנט פערטראָגען דאָס, וואָס ער האָט פערטיילט דאָס גאַנצע געלד, די פדיונות, וואָס די חסידים האָבען איהם געגעבען, צווישען נצרכים.

האָט זי, די „מרשעת", איהם פשוט „בע'גנב'עט" און פאַר דעם געלד אויפגעבויט אַ שטיבעל צום וואוינען, און טאַקע אין יענעם שטיבעל האָט דער „יוד הקדוש" זיינע לעצטע יאָהרען געוואוינט.

קוים 50 יאָהר אַלט האָט ער זיך געזעגענט מיט דער זינדיגער וועלט. ער איז נפטר געוואָרען אין י"ט תשרי תקע"ד (חול־המועד סוכות) נאָך ביים לעבען פון „חוזה", איבערלאָזענדיג זיהן פון ערשטען און צווייטען ווייב, פון וועלכע ר' ירחמיאל'קע און ר' אשר'ל זענען געוואָרען זיינע פערטרעטער.

וועגען דער פטירת פון „יוד הקדוש" ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט געוואָלט דערגרייכען די „מדרגה גדולה". האָט מען איהם אין חלום צו־וויסען־געטהון, אַז די דאָזיגע מדרגה קען א צדיק דערגרייכען נאָר נאָכ'ן טויט און דעריבער טאַקע האָט ער זיך אויסגעבעטען, אַז ער זאָל יונג אַוועק פון דער וועלט.

איצט ווערט זיין אינטערעסאַנט צו וויסען, פון וואַנען, איי־געגטליך, נעהמט זיך דער נאָמען: „יוד הקדוש".

ווענגען דעם נאָמען „יוד הקדוש", מיט וועלכען די וועלט האָט ר' יעקב יצחק'ן געקרוינט, דערצעהלט די לעגענדע, אַז ער פלעגט זיך איבערטהון אין פויערישע קליידער, אין אַ סוקמאַן און אַ פויערישען קאַשקעט און איז אַזוי געפאָהרען מיט זיין גבאי ר' גדליה אויף אַלע מערק זוכען אליהו הנביא'ן...

אַנומעלט האָט ער דערקענט אויף אַ מאַרק אין אַ פויער, וואָס האָט געפיהרט אַ שעפּס, אַז דאָס איז אליהו הנביא. פאַר גרויס פרייד און איבערראַשונג האָט ער אַ געשריי־געטהון צום גבאי: אָט זעהסטו אליהו הנביא! דערהערענדיג די דאָזיגע ווער־טער, האָט דער פויער מיט גרויס כעס צו איהם געטהון אַ גע־שריי: „זשידזשע! יאַק וויעש — פּאַצאַ גאַדאַש?" (אויב דו ווייסט, פאַרוואָס זאָגסטו אויס?") און אין דעם מאָמענט איז דער פויער מיט זיין שעפּס פערשוואונדען געוואָרען...

זינט דעמאָלט האָבען איהם די חסידים אָנגעהויבען צו רופען מיט'ן נאָמען „יוד הקדוש" — דאָס הייסט: דער, וואָס אליהו הנביא אַליין האָט איהם אָנגערופען „יוד"...

אין אַ גרויסען אוהל, מיט אַ גלאַנצענדיגען, צינערנעם דאַך אויף דעם משופּע'דיגען בית־עלמין־באַרג אין פּשיסכע, איז דער „הייליגער יוד" צוזאַמען מיט זיינע זיהן געקומען צו קבורה. הונדערטער פלעמלעך בעשטראַהלען טאָג און נאַכט זיין קבר. מיט טויזענדער נעמען, וואָס זוכען ביי איהם הילף, זענען בעשריבען די ווענד פון אוהל.

אַ ניצוץ, אַ פונק פון מרדכי היהודי איז ער געווען — אַזוי האָבען אויף איהם געזאָגט די גרעסטע צדיקים פון זיין דור.

דער כענטשינער

א.

א זעהר אריגינעלער טיפ אין דער חסידישער וועלט איז געווען דער כענטשינער רבי ר' חיים שמואל ז"ל.

ער האט זיך נישט בלויז אונטערגעשיידט פון די אנדערע פוילישע „גוטע יודען" מיט זיין התנהגות, געהענדיג זיינע אייגענע וועגען — ער האט אויך אויפגערודערט דאס יודישע וועלטעל מיט זיינע מעשים, וועלכע זענען נאך ביז היינט נישט אינגאנצען אויפגעקלערט געווארען.

זייענדיג דעם „חוזה'ס" אג'אייניקעל פון זיין צווייטען זוהן, ר' הירש (וועלכער איז געווען כענטשינער רב און ביי וועלכען ער, רי חיים שמואל, איז צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין פאטער, ר' ישראל, דערצויגען געווארען), האט ער גע'ירשנט דעם שוואונג און די פאנטאזיע פון זיין גרויסען זיידען, דעם „חוזה".

דער זיידע, ר' הירש, האט זיך טאקע אויף זיין אייניקעל גוט געקענט און ווערענדיג דער ממלא מקום פון זיין פאטער, דעם „חוזה", האט ער זיך אבגעזאגט פון כענטשינער רבנות און עס איבערגעגעבען זיין אייניקעל ר' חיים שמואל, ווען יענער איז קוים אלט געווארען 18 יאהר.

ווען דער זיידע איז נפטר געווארען, האבען די חסידים

באלר געקרוינט ר' חיים שמואל'ן אלס ממלא מקום און דער יונ־גער רבי האט זיך גענומען פראוועז רבי'סטווא ביד רמה, לויט דעם שמייכער און שניט פון „חוזה".

אויך ער איז געוועז, ווי זיין גרויסער זיידע, א ווייטזעהער, א רואה את הנולד. ער האט זיך געהאלטען ביי רבינו תמ'ס שי־טה און האט פערווקט דעם שבת'דיגען בין־השמשות אויף עט־ליכע מינוט. חוץ דעם האט ער גענוצט כרמל־וויין; דער ערשטער איז ער טאקע געוועז פון די חסידישע רביים אין פוילען, וואס האט מכשיר געווען דעם „ציוניסטישען" וויין, ווי די חסידים פלעגען איהם רופען. די חסידים און רבנים פון אנדערע לאגערם האבען דעריבער אויף איהם געקוקט מיט גרויס חשד.

דאך האט קיינער נישט געוואגט צוליב דעם ארויסצוטרע־טען געגען בענטשינער צדיק. מען האט פאר איהם דאך דרך־ארץ געהאט. איז ער דאך געווען דער גרויסער צדיק, אבגעהיט אויף שריט און טריט און געהאט רוח־הקודש. דאס לעצטע האט ער ארויסגעוויזן — לויט דער מיינונג פון זיינע חסידים — מיט זיין — תקיעת־שופר.

ב.

א לאנגע צייט איידער ס'איז אויסגעבראכען די רוסיש־יאפאנישע־מלחמה (1903—4), האט דער בענטשינער צדיק גע־בלאזען שופר ביי תפילת שחרית אין זיין בית־מדרש, אויסבלא־זענדיג גאנצע „מאה קולות", שטארק מעורר־זייענדיג זיין עולם.

קיינער האט נישט געוואוסט, וואס דאס בלאזען שופר אין די טעג פון א גאנץ יאהר האט צו בעדייטען און קיינער האט אויך נישט געוואגט צו פרעגען דעם „בענטשינער", וואס ער איז דערמיט אייגענטליך אויסען.

אפילו זיינע מקורבים האט ער נישט מגלה־סוד געווען. אין די חסידישע און רבי'שע קרייזען האט מען זיך שטארק מפלפל געווען. א טייל חסידים פלעגט דאס אויסטייטשען, אז דער

בענטשינער וויל פֿאַרבברענגען משיח'ן און די יודען אויסלייזען פֿון גלות...

אַנדערע ווידער האָבען דערפֿון נעדרונגען, אַז דער רבי מוז האָבען איינגעזעהען מיט'ן רוח־הקודש, אַז עס גייט אַ נייע סדרה גרויסע גזרות אויף יודען און ער וויל די דאָזיגע גזרות מעביר זיין מיט'ן שופֿר...

פּלוצלונג איז אויסגעבראָכען די רוסישע מלחמה מיט יאַפּאַן און פֿאַר דעם עולם חסידים איז קלאָר געוואָרען, וואָס דער „בענטשינער" איז אויסען געווען מיט זיין „תקיעת־שופֿר". חסידים האָבען דאָס אויסגעטייטשט, אַז ער האָט בעשיינפּערליך פֿאַרגעזעהען דאָס אומגליק, וואָס קומט אויפ'ן לאַנד און אַז יודען קאָנען, ווי דער סדר־עולם איז, שטאַרק דערפֿון ליידען, האָט ער מיט'ן קול־שופֿר די הימלען געשטורעמט. יאָ, מלחמה — האָט ער גע'טענה'ט צום רבונו־של־עולם — אָבער זאָלען דיינע יודען נישט דאַרפֿען ליידען. און דאָס — זאָגט מען — האָט דער בענטשינער טאַקע אויסגעבעטען פֿון הימעל און די יודען האָבען אַזוי־אַרום גאָרנישט „דערלעגט" צו דער יאַפּאַנישער מלחמה.

און די זעלבע סצענע האָט זיך אויך איבערגע'חזר'ט אין זומער, איידער ס'איז אויסגעבראָכען די וועלט־מלחמה (1914). שוין עטליכע חדשים פֿריהער האָט דער „בענטשינער" מרעיש־עולם־געווען און איינגעלעגט וועלטען מיט זיין שופֿר.

דאָסמאָל האָט ער די גאַנצע צייט געבלאָזען שופֿר אין זיין סוכה. נאָך די תקעות פֿון „מאה קולות", פּלעגט ער זאָגען „השכיבנו לשלום", און ווען ס'איז געקומען צום פּסוק „ופרוס עלינו סוכת שלומך" אא"וו, האָט ער דערביי טייבען טרעהרען פֿערגאָסען.

דער עולם איז דערפֿון ווידער שטאַרק יעטראָגען געווען.

מען האט ווייטער פאַרשידען אויסגעטייטשט דעם רבי'נס שופר־בלאָזען, מען האט זיך געריכט, אז עס קומט ווידער אַן אַ מלחמה אויף רוסלאַנד, אבער וואָס און ווען האט ווייטער קיינער נישט געוואוסט. דער רבי האט עס קיינעם נישט מגלה געווען. נאָר די ביטערע קרעכצען און זיפצען, וואָס ער פלעגט געבען נאָך יעדער תקיעה, האָבען געזאָלט זיין דער סימן אויף דעם רבי'נס רוח־הקודש, א סימן, אז ער מוז איינזעהן גרויסע גזרות און צרות אויף יודען, וואָס דאָס מלכות האט בדעה אַרויסצוגעבען און ער וויל זיי מיט כוח, מיט שטורם און תפילה מעביר־זיין...

אבער דאַסמאָל האט שוין דער בענטשינער בעשיינפערליך נאַרנישט געקענט אויפטהון מיט זיין שופר, די קולות פון די „צוויי־און־פערציגער" זענען געווען שטאַרקער פון זיין קול־שופר.

האט אבער דאַסמאָל געקענט דער בענטשינער נישט־קו־קענדיג, וואָס יעדער ריהר פון אַ יודען בעת דער מלחמה איז גע־וואָרען אויסגעטייטשט אלס „סיגנאַל" פאַר'ן שונא און עס איז פערבונדען געווען מיט לעבענס־געפאַהר, האט זיך דער בענטשי־נער וועניג וואָס געמאַכט און ווייטער זיך רוהיג געבלאָזען שופר, תקיעות, שברים, תרועות אין דער סוכה.

האט דאָס טאַקע דערוועקט ביי די צאַרישע שפיאָנען דעם חשד, צי דער רבי גיט נישט מיט זיין שופר סיגנאַלען די דייט־שען, וועלכע זענען נאָך אייגענטליך גאַנץ ווייט געווען פון בענטשין, אזוי, אז אַ ווייט־שיסענדע האַרמאַט־קויל אפילו האט נאָך נישט דערגרייכט אַהין.

אבער די מורא האט דאָך גרויסע אויגען. הערענדיג אין שטאָדט עפּעס גרויסע קולות פון א „טראָמפּייט", איז מען דאָך געלאָפען זוכען און טאַקע געטראָפען דעם „בענטשינער" זיצען אין דער סוכה, איינגעהילט אין טלית און תפילין און האַלטענדיג דעם שופר אין דער האַנד.

צום גליק איז שוין דאַסמאָל געווען אלול, ווען מען בלאָזט שוין ביי יודען שופר ביים דאַווענען אין דער פריה. וויסענדיג, אַז ביי יודען איז שופר־בלאָזען אין די שוהלען אין דעם דאָזיגען טאָג אַ רעליגיעזע טראַדיציע, האָבען די רוסען דעם כענטשינער מוחל געווען זיין בלאָזען און איהם נישט געשטעפּעט. זכות־אבות איז איהם בייגעשטאַנען — האָט מען זיך איינגערוימט אויפ'ן אויער. אָבער דער „כענטשינער" אַליין האָט זיך פון דעם דאָזיגען „זכות" גאַרנישט קיין סך געמאַכט. ער האָט ווייטער געבלאָזען שופר אין זיין בית־מדרש'ל מיט גרוים מסירת־נפש.

באַלד דערנאָך איז אָבער געקומען אַ שטרענגער בעפעהל, אַז אַלע יודען מוזען אונבעדינגט פערלאָזען די שטאָדט כענטשין מיט'ן רבי'ן צוזאַמען און דאָס דערפאַר, ווייל יודען זענען פריינד פון די דייטשען און פעררעטען דאָס צאַרישע מיליטער.

יודען האָבען געמוזט פערלאָזען די שטאָדט, איבערלאָזענדיג זייער האָב און גוטס אויף הפקר, אויף גאָט'ס בעראָט.

בעת דער עוואַקואַציע האָט זיך דער כענטשינער איבער־געטראָגען, צוזאַמען מיט אַ גרויסען עולם, קיין קיעלץ.

דאָס, וואָס דער כענטשינער האָט געהאַט מיט אַ צייט פריי־הער איינגעזעהען ברוח־הקודש — האָט דער עולם געזאָגט — האָט זיך טאַקע פערווירקליכט. ס'איז דאָך טאַקע געקומען צו אַ מלחמה, וואָס האָט אָבגעקאָסט אונצעהליגע יודישע קרבנות, אָהן אַ שיעור יודיש בלוט.

דערווייל איז דער כענטשינער נסתלק געוואָרען אין קיעלץ, י"ח טבת תרע"ו (1916).

אין קבר האָט איהם דער עולם אריינגעשריגען, אַז ער זאָל זיין אַ מליץ־יושר אין הימעל פאַר אַלע יודען און אויס'פועל'ן די גאולה שלמה.

באַלד אויפ'ן אָרט האָט מען זיך אָבגעגעבען מזל־טוב און

רעם בענטשינער׳ס זוהן, ר׳ יהושע העשעל, רב אין אַלקוש, איז געווארען דער ממלא־מקומו.

און די גאָלדענע קייט, וואָס עס האָט געשמידט דער „חוזה", איז געבליבען גאַנץ: די בענטשינער דינאַסטיע פיהרט ווייטער די לובלינער טראַדיציע.

מיט׳ן זעלבען שופר, וואָס ר׳ חיים שמואל פלעגט בלאָזען בעת די צרות, וואָס די יודען האָבען איבערגעלעבט אין פוילען בעת דער מלחמה, ווערט נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג געבלאָזען אין די ימים־נוראים ביים אַלקושער...

דער מאגעלניצער

א.

דעם רבי'ן ר' חיים מאיר יחיאל פון מאגעלניצע האבען די חסידים גערופען מיט'ן נאמען „שרף"...

זיין מוטער האט געהייסען פערעלע די רבי'צין. זי איז גע־ווען דעם קאזשעניצער מגיד'ס איינציגע טאכטער. דעם רבי'נס פאטער, ר' עזרא זעליג, איז געווען רב אין גרעניץ און האט אויך געשטאמט פון גרויסען יחוס.

דער קאזשעניצער מגיד פלעגט מיטנעהמען זיין פערעלע'ן נאך אלס קינד, צום רבי ר' אלימלך, אבער כל־זמן ער, דער רבי ר' אלימלך, האט געלעבט, האט זי, פערעלע, נישט געהאט קיין מזל צו קינדער. זיי זענען איהר אלע יונגערהייד אוועקגע־שטארבען...

האט דער מגיד איהר אלס סגולה איהר געלאזט מאכען א בריצישען סאק־פאלטא מיט צוועלף זילבערנע קנעפ, צו זעקס אין דער רייה, אזוי ווי עס איז דעמאלט געווען די מאדע ביי די פריצות — וועט מען דאך זי האלטען אויך פאר אנ'אויסגעלא־זענע און דאן ערשט וועט זי קענען ברענגען אויף דער וועלט א זרע של קימא...

און די פרומע טאכטער האט אנגעטהון אזא „פערשייט"

איהר מאן, דעם גרעניצער רב, אָבער, האָט דער קאָזשעניצער רבי נישט צוגעלאָזט צו דער מדרגה פון א רבי, וואָרום ער האָט זיך אמאָל פאר איהם געקלאָגט, אז זיין ווייב פיהרט זיך נישט כדרך כל הנשים, זי איז אָבגעשיידט פון איהם און פיהרט מיט איהם א צעשטערט לעבען... — — —

דערפאר אָבער האָט גאָט זיי געבענשט מיט א ליכטיגען זוהן, וועלכער האָט איינגענומען די וועלט מיט זיין גרויסקייט און חסידות.

באלד ווי דער „שרף" איז געוואָרען רב אין גריצע, האָט זיך צו איהם בעהאָפטען א גרויסער חסידישער עולם, מאכענדיג איהם פאר זייער גייסטיגען מנהיג.

האָבען אָבער אויך איהם די קאָצקער אָנגעהויבען שטאַרק צו דערקוטשען אויף דעם חסידישען שטייגער. זיי האָבען איהם געיאָגט און געפלאָגט, אויסגעלאַכט און חוזק געמאַכט פון זיינע חסידים. אָבער נישט קוקענדיג דערויף, האָט זיך וואָס־אמאָל פערגרעסערט זיין עולם.

ווערענדיג רב אין מאָגעלניצע, האָט דער רבי ר' מאיר יחיאל איבערגעטראָגען אהין זיין רעזידענץ.

ב.

פון דער נאַטור איז דער „מאָגעלניצער" געווען פול הומאָר, ער האָט נישט ליב געהאַט קיין עצבות און צעטראָגענקייט, ווי ס'איז געווען דער פאַל ביי א סך אנדערע רביים אין פוילען, ווי ביים „חוזה" און אנדערע.

צעטראָגענקייט האָט דער „שרף" ארויסגעוויזען צום ערשטען מאָל אין דער צייט פון נאָוועמבער־אויפשטאַנד (1831)!

די שטעלונג פון די יודען צו דער דאָזיגער פרייהייטס־בעוועגונג איז געווען פערשידען צוליב דער שטעלונג פון איהרע אנפיהרער (ווי גענעראל כלאָפיצקי און אנדערע) לגבי די יודען בשעת דער „פאָווסטאַניע".

א זעלבע חילוקי־דעות האָבען אויך געהערשט אין די רבי׳שע קרייזען. א טייל פון די פוילישע רביים, למשל, דער קאָצקער, האָט זיך גאָרנישט אינטערעסירט מיט׳ן אויפשטאַנד. דער „חי־דושי הרי״ם" — זאָגט מען — זאָל האָבען סימפאַטיזירט מיט איהם, צוליב וואָס די רוסישע מאַכט האָט איהם דאַן נישט גע־וואָלט בעשטעטיגען אַלס געהילף־רב אין וואַרשא.

אין דעם אויפשטאַנד פון 1863 האָט מען ווידער דעם „חידושי הרי״ם" חושד געווען, אַז ער איז אַ שטאַרקער נענגער פון דער „פּאָווסטאַניע", צוליב וואָס די יודישע אַקאַדעמישע יוגענד האָט זיך געוואָלט שאַרף מיט איהם אָברעכענען. נאָר אַ דאַנק די בעמיהונגען פון וואַרשאווער קהלה־פּעקרעטאַר יעקב ראַטוואַנד, איז עס נישט צושטאַנד געקומען.

אָבער פון אַ קווימעל, וואָס מען האָט געפונען צווישען די כתבים פון גריידיצער רבי, ר׳ אליהו גוטמאַכער, געשריבען דורך דעם גבאי פון „חידושי הרי״ם" אין יאָהר 1863, וואו ער בעט דעם רבי, ער זאָל מיט זיינע תפילות משפיע זיין אויף דעם גע־רער צדיק, ער זאָל זיך נישט אריינלאָזען צופיל מיט דער „שליאַכטע", אַז דאָס קען ברענגען אַ גרויס אומגליק אויפ׳ן „הויף", איז צו זעהן, אַז דער „חידושי הרי״ם" האָט זיך יאָ געמישט אין די ענינים פון דער „פּאָווסטאַניע". דאַגעגען דער מאַגעלניצער צדיק איז געווען אַן׳אויסגעשפּראָכענער גענגער. נישט צוליב שנאה, חלילה, צו פוילען, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַלטען, אַז צוליב פוילען׳ס שוואַכקייט געגען אַזא גרוי־סער מאַכט ווי רוסלאַנד, איז דער אויפשטאַנד פעראורטיילט פון פאָרויס אויף אַ דורכפאַל און דער גאַנצער כעס וועט דאַן אויסגעגאָסען ווערען אויף די יודען. האָט ער דעריבער מתפלל געווען טאָג און נאַכט און אָבגעהאַלטען תעניתים, אַז ס׳זאָל זיך אַלץ אויסלאָזען בשלום און די יודען זאָלען געהאָלפען ווערען...

דערצעהלען די חסידים. אַז ס׳איז איהם אין דער צווייטער

נאכט פון ראש־השנה תקצ"ב (1831) געקומען צו חלום א פוילישער פירשט, זיך שטארק אויף איהם געבייזערט און געביטערט, הלמאי ער האלט נישט אונטער מיט זיינע תפילות די פוילישע פאוסטאניע. דערפאר רופט ער איהם צו א משפט צום בית־דין של מעלה...

האט זיך דער „שרף" אויפגעכאפט א פערציטערטער און דערשראקענער פון שלאף, אבער ער איז גלייך צוריק איינגעשלאפען...

קומט איהם צו חלום דער רבי ר' מענדעלע רימאנאווער און בערוהיגט איהם, ער זאל גאר קיין מורא נישט האבען פאר דעם פירשט, ווייל ער וועט איהם זיין צו הילף בעת'ן משפט פון בית־דין של מעלה.

איצט ערוואכט ווידער דער „שרף" פון זיין שלאף און, איבערנעהמענדיג זיך שטארק מיט די דאזיגע חלומות, געהט ער ארום די גאנצע ימים נוראים צערודערט און מרה־שחורה'דיג. די מקורבים, וואס זענען געוועז קעוואוינט צו זעהן דעם רבי'ן תמיד פרעהליך, זענען נבהל ונשתומם געווארען. זיי זענען שטארק צו איהם צוגעשטאנען, ער זאל זיי זאגען, פארוואס ער איז אזוי פער'מרה־שחורה'ט. האט ער זיי מגלה געווען דעם חלום, וואס ער האט געהאט דעם צווייטען טאג ראש־השנה. האבען די מקורבים אויסגערעדט דעם בייזען חלום, מאכענדיג איהם א „הטבת־חלום".

און דער מאגעלניצער האט זיך בערוהיגט.

דער פוילישער פירשט האט איהם נישט מעהר דערקוטשעט, נישט אין חלום און נישט אין דמיון. צו קיין דין־תורה צום בית־דין של מעלה האט ער איהם אויך מעהר נישט גערופען. ער האט זיך אינגאנצען פון איהם אבגעטשעפעט.

ג.

אין מאגעלניצער הויף האט מען געפראוועט די שבתים

און יום־טובים מיט גרויס עקסטאז און פרעהליכקייט. עס פלעגן זיך דא אפט צונויפזאמלען די גרעסטע צדיקים אין פוילען, די דביים ר' אליעזר קאזשעניצער, ר' עמנואל פשעדבאזשער, דער „תפארת שלמה", ר' בעריש וואלבאזשער, ר' ישראל יצחק ראד־דאשיצער, ר' סיני ראדאמער און נאך א סך אנדערע גדולים, וואס זענען געווען דעם מאגעלניצער'ס מקורבים און תלמידים. בעזונדערס האט מען אין מאגעלניצע געפייערט און געפרייט זיך פורים ביי דער סעודה.

דער „שרף" האט געמאכט פון אג'ארבעל פון זיינע א בעקעשע א מיצעל מיט א הויכען שפיץ, עס אנגעטהון אויפ'ן קאפ און איבערגעצויגען איבער די אויגען, אויספיהרענדיג אזוי־ארום די ראלע פון א פורים־שפילער. אין דעם דאזיגען פאנטאסטישען הילוך האט ער זיך געשטעלט אין מיטען פון זיין בית־המדרש, אויפ'ן ארט, וואו דער בעלעמער איז געשטאנען. די חסידים האבען ארום איהם געמאכט א רעדעל (עיגול) און, האלטענדיג זיך ביי די הענד, האבען זיי מיט גרויס התלהבות געזונגען, געהאפסעט און געטאנצט ביז'ן העלען טאג אריין.

אין מיטען טאנצען האט דער מאגעלניצער אראבגעכאפט פון זיין קאפ דעם שטיצהוט און איהם א ווארף געטהון צווישען דעם עולם און וועמ'ס האט דאס גליק געהאט, אז דאס מיצעל זאל אויף איהם פאלען, דער איז שוין — אזוי האבען די חסידים זיך איינגערעדט — געהאלפען געווארען מיט אלעם, וואס נאר זיין הארץ האט בעגעהרט...

דאס דאזיגע שפיל האט דער רבי גערופען „פידקע" (אפשר פון ווארט פדיון?) און די, וואס האבען זיך געוואלט בעטייליגען אין דעם פידקע־שפיל, האבען געמוזט אריינווארפען אין האן א בלאנקען דרייער.

ביים ווארפען דאס מיצעל פלעגט דער „שרף" שרייען אויפ'ן גאנצען קול: „יודען, בעט, אז די „פידקע" זאל היינט גראטען..."

מאכט זיך א מעשה, אז א מאגעלניצער חסיד האט מיט־גענומען אויף פורים צום רבי'ן זיינם א קרוב, וואס האט נישט געהאט קיין קינדער און האט געדארפט געהאלפען ווערען. יענער איז אבער געווען א פערברענטער מתנגד. ביים טאנצען ארום דער „פידקע" האט דער חסיד, זיין קרוב, דעם מתנגד אריינגע־כאפט אין רעדעל, אבער ער האט נישט געהאט אריינגעלעגט אין דער יארמולקע ביים רבי'ן דעם „דרייער". ווארפענדיג דאס מיצעל האט דער רבי גראד געטראפען דעם מתנגד. האט דער „שרף" זיך איינגעשפארט און דאס „געווינעכץ" נישט אנערקענט, ווארום ער האט נישט געהאט איינגעשטעלט אין קאן דעם דריי־ער. האט דער מתנגד, בלית־ברירה, אריינגעלעגט אין דער קלפי דעם דרייער און די „פידקע" איז געווען זיינע. ער האט זי איצט שוין זוכה בגורל געווען.

אבער מיטאמאל ווערט אין מאגעלניצער הויף די פרעה־ליבקייט אינגאנצען פערשוואונדען און זי איז שוין, זינט דער־מאלט, קיינמאל מעהר נישט צוריקגעקומען.

וואס איז אזוינס געשעהן?

אין מאגעלניצע האט גראסירט א שווערע קראנקהייט, האט זי זיך אויך אריינגעכאפט אין סאמע רבי'נס הויף. די רבי'צין, די גרויסע צדקות, איז געפעהרליך קראנק געווארען און געשטאר־בען. דער „שרף" בעוויינט זי שטארק. א גרויסער טרויער האט ארומגענומען זיין גאנץ הויז. ער איז זי מספיד ביים אפענעם קבר. ער זאגט איהר צו, אז זייערע נשמות וועלען ווייטער בלייבען בעהאפטען. ער ווערט אויך אליין קראנק. דער רבי'שער דאקטאר, ר' חיים דוד בערנארד, פאהרט איהם מבקר־חולה־זיין. ער וויל איהם פערשרייבען א רפואה בדוקה, וויל דער „שרף" אבער נישט נעהמען. ער וויל נישט אנווענדען קיין מיטלען גע־גען גאט'ס גזר־דין. ער איז דאן דעם עולם זיינעם מגלה, אז זיין פטירה וועט פארקומען אין די טעג, ווען מען וועט לייענען

די סדרה „אמור", און טאקע ב' פ' אמור ט"ו אייר תרט' (1849) איז דער „שרף" נסתלק געווארען אין ווארשא און דא אויך געקומען צו קבורה.

האבען די מאגעלניצער רבי'שאפט צעטיילט צווישען זיך זיינע צוויי זיהן. דער עלטערער זוהן, ר' יעקעלע (יעקב יצחק), דער רב פון בלענדאוו איז געווארען ממלא מקומו אין מאגעלניצע (ער איז נפטר געווארען כ"ד סיון תרמ"ב) און דער צווייטער זוהן, ר' אלימלך, דעם ריזשינער'ס אנ'איידעם, זייענדיג רב אין גראדזשיסק, האט געשאפען די אזוי־גערופענע גראדזשיסקער דינאסטיע, וועלכע האט זיך שטארק קונה־שם געווען אין דער חסידישער וועלט מיט איהר אייגענארטיגקייט און פאלקסטימליכקייט. ר' אלימלך איז דער מחבר פון די ספרים „אמרי אלימלך" און „דברי אלימלך". ער איז נפטר געווארען א' ניסן תרנ"ב.

דער ווילנער גאון

דער ווילנער גאון האָט זיך פערמאָסטען צונויפנעהמען געלד אויף ישוב ארץ־ישראל; איז ער געפאָהרען פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָדט צו שטאָדט. קומענדיג אין א דאָרף אַריין, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דאָ וואוינט א גרויסער גביר, איז ער צו איהם אַריינגעגאַנגען וועגען א נדבה פאַר ארץ־ישראל.

ווען דער גאון איז אַריין אין דער שטוב, האַלטענדיג אונ־טער דעם אָרעם זיין באַגאַזש, וואָס איז בעשטאַנען פון טלית און תפילין און א משניות, האָט דער גביר איהם, דעם גאון, אָנ־גענומען פאַר עפּיס א שלעפּער און איהם געפרעגט, וואָס ער זוכט דאָ ביי איהם...

האָט דער ווילנער גאון בתמימות דעם גביר געענטפערט, אַז ער פערלאַנגט א נדבה פאַר ארץ־ישראל.

דער דאָרפס־גביר, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געזעהען און נישט געקענט דעם ווילנער גאון, האָט איהם אויפ׳ן אָרט אָבגעפאַרטיגט, אַז ער האָט נישט דאָ וואָס צו זוכען, ער גיט נישט. האָט נישט געגעבן און וועט איצט אויך נישט געבען קיין נדבה, אויף וואָס עס זאָל נישט זיין און ער קאָן זיך געהן געזונדערהייט זיין וועגס...

האָט זיך דער ווילנער גאון פיין אָבגעזעגענט מיט דעם גבירישען דאָרפס־יוד און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין...

די מתעסקים, דערקענענדיג, אז דער „מת" איז דער בעקאַנטער דאָרפס־גביר, וואָס האָט גע'שמ'ט אין דער גאַנצער געגענד אַלס א גרויסער קמצן, וואָס האָט אָבגעלעבט זיינע אַלע יאָהרען מיט א שטיקעל טרוקען ברויט און קיין גראָשען צדקה, ביים לעבען קיינמאָל נישט געוואָלט געבען...

האָט מען תיכף אויפגעזוכט דעם פויער, וואָס האָט דעם מת געבראַכט אין דער שטאָדט אריין און געפינענדיג איהם אין דער שטאָדט־קרעטשמע, האָט דער עולם צוריק אַרויפגעלעגט דעם בר־מינן אויף דעם פוהרעל און געהייסען דעם פויער צוריק איהם פיהרען, פון וואַנען ער האָט איהם גענומען...

די זיהן, חלומ'ט דער דאָרפס־גביר ווייטער, רעכענענדיג, אז זיי האָבען שוין זייער פאָטער אוועקגעשיקט אויף „יענע וועלט", האָבען זיך שוין אָנגעהויבען איינצוטיילען מיט דער ירושה: איינער האָט זיך גענומען דעם קאַסטען גאָלד, דער צווייטער — די ערד, דער דריטער — עפּים אַנדערש און די מוטער האָבען זיי איינקוואַרטירט אין א פינסטער שטיבעל, איבערלאָזענדיג נאָר איהר א קוה און א שטיקעל פעלד אויף קאַרטאָפעל און קרויט...

פּלוצלינג אָבער ברענגט דער פויער דעם מת צוריק. איז איצט זייער האַרץ שיער אויסגעגאַנגען פאַר חלשות, מען האָט נישט געוואוסט, וואָס מען זאָל איצט טהון מיט דעם טויטען פאָטער; האָבען זיי טאַקע געהאַרכט די עצה פון דעם דריטען זוהן און אויסגעגראָבען א גרוב הינטער די שייערס, און — שפּירענדיג ווי מען לעגט איהם שוין אין קבר אַריין און די זיהן פערשיטען איהם מיט דער ערד, דערוואַכט דער גביר פון זיין שרעקליכען חלום שטאַרק דערשראָקען און פערציטערט...

ער שרייט איצט צו זיינע זיהן, אז זיי זאָלען געוואויר ווערען, וואוהין דער „שלעפער", וואָס איז ערשט דאָ געווען, איז געפאָהרען. ווען זיי דערוויסען זיך אויף וועלכען וועג ער האָט זיך געלאָזט, נעהמט דער אַזוי צעטראָגענער קמצן מיט זיי־

נע לייב־פערד נאָכיאָגנען דעם ווילנער „שלעפּער", און טרעפט איהם שוין אין נאָהענטען שטעדטיל, ביים יודישען פריץ אין דער שטוב.

האָט ער זיך אויך פאַר דעם הויז אָבגעשטעלט און אריינ־געהענדיג צום פריץ אין דער שטוב, האָט ער געזעהען, ווי דער בלומר'שטער „שלעפּער" זיצט דאָ אויבען־אָן ביים טיש און אַרום איהם די גרעסטע השובים פון שטעדטעל. אויף דעם טיש געפינט זיך אַ גרויסע זילבערנע טאַץ מיט לעקעך און בראָנפען און דער עולם שיט מיט די רענדלעך אויף ישוב ארץ־ישראל...

בלייבט דאָך דער קמצן שטעהען אומדרייסט ביי דער טהיר פון פריץ, ער האָט דאָך נישט די העזה ווייטער צו געהן, און קיינער רופט איהם אויך נישט צום טיש; האָבען דאָך אַלע געוואוסט, ווער און וואָס ער איז...

הערענדיג אָבער, ווי אַלע רופען אָן דעם פרעמדען מיט דעם נאָמען „גאון". האָט זיך דער דאָרפס־יוד געכאַפּט, אַז יענער איז נישט קיין געוועהנליכער שלעפּער, ווי ער האָט געמיינט, נאָר אַ גרויסער רב. מאַכט ער זיך איצט אַ האַרץ און דערנעהנטערט זיך צום טיש, וואו דער ווילנער גאון איז געזעסען צוזאַמען מיט דעם עולם.

דער גאון דערקענט איהם, אַז דאָס איז יענער דאָרפס־גביר, וואָס האָט זיך אָבגעזאָגט איהם צו געבען אַ נדבה אויף ארץ־ישראל. ער דערקענט אָבער אין איהם, אַז ער איז יעצט מהרהר בתשובה. איז ער, דער גאון, איהם, דעם דאָרפס־יוד, מקרב און בעט דעם קמצן צום טיש.

יענער דריקט זיך דורך אַ וועג צווישען דעם גרויסען עולם און שיט אויס אַ גאַנצע קעשענע רענדלעך אויפ'ן טיש; אַלע אַנ־וועזענדע, וואָס האָבען דעם דאָזיגען דאָרפס־יוד געקענט פאַר אַ שרעקליכען קאַרגען און שלעכטען מענש, שטעלען אויף אויגען און אויערען. קיינער פערשטעהט נישט, וואָס ס'האָט מיט איהם פאַסירט, אַז ער איז אויף איינמאָל אַזוי פרייגעביג געוואָרען,

און קיינער פרעגט איהם אויך נישט, וואס דאס האט צו בעדייטען...

אבער דער „ווילנער גאון” האט דערביי א פערבארגענעם שמייכעל געגעבען, און דאס איז שוין געווען א בולט'ער בעווייז, אז דאס איז געווען א שפיצעל פון דעם גרויסען גאון...

די זיהן אבער, דערוויסענדיג זיך, אז דער פאטער זייערער האט אזוי פיעל געלד מיט אזא ברייטער האנד אוועקגעגעבען אויף א דבר־טוב, האבען זיך געווארפען אויף איהם, היתכן מאמע, האבען זיי געשריגען, וואס וועלען מיר האבען נאך דיין טויט, אז דו גיסט דאס גאנצע געלד אוועק פרעמדע?..

דערצעהלט ער איצט די זיהן דעם חלום, וואס האט זיך איהם געחלומ'ט נאך דעם כלומר'שטען „שלעפערס” אוועקפאהרען, ווי ער האט געזעהען מיט זיינע אייגענע אויגען, ווי זיי בעגראבען איהם נאך דעם טויט הינטער א קוה־שטאל, אנטהערענדיג איהם חרפות און בזיונות צוליעב געלד און איינקארגענדיג אפילו איהם צו ברענגען צו קבר־ישראל. האט ער בעשלאסען — זאגט ער — בעסער שוין זיין געלד ביים לעבען פערטיילען אויף צדקה־זאכען און פאר ארץ־ישראל, כדי צו זיין מיט לייטען גלייך...

דער טשארטקאווער רבי

די פטירה פון דעם אין היינטיגען דור עלטסטען און שטארק - אנגעזעהענעם טשארטקאווער רבי, ר׳ ישראל׳טשע פרידמאן, וועלכער איז געווען אן׳אייניקעל פונ׳ם גרויסען רי־זשינער רבי, דעם שעפער פון דער טשארטקאווער דינאסטיע— האט מיך דערמאהנט אן פאלגענדען מלחמה־עפיזאד, וואס האט בשעתו אויפגערודערט די גאנצע חסידישע וועלט.

דאס איז פארגעקומען באלד אין אנהויב מלחמה, ווען די רוסישע ארמעע אונטער דער אנפיהרונג פון קיעווער גענעראל איוואנאוו האט מיט׳ן גאנצען ברען אריינמארשירט, אהן שום ווידערשטאנד, קיין מזרח־גאליציען און אקופירט כסדר איין שטאדט נאך דער אנדערער, אנשטויסענדיג זיך אויך אויפ׳ן רבי׳נס רעזידענץ — טשארטקאוו.

דער רבי ר׳ ישראל׳טשע איז גראד ביים אויסברוך פון דער מלחמה, מיט׳ן גאנצען בני־בית נישט געווען אינדערהיים, ווײ־לענדיג אין די בעדער. אבער דיערהערענדיג, אז די רוסישע אר־מעע דערנעהנטערט זיך צו דער שטאדט, האבען די מקורבים זיך צוגעאיילט. זיי האבען דעם רבי׳נס אוצרות און טייערע חפצים פערפאקט אין דריי קאסטענס און פערגראבען זיי אין פארק אויף א פערבארגען ארט. דאס דאזיגע ארט איז דאן גע־ווארען פערזיכערט און פערזייהט מיט פערשיעדענע פלאנצונגען.

ווי קיינמאל נאָרנישט.

דאָס איז, נאַטירליך, געווען אַ גרויסער סוד אַפילו פאַר די משרתים, וואָס האָבן געדינט אין רבי׳נס הויף. אָבער ווי נאָר פּאַניע׳ס מתנות זענען געקומען קיין טשאָרטקאָוו, האָט עמי־צער פון די קריסטליכע הויף־משרתים, ווער עס איז, אַפנים, דערטאַפּט געוואָרן דעם סוד, געמסר׳ט פאַר די צאַרישע חיילות און מען האָט דעם פאַרבאָרגענעם אוצר אויסגעגראָבן, און דאָן די קאַסטענס מיט די טייערע חפצים אָבגעשיקט פאַר׳חתמ׳עט, אונ־טער אַ מיליטערישער וואַך, קיין קיעוו, וואו מען האָט זיי בעה־אַלטען אין אַ קלויסטער.

אין די קאַסטענס האָבן זיך געפונען, צווישען די טייערע גאָלדענע און זילבערנע חפצים, אויך די גאָלדענע מנורה, וואָס האָט געשטאַמט נאָך פון ריזשינער צדיק, דער קידוש־בעכער און פיעל אַנדערע אַנטיקען.

די חנוכה־מנורה איז געווען אַ זעלטען קונסט־ווערק, גע־מאַכט לויט דער מנורה, וואָס האָט זיך געפונען אין בית־המקדש. די מנורה האָט געמאַכט אַ ווינער ערשטקלאַסיגער קינסטלער, און האָט אָבגעקאָסט שווערע צענדליגער טויזענדער רענדלער.

דער גאָלדענער קידוש־בעכער האָט, ווידער געמאָלט שטאַ־מען פון די טראָפּען, וואָס די רוימער האָבן פאַרכאַפּט אין די צייטען פון טיטוס הרשע.

אויף דעם קידוש ־ בעכער איז געווען אויסגעגראַווירט „יציאת־מצרים", די וואַנדערונג פון יודען אין דער מדבר, קבלת־התורה און אַנדערע בילדער פון דער תורה, וואָס האָבן אַ שייכות צו יענער צייט.

אויך די איבעריגע חפצים, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרען אין רבי׳נס הויף, האָבן מייסטערס געהאַט אַ קינסטלערישען און היסטאָרישען ווערט. אַ סך מאָל זענען דעריבער די דאָזיגע חפצים געווען אויסגעשטעלט אויף די ווינער אויסשטעלונגען און זיי זענען פון פאַכקענער און בעזוכער שטאַרק בעוואונדערט

און געליבט געוואָרען.

ווען די גלחים פון קיעווער מאָנאַסטיר האָבען געעפענט די דאָזיגע קאַסטענס און דערזעהען פאַר זייערע אויגען די דאָזיגע אַנטיקען, האָבען זיי צוליעב אומבעוואוסטע סיבות נישט געוואָלט צו זיי צולעגען זייערע הענד און אויך נישט געהאַט קיין גרויס חשק די דאָזיגע חפצים צו פערווענדען אויף ריטועלע צוועקען אין קלויסטער, האַלטענדיג איבערהויפט די מנורה און קידוש־בעכער פאַר הייליגע ספּעציעל יודישע רעליקוויען.

האָבען זיי די אַלע זאַכען צוריק פערפּאַקט אין די קאַסטענס און זיך צו זיי נישט צוגעריהרט.

* * *

פון אַלע זייטען זענען דערווייל געמאַכט געוואָרען גרויסע אַנשטרענגונגען און השתדלות׳ן ביי דער רוסישער מאַכט, ספּעציעל ביים גענעראַל איוואַנאָוו, וועגען צוריקגעבען די פערכאַפּטע חפצים פון טשאָרטקאָווער הויף. אָבער דאָס אַלץ האָט קיין שום פּעולה נישט געהאַט.

אויך האָבען גאָרנישט געהאָלפען די אינטערווענצען פון די נייטראַלע מלוכות ביי די רוסישע דיפּלאָמאַטישע פערטרעטער וועגען דעם, און די מקורבים פון רבי׳ן האָבען זיך שוין איינגאַנצען מיאש געווען פון די חפצים.

דער טשאָרטקאָווער רבי, דערוויסענדיג זיך וועגען דעם דאָזיגען רויב, האָט זיך, אמת, שטאַרק מצער־געווען, אָבער זיך נישט מיאש־געווען דערפון. ער פלעגט יעדעס מאָל זאָגען זיינע מקורבים, ווען עס איז זיי אויסגעקומען צו רעדען מיט איהם וועגען דער דאָזיגער מנורה און די איבעריגע חפצים, אַז פאָניע וועט זיך נאָך בעטען מען זאָל ביי איהם צוריקנעהמען די קאַסטענס מיט די חפצים.

דערווייל איז אונטערגעקומען חנוכה־צייט און ר׳ ישראל׳־משע האָט נישט געהאַט קיין מנורה צו בענשען חנוכה־ליכט. האָבען זיינע גבירישע חסידים, וואָס האָבען זיך אויך אין דער

מלחמה־צייט אויפגעהאלטען אין דער פרעמד, צונויפגעלעגט א גרויסע סומע געלד און ביי א וויענער קינסטלער געלאזט אום־פארטיגען פאר׳ן רבי׳ן א נייע חנוכה־לאמפ פון כסף־טהור. זיי האבען עס טאקע איבערגעגעבען צו דער ריכטיגער צייט אלס מתנה במקום חנוכה־געלד.

דער טשארטקאווער איז שטארק איבערראשט געווארען פון דער הערליכער מנורה און ער האט זיך געגרייט אנצוצינדען אין דער נייער מנורה דאס ערשטע ליכטעל מיט גרויס פאראד, מיט מוזיק און געזאנג, מיט טענץ און מיט א סעודה פאר די חסידים.

די חנוכה־פייערונג איז תמיד פארגעקומען אין טשארטקאוו מיט נגנים פרייד, אבער דאסמאל, אין דער פרעמד, איז די שמחה נאר געווען צוליב דער נייער מנורה.

ביי דער געלעגענהייט האט דער רבי דערמאהנט די אלטע מנורה, וואס די רוסען האבען פערכאפט, און ער האט דערפאר זייערע יאהרען פערשאלטען. מען האט געזען בעשיינ־פערליך, אז ר׳ ישראל׳טשע האט געהאט דערפון גרויס עגמת־נפש, אבער ער פלעגט זיך תמיד טרייסטען מיט דעם, אז ס׳וועט קומען א צייט, ווען פאניע וועט האבען א גרויסע מפלה און מען וועט איהם נאך בעטען, אז ער, דער רבי, זאל צוריקנעהמען די חפצים זיינע.

דעם רבי׳נס הערליכער פאלאץ אין טשארטקאוו איז געווען פערוויסט און פערניכטעט, זיינע חסידים — פעריאגט און פער־טריבען, נע־ונד אין דער גאנצער וועלט, און וועגען צוריק זיך בעזעצען אין טשארטקאוו האט קיין רייד נישט געקאנט זיין. דאך האט ר׳ ישראל׳טשע נישט אויפגעהערט צו חלומ׳ען און צו האפען וועגען צוריק אויפבויען די חורבות פון זיין רעזידענץ.

דערווייל האבען די הארמאטען ווידער אנגעהויבען צו „רע־דען” מיט זייער פייער־פלאמענדיגע צונגען אויף דעם גאליצ־יאנער פראנט.

די פערבינדעטע ארמעען האבען אומגעריכטערהייד דורכ־

געבראָכען ביי גאָרליץ דעם רוסישען פראָנט (מאַי 1915). רוס־לאַנד האָט געליטען איין מפּלה נאָך דער אַנדערער. די רוסישע אַרמעע האָט זיך געמוזט אויפ׳ן גאַנצען ברייטען און לאַנגען פראָנט צוריקציהען, ווערענדיג פערפאָלגט פון שונא. האָט מען גענומען „מפשפש זיין במעשים" און מען האָט זיך דערמאָהנט אַז די קאַסטענס הייליגע חפצים, וואָס מען האָט ביים טשאָרט־קאָווער צדיק צוגערויבט. האָט מען זיי גענומען אַרומזוכען און נאָך לאַנגע זוכעניש האָט מען זיי געפונען אין קיעווער מאָנאַס־טיר. איז אַרויס אַ בעפעהל, די קאַסטענס מיט אַלע זאַכען תיכף צוריקשיקען קיין טשאָרטקאָוו צום דאָרטיגען בירגערמייסטער.

מיט אַן׳עקסטרא־צוג האָט מען זיי, אונטער אַ גרויסער שמירה, געבראַכט קיין טשאָרטקאָוו מיט דעם בעפעהל, אַז דער בירגערמייסטער זאָל די קאַסטענס פערמאַכטערהייט איבערגעבען אין רבינ׳ס הויף און אַרויסנעהמען אַ בעשטעטיגונג, אַז זיי זע־נען דערהאַלטען געוואָרען אין דער בעסטער אָרדנונג און אַז טשאָרקטאָוו האָט מער צו דער רוסישער מאַכט קיין טענות נישט.

דיזאָזיגע בעשטעטיגונג האָט געמוזט דער בירגערמייסטער באַלד צוריקשיקען מיט די זעלנער פון דער שמירה, וואָס האָבען געבראַכט די זאַכען.

די בשורה, אַז די רוסישע רעגירונג האָט פרייוויליג צוריק־געשיקט דעם טשאָרטקאָווער רבינ׳ס חפצים, האָט שטאַרק איי־בערראַשט די וועלט. מען האָט נישט געוואוסט, וואָס איז איי־גענטליך דאָ געשעהן, מען האָט די קאַסטענס פאַר די אויגען פון בירגערמייסטער געעפענט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז עס פעהלט גאָרנישט. האָט מען זיך צוגעאיילט דערפון מודיע צו זיין דעם רבי׳ן קיין ווינען, וואו ער האָט זיך דאַמאָלס מיט זיין גאַנצען הויף אויפגעהאַלטען. האָט דער רבי געהייסען אַריינשי־קען די חפצים צו זיך קיין ווינען. דער עולם איז געקומען זעהן מיט די אייגענע אויגען דעם נס, וואָס איז געשעהן מיט דעם

רבּית'ס חפצים. געקומען זענען אויך א סך הויכגעשטעלטע לייט מיט זייערע פרויען צו בעטראכטען די וואונדערפולע קונסט־אַנ־טיקען. אַלע האָבען אין דעם געזעהן אַ מופת.

אָבער וויפיל ער זאָל זיך נישט האָבען געפרעהט מיט דער צוריקבעקומענער גאָלדענער מנורה, האָט דער רבי קיין חנוכה־ליכט מער אין איהר נישט געצונדען, וויל יונ'ישע הענד האָבען זי מטמא געווען. וויטער האָט שוין דער טשאַרטקאָווער גע־בענשט נאָר אין דער זילבערנער מנורה, וואָס ער האָט בעקומען פון זיינע חסידים.

אָבער פּאַניע איז שוין דאַמאָלס געווען אינגאַנצען פער־טריבען פון גאַליציען, און דער גענעראַל איוואַנאָוו איז אַראָב אין דעמיסיע; דאָס אָבגעבען דעם טשאַרטקאָווער רבי'ן די מנורה האָט שוין אַגך נישט געהאָלפען.

די פשעדבאָזשער דינאַסטיע

א.

דער רבי ר׳ ישעיה׳לע איז געווען איינער פון די 18 תלמי־דים פון רבי׳ן פון לובלין, דעם „חוזה", וועלכע זענען אליין גע־וואָרען רביים. ווען ער איז געקרוינט געוואָרען אלס רבי, איז ער אויך געגאַנגען אין די דרכים פון זיין גרויסען רבי׳ן.

אין דער שטאָדט לאַסק, ביי לאָדז, איז דער רבי געבוירען. ער שטאַמט פון אַ גרויס־יחוס׳דיגער רבנישער פאַמיליע אין פוי־לען. זיין עלטער־זיידע ר׳ מאיר געץ איז געווען רב אין לאַסק און אין פיעטריקאָוו און איז געווען שטאַרק אָנגעזעהען אין דער לומ־דישער וועלט. זיין פאָטער, ר׳ מאיר, איז איהם יונגערהייד גע־שטאָרבען, נישט איבערלאָזענדיג מעהר קיין קינדער, ווי איהם אליין.

דער אָרימער, פערוואָגעלטער יתום איז געגאַנגען אין די וועגען פון זיינע אבות, געלערענט ביים „עטרת־פז" און גע׳שמ׳ט אלס לאַסקער עילוי.

און קוים איז ער אלט געוואָרען 14 יאָהר האָט איהם אַ פשעדבאָזשער בעל־הבית גענומען פאַר אַן אייניקעם בתנאי, אַז ער זאָל ווייטער זיצען און לערנען תורה לשמה.

אין פשעדבאָזש האָט זיך ר׳ ישעיה׳לע בעקענט מיט׳ן זוהן פון דאָרטיגען מגיד, ר׳ יעקב יצחק, וועלכען מען האָט שוין דאַן

געראָפּט: דער „יוד הקדוש" און ביידע זענען זיי, פערלאָזענדיג זייערע ווייבער, געפאָהרען קיין ליסע לערנען אין דער ישיבה פון ר' דוד מעוועלע, וואו זיי האָבען געלעבט מיט „פת במלח", מיט א שטיקעל טרוקען ברויט און מיט א גלעזעלע וואַסער אויף דער גאָלער ערד... ווען זיי זענען אהיימגעקומען קיין פּשיסכע נאָך עטליכע יאָהר לערנען אין ליסע, האָט זיך פערבעטן צו זיך דער „חוזה" (דורך ר' דוד לעלעווער).

אזוי ווי ר' ישעיה'לע איז געווען שטארק מפורסם אין דער לומדישער וועלט מיט זיין נאָגונות און חסידות, האָט מען באַלד נאָך דער פּטירה פון „חוזה" (תקע"ה), ווען דער עולם האָט זיך צעטיילט מיט דער „ירושה", אויך געקרוינט ר' ישעיה'לען אַלס פּשיסכער רבי. זיין חבר, ווידער, דער „יוד הקדוש", איז נאָך נתגלה געוואָרען בעת דער „חוזה" האָט נאָך געלעבט.

ר' משה לעלעווער, ר' דוד'לס א זוהן, ר' יאָסעלע נייישטעטער, ר' אהרן קראקאווער, דער „תפארת שלמה" און נאָך אַנדערע גרויסע לומדים און צדיקים זענען געוואָרען ר' ישעיה'לעס חסידים און „יושבים".

דער רבי ר' ישעיה'לע איז געווען כל ימיו א יושב אוהל, געפיהרט א בעשיידען לעבען. אלס שטאָדט־רב האָט ער געהאַט קוים בצמצום חיונה פון זיין קהלה, האָט ער געמוזט אויך נעהמען פּדיונות, אָבער דאָס געלד, וואָס ער האָט צונויפגענומען פון די אָרעמע, פון די ביטערע הערצער, וואָס זענען צו איהם געקומען, האָט ער פערווענדעט אויף דברים שבצדקה. ווער ס'איז אריין צום רבי'ן ר' ישעיה'לע הרגעריג — דער איז אַרויס זאט.

די שטאָדט האָט געהאַט גרויס יראת הכבוד צו איהם. נישט אומזיסט: ער האָט אויף איהר זיין גאַנץ לעבען מַבין געווען.

מען דערצעהלט נאָך היינט אין שטעדטעל וועגען איהם א יעדר כאַראַקטעריסטישען אנעקדאָט.

אנומעלם זענען געקומען קיין פּשיסכע דייטשע טוב־מאָבערם (אַזוי־גערופענע „סוקיעניקעס") און האָבען דאָרט געבען

דער פיליצע אויפגעבויט א טוך־פאבריק, וואס האט אריינגע־בראכט א סך שפע אין דער שטאדט.

דערפון האבען מייסטענס גענאסען יודען, ווארום נישט־קאנענדיג קיין אנדער שפראך, ווי דייטש, האבען זיך די דייטשען געקאנט פערשטענדיגען נאר מיט יודען. נו, האבען זיך די בעל־בת׳ישע טעכטער מיט די דייטשען שטארק גע׳חבר׳ט ארומשפאצירט מיט זיי פראנק און פריי איבער די גאסען און דערביי איז אויך קארטאפעל אין פושעדבאזש טייער געווארען און דער ארימאן האט נישט געהאט פארוואס צו קויפען קאר־טאפלעס.

דערוויסענדיג זיך דערפון, האט ר׳ ישעיה׳לע אויפגעהויבען א שטורם געגען די יודישע טעכטער און זייערע עלטערן, מוסר׳ענדיג און שטראפענדיג זיי מיט הארבע רייד.

די דייטשען, דערהערענדיג, אז דער יודישער רבי שרייט גשוואלד, וואס די יודישע קינדער חבר׳ן זיך מיט זיי, האבען צום רבי׳ן ר׳ ישעיה׳לע אריינגעשיקט „גוטע פריינד", צוזאגענדיג איהם א גרויסע אפותיקי, אבי ער זאל לאזען די יודישע מיידלעך צורוה...

כאטש ר׳ ישעיה׳לע איז געווען דעמאלט נאך א גרויסער נצרד, האט ער, פערשטעהט זיך, מיט גרויס פעראכטונג אבגע־ווארפען דעם דאזיגען פארשלאג און טאקע פערשאלטען די פאב־ריס, אז זי זאל איינגעזונקען ווערען...

און מיט אמאל — דערצעהלט ווייטער די לעגענדע — האט די ארבעט אין דער פאבריק טאקע אנגעהויבען גיהן בארג־אראב. די בעלי־בתים פון דער פאבריס האבען געמוזט אבשטעלען די ארבייט, די ארבייטער זענען זיך צוליב דעם צעפאה־׳ען איבער דער וועלט און קארטאפעל איז טאקע אויך באלד ביליגער גע־ווארען...

וועגען דעם דאזיגען מופת רעדט מען נאך היינט אין שטעד־טעל און ווען דו קומסט קיין פושעדבאזש — קאנסטו נאך היינט

זעהען די איינגעפאלענע, מיט נראז און מאך־בעוואקסענע מויע־
רען פון דער טוך־פאבריק, וואס די דייטשען האבען אויפגעבויט
און וואס דער רבי ר׳ ישעיה׳לע האט פערשאלטען. עס ווערט
אויך דערצעהלט וועגען דעם דאזיגען צדיק פאלגענדעס:

אין איינעם א פריהמארגען, אין דער צייט, ווען ר׳ ישעיה־
לע איז געווען רבי, האט די מאכט גענומען פאדערען, אז יעדער
יוד זאל זיך אויסוועהלען א פאמיליען־נאמען.

דער, וואס איז געווען דער ממונה איבער די „נעמען", האט
נאטירליך, דערביי אויך געזוכט א ביין אבצולעקען.

ווען מען האט איהם קיין געלד נישט געגעבען, האט ער גע־
געבען א בעליידיגענדען, מיאוס׳ען ביי־נאמען, כדי די פאמיליע
זאל זיך שעמען דערמיט...

און אט, ווען מען האט געפאדערט פון רבי׳ן ר׳ ישעיה׳לע,
אז ער זאל זיך אויסוועהלען א ביי־נאמען, האט ער זיך געהייסען
פערשרייבען: „וועלט־פרייד".

דער בעאמטער, וועלכער האט גוט פערשטאנען די בעדיי־
טונג פון דאזיגען אויסדרוק, האט נישט געוואלט דעם דאזיגען
נאמען פערשרייבען, וועלענדיג דערפאר א ביסעל שוחד... דער
רבי, א גרויסער שונא־בצע, האט אבער קיין געלד איהם נישט
געהייסען געבען: דער בעאמטער איז דאן פלוצלונג געפעהרליך
קראנק געווארען און א צווייטער האט איהם דערווייל פערטרע־
טען. דער האט פערשריבען דעם רבי׳נס נאמען „וועלט־פרייד"
אהן א שום ווידערשטאנד און אהן בעלוינונג...

מיט׳ן רבי ר׳ ישעיה׳לע האט זיך מאקע די גאנצע וועלט
געפרעהט. ער האט נישט געהאט געגען זיך כמעט קיין מתנגדים,
ווי די אנדערע גוטע יודען אין זיין צייט.

מיט זיינע תפילות, זאגען חסידים, האט ער מבטל־געמאכט
א סך גזירות אויף יודען. ווער ס׳האט נאר איבערגעטרעטען די
שוועל זיינע, איז שוין געהאלפען געווארען הן מיט פרנסה, הן
מיט אנדערע ישועות.

כל־זמן ר׳ ישעיה׳לע האט געלעבט זענען די יודען אין פשעדבאזש געשוואומען אין כל־טוב — אזא שפע פון פרנסה איז געווען אין שטעדטעל.

ער זעלבסט איז געווען א שמח־בחלקו, און ווען ר׳ יעקל ווידאמער האט זיך בעזעצט אויף יענער זייט שטאדט, אין דארף ווידאמע, הינטער דער פיליצע, און אנגעהויבען צו פיהרען רבי׳שקייט, געבענדיג ברכות און סגולות, האט זיך ר׳ ישעיה׳לע דערפון גאנץ ווייניג געמאכט... אדרבה, זאל נאך א יוד, א צדיק, מגין־זיין אויף דער זינדיגער וועלט...

פונדעסטוועגען, ווען מען האט איהם צוגעטראגען, אז ר׳ יעקעלע ווידאמער חנפ׳עט זיך צו איהם, האט ר׳ ישעיה׳לע גע־ענטפערט אויף האלב פויליש און האלב יודיש: „טו יאק טו, „ותם" מה הוא אומר", — ד. ה.: דא ווי דא, אבער ביי זיך וואס זאגט ער? ער האט איהם דערמיט אויפ׳ן רבי׳שען שטייגער גע־וואלט א שטאך געגעבען אנרופענדיג איהם: „תם".

אנ׳ערך אין עלטער פון 75 יאהר איז ר׳ ישעיה׳לע נפטר געווארען (ד׳ אלול תקצ"א).

ביי זיין קבר שטעהט אנ׳אוהל. צו וועלכען דער פרומער עולם איז נאך ביז־היינט עולה־רגל.

* * *

דער רבי ר׳ ישעיה׳לע האט געהאט נאר אנ׳איינציגען זוהן, ר׳ עמנואל. נאך דער פטירה פון זיין פאטער איז ער נאך יונג געווען, דעריבער האט ער נישט געוואלט איבערנעהמען דאס רבנות אין פשעדבאזש.

האט דערווייל פערטרעטען זיין ארט ר׳ משה׳לע לעלעווער, און ערשט נאך זיין אבפאהרען קיין ארץ־ישראל איז דער רבי ר׳ עמנואל געווארען דער ממלא־מקום פון זיין גרויסען פאטער.

אין עלטער פון 63 יאהר איז ער נפטר געווארען אין ווארשא (כ"ז שבט תרכ"ה) און איז אויך דארט געקומען צו קבורה. זיין אוהל געפינט זיך נישט ווייט פון „ווארקערס" „אוהל"...

זיין זוהן, ר' אברהם־משה'ל וועלטפרייד, וועלכער איז געווארען דער ממלא־מקום פון ר' עמנואל'ן, איז דורכגעגאנגען אין זיין לעבען גרויסע נסיונות...

ווען ער האט (אין יאהר 1872) געוואוינט אין שטעדטעל סאַלעיאוו, נעבען פיאטרקאוו, האט מען איהם געמאכט א בלוט־בלבול.

ס'איז גראד פון שטעדטעל אוועקגעקומען א שייגעצ'ל. דאס איז געווען פאר פסח. האט מען בעשולדיגט דעם „ראבין", אז ביי איהם האט מען ס'קינד געשאַכטען „אויף בלוט צו מצות". דער המון איז בעפאלען גראד צום סדר דעם רבי'ן, מען האט אלץ אין זיין שטוב דעמאלירט און צוגערויבט, מען האט געריסען די פאדלאגעס און די ווענד. ערשט ווען מען האט דאס שייגעצ'על געפונען צומארגענס ארומבלאנדזשען אין שטאדט־וועלדעל, האט מען די יודען מיט'ן רבי'ן בראש אבגעלאזט פון אויג...

דערנאך איז ער געווארען רבי אין פשעדבאזש. האבען וויי־דער איהם צוליב געוויסע סיבות די דארטיגע „פני" גע'רודפ'ט און פעריאגט פון שטעדטעל, צוליעב וואס ר' אברהם - משה'ל האט זיך מיט זיין הויף בעזעצט אין ראפשע, אזוי, אז מען האט איהם אויך גערופען: „ראפשער רבי".

אבער אויך דא האט ער נישט געהאט גרוים נחת, כאטש די שטאדט אליין האט איהם שטארק נוהג־כבוד־געווען.

צוערשט האט איהם געטראפען אזא מין זאך: א שבת־גוי'ע. פלעגט קומען הייצען ביים רבי'ן אום ווינטער אין אויווען. האט זי די רבי'צין מכבד געווען על־פי־טעות מיט א גלעזעל לאַ־קעך (א סם, מיט וועלכען מען האט פארצייטענס געפוצט דאס קופער), אנשטאט מיט בראנפען, און די גוי'ע איז דערפון גע־שטארבען.

די ארטיגע גויים האבען זיך באלד געווארפען אויפ'ן רבי'נס הויז, מען האט געמאכט אויספארשונגען א. אז. וו., אבער דעם רבי'ן איז געלונגען מיט פערשיעדענע מיטלען דעם

נעם און צאָרן פון דער בעפעלקערונג איינצושטילען.

בעת דער מלחמה ווידער איז אויסגעקומען דעם אַלטען רבי'ן מיט זיין הויף צו הונגערן. באַנדיטען זענען בעפאַלען מיט געוועהר אין דער האַנד זיין וואוינונג, זוכענדיג געלד אין דער געפאַנצערטער קאַסע. דער רבי פערלאָזט דאַן ראָספּשע און בעזעצט זיך אין פּיאָטרקאָוו. דערוויילע האָבען זיינע פּשעדבאָזשער שונאים חרטה אויף זייערע אַלטע זינד און, מפייס זייענדיג דעם רבי'ן, האָבען זיי איהם צוריק גענומען קיין פּשעדבאָזש, וואו דער רבי האָט זיך צוריק בעזעצט. דאָרט איז ער אויך נפטר געוואָרען כ"ב אלול תרע"ח אין עלטער פון 78 יאָהר.

באַטש ער האָט פערזאָגט, אַז מען זאָל איהם נישט קובר זיין אין „אוהל" פון זיין גרויסען זיידען, האָט אָבער אַ בית־דין גע'פּסקנ'ט, אַז איהם קומט הייליג דאָס אָרט.

דער רבי ר' אברהם־משה'ל איז געווען אַ גרויסער חכם. אַ גאַנצע וועלט איז צו איהם געפאָהרען און אפילו קריסטען האָבען פון איהם שטאַרק געהאַלטען.

אַ געוויסער פריץ פון יענער געגענד, טוראָבאָווסקי, האָט גאָרנישט געטהון, נישט האַלטענדיג פריהער אַנ'עצה מיט'ן ראָספּשער „פּראָראָק". פיהרענדיג פּראָצעסען וועגען ירושה־מאַיאָנטקעס, האָט ער — ווי ער האָט שטענדיג דאָס בעטאָנט פאַר זיינע קריסטליכע פריינד — אין זכות פון ראָספּשער רבי'ן זיי אַלע געוואונען...

און ווען ער האָט נאָך דער פטירה פון ר' אברהם משה'ל אַנומעלט פערשפּיעלט אַ פּראָצעס, האָט ער, אויסהערענדיג דעם אורטייל, אין גרעסטער אויפרעגונג געשריגען אין געריכט, אַז כל־זמן „זיין רבי" האָט געלעבט האָט קיין שום געריכט נישט געהאַט קיין שליטה איבער איהם. דערביי האָט ער זיך שטאַרק אָנגעוויינט...

נאָך ביז היינט בעזוכט דער דאָזיגער פריץ דאָס קבר פון זיין רבי'ן און וויינט דאָרט זיך אויס זיין ביטער האַרץ...

אהן דערמאָהנען „זכות־אָבות" האָט דער רבי ר' אברהם־משה'ל קיין ברכה און קיין סגולה קיינעם נישט געגעבן, אָנדער־פענדיג שטענדיג זיינע הייליגע אָבות ביי די נעמען.

די דינאַסטיע פון ר' ישעיה'לע פשעדבאָזשער עגזיסטירט ביז היינט. דעם ראָספשער'ס זיהן זענען: דער פּאָביאַניצער און דער טאָמאַשאָווער רבי.

דער וואָלבאָזשער רבי ר׳ בעריש

א.

דער רבי ר׳ בעריש וואָלבאָזשער איז געווען איינער פון די לעצטע פון אַלטען דור „גוטע יודען״ אין פוילען.

ר׳ בעריש איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תקס״ג אין פיעטריקאָוו. זיין פאָטער, ר׳ משה טאַרנהיים איז געווען א פשוטער בעל־הבית, געהאַנדעלט מיט תבואה, וואָס ער האָט איינגעקויפט ביי די פויערים און געלאָזט עס מאָהלען.

האָבענדיג נאָר אַן׳איינציגען זוהן, האָבען ר׳ משה און זיין ווייב, ברײַנדעל, אָבגעשפּאָרט זיך פון מויל, געלאָזט זייער בעריש׳ל לערנען ביי די בעסטע מלמדים און דאַן איהם אוועקגעשיקט קיין זגיערזש לערנען ביים דאָרטיגען רב ר׳ שלום צבי כ״ץ.

דאָ האָט ר׳ בעריש וואָלבאָזשער געלערענט מיט גרויס התמדה. צו 18 יאָהר האָבען איהם זיינע פרומע עלטערן חתונה־געמאַכט מיט א טאָכטער פון א פּאָביאַניצער בעל־הבית.

באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך אסתר מלכה, דאָס יונגע ווייבעל, געעפענט א געוועלבעל און איז געוואָרען די פרנסה־געבערין.

ר׳ בעריש׳ן ווערט אָבער נמאס צו עסען „לחם־חסד״ פון זיין כשר ווייבעל, פאָהרט ער צום רבי׳ן קיין מאָגעלניץ און

דאַרט טאָטע, ביים מאָגעלניצער רבי'ן, זיצט ער אָב פון פורים ביז איבער סוכות ווערענדיג זיין „נושא־כלים".

אזוי לעבט אָב ר' בעריש'ל אין פרישות און חסידות גאַנצע יאָהרען אין מאָגעלניץ און נאָך דעם מאָגעלניצער'ס פטירה ווערט ער א „יושב" אין קאָזשעניץ, ביים רבי'ן ר' אליעזר'ל, דעם קאָזשעניצער מגיד'ס אַנ'איידעם.

פאַר דער צייט ווערט ער מפורסם אין דער לומדיש־חסידישער וועלט אלס גרויסער צדיק. ווען ער איז נאָך געווען א „יושב" ביי זיינע רביים, האָבען יענע גוטע יודען געהייסען זייערע חסידים זיך ביי איהם מזכיר זיין. זייענדיג אָבער א גרויסער עניו, האָט ער זיך געהאַלטען ווייט פון פרסום און איז געווען א גרויסער „נחבא אל תכלים".

מען דערצעהלט, אז אַנומעלט איז דער רבי ר' יצחק'ל וואָרקער שווער קראַנק געוואָרען. ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה קיין מאָגעלניץ, איז ר' בעריש'ל אַרוים אויפ'ן פרייען פעלד, אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און געבעטען גאָט, אז ער זאָל ליבערשט איהם צונעהמען, איידער דעם וואָרקער צדיק, וואָרום — האָט ער נע'טענה'ט מיט'ן רבונו של עולם — דעם רבי ר' יצחק'ל דאַרף די וועלט האָבען און אָן איהם, ר' בעריש'ן, קען זיך די וועלט בעגעהן...

און ווען דעם וואָרקער איז דערנאָך טאַקע בעסער געוואָרען, האָט זיך ר' בעריש געזעגענט מיט'ן מאָגעלניצער און איהם דערביי דערצעהלט די גאַנצע מעשה, אז ער גרייט זיך איצט צו שטאַרבען צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעגעבען פאַר א קרבן דעם רבונו של עולם ביים לעבען...

דער מאָגעלניצער, דערהערענדיג די דאָזיגע מעשה, האָט איהם געטרייסט און געהייסען איהם פערבלייבען, וואָרום אין פסוק שטעהט: „ברוך פודה ומציל", ד. ה. גאָט לייזט אויס פון טויט און איז אויך מציל דאָס לעבען פון דעם, וואָס וויל יענעם

אויסלייזען... און ר׳ בעריש׳ל הערענדיג די רייד פון זיין גרויסען רבי׳ן האט זיך בערוהיגט און געטרייסט און האט ווייטער עוסק געווען אין תורה און עבודה מיט גרויס התמדה און מסירת נפש.

ב.

אין זיין צייט האט זיך ערשט אנגעהויבען צו ענטוויקלען דאס קליינע שטעדטעל וואלבאזש. אין דעם דאזיגען שטעדטעל האבען יודען פריהער נישט געטארט וואוינען, וויל עס האט געהערט צו די גלחים. בעזעצט, אבער, האבען זיך די יודען אויף פריצישער ערד הינטער דער שטאדט, אויף וועסאלע. האט אסתר מלכה פערלעגט איהר קליין קלייטעל אין וואלבאזש. ר׳ בעריש׳ל פלעגט פון צייט צו צייט קומען אהיים צו זיין בני־בית. ער גרינדעט דארט אין אלול תקצ״א די „חברה־קדישא״ און „בקור־חולים״, ער שרייבט אונטער די „תקנות״ פון דער חברה, לויט וועלכע מען האט געמוזט אבצאהלען דער חברה־קדישא פאר קובר זיין א מת א ספעציעלען אבצאהל (קאזשעבאלעז). א געוויסע צייט איז ער בכבודו ובעצמו גבאי פון דער חברה, פיהרענדיג זיך, ווי א געוועהנליכער בעל־הבית אין דער שטאדט.

און ווען די שטאדט קלויבט איהם אויס, אין עלטער פון 59 יאהר, פאר א רב און ער ווערט א שטענדיגער תושב אין וואלבאזש, הויבען זיך אן צו שיטען צו איהם פון אלע עקען פוילען חסידים און סתם בעלי־בתים און דערזעהט זיך פלוצלונג אלס רבי. א גרויסער עולם פון קאזשעניץ האט זיך אויך איבער־געטראגען צו איהם און דער רבי ר׳ בעריש פון וואלבאזש האט אנגעהויבען צו שמ׳ן ווייט און ברייט אלס גרויסער בעל־מופת.

ביי דעם אלעם האט אסתר מלכה, די רבי׳צין, ווייטער גע־פיהרט איהר אר־עם קלייטעל; ביי דער „בערקאווע״ — אזוי האבען זי גערופען די פויערים — האט דאס פויערים־פאלק אלץ איינגעקויפט, גלויבענדיג, אז אין זכות פון איהר הייליגען מאן, ווערען אויך זייי געהאלפען. זיי פלעגען איהר געבען צו לייזען

און נאָר געהאַלטען פאַר אַ זכיה צו קויפען ביי איהר.

פון דעם גשוועלבעל האָט די רבי'צין געמוזט אויסהאַלטען דאָס הויז. דער רבי ר' בעריש האָט איהר נאָר צושטייער געגעבען עטלכע רובל אַ וואָך. דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער פלעגט בעקומען אַלס פדיונות פון זיינע חסידים, האָט ער פערטיילט צווישען נצרכים.

אַ שטיק צייט האָט ער געפאַסט פון שבת צו שבת, פערבייסענדיג בלויז מיט אַ ביסעל פירות.

ער פלעגט מאַכען קידוש מיט אַ בעכער, אויסגעאַרבייט פון שטיין אין ארץ־ישראל און אויפן בעכער פלעגט ער ביים קידוש אָנ'ויפּוצען אַ טייערע זילבערנע קרוין, זאָגענדיג דערביי: „מיר קרוינען היינט ארץ־ישראל". פון דער הבדלה האָט ער שוין נישט טועם געווען, מכבד־זייענדיג אַ צווייטען מיט'ן אויסטרינקען דעם וויין און ווויצלענדיג זיך דערביי אויף האַלב פויליש, האַלב יודיש, ווי דער שטייגער איז געווען ביי די פוילישע „גוטע יודען" פאַרצייטענס: „צאַ קידוש — טאַ חידוש, צאַ הבדלה — וויעלקיע מפּלה"...

מען האָט געמוזט אָבשטעהן אַ סך טעג און נעכט ביז מען האָט געקאָנט אָנקומען צו איהם. און אָנגענומען האָט ער ערשט נאָך האַלבער נאַכט, נאָכ'ן אָבריכטען „חצות", אין דעם בוידעם־שטיבעל, וואָס האָט זיך געפונען איבער זיין בית־מדרש.

דאָרט פלעגט דער רבי ר' בעריש זיצען און האָבען התבודדות און אַ מחיצה פלעגט איהם אָבשיידען פון עולם, וואָס האָט געזוכט ביי איהם הילף.

ער פלעגט שטאַרק מוסר'ן דעם עולם, יעדען געלערענט און אָנגעוויזען דעם וועג פון תשובה, תפילה און יודישקייט־האַלטען.

ג.

אַנומעלט האָט מען בעמערקט — דערצעהלט מען אין וואָלבאָזש — אַז צווישען דעם גרויסען עולם מענער און ווייבער, וואָס פלעגען זיך צונויפזאַמלען פאַר'ן רבי'נס חדר־מיוחד, איז

אויך געשטאַנען גאַנץ רוהיג אַ גרויסער קודלאַטער געלער הונד, וועלכער האָט געוואַרט, אַז מען זאָל עפענען דעם רבי'נס טהיר.

דער עולם האָט געפּרובט דעם דאָזיגען הונד אָוועקיאָגען, אָבער נישט מיט גוטען און נישט מיט בייזען האָט זיך נישט איינגעגעבען איהם אַכצוויאָגען פון רבי'נס הויז. דער כלב האָט אָנגעהויבען מורא'דיג צו וואָיען און צו בילען, ווי ער וואָלט זיך געבעטען ביים עולם, אַז מען זאָל איהם לאָזען דאָ שטעהן.

ווען דער גבאי ר' דוד'ל האָט וועגען דעם צוזויסען געטהון דעם רבי ר' בעריש'ל, האָט ער, דער רבי, געהייסען לאָזען דעם הונד שטעהן ביי זיין טהיר... און יעדען פרייטאָג־צו־נאַכטס האָט זיך דער דאָזיגער הונד אַריינגעגנב'עט אויף אַלע פיר אין רבי'נס שטוב אַריין און זיך געלעגט אונטער'ן טיש, וואו דער רבי איז געזעסען. דער רבי ר' בעריש פלעגט איהם געבען אַ שטיק חלה איינגעטונקט אין וויין פון קידוש. אויך צומאָרגענס האָט דער רבי איהם געגעבען אַ פּאָר טראָפּענס וויין פון קידוש און אפילו פון דער הבדלה. ערשט נאָך הבדלה האָט דער הונד פערלאָזט דעם רבי'נס שטוב, כדי ווידער צו קומען דעם צווייטען פרייטאָג פאַר'ן רבי'נס הויז. ווען עמיצער האָט איהם געוואָלט פון דאָרט פעריאָגען — האָט ער שטאַרק געיאָמערט און געוואָיעט...

אַנומעלט האָט זיך דער רבי ר' בעריש עפּעס צו לאַנג אויפגעהאַלטען מיט דער „המוציא" פאַר'ן הונד. איז זיך דער הונד אַרויסגעקראָכען פון אונטער'ן טיש און אַרויסגעכאַפּט די „מוציא" פון רבי'נס האַנד. — אַזאַ חוצפה האָסטו שוין? — האָט דער רבי צום הונד אַ געשריי געטהון. — אויב אַזוי — געה דיר שוין אַרויס פון מיין שטוב אין דיין רוה אַריין"...

און פון יענעם פרייטאָג־צו־נאַכטס אָן האָט זיך דער הונד מעהר נישט געוויזען פאַר'ן רבי'נס הויז.

דעם גבאי האָט דער רבי מוסר־סוד־געווען, אַז דער הונד איז געווען אַ גלגול פון איינעם אַ פעלדשער, דוד אַפּאָטשנער.

וועלכער האט די יודען געברענטע צרות אנגעטהון און ערשט דורך איהם האט ער בעקומען זיין תיקון...

ווייטער ווערט דערצעהלט, ווי ר' בעריש וואלבאזשער האט מחזיר-למוטב-געווען א לאדזער יוד, וואס איז געווען א גרויסער נגיד, אבער אויך א גרויסער גראבער יונג און בעל־עבירה'ניק. גערופען האט מען איהם אברהם פויער.

האט דאס וויב זיינס אנומעלט זיך צוגעזעצט צו איהם, אז ער זאל פאהרען קיין וואלבאזש וועגען א תיקון פאר זיינע זינד. איז אברהם פויער געקומען קיין וואלבאזש פאר די ימים־נוראים, מיטברענגענדיג דעם רבי'ן טייערע מתנות: א שטיק ווייס אויסלענדיש זייד אויף א כאלאט, אויסגענייהט מיט זילבער (דער רבי ר' בעריש האט געטראגען מלבושים געמאכט פון ווייסען זייד און ארומגענייהט מיט זילבערנע טרעסען), א טייערע ליולקע פון פערלמוטער און א זילבערן שיסעלע צום עסען.

דער וואלבאזשער האט אבער פון דעם בעל־עבירה'ניק גאר נישט געוואלט וויסען און נישט געוואלט צונעהמען פון איהם די מתנות, ביז ער וועט נישט תשובה - טהון אויף זיינע בייזע מעשים.

אברהם פויער האט תחילת זיך געפיהלט זעהר פערשעמט פון רבי'נס רייד, אבער דערנאך איז ער איינגעגאנגען אויף דעם צדיק'ס רצון און איז שוין פערבליבען אין וואלבאזש און תשובה־געטהון, געווארען ביים רבי'ן א פראסטער האלץ־העקער און וואסער־טרעגער. און אזוי האט ער שוין ביז צום טויט אבגעלעבט מיט טרוקען ברויט און וואסער, שלאפענדיג אויף דער גאלער ערד אין רבי'נס בית־מדרש.

אזעלכע בעלי־תשובה'ס און פערבלאנדזשעטע נשמות האט מען געקאנט זעהען אין וואלבאזש א סך. זיי אלע האבען ביים בעל־מופת געזוכט א תיקון.

צוריק מיט 140 יאהר — דערצעהלט מען — ווען ס'איז אויסגעקומען דעם „יוד הקדוש" בעת זיין אבריכטען גלות צו

קומען אין בעגלייטונג פון זיין נושא־כלים ר׳ דוד לעלעווער קיין וואלבאזש און ער האט דארט קיין שום יוד נישט געטראפען, ווייל עס איז נישט ערלויבט געווען יודען דארט צו וואוינען, האט דער „יוד הקדוש״ געהייסען במפיע, אז די יודען זאלען זיך דא בעזעצען און נישט קוקען אויף די אלע חומרות און גזי־רות פון מלכות, ווארום אויף דעם ארט וועט אויפשיינען א גרויס ליכט. וואס וועט בעלויכטען די וועלט.

דאס איז געווען דאס ליכט פון ר׳ בעריש וואלבאזשער.

ר׳ בעריש איז נפטר געווארען אין ב׳ מרחשון תרל״ח, זיי־ענדיג אינגאנצען אלט 75 יאהר.

צו קבורה איז ר׳ בעריש וואלבאזשער געקומען אין פיעט־ריקאוו, וואוהין ער האט זיך געהייסען איבערפיהרען נאך דער פטירה, וועלענדיג ליגען נעבען זיינע אבות, וואס זענען געקומען צו קבורה אויפ׳ן פיעטריקאווער בית־החיים.

דעם גאנצען וועג פון וואלבאזש ביז פיעטריקאוו, א קימא־לן פון 14 קילאמעטער, איז געשטאנען אויסגעשטעלט א שפא־לער מיט יודען און מען האט דעם וואלבאזשער צדיק געטראגען מיט זיין מיטה. דער רבי ר׳ בעריש האט נאך זיך גארנישט אי־בערגעלאזט און אלע זאכען און ספרים האט מען געמוזט פער־קויפען צו דעקען זיינע חובות. דערפאר איז נאך איהם פערבלי־בען א גרויס חיבור אויף תורה, וואס עס האט ארויסגעגעבען אין יאהר תרע״ב זיין אייניקעל, דער טושינער רב, ר׳ חיים ברוך דעמבינסקי, אונטער׳ן נאמען: „עבודת יששכר״.

זיין עלטסטער זוהן איז געווארען דער ממלא־מקום פון זיין גרויסען פאטער. צו איהם איז אויך געפאהרען א גרויסער עולם. א צווייטער זוהן, ר׳ עקיבא מאיר, איז געווארען זוהן אין ליקאוו.

ר׳ יעקב משה האט זיך שטארק אויסגעצייכענט מיט זיין גרויס צדקות און פרומקייט, געהענדיג אין די דרכים פון זיין פאטער.

ביי זיך אין שטוב האט ר׳ יעקב משה געהאלטען טייערע

קאנארקעס, וועלכע האבן אלע ענטציקט מיט זייער שעהן זינ־
גען און חסידים זאגען, אז דאס האט דעם רבי'ן גישט איינמאל
בעגייסטערט צו עבודת־הבורא.

די דאזיגע קאנארקעס האט ר' יעקב משה שטארק אבגע־
היטען, זיי אליין צו עסען און טרינקען געגעבען אא"וו.

אונטער'ן געזאנג פון די קאנארקעס — פלעגט ער אויך
אויפנעהמען דעם עולם, וועלכער פלעגט, אגב, אויך ביי איהם
מוזען אבשטעהן שעה'ן־לאנג ביז זיי האבן געקאנט צו איהם
אנקומען.

ער איז נפטר געווארען י"ד כסלו תרע"ח, זייענדיג 89 יאהר
אלט. איבערגעלאזט האט ער צוויי זיהן. איינער, ר' אלעזר מאיר,
איז געווארען זיין ממלא־מקום. ער איז נפטר געווארען אין זדונ־
סקע־וואלע (אדר, תרפ"ט). דער צווייטער זוהן, ר' צמח, איז רב
אין בעלבאטאוו.

דער אסטראָווצער

א.

איינער פון די געצעהלטע ליכטיגע געשטאַלטען פון פּוילי־שען חסידות אין דער ערשטער העלפט פון צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט איז דער אַסטראָווצער רבי ר׳ מאיר יחיאל הלוי ז״ל.

זיין פאָטער, ר׳ אברהם יצחק, א בייגעל־בעקער אין שטעד־טעל צובין (נעבען ווארשא), האָט קיין זוהן נישט געהאַט. האָט דאָס ווייב, די בייגעל־בעקערין חנה ביילא, אָבגעשלאָגען די שוועלען פון דעם רבי ר׳ אשר׳ל אין פשיסכע, דעם „יוד הקדוש׳ס״ א זוהן, אז ער זאָל פאַר איהם מתפלל זיין און זי איז טאַקע געבענשט געוואָרען מיט א בן־זכר.

זייענדיג אין די הויכע חדשים, — דערצעהלט די פאָלקס־לעגענדע — איז זי ווייטער געלאָפען צו דעם רבי ר׳ אשר׳ל װעגען א ברכה, און ווי ער האָט זי דערזעהן, האָט ער זיך פאַר איהר אויפגעשטעלט, הייסענדיג דעם יונגעל, וואָס זי וועט גע־בוירען, א נאָמען געבען מאיר יחיאל, וואָרום ער וועט בעלויכטען מיט זיין תורה די וועלט.

אין יאָהר תרי״א האָט דער רבי ר׳ מאיר יחיאל צום ער־שטען מאָל דאָס ליכט פון דער וועלט דערזעהען אין יענעם פער־וואָרפענעם שטעדטעל צובין, און קוים ער האָט פערלאָזט די מוטרס שויס, האָט איהם דער גראָדזיסקער צדיק, דער רבי ר׳

אלימלך, צו זיך נענומען און איהם ערצויגען לתורה ולעבודה.

ער צייכענט זיך אויס שוין אלס קינד מיט גרויס התמדה און עילוי'שקייט אין לערנען און מען קרוינט איהם מיט דעם נאמען „צובינער עילוי".

גאנץ יונג מאכט איהם זיין פאטער חתונה מיט דער טאכ־טער פון ר' אברהמ'לע ווארקער, וועלכער האט אויך גע'שמ'ט אלס א גרויסער למדן.

ער האלט זיין געראטענעם איידעם ביי זיך, ער איז איהם מאכל ומשקה און ווען ער איז געווען קוים 22 יאהר אלט, האט זיך שוין די יודישע וועלט געריסען דעם רבי ר' מאיר יחיאל צו האבען ביי זיך אלס רב.

זיין ערשטע רבנות נעהמט ער איבער אין סקיערניעוויץ. ער פערלעגט דא א גרויסע ישיבה. זיין גדלות אין ים־התלמוד וואקסט פון טאג צו טאג, אבער דא האט איהם געטראפען דאס גרויסע אומגליק: ער האט פערלוירען זיין אשת־נעורים, דאס ערשטע ווייב.

דער גראדזיסקער צדיק הייסט איהם ווייטער א שידוך טהון. האט ער חתונה געהאט מיט א צווייט ווייב פון פיאטר־קאוו, מיט ר' ברוך שידלאווסקי'ס א טאכטער. תחילת האט זי נישט געוואלט מסכים זיין אויף דעם שידוך, זי האט נישט גע־וואלט זיין א רבי'צין, איז זי דאך געווען אין דער היים א גאנ־צע בריה'טע, פיהרענדיג א גרויס שניט־געוועלב.

ענדליך האט דער פאטער ביי איהר אויסגע'פועל'ט איהר הסכמה, אינצווישען האט די שטאדט אסטראווצי איהם, דעם רבי ר' מאיר יחיאל, אויפגענומען אלס רב (תרמ"ט).

דער „גראדזיסקער" האט געזאלט זאגען, אז „די אסטראוו־צער בלאטעס זענען גוט פאר זיינעטוועגען". אין אסטראווצע האט ער אויך פערלעגט א גרויסע ישיבה, און פיעל בחורים האבען זיך בעקעסטיגט ביי איהם אין הויז. דער רבי ר' מאיר יחיאל שמ'ט אלס גרויסער גאון, פון ווייט און ברייט ווענדעט

מען זיך צו איהם מיט שאלות להלכה און ער איז דער פוסק.

און ווען דער גראָדזיסקער צדיק איז נפטר געוואָרען (תרנ"ב), האָט זיך א גרויסער עולם מעהאָפטען צום רבי ר' מאיר יחיאל. ער איז שטאַרק איינגעַ'עקשנ'ט, ער וויל נישט ווערען קיין חסידישער מנהיג. דאָך האָבען די חסידים, זיינע יאָנהענגער'ס, גובר געווען און ער האָט אָנגעהויבען צו פיהרען רבי'סטווע. זיינע חסידים זענען געווען מייסטענס לומדים, חשו־בים און נגידים.

ב.

שווערע צייטען איז אויסגעקומען דעם אָסטראָווצער רבי צו איבערלעבען אין דער וועלט־מלחמה.

דאָס אויסברעכען פון דער דאָזיגער בלוטיגער מלחמה, וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבען פון טויזענדער, טויזענדער יודען, האָט דער גרויסער צדיק כמעט פאָראויסגעזעהן און פאָראויס־געזאָגט.

ער האָט ראש־השנה פאַר תקיעת־שופר, א יאָהר פריהער, שטאַרק מרעיש עולם געווען ביי דעם פסוק: „קולי שמעת אל תעלם אזנך לרוחתי לשועתי" (דו פלעגסט שטענדיג הערען מיין שטים, פערבאָרג נישט איצט דיין אויער צו מיין רעמונג און געשריי), האָט זיך דער קדוש שטאַרק צעוויינט, וואָס ער פלעגט נישט טהון אין די פריהערדיגע יאָהרען.

דער עולם, וואָס האָט בייגעוואוינט זיין השתפכות הנפש אין דעם דאָזיגען מאָמענט, איז געוואָרען דערציטערט, מען האָט זיך געריכט אויף עפּעס בייזע אַנשיקעניש און אָדער בייזע גזירות אויף יודען, וואָס דער גרויסער גאון זעהט איין בחוש העין...

די זעלבע מצבע האָט זיך אויך איבערגע'חזר'ט שבת שובה תרע"ד.

ווען דער אָסטראָווצער רבי איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה אין דער שוהל צו האַלטען די טראַדיציאָנעלע דרשה, האָט ער זיך ווידער שטאַרק צוויינט און געיאָמערט אויפ'ן קול, איר

דער ער האט נאך אנגעהויבען עפּיס צו זאגען!

דער גאנצער עולם האט זיך אויך שטארק צוכליפעט אין א גרויס געוויין, אזש מען האט עס געהערט אויף דער גאס.

דאס האט געדויערט עטליכע מינוט און, בעהערשענדיג זיך, האט דער גאון געזאגט צום עולם: „יודען, מען לאזט מיך היינט אין הימעל נישט זאגען אייך קיין מוסר, ווער ווייסט, וואס פאר א יאהר ס'געהט אויף אונז".

„לאמיר תשובה טהון!" — האט ער געשריגען צום עולם, און ווייטער זיך שטארק צעוויינט, פערלאזענדיג די בימה.

אין דעמזעלבען יאהר, ווי בעוואוסט, איז טאקע אויסגעבראכען די ווילדע מלחמה; אסטראווצע האט דערפון שטארק געליטען און בעזונדערס איז דאס לעבען פון אסטראווצער רבי'ן געשטאנען אין גרויס געפאהר.

די מעשה איז געווען אזוי:

ווען די עסטרייכער זענען אריין צום ערשטען מאל קיין אסטראווצע, האט דער קאמענדאנט געפאדערט פון רבי'ן, אז ער זאל איהם תיכף צושטעלען יודען, וואס זאלען פאר איהם שפּיאנירען דעם שונא. האט דער רבי, נאטירליך, נישט זיך גערעכענט מיט דעם דאזיגען בעפעהל און דער קאמענדאנט האט איהם געהייסען דערפאר ארעסטירען, ערלויבענדיג אבער איהם צו האבען ביי זיך א יוד, וואס זאל איהם בעדינען.

דערוויסענדיג זיך פון דעם בעפעהל, האט זיך דער אין דריען־צעבראכענער רבי פרייוויליג צוגעשטעלט צו דער קאמענדאנטור, וואו מען האט איהם געהאלטען 24 שעה אין ארעסט, און דאן ערשט איהם ערקלערט, אז מען האלט איהם אלס „שרוב'ניק", אז די יודען ווע‏לען אבריינגען די אנגעזאמעלטע בלאטעס פון די גאסען.

האבען זיך די יודען דערמיט שטארק צוגעאיילט, יונג און אלט, פרויען און מענער האבען אבגערייניגט דאס מיסט פון די גאסען אין א משך פון עטליכע שעה, און דער רבי איז באלד

דערנאך טאקע בעפריים געוואָרען פון אַרעסט און די יודען פון קאָנטריבוציע.

איצט האָט זיך ערשט דער עולם געכאַפּט, וואָס דער „גראַדזיסקער" האָט געמיינט זאָגענדיג, אַז די „אַסטראָווצער בלאַטעס זענען גוט פאַר איהם", ווען מען האָט אָנגעשלאָגען דאָס אַסטראָווצער כסא־הרבנות דעם רבי'ן ר' מאיר יחיאל.

א דאַנק איהם זענען די דאָרטיגע יודען אָבגעקומען בימי עסטרייך בלויז מיט שרעק צוליעב די בלאָטעס.

אָבער אויך א גרויס נס האָט דער אַסטראָווצער רבי גע־
האָט אין [illegible]

איינעם פון די יודישע אָפיצירען אין דער עסטרייכישער אַרמעע, וואָס זענען געווען דעם רבי'נ'ס אָפטע געסט, האָט דער רבי ביים פערלאָזען די שטאָדט דורך די עסטרייכער צוליעב דער רוסישער איבערמאַכט, געמוזט געבען צום אָנדענק א קריסטאַל־גלאָז, וואָס דער אָפיציער האָט געהאַלטען ביי זיך אַלס סגולה.

איז אָבער דער דאָזיגער אָפיציער, א הויפּטמאַן, באַלד נאָכ'ן פערלאָזען די שטאָדט, אַריינגעפאַלען אין די רוסישע הענד צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אָפיציערען און זעלנער.

האָבען די רוסען זיי מיטגענומען קיין אַסטראָווצע, און ווען די קריסטען האָבען זיי געזעהן, האָבען זיי גלייך אָבגע'מסר'ט די יודען און אויך דעם רבי'ן, אַז זיי האָבען זיך גע'חבר'ט מיט די דאָזיגע עסטרייכער, און מען האָט זיך תיכף גענומען אויף פאַניע'ס שטייגער מאַכען אָרדנונג אין שטעדטעל: שלאָגען, אַרעסטירען א. אַז. וו.

און מורא־האָבענדיג, אַז מען זאָל נישט אמאָל געפינען ביי יענעם אָפיציער דאָס קריסטאַל־גלאָז, וואָס דער רבי האָט איהם געגעבען, האָט זיך דער רבי פאַר שרעק בעהאַלטען אַזש אין א שמאָל, פול מיט האָלץ און זיך צוגעדעקט מיט א ראָגאָזשע, וואָס

האָט זיך גראָד דאָרט געפונען.

האָבען די רוסישע זעלנער מאַקע דעם רבי'ן אויך געזוכט אין דער זעלבער שטאָל, אָבער זיי זענען געווען מוכר בסנוורים— בלינד געוואָרען, דער רבי איז געווען אַ רואה ואינו נראה, זיי אָבער האָבען איהם נישט געזעהען און ער איז ניצול געוואָרען פון אַ זיכערען טויט.

ערשט יום־כפור איז דער רבי ר' יחיאל מאיר, אַזוי דער־צעהלט מען, אַרויס פון זיין בעהעלטעניש; ווען ער האָט זיך גע־שטעלט מוסף דאַווענען, זענען אַריין אין דער שוהל קאָזאַקען. דער רבי האָט גראָד געזאָגט די תפילה „הנני העני ממעש" מיט גרויס געוויין און ווען מען האָט איהם אָנגעזאָגט די בשורה, אַז קאָזאַקען זוכען איהם, האָט דער צדיק זיך גאָרנישט פערלוי־רען, און אויסדרעהענדיג זיך מיט דעם פנים צו די קאָזאַקען, געזאָגט ווייטער די ווערטער: „נרעש ונפחד מפחד יושב תהלות ישראל", דערביי אַנ'אונדערשראָקענעם טיעפען קוק געטהון אויף די מחבלים; האָבען זיי זיך באַלד אַרויסגעטראָגען פון דער שוהל און ס'איז קיינעם קיין שלעכטס נישט געשעהען.

אָבער קוים האָבען די רוסען ווייטער פערלאָזען אָסטראָור־צע, האָט דער רבי פערלאָזט זיין שטאָדט און געקומען קיין פּיעטריקאָוו. אָן נישט האָבענדיג דאָ קיין מיטלען צו לעבען, האָט ער זיך איבערגעטראָגען קיין לאָדז, וואו ער האָט זיך שוין אויפגעהאַלטען עד יעבר זעם, ביז די מלחמה האָט זיך גע־ענדיגט, און ערשט דאַן צוריק זיך בעזעצט אין אָסטראָווצע.

ג.

שוין אין ססערניעוויץ האָט דער אָסטראָווצער רבי אָנגע־הויבען אָבצוהאַלטען תעניתים און סגופים. דריי מעת לעת כסדר אָהן הפסקה, פלעגט ער פאַסטען, כדי נישט מבטל צו זיין פון לערנען, נישט קוקענדיג, וואָס דער „גראָדזיסקער" און אַנ־דערע גדולים האָבען איהם דערפון אָבגעהאַלטען.

נאָכדעם ווי זיין צווייט ווייב, די צדיקת'דיגע רבי'צין,

דהל מרים, האט איהם געבוירען א טאכטער און דאן א זוהן, האט זיך אויך דער רבי אין גאנצען דאן שוין פורש געווען פון זיין יונג ווייב, צוליעב וואס ס'איז א געווויסע צייט דער שלום־בית געשטערט געווארען.

אין די עלטערע יאהרען פלעגט ער יעדען טאג ערשט אין צווענד פערבייסען מיט אביסעל קאשע און מילך אדער מיט א שטיקעל לעקעך און וויין, אבי להחיות את נפשו.

אזוי האט ער זיך געפיהרט פיערציג יאהר כסדר. דערביי האט ער טאג און נאכט, געהענדיג ארום אין דער שטוב, שטענ־ענדיג און אפילו ליגענדיגערהייט עוסק געווען אין לערנען, אין תורה און עבודת הבורא, געזאגט שיעור פאר הונדערטער תלמידים, לומדים, און „תורות" ביים טיש א. אז. וו.

זיינע „חידושים" פערנעהמען טויזענדער בויגען פאפיער, פון וועלכע ס'איז קוים ערשיענען איין ספר אונטער דעם נא־מען „אוהל תורה".

די דאקטוירים, וואס האבען דעם „אסטראווצער" בעהאנ־דעלט, האבען בעוואונדערט זיין ארגאניזם, וועלכער איז געווען אזוי שטארק געבויט, אז דאס אייביגע פאסטען און סגופים, האבען איהם גארנישט קערפערליך געשאדט, און נישט אבגע־שוואכט די פיזישע כחות.

די גדולי הדור האבען ווייטער בעוואונדערט זיין גרויס חריפות און בקיאות, זיין גרויס גאונות און חכמה אין ים התלמוד און אפילו אין וועלטלעכע ענינים.

אבער דאס, וואס די ערדישע קראפט האט נישט געקאנט בעווייזען, האט דאס דער טויט געטהון, ער האט איהם אוועק־געריסען. דער רבי ר' מאיר יחיאל איז נפטר געווארען י"ט אדר תרפ"ח, זייענדיג 77 יאהר אלט.

זיין איינציגער זוהן, ר' יחזקאל, וועלכער איז געווען רב אין אינאוולאדז, נעבען לאדז, און אין נאשעלסק, איז געווארען

דער ממלא מקום פון זיין גרויסען פאטער אין אסטראווצע.

ער האט נישט בלויז גע'ירשנ'ט דאס כסא הרבנות נאך זיין פאטער, נאר אויך די שעהנע דרכים פון איהם. אויך ער צייכענט זיך אויס מיט זיין גרויס גאונות און ווערט בעטראכט אלס איינער פון די גדולים אין דער רבנישער וועלט.

ר׳ דוד׳ל טאלנער

I

ר׳ דוד׳ל טאלנער שטאמט פון דער אזוי גערופענער „טשערנאבילער דינאסטיע״, וועלכע איז איינע פון די עלטסטע אין פוילען.

איהר גרינדער איז געווען ר׳ נחומ׳קע מגיד, וועלכען דער עולם האט גערופען ר״ נחום הגדול.

געבוירען אין יאהר ת״צ (1730) אין א קליין וואלינער שטעדטעל, האט א בעל הבית אין יענעם שטעדטעל איהם גענר־מען פאר א חתן פאר זיין עלטסטער טאכטער, און ווען די כלה האט איהם נישט געוואלט, ווייל ער איז געווען אין איהרע אויגען א בטלן, האט דער מחותן זיינער איהם חתונה געמאכט מיט דער יונגערער טאכטער, וועלכע איז בלינד געווען אויף אנ׳אויג און ר׳ נחומ׳קע איז מיט איהר געגאנגען אונטער דער חופה,

האט דער שווער איהם נישט געקאנט געבען קיין קעסט, איז ר׳ נחומ׳קע געווארען א מלמד, געפאהרען צום בעל שם־טוב און דאן צום רבי ר׳ בער און אוואנסירט אויף א מגיד אין טשערנאבעל.

דער עולם האט אויך איהם געוואלט געבען קוויטלעך און פדיונות. אבער ר׳ נחומ׳קע האט פון דעם אלעם נישט געוואלט

וויסט. ער פלענט וואנדערן פון איין יודישן ישוב אין צווייטן יודישן ישוב, זאגנדיג אומעטום „מוסר" דעם עולם, און דאס געלד, וואס מ'האט איהם געגעבן, האט ער פארטיילט אויף הכנסת כלה און פדיון שבויים, פאר די פאראימטע ארעג־ז'ארס, וואס זענען שולדיג געווען דעם פריץ פאכט־געלד און געווען דערפאר פערשפארט אין תפיסה.

אבער ווען ר' מרדכי'לע, דער זוהן, איז געווארען דער ממלא מקום נאך ר' נחום'קעס פטירה (י"א חשון תקנ"ח) איז געווארען אין טשערנאבלער הויף א גאנצע איבערקעהרעניש.

ר' מרדכי'לע האט שוין געפיהרט א בוייט אריסטאקראטיש הויז און געלעבט זיך פירשטליך. זיינע חסידים האבען איהם געמוזט צאהלען „חודש־געלד" (מעמדות). געפאהרען איז ער ארוים נישט אזוי, ווי זיין גרויסער אבגעהיטענער פאטער, מיט א פערד און וועגעלע, נאר אין א טייערער קאטש מיט פיער פערד געשפאנט נא שפיץ, מעשה פריץ, אין בעגלייטונג פון א גרויסע צאהל גבאים און מקורבים.

דער „ריזשינער", אויך ר' נחומקעס אנ'אייניקעל מצד זיין מוטער, האט זיך שטארק מתקנא געווען אין טשערנאבלער'ס דרכים, און גענומען זיך איהם צו איבערשטייגען אין לוקסוס און פראכט.

די חסידים זייערע זענען געווען אויף מעסער־שטעך. איינער האט ביים צווייטן נישט געגעסן, זיך נישט משדך געווען און זיך מתרחק געווען אפילו נאכ'ן טויט, אויף דעם בית־עלמין האט מען נישט זיי איינעם ביים צווייטן קובר געווען.

די דאזיגע ווילדע שנאה און קנאה צווישן ריזשין און טשערנאבעל, האט אויך געהערשט אפילו נאך דער פטירה פון ר' מרדכי'לע (כ' אייר תקצ"ז).

אח וויל ס'האט אויך נישט געהערשט קיין גרויס אחדות צווישן ר' מרדכי'לעס אכט זיהן. האט יעדער פון זיי באזונדער זיך גענומען צו פראווען רבי'שקייט, יעדער אין אנ'אנ־

II

איינער פון ר׳ מרדכי׳לעס זיהן, ר׳ דוד׳ל טווערסקי, האט זיך בעזעצט אין טאלנע (וואהלין).

נאך פריהער איז ער שטארק פאפולער געווען אין יענער געגענד אלס מגיד, און איצט האט דער עולם אויף איהם נעזאגט, אז ער איז א גרויסער „אויפטהוער״ אין הימעל.

איז מען דאך פון אלע זייטען צו איהם געפאהרען און גרויסע פדיונות איהם געגעבען. האט זיך ר׳ דוד׳ל טאלנער אויפגעבויט א טייערען פאלאץ, וועלכער האט נאך איבערגעשטיגען אין לוקסוס און אין פראכט דעם פאטערס און דעם ריזשינערס פאלאץ.

זיינע טישען זענען געווען סערווירט מיט בלויז זילבערנע כלים און מיט טייער פארצעלאן, מען האט געהאלטען ספעציעלע קוכערס, וואס האבען צוגעגרייט די מעדנים פאר דעם רבי׳נס טיש, פון וועלכע נאר יחידי סגילה האבען געהאט די זכיה טועם צו זיין.

די טיש־זיצער האבען זיך געמוזט גאנץ קארעקט אויפפיהרען, און עסען, נאר דאס, וואס די לאקאיען אין א ספעציעל הלבשה האבען צוגעטראגען און זיי דערלאנגט.

עס פלעגען ביים טיש שפילען די בעריהמטסטע פידלערס, ווי סטעמפעניו, פידאזור א. א. ווירטואזען. ר׳ דוד׳ל אליין איז אויך געווען א גרויסער מנגן און קאמפאזיטאר. זיינע נגונים האט מען געזונגען ביי אלע רבי׳שע טישען און ביי די תפילות.

ר׳ דוד׳ל טאלנער האט זיך געהאט זיין הויף־בדחן, ר׳ לייבעלע מיכעלס האט ער געהייסען. א גרויסער קאמיקער און לץ איז ר׳ לייבעלע געווען. ער האט דעם טיש שטארק משמח געוועזן מיט זיינע וויצען און לצנות. ר׳ לייבעלע בדחן פלעגט שטארק הוזק מאכען פון די רבי׳לעך, וואס טהוען זיך אן אויף דעם נאקעטען לייב א זאק און האלטען אב סגופים, לעבענדיג

אין גרויס דחקות און אָרימקייט.

די וועלט, האָט ר׳ לייבעלע מיבעלס געזאָגט, איז טאַקע אַ וועלט, והא ראיה, אונזער מאַלנער רבי זאָל לעבען, לאָזט זיך נישט קיין עולה טהון און לעבט זיך טאַקע, ווי די צדיקים אין גן - עדן...

ר׳ דוד׳ל מאַלנער האָט זיך אָבער גאַרנישט געמאַכט פון ר׳ לייבעלעס רייד און זיך אויך, גאַרנישט געפיהלט געטראָפען פון בדחנ׳ס חוזק מאַכען אַפילו פון איהם אליין, ער האָט גע־לאַכט...

די חסידים זיינע האָבען ר׳ דוד׳לען פשוט פערגעטערט און פערהייליגט. זיי האָבען איהם געלאָזט מאַכען אַ טראָהן פון זילבער, לויט שלמה המלכ׳ס טראָהן.

אויף דעם קאָפּ פון טראָהן איז געווען אויסגעאַרבייט אַ קרוין פון גאָלד און אויפגעשריבען „דוד מלך ישראל חי וקים"...

און אַרויפזעצענדיג איהם צום ערשטען מאָל אויף דעם דאָזיגען טייערען טראָהן אין דעם פּראַכטפול, מיט גאָלד און מיט עקזאָטישע פלאַנצען און בלומען פערפוצטען זאַל פון זיין פּאַ־לאַץ. האָבען די חסידים זיינע אונטערן קלאַנג פון מוזיק און געזאַנג איהם געקרוינט מיט דעם נאָמען „מלך ישראל"...

III

דאָס לוקסוס־רייכע און אַריסטאָקראַטישע לעבען פון „מאַל־נער הויף" האָט אַרויסגערופען אַ גרויס געגנערשאַפט נישט בלויז ביי די פערביסענע מתנגדים די געגנער פון די חסידים, נאָר אויך ביי די איבעריגע רביים אין זיין צייט, וועלכע ס׳איז אויסגעקומען ממש אָבצולעבען דעם טאָג מיט אַ טרוקען שמי־קעל ברויט...

איצט ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז חסידים האָבען מיט אַזאַ גרויסער פּאָמפּע אָנגעטהון אַ „קרוין דעם מאַלנער", אָנ־רופענדיג איהם פּראָסט פשוט „מלך ישראל", האָט זיך נאָך די שנאה און די קנאה פערשטאַרקט צו איהם, און מען האָט צוגע־

טראָגען די גאַנצע מעשה צו דער רוסישער מאַכט.

די מאַכט האָט שוין אמת לאַנג געקוקט דורך די פינגער אויף דעם פירשטליכען לעבען פון דעם טאַלנער הויף, אָבער איצט ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז די יודען האָבען איהם געקרוינט אַלס „מלך", לאַזענדיג פאַר איהם מאַכען אַ ספּעציעלען טראָהן פון זילבער און גאָלד, האָט זי בעשלאָסען דעם טראָהן פאַרן יעדן פּרייז צו פערכאַפּען און דעם רבי'ן אַליין אַריינצוזעצען אין תפיסה.

און טאַקע פּלוצים ביי אַנ'אָוהענד־סעודה, ווען די קאַפּעליע האָט געשפּיעלט אַ פּריליבעס, און ר' לייבעלע מיכעלס האָט געזאָגט ברכנות און זיך געוויצעלט אויף וואָס די וועלט שטעהט, זענען בעפאַלען זשאַנדאַרען דעם טאַלנער הויף דעם רבי'ן אַראָבגענומען פון טראָהן און אַנטהועענדיג איהם קייטלעך אויף די הענד איהם אַריינגעזעצט אין תפיסה.

דעם פערזאַמעלטען עולם איז נישט געלונגען דעם רבי'ן אָבצושלאָגען פון די זשאַנדאַרענס הענד, אַפילו פאַר אַ סך שוחד, ווארום זיי האָבען געהאַט אַ שטרענגען אָנזאָג פאַר יעדען פּרייז דעם רבי'ן ברענגען אין דער תפיסה אריין. דאַגעגען איז זיי אָבער געלונגען אין דער סומאַטאָכע, וואָס איז ענטשטאַנען צוליב דעם רבי'נס ארעסט, אויפצורוימען דעם טראָהן מיט דעם אינקרימינירטער אויפשריפט.

אין איצט ר' דוד'ל טאַלנער אויסגעקומען פון זיינע שענע ליכטיגע סאַלאָנען צו שמאַכטען צווישען פינסטערע ווענד אין דער טאַלנער תפיסה.

פיזישע און מאָראַלישע ליידען האָט ער דאָ געגרויסע האָט אויסצושטעהן. מען האָט איהם געמאַטערט, פון וואַנען ער נעהמט אויף פיהרען אזא לוקסוס־לעבען, ווער ס'האָט איהם דעם טראָהן געגעבען און וואו ער איז אהינגעקומען א. אַז. וו. או אַז. וו.

און וואָס מעהר ער האָט געשוויגען, אלץ מעהר האָט מען

איהם נעפיינט חדשים לאנג. ער אליין האט זיך אויך אין דער תפיסה שטארק נעפייניגט.

ערשט נאך א לאנגער צייט איז זיינע חסידים, די מאגנאטען פון וואהלין, נעלונגען מיט גרויס מסירת הנפש און פאר טייער געלד זייער הייליגען רבי'ן צו בעפרייען פון דער תפיסה. אבער ר' דוד'ל איז ארויס א צובראכענער און באלד פערלאזט האט ער די מדינה און זיך בעזעצט אויף א נעוויסער צייט אין בראד; קיין געלד האט איהם אויך דארט נישט אויסגעפעהלט, די חסידים האבען איהם ווייטער בעשיט מיט גאלד און זילבער.

פיהלענדיג זיך קראנק פון דעם זיצען אין דער תפיסה, איז ער צוריקגעקומען קיין טאלנע, אבער פון טאג צו טאג ווערט זיין קראנקהייט וואס מעהר געפעהרליך, קיין דאקטאר אין דער וועלט האט פאר איהם קיין רפואה בדיקה נישט און נישט מיט קיין גרויס חשמ וויל זיך ר' דוד'ל טאלנער געזעגענען מיט דער ליכטיגער וועלט. ער פערלאזט זי י' אייר תרמ"ב (1882) אין עלטער פון 74 יאהר. פון זיין גאנצער פראכט און גלאנץ איז נישט מעהר געבליבען ווי זיינע דריי חבורים: „מגן דוד", „קהילת־דוד" און „ברכת־דוד", וועלכע ענטהאלטען תורות און דברי מוסר פון זיינע אבות און אויך אייגענע תורות, וואס ער האט אנגעשריבען אין דער תפיסה אלס ארעסטאנט, און שפעטער אויף זיינע אלטע יאהרען...

דער גוטער יוד פון נײשטאדט

א.

דעם רבי ר׳ יודעלע ניישטעדטער האָט מען גערופען „דער גוטער יוד פון נײשטאָדט".

ער איז נישט געווען קיין יחוס עצמו, ווי ס׳איז געווען דער פאַל ביי ס׳רוב „גוטע יודען" אין פוילען.

זיין פאָטער דער רבי ר׳ קלמיש (קלמן), דער אַזוי־גערופענער „מאור ושמש", איז געווען אַ תלמיד און מקורב פון דעם רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק. בעזעצענדיג זיך אין קראָקא (תקמ"ח), וואָס האָט דאַמאָלס גע׳שמ׳ט אַלס אַ גרויסע מתנגד׳ישע שטאָדט מיט פיל לומדים און גבירים, האָט ר׳ קלמיש זיך גע־וואָגט דאָ צו פערשפרייטען חסידות און איינצואָרדנען אַ חסי־דיש מנין.

איז דאָך געוואָרען די גאַנצע שטאָדט אויפגעקאָכט פאַר דער דאָזיגער אויפטערלישער חוצפה און דער דאַמאָלסדיגער קראָקאווער רב ר׳ יצחק הלוי האָט צונויפגערופען דאָס בית־דין הגדול און אויך אַנדערע לומדים און די פרנסי־העיר און מען האָט ר׳ קלמיש׳ן אַריינגעלעגט אין חרם צוזאַמען מיט זיינע אַלע אַנהענגערס און חסידים (כ"ה תשרי תקמ"י).

כאַראַקטעריסטיש זענען די מאָטיווען, צוליב וואָס קראָקא האָט מחרים געווען דעם „מאור ושמש".

לויט ווי ס'געפינט זיך פערשריבען אין דעם קראקאווער תלמוד־תורה־„פנקס", האט מען איהם נידון געווען, ווייל ער האט איינגעפיהרט אין יודישען לעבען נייע מנהגים, געענדערט דעם נוסח פון די תפילות, מאכענדיג דערביי פערשידענע ווילדע תנועות, ווי פאטשען מיט די הענד און שאקלען זיך ווי די שיכורים, פערציהענדיג מיט דעם דאווענען ביז האלבען טאג אריין. זיך א נאמען געגעבען חסידים און גרופירען זיך אין בעזונדערע מנינים א. אז. וו.

שבת פרשת בראשית האט מען אין אלע קראקאווער שולען אין דער אנוועזענהייט פון גאנצען בית־דין צדק אויסגערופען דעם חרם ביים אפענעם ארון קודש אויף אלע, וואס געהען אין די דרכים פון ר' קלמיש, וואס לאזען די חסידים צו זיך אריין, וואס בעהעפטען זיך צו זיי; אלע ווערען אויסגעשלאסען פון קהל ישראל, קיין מגע ומשא טאר מען מיט זיי נישט האבען און „קבורת המור" (בעגראבען ווי א פגר) וועלען זיי האבען נאכ'ן טויט א. אז. וו. א. אז. וו.

האט זיך אבער דער רבי ר' קלמיש נישט שטארק איבערגענומען מיט דעם דאזיגען שרעקליכען חרם, ער האט ווייטער אגיטירט פאר'ן חסידיזם אין קראקאווער קאנט און די צאהל פון זיינע אנהענגער זעמען געוואקסען פון טאג צו טאג און אונזער ר' קלמיש איז געווארען זייער מנהיג, קלינגענדיג וויט און ברייט אלס א גרויסער מקובל און בעל מופת.

און ווען דער רבי ר' קלמיש איז נפטר געווארען (ב' תמוז תקפ"ג), האט זיין זוהן ר' יוסעלע נייעשטעדטער איבערגענומען דעם פאטער'ס עולם.

ב.

די דרכים פון דעם אזוי גערופענעם „גוטען יוד פון נייע־שטאדט" זענען נאר ביז היינט נישט אויפגעקלערט.

ער איז געווען א גרויסער נתבא אל הכלים, א פערבאר־

נענער, מען האָט איהם געזעהען שטענדיג תהלים זאָגען. געהעכ־דיג און שטעהענדיג, פאַהרענדיג און דרעמלענדיג האָט ער אריינגעקוקט אין ר' משה'לע זאַלושינער'ס תהילים. זיינע מקורבים זענען געווען די אמת'ע גרויסע גאונים, ווי ר' חיים סאַנדזער, ר' נתן דוד שידלאָווצער, ר' אליעזר קאָזשעניצער א. אַ.

ווען דער סאַגדזער האָט אנומעלט געמאַכט אַ סיום אויף גאַנץ ש"ם און דער עולם האָט זיך דערביי שטאַרק משמח גע־ווען, האָט ער געזאָגט: וואָס קומט אַרוים, אַז אין הימעל איז מען מעהר צופרידען, ווען ר' יוסעלע ניישטעדטער מאַכט אַ סיום אויף תהילים.

דער רבי ר' יוסעלע ניישטעדטער האָט אויך געהאַט דאָס שוואַכקייט אין אַ מאַרק־טאָג צו שטעהען פאַר זיין הויז און צו קויפען היהנער, קאַטשקעס א. אַז. וו. און גוט געלד פאַר זיי צו צאַהלען.

אין זיין הויף האָט מען תמיד געקאָנט געפינען גאַנצע סטאַדעס עופות, עטליכע פאַר פערד, קעלבלעך.

און יעדען פריהמאָרגען פלעגט ער בכבודו ובעצמו אליין געבען די עופות און די פערד אין שטאַל צו עסען, און ווען זיי האָבען איהם געזעהען האָבען איהם די עופות שוין דערקענט און אָנגעהויבען צו קוואַקען, די פערד צו הירזען און די קעלבלעך צו לעקען א. אַז. וו.

דער גומער יוד פון ניישטאַדט פלעגט דורך זיין פאַראָבעק מאַטשעק שיקען זיינע פערד פערקויפען אויף די יאַהרמערק אין די שכנישע שטעדטלעך אָדער איינהאַנדלען אויף אַנדערע פערד, אַנווייזענדיג איהם געוויסע סימנים, וואָס פאַר פערד ער זאָל קויפען און איינהאַנדלען.

מאַטשעק האָט שוין פערשטאַנען דיין הייליגען האַר אויף דעם וואָרט און קוים האָט ער איינגעהאַנדעלט שענע פערד, האָט דער "גוטער יוד" מאַכע געגעבען מיט אַ ברייטער האַנד

אויף „וואודקע”: אין נענענפאל איז דער גוטער יוד שטארק ברוגז געווארען אויף זיין מאטשעק און האט זיי תיכף געהייסען אויף די מערק צו פערקויפען אפילו מיט היזק.

די עופות, די פערד און די יונגע קיהעלעך פלעגט דער רבי ר׳ יוסעלע האלטען אין זיין הויף. ער איז קיינמאל נישט ארויסגעפאהרען מיט זיינע פערד, נאר מיט א פרעמד געשפאן.

און פיהרענדיג טיש מיט זיינע יושבים האט דער „גוטער יוד פון נײשטאדט” שטענדיג גערעדט ברמיזה וועגען היינער, גענז, פערד א. אז. וו. וועגען די מציאות, וואס ער האט איינגעהאנדעלט אויף די מערק א. אז. וו. דער עולם האט פערשטאנען, אז דעם רבינ׳ס הייליגע רייד זענען בעהאלטענע סודות. אבער נישט געוואוסט, אז די עופות, פערד א. אז. וו. זענען גלגולים. וואס קומען צו איהם, אדער ער ברענגט זיי צו זיך פון עולם הדמיון וועגען א תיקון און שיקט זיי דאן אויסגעלייטערט צוריק אין זייער רוה אריין...

דער דאזיגער סוד האט זיך ערשט סוף ימיו ענטדעקט פאר דער זינדיגער וועלט.

די מעשה איז פארגעקומען ביי פאלגענדע אומשטענדען:

דער „גוטער יוד פון נײשטאדט” האט חתונה געמאכט זיינע אנ׳איינעקעל אין מנישעוו (וואו די פיליצע פאלט אריין אין דער ווייסעל).

דער וועג האט געפיהרט דורך גער. האט ער אבגעטרעטען ביים „חידושי הרי״ם”, פערבעטענדיג איהם אויף חתונה אלס מסדר קידושין.

און פאהרענדיג דאן צוזאמען קיין מנישעוו — האט דער רבי ר׳ יוסעלע ניישטעדטער געפרעגט דעם „חידושי הרי״ם”, צי ער האט אויך פערד אין זיין שטאל. האט דער גערער רבי געשוויגען. ער האט דאך פערשטאנען ברמיזה די כוונה פון דעם ניישטעדטער גוטען יוד. האט אבער דעם חידושי־הרי״מ׳ס

איידעס, וואָס איז מיטגעפאָהרען אויף דער חתונה, זיך אַרויס־געכאַפּט און אַ זאָג־געטהון דעם „ניישטעדטער": „מיט האַנד־לען נישט מיט קיין פערד"...

אין אַ קורצע צייט אַרום, דערציילט די לעגענדע, איז דעם גערער רבינ׳ס איידעס פון דער וועלט געגאַנגען. ער איז נכשל געוואָרען מיט זיינע רייד. די גלגולים האָבען זיך אין איהם נוקם געווען און דער „סוד" איז אַרויס אויף דער גאַס.

אַ צווייטע חסידישע לעגענדע דערציילט. אַנימעלט פריי־טאָג־צונאַכטס האָט זיך ביים טיש דער גוטער יוד פון נייַ־שטאָדט שטאַרק אַנגעכעס׳ט אויף דער קעכין חנה, וואָרום זי האָט געלאָזט פאַרברענען די חלות, שרייענדיג צו איהר, „אַז מען קען נישט, נעהמט מען זיך נישט אונטער"...

האָט זיך דאָך די דערשראָקענע קעכין אַנגעהויבען צו פאַר־ענטפערן מיט טרעהרען אין די אויגען, אַז די חלות האָבען דאָסמאָל געכאַפּט אַ פלאַם, וואָס ס׳איז נישט איהר שולד. אָבער דער גוטער יוד האָט ווייטער צו איהר געשריגען, אַז „מען קען נישט, נעהמט מען זיך נישט אונטער"...

אומגעמען דעם געשריי האָט זיך איינער פון די יושבים פּלוצלונג זיך אויפגעשטעלט פון אָרט און האָט פערשעהמט דעם טיש פערלאָזט.

האָט איצט דער רבי ר׳ יוסעלע ניישטעדטער געהייסען, אַז די קעכין קאָן שוין צוריק געהען אין דער קיך אַריין.

האָט זיך ערשט דער עולם אויך געכאַפּט, אַז שטראָפענדיג די אַרימע קעכין צוליעב די פערברענטע חלות אין אַ צווייט מאָל צוליעב אַ פערטשאַדעט טשאָלענט, איז דער רבי דערמיט אויסען געווען צו טרעפען איינעם פון זיינע יושבים, וואָס האָט זיך אויך גע׳רבי׳וועט און זיך אונטערגענומען אויך מתקן צו זיין גלגולים, אָבער די פערוואָגעלטע נשמות האָבען געמוזט סוף־כל־סוף צו איהם, דעם ניישטעדטער גוטען יוד, קומען און

בעטען א תיקון...

עס ווערט אויך דערציילט וועגען א גרויסען מופת, וואס דער רבי ר׳ יוסעלע ניישטעדטער האט בעוויזען זייענדיג מחיה מתים א טויט קינד. די מעשה איז געווען אזוי:

אין דעם הויז, וואו דער רבי האט געוואוינט און געהאט זיין בית־מדרש, האבען זיך יונגלעך געיאגט אויף די טרעפ. איז איין יונגעל אראבגעפאלען און דער׳הרג׳עט געווארען אויפ׳ן ארט.

איז מען דאך אריינגעלאפען צום רבי׳ן מיט א גרויס געשריי. האט דער גוטער יוד אראבגענומען פון זיין לייב דאס האנדטוך, מיט וועלכען ער איז געווען גראד ארומגעגארטעלט און פאכענדיג דערמיט איבער׳ן קעפל פון טויטען יונגעל, האט דער רבי געשריגען אויפ׳ן גאנצען קול: „פאפער׳ל (לאבוס) הויב דיך אויף״. און דאס קינד איז צוריק לעבעדיג געווארען...

ג.

קומענדיג אין די יאהרען האט דער „גוטער יוד פון ניישטאדט״ בעשלאסען צו פאהרען קיין ארץ ישראל.

א לאנגע צייט האט ער זיך געגרייט צו דער דאזיגער הייליגער נסיעה און אין א געוויסען שבת איז ער מודיע דעם עולם, אז ער פאהרט שוין אב צומארגענס.

האט זיך דאך די גאנצע שטאדט מיט איהם אבגעזעגענט מיט גרויס שמערץ און טאקע איהם בעגלייט ביז צו דער גרעניץ מיט גרויס כבוד און פאראד.

און קומענדיג קיין קראקא איז ער געגאנגען זיך געזעגענען מיט זיין פאטער, דעם „מאור ושמש״. שטעהענדיג שטארק פערטראכט ביים קבר האט ער זיך אויסגערעדעט מיט׳ן פנים צום עולם, וואס האט איהם בעגלייט, זאגענדיג צו זיי: „שוין געענוג״. און האט צוריק געקערעוועט דעם דישעל קיין ניישטאדט.

אין א געוויסער צייט ארום — האט מען זיך ערשט דער־

וואוסט, אז די שיף, מיט וועלכער דער רבי ר' יוסעלע האט געזאלט פאהרען, איז אונטערגעגאנגען און מ'האט נישט בעווי־זען אלע פאסאזשירען ארויסצוראטעווען. דעם גרויסען מקובל איז זכות אבות ביינעשטאנען, אז ער זאל ניצול ווערען פון די ים - פיש...

נישט לאנג דערנאך איז דער סודות'פולער רבי ר' יוסעלע ניישטעדטער נפטר געווארען י' אדר תרכ"ז (1867) אין על־טער פון 75 יאהר.

זיין ממלא מקום איז געווארען זיין אייניקעל ר' חיים שמואל פון כענטשין, וועמענס ווייב, די אזוי־גערופענע „בענ־טשינער רבי'ציג", שרה'לע די זקנה, פראוועט רבי'שקיים אין קיעלץ.

דער אמשינאווער

ביי דעם אמשינאווער רבי ר' יעקב דוד האט זיך שוין בחייו פון זיין גרויסען פאטער, ר' יצחק'ל ווארקער, א גרויסער עולם מזכיר געווען. מען האט איהם געהאלטען פאר א גרויסען חכם און אויפטהוער.

דער רבי ר' יעקב דוד איז אויך געגאנגען אין די דרכים פון זיין פאטער. ער האט זיך שטארק אבגעגעבען מיט כלל־ענינים. נישט קוקענדיג אויף זיין שוואכען געזונד־צושטאנד און נישט אבשטעלענדיג זיך דערביי אפילו פאר מסירת־הנפש, אין שטענדיג האט ער אויס'געפועל'ט פאר יודען גרויסע זאכען און טובות.

און כאטש דער אמשינאווער צדיק האט נישט געקאנט רעדען קיין רוסיש און קיין פויליש, האט ער אומעטום אנגע־קלאפט אין די הויכע פענסטער און שטארק נושא־חן געווען מיט זיין אריסטאקראטיש הדרת־פנים.

מען דערציהלט, אז ווען ס'איז ארויס די ביטערע גזרה, ראם מען זאל די יודען שניידען די בארד און פאות, איז דער אמשינאווער געלאפן תיכף צום פירשט קיין ווארשא בעטן אים, אז ער זאל מעביר זיין די דאזיקע שווערע גזרה.

ארײַנקומענדיג אין דער שטוב פון פירשט, האט דער רבי

ר׳ יעקב דוד דארט גראד געטראפען א צווייטען פירשט פון דער פרעמד. פארשטעלענדיג זיין בקשה האט דער רבי בעמערקט, ווי דער פרעמדער פירשט האט געזאגט צום ווארשאווער פירשט אויף פראנצויזיש, אז ס׳וואלט כדאי געווען איהם אליין זיין פאטריארכאלישע באַרד אבצושערען פאר׳ן מוזעאום.

איז דער אמשינאווער פאר גרויס שרעק געפאלען אין פירשט׳ס שטוב אין חלשות, אז מען האט איהם קוים געקאנט דערמינטערען...

דער דאזיגער אינצידענט האט שטארק געווירקט אויף דעם ווארשאווער פירשט און דאס זאל אויך איהם האבען בעוואוי־גען, אז ער זאל די גזרה מבטל מאכען, זייענדיג דעם רבי׳ן מפיים מיט א „פאפיר״, מיט וועלכען ער, דער פירשט, האט שטרענג פערבאטען דעם רבי ר׳ יעקב דוד פון אמשינאוו צו פערטשעפען צוליעב זיין באַרד און פאות און הלבשה, „כדי צו שאנעווען זיין פאטריארכאליש אויסזעהן״.

האט זיך באלד דערנאך געמאכט א מעשה, אז אין אפאטש־נא איז אויסגעבראכען א גרויסע מחלוקה צווישען די בעלי־בתים און שוחטים, האבען די בעלי־בתים אראבגעבראכט דעם אמשינאווער צו האלטען פאר איהם א דין־תורה מיט די שוחטים.

האט אבער די שוחטים שטארק פערדראסען דאס, וואס דער אמשינאווער מישט זיך אין זייערם אנ׳עניו, האבען זיי איהם גע׳מסר׳ט פאר דעם נאטשעלניק פון די זשאנדארען, אז ס׳איז אהערגעקומען עפיס א ראבין בונטשעווען די יודען נעגען דער רעגירונג צוליב דער „הלבשה״ און בערד.

און טאקע שבת צו שחרית, ווען דער „אמשינאווער״ האט זיך געפונען ביים דאווענען אין דער שוהל, איז געקומען דער זשאנדארען־נאטשאלניק אין דער שוהל אריין דעם רבי׳ן צו ארעסטירען.

האט דער רבי געשיקט זיין גבאי ר׳ הערשעל אין דער

אכסניא אריין, וואו דער רבי האט זיך אויפגעהאלטען, אז ער זאל ברענגען דאס „פאפיר" פון פירשט, און ווען דער נאַטשאלניק האט עס דערזעהן, איז איהם פינסטער געווארען פאר די אויגען און, ענטשולדיגענדיג זיך פאר דעם רבי'ן עטליכע מאל מיט גרויס הכנעה, האט ער זיך באלד אבגעטראגען.

דער זכות פון דעם דאזיגען פירשטליכען „פאפיר" איז דעם „אמשינאווער" אומעטום ביינעשטאנען. ער איז געגאנגען פאר יודען אין „פייער און אין וואסער". האט מען געברויכט יודען אויסלעזען פון מיליטער, איז ער ארויס אויף דער וועלט צונויפנעהמען געלד ביי די גבירים אויף פדיון שבוים און מען האט איהם אומעטום נעגעבען מיט אנ'אפענער האנד.

ווען ער איז איין מאל געקומען צום ווארשאווער רב ר' יוקעל געזונדהייט, אז ער זאל זיך מטריח זיין מיט איהם צו נעהן צו א געוויסען ווארשאווער גביר וועגען פדיון שבוים, האט זיך ר' יוקעל געזונדהייט אבגעזאגט מיט דעם תירוץ, אז ער זיצט שוין עטליכע טעג כסדר איבער א שווערען תוספות און קאן איהם נישט פערענטפערן, וויל ער זיך נישט פון דעם תוספות אויסקרייסען.

הייסט זיך דער אמשינאווער ווייזען דעם שווערען תוספות און נעהייסען זיין גבאי ר' הערשעל, אז ער זאל ארויסנעהמען פון דער בוזעם-טאש אין אויבער-מלבוש דאס קליינע ספר'ל, וואו ס'געפינט זיך דער תירוץ אויף דעם רב'ס קשיא...

דאס דאזיגע ספר'ל איז געווען א פרק'ל, וואס דער אמשינאווער פלעגט מיט זיך מיטפיהרען אויף דעם וועג, און ער מישט אויף דעם ווארשאווער רב דעם מאמר: ר' טרפון אומר... לא עליך המלאכה לגמור ולא אתה בן חורין להבטל ממנה (פרק שני כ"א), ד.ה. נישט דו מוזט גראד דעם סוד פון דעם תוספות דערגעהן און נישט דו דארפסט דיך בעפרייען פון דער מצוה. איז געווארען דערמיט דער ווארשאווער רב נעפלעפט און באלד די גמרא פארמאכט און מיט דעם אמשינאווער מיטגעגאנגען

צו יענעם גביר און אויסגע׳פועל׳ט דאס, וואס ער האט פער־
לאנגט.

נישט שווינענדיג זיך דאס געזונד איז דער רבי ר׳ יעקב דוד פון אמשינאוו נעפעהרליך קראנק געווארען. הימעל און ערד האבען איהם נישט געוואלט העלפען און פאהרענדיג ראטעווען זיך דאס געזונט קיין מעראן, איז ער דארט נפטר געווארען ד׳ כסלו תל״ח (1877) און אין אמשינאוו איז ער געקומען צו קבורה...

II

דער רבי ר׳ מנחם, איינער פון זיינע דריי זוהן, איז גע־
ווארען דער ממלא מקומו, זייענדיג קוים 16—17 יאהר אלט.

ער האט אויך נישט דורכגעלאזט קיין יודיש ענין, אין וועלכען ער האט זיך נישט געזאלט אקטיוו בעטייליגען.

ער איז געווען אזוי אריינגעטהון אין כלל־ארבייט, אז ס׳איז איהם אויסגעקומען יעדען טאג ערשט אוועקדרציים צו דאווענען און צו איבערבייסען.

מען דערצעהלט וועגען אנ׳אינצידענט, וואס ער האט גע־
האט מיט דעם אין ווארשא שטארק פאפולערען שניידער־מאגא־
זינער כאזאנאוו.

אין ווארשא האט זיך דאמאלס שטארק פערשפרייט דער חלול־שבת בפרהסיא דורכ׳ן האלטען פריי און פראנק אפען אין שבת די געשעפטען.

האט דער רבי ר׳ מנחם מרעיש עולם געווען, ער איז גע־
גאנגען בכבודו ובעצמו פון געשעפט צו געשעפט, וואס זענען אפען געווען שבת, און די בעלי־בתים שטארק גע׳מוסר׳ט, אז זיי זאלען שבת האלטען די געשעפטען פערמאכט.

אבער מער־קוויהדיג, די אלע האבען איהם געגעבען איין ענטפער, אז קוים כאזאנאוו וועט האלטען זיינע געשעפטען פער־
מאכט, וועלען זיי עס אויך באלד נאכטהון.

איז זיך דער אמשינאָווער גישט פויל און אהיימגעגאנגען צו כאַזאַנאָוו'ן אין דער וואוינונג.

גראד האט דער אמשינאָווער געטראָפן דעם שניידער־מאגאזינער מיט זיין בני־בית ביי א שבת'דיג מיטאג.

האט די דיענסט, וואס האט געעפנט דעם רבי'ן די טהיר, געבעטען דעם „ראבין" א ביסעל צו ווארטען און געמאלדען דעם בעל־הבית, אז עפּיס א „ראבין" פרעגט זיך אויף איהם.

א שפּאר ביסעל צייט איז אויסגעקומען דעם אמשינאָווער צו ווארטען אין פאָדער־הויז און ערשט נאָך דעם ענדיגען דעם מיטאג, איז כאַזאַנאָוו צו איהם ארויסגעקומען אין פאָדער־הויז, פרעגענדיג איהם, וואס איז זיין בעגעהר.

האט דער אמשינאָווער איהם דערקלערט, אז ער איז געקומען בעטען, דאס ער זאל האלטען שבת דאס געשעפט געשלאָסען, ווארום אלע סוחרים פערקוקען זיך אויף איהם.

כאַזאַנאָוו האט זיך שטארק צוגעבלאָזען און קורץ און שארף געזאגט, אז דאס וועט מען ביי איהם נישט פועל'ן, זיין קונדשאפט בעשטעהט פון בלויז קריסטען און הויכע בעאמטע, דעריבער מוז ער האבען דאס געשעפט אפען אפילו אין שבת.

זעהענדיג, אז אלע זיינע רייד זענען ארויסגעווארפען, האט דער אמשינאָווער אוועקגעהענדיג געוואלט זאגען, אויב אזוי זאל זיך גאט. וואס האט דעם שבת געגעבען, פון איהם צוריק אב־נעהמען. פערשטעהענדיג דעם מיין פון די ווערטער, איז שוין אונזער כאַזאַנאָוו אביסעל ווייכער געווארען און געבעטען דעם רבי'ן א ביסעל נאך צו ווארטען, ווייל ער וויל זיך וועגען דעם איבערשמועסן מיט זיין ווייב.

נאך א קליינע ווייל קומט כאַזאַנאָוו צוריק צום רבי'ן און זאגט איהם צו, שבת צו האלטען דאס געשעפט געשלאָסען, וואס אלע האבען גלייך נאכגעטהון.

נאך עטליכע וואכען האט כאַזאַנאָוו בעקומען חרטה

אויף זיין צוזאג און ווייטער געעפענט זיין געשעפט אום שבת.

איז אבער כאזאנאוו שטארק ברוגז געווען אויף דעם אמ־שינאווער, וואס ער האט איהם געהאט א קללה געגעבען, אז ס'זאל זיך אבנעהמען ביי איהם זיין עוולה צוליעב דעם חלול שבת. האט ער אין א צייט ארום די גאנצע מעשה דערצעהלט א הויכען רוסישען בעאמטען, וועלכער איז געווען ביי איהם א גאנצער יוצא ונכנס.

פלוצים בעקומט דער רבי ר' מנחם אנ'אויפפאדערונג, אז ער זאל זיך שטעלען אין דער קאנצעלאריע פון פירשט. ווען ער איז אהין געקומען, האט מען איהם געפרעגט, ווער און וואס ער איז, און מיט וועלכען רעכט ער רערלויבט זיך צו צווינגען די יודען, אז זיי זאלען מוזען האלטען שבת די געשעפטען פער־מאכט...

האט דער אמשינאווער ארויסגענומען פון דער בוזעם־טאש דאס „פאפיר", וואס זיין גרויסער פאטער האט געהאט פון פאר־ריגען ווארשאווער פירשט, און מ'האט זיך אויך פאר איהם ענטשולדיגט און געהייסען איהם אהיימפאהרען. אבער כאזא־נאוו האט דאן בעדויערט דעם גאנצען אינצידענט, דערצעהלט די לעגענדע, און האט געזאלט האבען א מיאוס'ען אבשניט.

פאר פדיון שבוים האט אויך דער רבי ר' מנחם געאפפערט, ווי זיין גרויסער פאטער, דאס לעבען.

און ווען די יודען האבען געמוזט עוואקואירען אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה די שכנות־דיגע שטעדט ארום ווארשא און מען האט זיך געגרייט די יודען אויך פון אמשינאוו ארויסצושיקען אין טיעף רוסלאנד, האט דער גרויסער צדיק מרעיש עולם געווען, געלאפען צו די כלל־טוּערם, צו די שרים, אוים'פועל'נדיג ביי זיי, אז מען זאל די עוואקואירטע יודען לא־זען פערבלייבען אין ווארשא א. א. וו.

אבער אליין איז ער געפאלען א קרבן פון דער מלחמה און

קוים עטליכע און פופציג יאָהר אַלט איז דער רבי ר׳ מנחם אמ־שינאָווער נפטר געוואָרען ט״ז כסלו תרע״ח (1917), קומענדיג צו קבורה אין ווארשא.

דער היינטיגער רבי ר׳ יוסף קאַליש איז שוין דער דריטער דור פון דער אמשינאָווער דינאַסטיע.

פאַר דעם טויט פון זיין גרויסען זיידע איז ער געבוירן גע־וואָרן: דער זיידע האָט געהייסען איהם א נאָמען־געבען „יוסף", זאָגענדיג ווי יעקב אבינו האָט געזאָגט: „יוסף ד׳ לי בן אחר", אז ער וועט זיין נאָכפאָלגער זיין. ר׳ יוסף איז אַן אייניקעל פון קאַלישער רב: ר׳ חיים אליעזר וואַקס, דעם גרויסען חובבי־ציון און דער מחבר פון שו״ת: „נפש חיה" און געוו. רב אין אַסטראָוו.

ר' מאיר אפטער

א.

דאס אלטע היסטאריש יודיש שטעדטעל אפט איז געווען איינע פון די ערשטע דריי שטעדט אין פוילען, וואס האט געשמ'ט אלס צענטער פון חסידות.

לובלין האט געהאט דעם „חוזה" (זעהער), קאזשעניץ — דעם „מגיד" און אפט — דעם „אוהב ישראל".

און ווען ער, דער „אוהב ישראל" האט פערלאזט, צוליעב ביז היינט נאך נישט אויפגעקלערטע סיבות, זיין געליבט שטעדטעל אפט, איבערטראגענדיג זיך קיין קאלבישאוו, האט ר' מאיר'ל, וועלכער איז געווען רב אין סטאבניץ, איבערגענומען דאס כסא־רבנות אין אפט און ווייטער דא געשפונען די קאנטע פון דער רבי'שער טראדיציע.

ר' מאיר'ל אפטער איז געווען איינער פון די פינף „מאיר'ס", וואס זענען געווען דעם „חוזה'ס" מקורבים און נושאי כלים.

איינמאל פרעגט דער „חוזה" ביי ר' מאיר'ל אפטער: זאג מיר, מאיר'ל, ווער זענען דיינע אבות? האט ער איהם געענטפערט: „מיין זיידע איז געווען א שניידער, מיין פאטער אויך א שניידער. „נייעס" האבען זיי קיינמאל נישט קאליע געמאכט און „אלטעס" פערריכט...

האָט דער „חוזה" געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ: — אַזעלכע טייערע עלטערן צו האָבן, וואָס האָבן נייעס נישט קאַליע געמאַכט און אַלטעס פֿערריכט, ביזטו אמת ראוי, אַז דו זאָלסט מיין הבה זיין, און דערביי אָראָבגענומען פֿון זיך דאָס העמד און ר׳ מאיר׳לען דערלאַנגט עס אָנצוטהון.

דאָס איז שוין געווען אַ סימן מובהק, אַז דער „חוזה" האָט ר׳ מאיר׳לען אַפּטער געזאַלבט אַלס רבי.

און טאַקע באַלד נאָך דער פּטירה פֿון „חוזה", ווען עס האָבן זיך אַלע זיינע מקורבים איינגעטיילט מיט דער גייסטיגער ירושה, האָט זיך אַ גרויסער עולם בעהאַפטען צו ר׳ מאיר׳ל אַפּטער, קרוינענדיג איהם אַלס רבי.

ר׳ מאיר׳ל אַפּטער איז געווען אַ גרויסער מנגן. אין אַלע רבי׳שע הויפֿען האָט מען געזונגען זיינע ערהאַבענע נגונים. דער בעריהמטער מוזיקער יאַנקעל פֿון לובלין האָט אויך געשפּיעלט ר׳ מאיר׳ל אַפּטערס זאַכען אויף יודישע חתונות.

אַפילו אויף פּריצישע בעלער האָט יאַנקעל מיט זיין גרויסער קאַפּעליע געמוזט שפּיעלען דעם „ראַבינ׳ס געזאַנג".

האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז ר׳ מאיר׳ל אַפּטער האָט, דאַווענענדיג מוסף יום־כפור, נישט געזונגען דאָס, וואָס ער האָט געהאַט איינגעשטימט מיט זיינע משוררים. זענען זיי אין גאַנצען אַנטשוויגען געוואָרען. נאָכ׳ן דאַווענען האָט ערשט ר׳ מאיר׳ל זיי ענטפּלעקט דעם סוד, אַז עס איז זיי, דאָס הייסט די משוררים, אַ גליק געשעהן, וואָס זיי האָבן איהם נישט אָראָבגעפֿיהרט פֿון וועג. ווארום מלאכים פֿון הימעל האָבן אַ גאַנצע נאַכט מיט איהם איינגעזונגען דעם נייעם זמר, און זיי, די משוררים, וואָלטען געקאָנט דעמאָלט, חלילה, נכשל ווערען...

האָט אָבער דער רבי ר׳ מאיר׳ל אַפּטער אויך געהאַט געגען זיך גרויסע מתנגדים, ווי אַלע רביים אין זיין צייט און דער עפּאָכע פֿון די מחלוקות צווישען די חסידים און מתנגדים האָט

זיך אפגעשפיעלט ביים ווארשאווער גלח סטאניסלאוו סטאשיץ, וועלכער איז דאמאלס געווען דער בילדונגס־מיניסטער.

ב.

דעם קאמף געגען די רביים און חסידים בכלל, וואס איז תחילת געווארען אנגעפיהרט אין דער ליטע דורכ'ן ווילנער גאון און אין פוילען דורכ'ן „אייזערנעם קאפ" אין לובלין, האבען שפעטער איבערגענומען און פארטגעזעצט די ווארשאווער אסי־מילירטע משכילים, וואס האבען דערביי געהאט אנדערע כוונות, ווי חיזוק הדת, וואס די ערשטע מתנגדים האבען געהאט.

די דאזיגע מחלוקות האבען אנגעשפארט ביז צו דער צענ־טראל־רעגירונג, און היות דא האט מען נישט געקאנט זיך פונאנ־דערקלויבען אין עצם פון דער זאך, איז ארוים אין 24־טען פע־ברואר 1824 א דעקרעט פון דער אזוי־גערופענער „רעגירונגס־קאמיסיע פאר בילדונג און רעליגיעזע ענינים" אין ווארשא, לויט וועלכען עס איז שטרענג פערבאטען געווארען די עקזיס־טענץ פון חסידישע קרייזלעך, און מען האט טאקי באלד אנגע־הויבען פאליצייאיש צו פערפאלגען די רביים מיט די חסידים צוזאמען.

זענען זיך צונויפגעקומען די דאמאלדיגע פיהרער פון פוי־לישען חסידיזם, דער רבי ר' בונם פון פשיסכע, ר' מאיר'ל אפטער, ר' יצחק'ל ווארקער און אנדערע קיין ווארשא צו דער רבי'שער פראטעקטאריז, די בעריהמטע תמר'ל, ר' שמואל זבימקאווער'ס א שנור, און מען האט אנגעהויבען צו קלערען אן עצה ווענען מבטל מאכען די דאזיגע שווערע גזרה.

דער דאמאלדיקער נאמיעסטניק אין פוילען, דער גענע־ראל זאיאנטשיק, האט נישט געוואלט זיך מישען אין די אינער־ליכע יודישע רעליגיעזע ענינים, אבער וועלענדיג דערגעהן דעם תמצית פון דער מחלוקת האט ער פעראָרדענט אן עפענטליכען וויכוח פוןביידע צדדים, — פון די מתנגדים און חסידים, —

וואָס זאָל פּאַרקומען אין דער אַנוועזנהייט פון נלח סטאַ־שיץ. װעלכער איז געװען אַ בעקאַנטער שונא ישראל.

דער וויכוח איז רודך איהם בעשטימט געוואָרען אויף דעם 13־טען יולי 1824.

האָבען דאָך די רביים שטאַרק מורא געהאַט פאַר די שלעכ־טע פאָלגען, וואָס אַזאַ וויכוח איז עלול צו ברענגען אויף דעם יודענטום. האָט תמר׳ל אַנגעהויבען איינצורייסען ביי די הויכע פענסטער, אַז די דאָזיגע פעראָרדנונג זאָל בטל ווערען. אָבער אויך דאָס מאָל האָט איהר זיך איינשטעלען גאָרנישט געהאָלפען און דער דיספּוט האָט געמוזט פאַרקומען. אַזוי האָט געוואָלט דער גלה.

האָט זיך דאָס מאָל ר׳ מאיר׳ל אַפּטער אַנגענורט די לענדען און אין בעגלייטונג פון דער חסידישער „מטרונא" תמר׳ל גע־גאַנגען צום מיניסטער סטאַשיץ, אַ היים אין דער וואוינונג, כדי אַליין אויף איהם משפּיע צו זיין, אַז ער זאָל גענייגט זיין צו זיין צד.

סטאַשיץ איז שטאַרק איבערראַשט געוואָרען פון ר׳ מאיר׳לס פּקחות; פיהרענדיג מיט איהם אַ לאַנגען שמועס וועגען יודיש־קייט בכלל און חסידות בפרט, האָט ר׳ מאיר׳ל איהם אויפ־געקלערט, אַז חסידים זענען נישט קיין רעליגיעזע סעקטע, ווי עם בעשולדיגען זיי די געגנערס אא"וו.

אַלס פערטיידיגער פון די חסידים ביים וויכוח האָט מען בעשטימט נישט קיין אַנדערן, ווי דעם בעקאַנטען קוזמירער משומד להכעיס, סטאַניסלאַוו (יחזקאל) האָאַגע, אַ געוועזענער הייסער חסיד פון „חוזה" און איצט איז ער געווען סעקרעטאַר פון סטאַשיצ׳ן — ר׳ מאיר׳ל אַפּטער איז דאָך געווען אַ רואה את הנולד...

דאָס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען שטורם צווישען די וואַרשאַווער משכילים, אַז אַ משומד זאָל זיין דער פערטיידיגער אין אַ ריין יודישען ענין. האָבען זיי ווייטער אַרויסגעשטעלט

אלס זייער טוען דעם עקסטען אַסימילאַטאָר אַנטאָני אייזענבוים, דער דירעקטאָר פון דער ראַבינער־שול. אַן אַסימילאַטאָר, אָבער דאָך אַ ייד.

צו דער בעשטימטער שעה איז פאָרגעקומען דער דאָזיגער וויכוח אין דער וואוינונג און אונטער דעם פאָרזיץ פון גלח סטאַשיץ. אַנוועזנד זענען געווען אויך ר׳ מאיר׳ל אַפּטער, אין בעגלייטונג פון חסידים. אויך פיל משכילים און אַ סך בעאַמטע.

דער משומד האָט פאַרטיידיגט דעם מהות פון חסידיזם, אַז ס׳איז נישט קיין רעליגיעזע סעקטע אאַ״וו. דער זעלבער, וואָס פלעגט אויסלאַכען און שפּאָטען פון חסידים, האָט איצט עס געהויבען ביז׳ן הימעל. אייזענבוים׳ס טענות זענען ווייניג גענומען געוואָרען אין אכט.

דער דאָ, נער היסטאָרישער וויכוח האָט געדויערט עטליכע טעג כסדר און געהאַלטען דאָס גאַנצע יודישע וועלטעל אין גרויס שפּאַנונג. תמר׳ל, פערשטעהט זיך, האָט „געשמירט" און די חסידים זענען אַרויס פון וויכוח מיט אַ גרויסען נצחון.

אין 30־טען אויגוסט 1824 איז אַרויס אַ דעקרעט, נישט מעהר צו שטערען די חסידים צו דאַווענען אין בעזונדערע בתי תפילות אאַ״וו.

אָבער די רדיפות צווישען ביידע פּאַרטייען זענען ווייטער געפיהרט געוואָרען מיט נאָך אַ גרעסערען שטורם, ווי פריהער.

ז.

איצט, נאָך דעם אַלץ, וואָס ר׳ מאיר׳ל אַפּטער האָט אָבגעהאַלטען ביים גלח סטאַשיץ, איז זיין פּרעסטיזש געוואַקסען פון טאָג צו טאָג אין די חסידישע קרייזען.

אָבער ער איז געווען צו בעשיידען, אַז ער זאָל דאָס אויסנוצען פאַר זיין קעשענע און כבוד וועגען.

ער איז געווען כל ימיו אַ שומח בחלקו, נישט געריסען די טאַשען פון פדיונות און ווען ער האָט געברויכט פאַר יודען עפּעס אויפגעטאָן, האָט ער געשפּרייזט מיילען ווייט צו פוס.

און ווען ס'איז געקומען זיין יום־הפקודה, האָט ער צו דעם עולם, וואָס איז געשטאַנען אַרום זיין טויטען בעט און געוויינט, געזאָגט: „המאיר לארץ, מאיר'ל מוז געהן אין דער ערד אַריין, ולדרים עליה ברחמים, און פאַר די, וואָס בלייבען אויף דער ערד, וועט ער בעטען רחמים".

מיט די דאָזיגע ווערטער האָט זיך דער גרויסער צדיק געזעגנט מיט דעם ערדישען לעבען און איז אוועק צו דער ערד ~~י״ח טבת תרי״ח~~ [illegible] (1858).

חוץ א חיבור „אור לשמים" אויף תורה (ערשינען אין לעמבערג תרי"א), האָט ר' מאיר'ל אפּטער איך איבערגעלאָזט א תפילה „רבון העולמים", וועלכע דער תפארת שלמה", זיין מקורב, פלעגט זאָגען יעדען טאָג אין דער פריה, אלס סגולה צו פרנסה.

דער משומד האָגע האָט אונז אויך מזכה געווען נאָך דעם וויכוח מיט א פּאַשקוויל אויף יודען, „תאר חזו", דאָ זעהט, הייסט עס, אין פאָרם ון א געשפּרעך וועגען יודען איז עס געשריבען.

ד.

צום סוף מוז אויך דערמאָנט ווערען דער אנעקדאָט וועגען דעם בעזוך פון ר' מאיר'ל אפּטער בווּם גלח, וואָס שטאַמט פון משכילישע קרייזען, נעמליך: ביים געזעגענען זיך נאָך דעם וויכוח מיט דעם גלח, האָט דער לעצטער געזאָלט פרעגען דעם רבי'ן, ווען וועט שוין קומען די צייט, אז מיר ביידע וועלען עסען פון איין שיסעל; האָט געזאָלט ר' מאיר'ל ענטפערען, אז דאָס וועט זיין אויף זיין, דעם גלח'ס חתונה...

די טריסקער

א

די „טריסקער" זענען א שם־דבר אין דער חסידישער וועלט, זיי ציהען זייער יחוס פון דער בעריהמטער „טשערנאבילער דינאסטיע".

דער רבי ר' מרדכי'ניו טשערנאבילער איז געווען זייער גרויסער זיידע, מיט וועלכען אלע רבי'שע הויפען האבען זיך גע־גרויסט און מתחתן געווען.

דער רבי ר' מרדכי'ניו האט געהאט אכט זיהן; דער פינפטער פון זיי, דער רבי ר' אברהמ'ניו, האט זיך בעזעצט אין טריסק, אנרופענדיג זיך דער „טריסקער מגיד".

דער „טריסקער מגיד" איז געבוירען געווארען אין יאהר תקס"ו (1806) און שוין אלס יונגעל האט ער גע'שמ'ט אלס גרויסער חכם און צדיק, אויסנעהמענדיג שטארק אין די חסידיש־אריסטאקראטישע הייזער אין גאניז וואלין.

א גאנצע וועלט איז דאן צו איהם, אלס רבי, געפאהרען און מיט איהם זיך געצאצקעוועט.

אזעלכע גדולים, ווי דער פאריסאווער (ר' יעקב צבי), דער גראדזיסקער (ר' אלימלך), דער אזשיכאווער (ר' יחיאל חיים), דער ראדאמסקער (דער „חסד־אברהם"), דער כענטשינער (ר' חיים שמואל), דער אלעקסאנדערער (ר' יחיאל), דער גאסטיני־נער (ר' יחיאל מאיר), דער ראדאשיצער (ר' הלל), ר' צמח

שידלאָווצער און נאָך אַ סך אַנדערע זייערס גלייכע זענען געפאָהרען צום „טריסקער מגיד״.

זיין התנהגות איז געווען, אַז אַלע חסידים און רביים, פון קליין ביז גרויס, וואָס זענען עולה רגל געווען קיין טריסק, האָט מען מאכל ומשקה געווען אין „הויף״ כיד המלך, צוליב וואָס דער טריסקער מגיד האָט געמאַכט גרויסע חובות, וואָס די רייכע חסידים האָבען דאַן געדעקט פון זייער קעשענע.

דאָס דאָזיגע „הכנסת אורחים״ האָט ער גע׳ירשנ׳ט פון זיינע גרויסע אבות און אַזוי זענען זיך נאָך נוהג ביים הייב־טיגען טאָג זיינע זיהן און אייניקלעך.

געהאַט האָט דער טריסקער מגיד דריי זיהן, וואָס האָבען אויך אָבגענומען די וועלט.

דער עלטסטער ר׳ נחום׳טשע איז נאָך בחייו פון זיין פאָטער נפטר געוואָרען אין בריסק (תרמ״ז).

דער צווייטער איז געווען ר׳ מאָטעלע קוזמירער און דער דריטער, דער רבי ר׳ יעקב לייבעניו (ר׳ יעקב אריה).

און היות ווי זענען גראָד נישט געווען אין דער היים, ווען זייער פאָטער, דער טריסקער מגיד, איז נסתלק געוואָרען (ב׳ תמוז תרמ״ט), האָט דער עולם זיך צוגעאיילט און דעם יונגס־טען זוהן, ר׳ יעקב לייבעניו, געקרוינט אַלס ממלא מקומו.

* * *

דער רבי ר׳ מאָטעלע קוזמיר האָט קיינמאָל נישט געקאָנט איינזיצען אויף איין אָרט, ווילענדיג נישט ווילענדיג איז ער געווען אין זיין גאַנץ לעבען נע־ונד, נישט האָבענדיג קיין שטאָדט, וואו ער זאָל בסדר וואוינען.

ער האָט געהאַט אויסצושטעהן גרויסע רדיפות. צוליב פיהרען רבי׳שקייט אין וואָלאָדאָווקע, האָט איהם די רוסישע מאַכט געגעבען אַ „וויסילקע״.

האָט ער זיך בעזעצט אין דאָמבראָוויץ (גאַליציען), דאָ האָבען איהם ווייטער פערפאָלגט רבי׳שע „קאָנקורענטען״, מסר׳נ־דיג איהם, אַז ער איז אַ רוסישער אונטערטאַן, וואָס האַלט זיך

דאָרט אומלעגאַל אויף און פּערפיהרט די יודישע מאַסען; האָט איהם ווייטער די עסטרייכישע מאַכט אַרויסגעשיקט.

האָט זיך ר׳ מאָטעלע קוזמיר דאַן בעזעצט אין כעלם. אָבער אויך דאָ האָט איהם דאָס שלים־מזל פּערפאָלגט און ער האָט זיך איבערגעטראָגען קיין לובלין. פון דאַנען ווייטער קיין קוזמיר, וואו ער האָט געהאַט אַ סך אַנהענגערס און זיך געקאָנט שוין דאָ זיצען במנוחה.

איז ווייטער אויסגעבראָכען די מלחמה און ער האָט גע־מוזט אויך קוזמיר פּערלאָזען צוליב דער פייער־ליניע ביי דער ווייסעל און זיך איבערגעטראָגען קיין קיעלץ, וואָס איז געווען אין דער מלחמה־צייט אַן׳עיר מקלט פאַר די פּראָווינץ־רביים. דאָ האָט זיך שוין ר׳ מאָטעלע געזעגענט מיט דער זינדיגער וועלט. ער איז נפטר געוואָרען ביים דאַווענען, געהענדיג אין טלית און תפילין, פרייטאָג ח׳ תמוז תרע״ז (1917), אין עלטער פון עטליכע און זיבעציג יאָהר, נישט איבערלאָזענדיג קיין קינד.

ב.

דער רבי ר׳ מאָטעלע קוזמיר פלעגט זיך פון צייט צו צייט שטאַרק צעוויינען, ווי אַ קליין קינד, אָבגעבענדיג זיך אַ דין וחשבון צוליב די פדיונות, וואָס ער נעהמט ביי מענשען, וועל־כע גלויבען דערביי, אַז ער קאָן און טהוט זיי העלפען; ער פלעגט אויך טענה׳ן, מיט וואָס וועט ער זיך פערטיידיגען, ווען ער וועט יבו יומו פאַר דעם בית־דין של מעלה געררופען ווערען.

אפילו זיין האַרטער משמש בקודש, ר׳ מיכל שטאָקהאַמער, וועלכער איז פאַר קיין זאַך נישט נתפעל געוואָרען, פלעגט יעדעס מאָל, ווען דער רבי האָט זיך אַזוי שטאַרק צעוויינט, געווישט זיך די טרערען פון זיינע אויגען.

האָט זיך אָבער באַלד דער רבי ר׳ מאָטעלע געטרייסט דערמיט, וואָס ער זאָגט קיינעם גאָרנישט צו און טהוט קיינעם אויך נישט אָבנאַרען.

זיין עובדא איז נאָר, וואָס ער טהוט יעדען מבטיח זיין,

אז ער איז מתפלל און איז מעורר רחמים ביי גאט פאר די יודען, אז זייערע תפילות זאלען ווערען נעהערט אין הימעל און אז „זכות אבות" זאל איהם בייזשטעהן.

אז זכות אבות איז איהם בייגעשטאנען, פלעגט מען א סך רעדען ביי חסידים.

ער האט א סך פאראויסגעפיהלט און פאראויסגעזאגט. ווען ער איז איינמאל, פאר דער מלחמה, געווען אין ווארשא ביי ר' יעם גביר בנציון קאמעלהאר, איז געקומען צום רבי'ן ר' מאטעלע א יונג ווייבעל מיט א טעלעגראמע, אין וועלכער מען האט דרינגענד ארויסגעפאדערט איהר מאן צו קומען צו דער לויה פון זיין פאטער, דערביי האט זי געפרעגט דעם רבי'ן, צי זי זאל איבערגעבען דעם מאן די טעלעגראמע, ווארום ער איז אנ'אנגעשטעלטער און קאן נישט אויף קיין איין טאג פערלאזען זיין פאסטען אין ווארשא.

האט דער רבי ר' מאטעלע איהר געענטפערט קורץ און שארף, אז נישט.

דער דאזיגער ענטפער האט שטארק איבערראשט די מקורבים זיינע, וואס זענען גראד דערביי געווען, ווארום לויט דעם דין מוז מען דאך זאגען א זוהן וועגען דעם פאטערס טויט.

— אבער וואס זאל איך טהון — האט זיך דער רבי פאר זיי פערענטפערט — אז איך גלויב גארנישט, אז יענער זאל זיין געשטארבען.

און טאקע אין עטליכע טעג ארום איז אנגעקומען א בריף פון דעם בלומר'שמען מת, אז ער איז געזונד און שטארק און ווייסט גארנישט צו זאגען פון קיין חלום און פון קיין פתרון.

ג.

א גרויסער בעל-מופת — דערצעהלט מען — איז אויך געווען דער רבי ר' יעקב לייבעניו, דער ממלא מקומו פון טריס-קער מגיד.

אלס יונגערמאן האט ער שוין געשטרעבט צו גלוי אליהו

דורך פייניגען זיין לייב את ד. גל.

ער האט זיך פארגענומען גאנצע טויזענד נעכט נישט צו שלאפען און תפילה צו טהון, אז ער זאל חערגרייכען צו דער דאזיגער הויכער מדרגה.

אין ר׳ יעקב לייבעניו אבער נאך 300 שלאפלאזע נעכט און פייניגען זיך געפעהרליך קראנק געווארען.

די גרעססטע דאקטוירים האבען זיך פון איהם מיאש געווען, קוים ער וועט נישט אויפהערען זיך צו פייניגען.

אין דעמאלט דער טריסקער מגיד אריין צו איהם אין שטוב און אויך איהם גוזר געווען, אז ער זאל זיך נישט מעהר מאטערען וועגען גלוי אליהו, ווארום בעשיינפערליך איז מען אין הימעל דערויף נישט מסכים.

און טאקע אויפהערענדיג צו האלטען סגופים און וואכט־נעכט, האט דער רבי ר׳ יעקב לייבעניו אנגעהויבען בהדרגה געזונד צו ווערען.

דאס געזונד ווערען פון רבי ר׳ יעקב לייבעניו פון דער שווערער קראנקהייט איז אויסגעפאלען אין חודש מרחשון. האט מען אין טריסק מתקן געווען, אז ביים בענשען ראש־חודש מרחשון זאל מען נישט זאגען „מרחשון", וואס בעדייט א ביי־טערער חודש, נאר „רם־חשון", א דערהויבענער חודש.

דער דאזיגער מנהג ווערט ביז דעם היינטיגען טאג אב־געהיטען ביי די „טריסקער".

אבער אויך די בימערע וועלט־מלחמה האט דעם רבי ר׳ יעקב לייבעניו פעריאגט פון קאוועל. ארומשלעפענדיג זיך מיט זיין בני בית פון שטאדט צו שטאדט האט ער זיך אבגעשטעלט אין ראוונע איבער די ימים נוראים.

האט זיך פאסירט, אז זיין „נשמה־ליכט", וואס ער האט אנגעצונדען לכבוד יום כפור, איז פלוצלונג, אהן שום אויסער־ליכער סיבה, פערלאשען געווארען. דער רבי האט איינגעזעהן אין דעם פערלאשענעם ליכט א שלעכטען סימן, אז זיין לע

בענס־גורל איז שוין געווארען אין הימעל אבגע'חתמ'עט צום טויט. אבער דער גרויסער צדיק. האט דאס קיינעם נישט געוואלט מגלה זיין, ער האט דרייסט געקוקט דעם ביטערען טויט אין די אויגען אריין, נישט צולאזענדיג זיך קיין עצבות און יאוש.

נאך דעם שווערען ווינטער, וואס ס'איז איהם אויסגעקר־מען יענעם יאהר צו איבערלעבען, האט זיך דער רבי ר' יעקב לייבעניו געלאזט, ווי תמיד, אין בעגלייטונג פון זיינע משמשים, אין וועג אריין צו זיינע חסידים.

און פערענדיגענדיג זיין נסיעה בקודש, האט ער זיך אב־געשטעלט אין הרוביעשאוו, וואו מען האט איהם געמאכט א פייערליכען קבלת־פנים.

דא האט זיך דער רבי ר' יעקב לייבעניו אבגעשלאסען אין זיין יחוד־שטיבעל אין דער אכסניא, וואו ער איז איינגע־שטאנען און קיינעם צו זיך נישט צוגעלאזט, קיין קוויטעל און קיין פדיון אויך נישט געוואלט פון קיינעם צונעהמען.

דריי גאנצע טעג און נעכט איז ער געזעסען אזוי אבגע־שלאסען פון דער וועלט און געלערענט און מתפלל געווען. נאכדעם איז ער געגאנגען גאנץ פריה אין דער מקוה אריין און נאך ש"י (310) טבילות האט ער דארט אויסגעהויכט זיין נשמה (כ"ח אייר תרע"ה).

ד.

מיט דער גייסטיגער ירושה האבען זיך נאך דער פטירה איינגעטיילט די זיהן.

דער רבי ר' משה מרדכי (טווערסקי) אין לובלין, ר' זאב וואלף אין קאוועל און ר' דוד אהרן אין זשארקי (היינט אין משענסטאכאוו) אא"וו.

פון טריסקער מגיד איז ערשינען א ספר אויף תורה „מגן אברהם", פון ר' מאטעלע קוזמיר „מאמר מרדכי" און ר' אהרן דוד טווערסקי „ספר היחוס משרנוביל".

דער שידלאָווצער

א.

דער שעפער פון דער „שידלאָווצער דינאַסטיע" איז געווען דער רבי ר' נתן דוד ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט גע'שם'ט אין דער חסידישער וועלט אַלס אַ גרויסער צדיק און מקובל און איז אויך געווען פון גרויסען יחוס.

זייענדיג אַן'אייניקעל פון „יוד הקדוש", האָט ר' נתן דוד ערשט גענומען זיך צו פראוון רבי'סטווע נאָך זיין פאָטערס פטירה, דעם רבי'ן ר' ירחמיאל פשיסכער.

און נישט קוקענדיג, וואָס ער איז געווען אַ שוואָגער פון גראָדזיסקער רבי'ן ר' אלימלך שפּירא, איז דער פאָטער געפאָהרען צום „גוטען יוד" פון נייי־שטאָדט, פון קוזמיר א. אנד.

זיינע רביים האָבען זיך מיט איהם שטאַרק געגרויסט, פערדעכענעדיג איהם פאַר זייערס גאָר אַ נאָהנטען, אַ מקורב.

דער „שידלאָווצער" איז געווען דער איינציגער „גוטער יוד" אין פוילען, וואָס איז דעמאָלט געווען פערמעגליך.

ער האָט געהאַט הינטער שידלאָווצע אַ שעהן איינגעאָרדענט פאַלוואַרקעל, סטאַרא וויעש האָט עס געהייסען, וואָס ער האָט בעקומען איינגעשאַצט אַלס נדן פון זיין שווער.

די רבי'צין, דבורה פערעלע, האָט זיך בעשעפטיגט מיט דעם פאַלוואַרק, געהאַלטען פאַראַבקעס, בעאַרבייט און פער־

זייהט די פעלדער, געפלאנצט און געהיט דעם גארטען. האט אויך געהאלטען בהמות און „צוגאווקעס", מיט וועלכע דער רבי פלעגט אפט ארויספאהרען איינגעשפאנט אין אנ'עלעגאנטער בריטשקע מעשה פריץ.

אין דער שטאדט גופא האט דער רבי אויך געהאט זיין מויער מיט א גרויסען אויבסט-גארטען און אנדערע בעקוועמ־ליכקייטען.

און ווען די גרויסע שרפה איז געווען און פון דער גאנצער שטאדט איז געווארען אש, האט דעם רבי'נס הויף גארנישט געשאדט.

ווענען דער דאזיגער שרפה דערצעהלט מען, אז די שטאדט האט געפיהרט א גרויסע מחלוקה מיט זייערס א רב, ר' איטשע יחדעל. מען האט איהם שטארק גע'רודפ'ט און גרויסע צרות אנגעטהון, נישט אויסצאהלענדיג איהם קיין פענסיע או"וו. האט דער רב פערביטערט פערלאזט שידלאווצע און זייענדיג הינ־טער דער שטאדט האט דער רב געפאקעט מיט זיין רויטע פא־טשיילע, שילטענדיג דערביי, אז די גאנצע שטאדט זאל פער־ברענט ווערען.

אין דעם מאמענט איז אויסגעבראכען אין שידלאווצע א געוואלדיגע שרפה, פון וועלכער די מענשען זענען קוים ארויס מיט דעם נאקעטען לעבען, פערלירענדיג זייער גאנץ פערמעגען.

האט אבער דאן דער גרויסער צדיק אויף דער זינדיגער שטאדט מגין געווען און זי האט זיך צוריק אויפגעבויט און אלע נשרפים זענען צוריק עשירים געווארען.

דער רבי ר' נתן דוד האט נישט געפיהרט קיין מחלוקת מיט די אנדערע רבי'שע הויפען, ווי ס'האט זיך געפיהרט אין יענער צייט. צוליב דעם טאקע איז ער בעליבט געווען אין אלע חסידישע קרייזען אהן אויסנאהם.

זייענדיג א גרויסער נחבא אל הכלים האט ער גארנישט אויפגעשריבען און נישט געלאזט אויפשרייבען פון זיינע גייסט־

דייכע „תורות", וואָס ער פלעגט מחדש זיין און זאָגען ביים טיש-פיהרען.

האָט איהם אָבער דער פריהצייטיגער טויט (ז' חשון תרכ"ה) אין די בעסטע יאָהרען, אין עלטער פון 55 יאָהר, אוועקגענומען, איבערלאָזענדיג 4 זיהן: ר' צמח, ר' יאיר, ר' פנחס'ל און ר' יענקעלע.

נאָך דער פטירה האָבען זיי זיך איינגעטיילט מיט דער גייסטיגער און מאַטעריעלער ירושה.

דאָס פּאָלוואַרק האָבען זיי איינציגווייז פערקויפט צו פּויער־רים.

געבליבען זענען זיי נאָר ביי דעם הויז אין דער שטאָדט, וואָס איז היינט די רעזידענץ פון די אייניקלעך.

ב.

דער עלטסטער זוהן פון דעם רבי ר' נתן דוד איז געווען דער אָפיציעלער ממלא מקומו, אָבער קיין גרויס נחת האָט ער נישט געהאַט פון זיין רבי'שקייט.

ס'האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז זייענדיג נאָך א בחור איז געקומען צום רבי'ן ר' נתן דוד א יודענע וועגען א סגולה אויף א מיחוש. איז דער רבי גראַד אין דער שטוב נישט געווען. האָט זיך ר' צמח דערלויבט צוצונעהמען דאָס קוויטעל און דעם פדיון פון דער פרוי און איהר געגעבען א סגולה. האָט זיך דערנאָך דער רבי, דער פאָטער הייסט עס, דערפון דערוואוסט, האָט דאָס איהם אויסטערליש פערדראָסען און זיך טאַקע שטאַרק אָנגעבייזערט אויפ'ן זוהן, פאַרוואָס ער איז שוין אַזוי פריה אַרויסגעשפרונגען און זיך דערביי, נישט ווילענדיג, אַרויסגע־באַפט מיט די ווערטער, אַז דער קאָפּ מעג איהם שוין איינמאָל פערדרעהט ווערען.

האָט דאָס ר' צמח נעהאַלטען פאַר א קללה און זיין גאַנץ לעבען האָבען איהם די ווערטער פערפאָלגט.

און ווען ר' צמח האָט אָנגעהויבען פירען רבי'שקייט,

האט זיך מאַטע די דאָזיגע כּלה ביי איהם אָבגערופען, ער האט בעקומען קאַפּדרעהעניש. מען האט איהם געהאַלטען אין שטערטעל פאַר אַ גאַנץ אונגאָרמאַלען מענש.

אַ לאַנגע צייט האט מען עס געהאַלטען אין הויף פאַר אַ סוד, אַז ס'זאָל זיך קיינער, חלילה, דערפון נישט דערוויסען. אָבער די זוענט האָבען דאָך אויערען און זיין „התנהגות" האט איהם פערדאַטען פאַר דער עפענטליכקייט. מען האט אפילו דעם עולם איינגערעדט, אַז זיין אויסטערליש פיהרען זיך איז נסתרות, „פערבאָרגעניש", אָבער מען האט געזעהן בעשייג-פערליך, ווען ער האט אָבגענומען קוויטלעך און פדיונות, אַז ס'זענען געווען מאָמענטען, ווען ר' צמח איז נישט געווען ביים פולען זין און אַז ער טהוט אַזעלכע מעשים, פון וועלכע ער האט זיך נישט אָבגעגעבען קיין רעכנונג, וואָס ער טהוט.

ס'האט אַמאָל פּאַסירט, אַז אַ פרייטאָג נאָכמיטאָג האט זיך ר' צמח (נישט דער רבי ר' נתן דוד, ווי מאַנכע ווילען עס בעהויפּטען) אומבעמערקטערהייד זיך אַרויסגע'גנב'עט פון זיין יחיד-שטיבעל און איז אַרוים אויף דער גאַס. אַריינגעפּאַלענדיג זיך אין דער קיך פון אַ שכן, אין וועלכער ס'האט זיך גראָד קיינער נישט געפונען, האט ער אויפגעגעסען די גאַנצע פיש, וואָס זענען שוין געווען לכבוד שבת אָבגעקאָכט.

ביים אוועקגעהן האט ער געזאָגט צו דעם קליינוואַרג, וואָס איז אַריינגעקומען צו לויפען, העררענדיג, אַז עמיצער רודערט אַרום אין דער קיך, אַז זיי זאָלען זאָגען דער מוטער, אַז ר' צמח האט אויפגעגעסען די פיש לכבוד שבת.

און זאָגענדיג אַ „גוטען שבת" איז דאַן ר' צמח ווייטער אומבעמערקטערהייד אַריין אין זיין שטיבעל, ווי קיינמאָל גאָר-נישט.

אַזעלכע עהנליכע שמיקלעך פלעגט דער רבי ר' צמח אָפּט מאַכען. האט מען דאָך איינגעזעהן, אַז דאָס התנהגות פון ר' צמח איז נישט אַזוי גלאַטיג, האט מען צוגענומען פאַר איהם

ספּעציעל אַ שומר. טאַטע אַ יונג מיט ביינער, וועלכען דער רבי האָט אָנגערופען „משוגע׳נער משה״.

ער האָט איהם גזהאַלטען אונטער אַ שטרענגער השגחה. מען זאָגט, אַז ער האָט אפילו דעם רבי׳ן געשלאָגען. דער רבי אליין פלעגט זאָגען צו זיינע מקורבים וועגען דעם דאָזיגען „שומר״, אַז אויף איהם איז מקוים געוואָרען די קללה פון דער תורה: „הכה ה׳ איתך בשגעון״, נאָט האָט דיך געשאָלטען מיט אַ „משוגענעם״ (!).

און ווען דער סוד איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט מען ר׳ צמח׳ן געפיהרט קיין וואַרשאַ און ער איז דאָרט נפטר געוואָרען.

אַ צווייטע ווערסיע דערצעהלט, אַז די קראַנקהייט איז ר׳ צמח׳ן געקומען פון אַן׳אומגליקליכען צופאַל, וואָס ס׳האָט איהם געטראָפען.

די מעשה איז געווען, אַז נאָכ׳ן טויט פון זיין גרויסען פאָטער האָט זיך פּלוצלונג איינגעבראָכען אין זיין וואוינונג, וואו ער איז געזעסען און געלערענט מיט זיינע קינדערליך, אַ בעל־כע פון סופיט און עטליכע קינדער זענען אויף טויט דער׳הרג׳עט געוואָרען.

פון דער דאָזיגער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע האָט דער רבי ר׳ צמח בעקומען אַ מח־דערשיטערונג און איז דערפון אַראָב פון זינען.

דער עולם דערצעהלט אויך, אַז עס זענען אָפט געווען ביי ר׳ צמח׳ן מאָמענטען, ווען ער האָט צוריקבעקומען דעם גע־דאַנק און די וואָס האָבען גראַד מכוון געווען די שעה און איהם אַ קוויטעל געגעבען, זענען ביי איהם באַלד געהאָלפען געוואָרען.

מען דערצעהלט אויך, אַז ר׳ צמח האָט קיינמאָל נישט געגלויבט אין די רפואות פון די דאָקטוירים. ביי דער קראַנקהייט האָט ער אויך נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין דאָקטאָר. דעריבער האָבען אויך די דאָקטוירים, וואָס האָבען איהם געהיילט קיין שליטה אויף דער קראַנקהייט נישט געהאַט.

דער רבי ר׳ צמח האָט געהאט עטליכע זיהן: ר׳ איטשעלע, ר׳ מאיר׳ל, ר׳ נתן דוד און ר׳ משה חיים (חיים׳ל).

ר׳ מאיר׳ל איז דער היינטיגער „פיאסעצנער״, ר׳ נתן דוד איז געווען דער אָפיציעלער ממלא מקום נאָך זיין פאָטער אין שידלאָווצע. ער איז נפטר געוואָרען י״ד אדר תרצ״ב (1932).

ר׳ משה חיים, אָדער חיים׳ל, איז דער לעגענדארער „יאָשע קאַלב״, מיט וועלכען ס׳האָט זיך אין זיין צייט געקאָכט די רבי׳שע וועלט, וועגען וועלכען זינגער האָט אויך אָנגעשריבען זיין ראָמאַן. צו ר׳ צמח׳ס אייניקלעך געהערען אויך דער סוכע־דנישווער און ראַקאָווער רביים, וועלכע וואוינען אין קיעלץ און שמ׳ן אַלס גרויסע צדיקים...

ר׳ מענדעלע ווארקער

א.

דער רבי ר׳ מענדעלע ווארקער איז געווען דער ממלא מקומו נאך זיין פאטער ר׳ יצחק׳ל ווארקערס פטירה (כ״ב ניסן תר״ח), כאטש ער איז געווען דער יונגסטער זוהן.

אלס קינד שוין איז רבי ר׳ מענדעלע שטארק האפערדיג און ווילד געווען און קיין גרוים חשק צו לערנען האט ער נישט געהאט.

ער פלעגט גאנצע טעג ארומלויפען אין די גאסען מיט פראסטע גאסען־יונגלעך און מיט זיי זיך חבר׳ן.

אויף אלע וואגענס האט מען איהם געזעהען זיצען, האל־טענדיג די לייצעס און די בייטש אין די הענד. דערפאר פלעגט ער די בעל־עגלה׳ס אוועקגעבען דאס גאנצע טאשען־געלד, וואס די רבי׳צין, די מוטער זיינע, פלעגט איהם געבען יעדען טאג.

ער פלעגט אויך מיט דער בייטש ווילדעווען אויף דער גאס. שלאגען יעדען, וואו ס׳איז איהם געקומען אונטער דער האנד א. אז. וו.

האט מען איהם געמאכט פריה פאר א חתן, כדי ער זאל זיך שעהמען ארומצודרעהען פועל בטל, אבער אונזער ר׳ מענ־דעלע האט ווייטער געווילדעוועט און געפילדערט מיט דער בייטש און אנגעטריבען מיט פערד און וואגען...

האט זיך דערפון אויך דערוואוסט דער מחותן זיינער און

איז נעקומען צום רבי'ן ר' איציק'ל זיך בעקלאגען אויף דעם „קליינעם", אז ער האט פון איהם חרפות און בושות. האט דער רבי דעם מחותן בערוהיגט און געטרייסט, אז עס וועט נאך קר־ מען א צייט, ווען ער וועט האבען פון איהם א סך נחת און פרייד...

מען האט גארנישט געטארט דעם „קליינעם" אויס'מוסר'ן, ווענען זיין צולאזענקייט. ער פלעגט באלד יעדען ארייגזאגען: „געה צו אלדע רוחות"...

אבער די „ווארקער" פלעגען זיין ווילדקייט אויסטייטשען, אז ר' מענדעלע טהוט מטהר אויף מיט דער בייטש, ווי אנ'אנ־ דערער מיט זיין תורה און תפילה...

פון דעם דאזיגען תענוג האט זיך ר' מענדעלע אויך נישט אבגעוועהנט אפילו, ווען ער איז שוין געווען א מנהיג פון חסי־ דים. ער האט געהאט זיין אייגען געשפאן, וואס איז בעשטאנען פון די בעסטע צוגאווע פערד, וועלכע ער האט אליין איינגע־ קויפט און אויסגעפרובט, און אויך האט ער געהאלטען א שנץ אלם שמייסער...

געהייסען האט דער שמייסער יאשון. די חסידים אבער האַ־ בען איהם גערופען יאשיקעל, און די, וואס האבען נישט גע־ וואוסט, וואס און ווער ער איז, האבען איהם גערופען ר' יאַ־ שיקעל, האלטענדיג, אז ער מוז זיין עפעס א חשובער מקורב פון רבי'ן להבדיל.

יאשיקעל איז זיך טאקע נעווען א גאנצער חשוב ביי די „ווארקער", ווי אלעקסיי ביים בעל שם טוב, מאטשעק דער פאַ־ ראבעק, ביים ראדאשיצער רבי ר' בער און וואיטעק ביים ניי־ שטעדטער.

און ווען דער רבי ר' מענדעלע פלעגט ארויספאהרען מיט זיין צוגאווען געשפאן הינטער דער שטאדט, האט ער אליין, זי־ צענדיג אויף די קאזלעס, אנגעטריבען מיט די פערד און יאשי־ קעל דער שמייסער איז זיך געזעסען בנעימות ווי א פריץ אויף

דעם הינטערשטען געזעס. אבער ביי געוויסע מאמענטען האט דער רבי איהם געהייסען זיצען פערדרעהט מיט דעם פנים אויף דער צוויימער זייט ריקווערטס.

פאהרענדיג אזוי, האט צייטענווייז דער רבי ר' מענדעלע נעגעבען א שווערען קרעכץ, אדער א ניגונדעל צום טאקט אונ־טער דער נאז זיך געזונגען און יאשיקעל איז שוין געווען אזוי בעהאוונט אין רבי'נס התנהגות, אז ער האט פערשטאנען, וואס דאס אלץ האט צו בעדייטען.

נאך אזא נסיעה פלעגען איהם דעם שמייסער, די חסידים שטארק דולען דעם קאפ און איהם געבען א גרויסע כוסה, אז ער זאל זיי עפעס דערצעהלען וועגען די מופתים, וואס דער רבי בעוויזט אויף'ן וועג, אדער וועז ער טהוט אבטרעטען האלב־וועגס אין דער קרעטשמע, וואס האט זיך געפונען אין מאקרא־וואליע.

ב.

יאשיקעל שמייסער האט גערעדט א גוט יודיש מיט אלע חסידישע קנייטשען און סוגיות און פאר איהם איז קיין סוד נישט געווען, וואס ס'קומט פאר אין רבי'נס הויף. מען האט זיך דארט איבערהויפט פאר איהם מיט גארנישט געהיט.

אבער יאשיקעל איז געווען א פער'הוצפה'טער ברודיגער שגץ, ארומגעגאנגען אבגעריסען און אבגעשליסען, איינגעהילט אין שמאטעס. דער קאפ האר צושויבערט, מיט היי און שטרוי דורכ־געפלאכטען, קיינמאל נישט ארומגעוואשען און שטענדיג שיכור...

ביי דעם אלעם פלעגען איהם די חסידים שטארק חנפ'ענען און פאר איהם זיין כורעים ומשתחוים.

יאשיקעל דאגעגען האט זיך געגען די חסידים אויפגעפיהרט מיט גרוים עזות. יעדען איינציגען פלעגט ער געבען דאס קאלטע און ווארעמע און יעדען אנרופען און אנשרייען „דו עזות פנים", אייב נאר מען האט זיך נישט צו איהם געווענדעט בהכנעה'דיג און נישט געגעבען גוט אנצוטרינקען.

מייסטענס האט ער דערלומשעט דעם עולם פרייטאג צו נאכטס ביים טיש־פיה־רען, ווען די ליכט האבען שוין געהאלטען ביים אויסגעהן, איז זיך יאשיקעל געקראכען איבער די קעפ פון די טיש־זיצערס, ארויפקריכענדיג מיט די פאבלאטיטע פיס אויף דעם טיש אנצונדען פרישע ליכט.

זענען אבער די חסידים געווען איינגעשפארט און נישט גע־מאכט פאר איהם קיין ווארע, פלעגט יאשיקעל זיך צוכעס'ן מיט דער גאנצער פארע און שרייען: „שקצים, ס'וועט היינט נישט זיין קיין טיש" און ווען יאשיקעל האט געזאגט, איז טאקע קיין „טיש" נישט געווען.

ער איז אריין צום רבי'ן ר' מענדעלע און געשריגען אויף א שנצ'ישען אופן: „רבי, ס'איז נישטא היינט פאר וועמען צו פיהרען טיש, א ביסעל שנאריערס, א פאר עזות־פנים'ער און שוין"... און טאמער האט איהם דער רבי ר' מענדעלע נישט געוואלט הארבען און געפיהרט טיש, האט יאשיקעל קיין גרויס שהיות נישט געמאכט און פערלאשען איינגאנצען די ליכט, אדער קיין פרישע נישט אנצונדען, ווען די ערשטע האבען זיך געהאט אויסגעברענט. ער האט געהייסען דעם עולם אהיימגעהן שלאפען און ער אליין האט זיך טאקע באלד צולעגט אויף דער באנק אין בית־המדרש און געכראפעט.

און דער הייליגער רבי ר' מענדעלע, דער „אייביג שוויי־גענדיגער" האט זיך ווענען דעם אלעם גארנישט אנגערופען.

אין א גוטער שעה, אבער, האט מען אויך ביי יאשיקלען גע־זאגט עפעס געוואויר ווערען פון רבי'נס „חדר". האט ער דאך בעגלייט דעם רבי'ן אויף אלע נסיעות, אויסגעהארכט און צוגע־טראגען דעם „הויף" אלע מעשיות פון די חסידים, פון דער שטאדט אא"וו.

נאטירליך האט יאשיקעל ענטפלעקט זיינע סודות נאר פאר יחידי סגולה, וואס האבען איהם א סך בראנפען געגעבען צו טרינקען, און דעמאלט פלעגען אלע אויפשטעלען אויגען און אויי־

שרען.

פון יאַשיקלען האָט מען זיך אויך דערוואוסט ווי דער רבי איז מתקן אויפ'ן וועג פערוואַגלטע נשמות, וואָס בלאָנדזשען ארום אין די וויסטע פעלדער און וועלדער.

ער אליין, האָט אמאָל איבערגעגעבן יאַשיקעל די חסידים זיינע, האָט אנומעלט דערקענט א געשטאָרבענעם וואַרקער חסיד, וועלכער האָט דעם רבי'ן פערשטעלט דעם וועג, בעטענדיג זיך וועגען א תיקון און דער רבי האָט איהם געשיקט אין זיין רוה אריין.

און נאָך וועגען אנדערע מופתים, וואָס דער רבי בעוויזט אין דער צייט, ווען ער פאָהרט אונטערוועגס קנאַלענדיג מיט דער בייטש, האָט יאַשיקעל דערצעהלט.

האָט זיך דער עולם געכאַפּט, וואָס פאַר א כוונות זייער רבי האָט מיט זיין פאָהרען שפּאַצירען הינטער דער שטאָדט און אליין שפּאַנען מיט די פערדלעך זיינע.

ג.

דער רבי ר' מענדעלע איז בכלל געוועזן א גאַנץ אריגינעלער טיפּ אין דער רבנישער וועלט, אין דער עפּאָכע פון רבי'שער „חרי־פות און פּקחות".

ער איז געוועזן א גרויסער שותק, פלעגט צייטען נישט ארויס־רעדען צו קיינעם קיין וואָרט און צייטען ווידער גאָר לעבעדיג און לוסטיג זיין.

אין וואַרקע האָט מען ביי ר' מענדעלע'ן גאָט געדינט במיד־שבה, עוסק געוועזן אין חסידות און אויך זיך משמח געוועזן ביי א ביטעל משקה, להיפך פון אנדערע רביים, וואו מען פלעגט א סך דאווענען און לערנען.

דער אמשינאָווער, זיין ברודער, פלעגט זאָגען: „דאָ דאַווענט מען און דאָרט הוליעט מען"...

דערויף פלעגט דער וואַרקער ענטפערען: „נישט געדאַווענט, נישט געלערענט, אבי דעם אויבערשטען נישט דערצערענט"...

און ווען מען האָט זיך אין וואַרקע משמח געווען, האָט מען

זיך דורכגעפלאָכטען אין אַ רעדעל און טאַנצענדיק, האָט דער רבי ר׳ מענדעלע דבקות׳דיק געזונגען סאָלאָ:

„גאָט מוז מען דינען, און מען וועט איהם דינען —

„נאָר מיט שמחה און נחת — הגואל ממות ופודה משחת״.

האָבען די חסידים אין כאָר געענטפערט:

„דינען מוז מען גאָט און מען וועט איהם דינען, דערפאַר, ווייל ער האָט אונז אויסגעוועהלט צו דינען״....

און דער רבי זינגט דאַן ווייטער:

„מען מוז איהם דינען און מען וועט איהם דינען — אָבער גישט ווי אַ גולם — הדן יחידי לבאי עולם״...

דערויף ענטפערען די חסידים ווידער:

„דינען מוז מען גאָט״ אא״וו.

יעדע סטראָפע פון דעם זמר׳ל האָט זיך געענדיגט מיט אַ פסוק פון פזמון „האוחז ביד״ פון די ימים־נוראים.

אין וואָרקע האָט מען דאָס לידעל געזונגען לויט דעם פשיס־כער נוסח, מיט דער מעלאָדיע פון „נכנס אדר, מרבים בשמחה״, אָבער אין אַ גאַנץ אַנדערען נוסח און וואַריאַציע האָט מען עס געזונגען ביים רבי ר׳ מרדכי׳לע טשערנאָבילער. אָבער אויך מיט די פסוקים פון „האוחז ביד״.

אין אַ פראָסטען מיטוואָך פלעגט מען ביי ר׳ מענדעלען זיך נעהמען אין רעדעל און זינגען:

„וואָס האָבען מיר צו זאָרגען, וואָס וועט זיך טהון מאָר־גען, לאָמיר ליבערשט בעטראַכטען, וואָס מ׳מיר געטהון נעכטען, טאָמער וועט מען עס קענען פערריכטען״...

די וואָרקער האָבען געזעהן אין זייער רבי׳נס שיטה פון זאָרגלאָזיגקייט און פרעהליכקייט (חדוה) גרויסע פערבאָרגענע סודות, אמת׳ע עבודת הבורא.

אָבער אויך די וואָרקער פרעהליכקייט איז מיט אַמאָל פער־שטומט געוואָרען מיט דער פטירה פון דעם רבי ר׳ מענדעלע. ער איז נסתלק געוואָרען ט״ו סיון תרכ״ח (1868).

ר׳ לייב שרה׳ס

א.

ר׳ ליב שרה׳ס איז נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג, א סודות׳פול־לע ערשיינונג ביי יודען. ער האָט פון זיך אין יודישען וועלטעל א סך געלאָזט הערען און רעדען. אויך די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט איהם געקרוינט מיט אַהן א שיעור פאַנטאַסטישע מעשיות.

ר׳ ליב שרה׳ס האָט — אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע — מלכים און שרים אראָבגעזעצט פון זייער טראָהן און אַנדערע ארויפגעזעצט; ער האָט געפיהרט א זיבעניעהריגע מלחמה מיט דעם עסטרייכישען אַלמעכטיגען קייזער יאָזעף דעם צווייטען צוליעב זיין גזרה אויף די יודען, אַז זיי זאָלען שיקען די קינדער אין די שולען אריין; ער איז געווען דעם פוילישען מלך סטאַניסלאַוו אויגוסט׳ס אינטימער פריינד, העלפענדיג איהם אין זיין קאַמף מיט די קאָנפעדעראַטען, זיינע שונאים, וואָס האָבען איהם געוואָלט אראָבוואַרפען פון טראָהן א. אַז. וו. א. אַז. וו.

מען פלעגט ר׳ ליב שרה׳ס אָפט זעהען און טרעפען אויף אַלע יארידים אין פריצישע צוזאַמענפאָהרען, אַמאָל פערקליידעט אלס פויער, אָדער אלס בעטלער, א צווייט מאָל ווייטער אלס הויזירער, ארומגעהענדיג אין די הייזער און אין די דערפער מיט א נישטיג ביסעל סחורה, פאַר וועלכע ער האָט זיך געהייסען טייער בעצאָהלען.

און ארומפארנדיג אזוי טאג און נאכט איבער גאנץ פוילען איז ר׳ ליב שרה׳ס אויך אפט געקומען אויף די יארידים קיין לובלין.

ער האט זיך אין דער צייט פון די יארידים דא געעפענט א קלייטעל אויף דעם „געסעל", אבער חוץ לעדיגע פאליצעס האט ער אין קלייטעל פאר קיין גראשען סחורה נישט געהאט; ער פלעגט אבזיצען אין דעם אפענעם קלייטעל גאנצע טעג און נעכט הינטער די „טאשעוואניעס" און אריינקוקען אין א ספר.

נאר ווען ס׳איז געווען א מארק־טאג האט ער זיך איבער־געטהון אין פויערישע מלבושים און האלטענדיג א לעדיגען זאק אין דער האנד, האט ער זיך ארומגעדרעהט צווישען די פויערים און געפיהרט מיט זיי פערשיעדענע שמועסען.

ס׳איז אויך געווען צייטען, ווען ר׳ לייב שרה׳ס האט פער־מאכט דאס קלייטעל און איז אין גאנצן פערשוואונדען געווארן פון לובלין אויף א געוויסע צייט, און קיינער האט נישט גע־וואוסט, וואו זיין געביין איז אהינגעקומען.

אבער ווי נאר דער גראמיניצער יאריד האט זיך אנגעהויב־בען זעהט מען איהם ווייטער אויף דעם לובלינער ברוק אין זיי־נע כאראקטעריסטישע מלבושים אלס פויער, אדער אלס בעט־לער, מיט א טארבע אנגעהאנגען אויף זיך, און פיהרען שמועסען מיט די פויערים אדער קלויבען נדבות אין די הייזער.

אין ביי די לובלינער יודען דאס גאנצע ווילדע התנהגות שטארק געווארען פערדעכטיג, א סך האבען איהם געהאלטען, אז ער איז נישט ביים קלארען פערשטאנד, אנדערע ווידער עפעס פאר א בייז אנשיקעניש.

האבען איהם איינמאל לובלינער „וואוילע יונגען" ארייג־געטארט אין מהר"של׳ס שוהל און אנגעהויבען אויספרעגען, ווער און וואס ער איז און וואס ער טהוט דא אין דער שטאט. אויף אלע פראגען האט ר׳ ליב שרה׳ס געהאט נאר איין ענטפער, אז ער ווייסט אליין נישט, וואס צו זאגען און וואס ער ווייסט יא—

טאר ער נישט אויסזאגען.

זעהענדיג, אז זיי וועלען מיט איהם אין גוטען גארנישט אויפטהון, האבען די וואוילע יונגען זיך גענומען איהם מיט כוח אבשערען די בארד און פיאות.

האט זיך ר׳ ליב שרה׳ס מיט געוואלד ארויסגעריסען פון זייערע הענד און אנטלויפענדיג צום ארון הקודש ווילד געשריגען: רבונו של עולם, זעה, וואס פאר א הייליג פאלק דו האסט, זיי נעהמען זיך אן דיין עוולה; און דערביי האט ער זיך שטארק צעוויינט. האט זיך חברה שטארק דערשראקען פאר זיין אונגעהויער געשריי. ממש נישט מענשליך קול, פון וואס אפילו די פענסטער אין דער שוהל האבען געציטערט, און זיי האבען איהם אבגעלאזט.

ב.

טויזענדער אויגען האבען געקוקט אין לובלין אויף דעם משונה׳דיגען מענש; קינד און קייט האט געטייטעלט אויף איהם מיט די פינגער. אבער ר׳ ליב שרה׳ס איז גארנישט געווארען דערפון נתפעל. ער האט זיך ווייטער געדרעהט אין די מארקטעג צווישען די פויערים אויף דעם שטרוי־מארק און אויף די גאסען, טראגענדיג א פויערישע טראכט. ער פלעגט זיך דרעהען אויך אויף אלע פריצישע פערזאמלונגען, זיך בעוויזען אויף חתונות, וואו ער איז אבער נאר משמח חתן כלה און נעהט זיך דאן ווייטער זיין וועג. טיילמאל גאר איז ער אויך געקומען אין בית־המדרש אריין און זיך ברייט אויסגעלעגט אויף דער גאלער באנק, אריינקוקענדיג אין א ספר.

דער לובלינער בית־דין האט עפעס ספיקות בנוגע ר׳ ליב שרה׳ס. שיקט דער בית־דין דעם שמש נאך איהם, אבער ער קומט נישט. שיקט מען איהם איצט אן׳התראה, אז קוים וועט ער זיך נישט שטעלען צום בית־דין, וועט ער ווערען פון דער שטאדט ארויסגעשיקט. (די לובלינער קהלה האט געהאט דאס רעכט, ווען זי האט נאר געוואלט, ארויסצוטרייבען פון דער

שטאָדט, האָט זי דאָך אויך נישט אַריינגעלאָזט אין דער שטאָדט דעם „חוזה", וועלכער האָט געמוזט דעריבער אַ לאַנגע צייט וואוינען אין טשעכאָוו, אַ פאָרשטאָדט).

אָבער ר׳ ליב שרה׳ס לאַכט פון אַלעמען אין די פויסמען. ער גייט זיך ווייטער אַרום פראַנק און פריי אין די גאַסען.

פּלוצים אָבער ווערט אונזער ר׳ ליב שרה׳ס ווייטער פאַרשוואונדען פון לובלין און קיינער ווייסט נישט, וואו זיין געבליבן איז אַהינגעקומען.

אָבער נאָך אַ געוויסער צייט בעוויזט ער זיך צוריק אין דער שטאָדט שוין גאַנץ לייטיש אָנגעטהון, ווי אַ סוחר׳ל פון אַ קליין שטעדטעל, און ברענגט מיט זיך מיט אַ בריעף פון דעם רבי ר׳ בער פון מעזריטש, דעם בעל־שם טוב׳ס אַ תלמיד צום לובלינער בית־דין. ווי דערשטוינט זענען די דיינים געוואָרען, לעזענדיג אין בריעף, אַז ר׳ יהודה ליב בן יוסף, בעקאַנט מיט דעם נאָמען ר׳ ליב שרה׳ס פון ראָווגע, פערנעמט זיך מיט אַזעלכע גאָט־געפעליגע זאַכען, וואָס גרעסער פון זיי קאָן נישט זיין, וועגען וואָס מען קאָן נישט שרייבען, נאָר ער אַליין קאָן אייך פערזענליך מיטטיילען...

דער רבי ר׳ בער בעט גלייכצייטיג אין דעם דאָזיגען בריעף אַלע קהילות און יודען נישט צו שטערען ר׳ ליב שרה׳ס אין זיין אַרבייט, אין געגענטייל איהם צו העלפען געלד צונויפנעהמען, מיט וואָס ער האַלט אויס נויטבעדערפטיגע תלמידי־חכמים א. אז. וו. א. אז. וו. (זעה ספר „דרכי ישרים" פון ר׳ מאיר׳ל פרזשעמישליאַנער, זשיטאָמיר 1803).

האָט מען איצט פאַר ר׳ ליב שרה׳ס גרויס דרך־ארץ אין לובלין. מען בעשיט איהם מיט געלד און חסידים האַלטען זיך פאַר אַ גרויסע זכיה איהם ביי זיך אין דער שטוב צו זעהען און מיט איהם אַ וואָרט צו רעדען.

אָבער ר׳ ליב שרה׳ס פיהרט ווייטער זיין פריהערדיגען אַרט לעבען.

אזוי פערגעהען לאנגע צייטען און קיינער ווייסט נישט, וואס ער טהוט. ערשט דורך א צופאל האט זיך פאר דעם עולם ענטפלעקט דער סוד פון זיין נע ונד זיין. אז ר' ליב שרה'ס איז א אינפארמאטאר פון סאמע פוילישען קעניג סטאניסלאוו אויגוסט, וועלכער האט געקיניגט אין פוילען פון 1764 ביז 1795.

ג.

סטאניסלאוו אויגוסט, דער לעצטער פוילישער קעניג, איז געווען ארומגענומען מיט א גרויסער צאהל היימישע שונאים צוליעב זיין רוסישע אריענטאציע. האט ער דאך געהאט צו פערדאנקען דעם פוילישען טראהן דער רוסישער צארין יעקאטערינא דער צווייטער, ביי וועלכער ער איז געווען א פאווארים. די אזוי גערופענע „ראדאמער גענעראל קאנפעדעראציע" האט געשטערבט איהם, דעם קעניג, אראבצווערפען פון טראהן צוזאמען מיט זיינע מקורבים, די טשארטאריסקים א. א. וו. און די „בארסקא קאנפעדעראציע" האט זיך טאקע גענומען צום געווער, פיהרענדיג געגען דעם קעניג א בעוואפענטען אויפשטאנד. אינמיטען דערין האט זיך יעקאטערינא גענומען צו פערכאפען פוילען.

און היות סטאניסלאוו אויגוסט איז געווען א גרויסער אוהב ישראל, האט זיך אונזער גרויסער ר' ליב שרה'ס פרייוויליג געשטעלט לטובת הכלל אין דינסט אלס אינפארמאטאר, וועגען אלץ, וואס ער האט זיך דערוואוסט און ס'האט געהאט א שייכות מיט דעם מלכות, האט ער צוגעטראגען דעם קעניג און זיינע יועצים.

און מעהר ווי איינמאל האט ער דעם קעניג אבגעראטעוועט מיט זיין חכמה פון א דורכפאל און דערפאר טאקע אויסגעפועלט ביי איהם און זיינע שרים גרויסע טובות און הנחות פאר יודען.

איינמאל האט ר' ליב שרה'ס געוואלט דעם קעניג זאגען, אז זיינע טעג זענען שוין געצעהלטע, אבער ער זאל מיט שטאלץ

טראָגען די פּוילישע קרוין אויף זיין קאָפּ ביז צו ,דער לעצטער מינוט און פרייוויליג זיך נישט אונטערגעבען.

דער קעניג האָט טאקע געהאָרכט ר׳ ליב שרה׳ס עצה: יע־קאַטערינא האָט איהם מיט כח ענטראָהנט אין גראָדנע אין יאָהר 1795 און ער איז אויף דער פערשיקונג דאָן געשטאָרבען. א יאָהר פריהער פון איהם (ד׳ אדר, תקנ״ו) איז נפטר געוואָרען דער לעגענדארישער ר׳ ליב שרה׳ס מיטנעהמענדיג מיט זיך אין קבר אריין דעם גרויסען סוד פון זיין געווענד זיין.

לאדזשער רב מייזעל

א.

דער לאָדזער פּאָגראָם אויף יודען אין מאַי 1892 איז מיט בלוטיגע אותיות פערשריבען געוואָרען אויף די געשיכטע־בלעטער פון די יודען אין לאָדז.

דער פּראָלאָג פון דעם דאָזיגען פּאָגראָם איז געווען אַ שטרייק פון די ארבייטער, וועלכער איז פּלוצלונג אויסגעבראָכען אין עטליכע פאַבריקען צוליב אַ פאָדערונג וועגען העכערען דעם לוין און פערקלענערען די ארבייטס־צייט — דעמאָלט 15 שעה אַ מעת־לעת.

באַלד זענען אויסגעוואַקסען, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגען, שטרייק־ברעכער, וואָס זענען געגאַנגען צו דער ארבייט אונטער פּאָליציייאישער וואַך. אויף דעם באָדען איז ענטשטאַנען צווישען די צדדים אַ געשלעגעריי, וואָס האָט זיך אויך פערשפּרייט אויף די גאַסען. האָבען די פאַבריקאַנטען אראָבגעבראַכט קיין לאָדז דעם פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר קאָנסטאַנטין מילער, און ער האָט זיך גענומען מיט דער הילף פון לאָדזער מיליטער פונאַנדער־צויאָגען די ארבייטער אויף די גאַסען און פון פאַר די פאַבריקען. דערביי זענען צעהנדליגער מענשען פערוואונדעט געוואָרען.

זענען איצט געקומען פרויען און טעכטער צו־הילף זייערע מענער און פאָטערס און זיך געוואָרפען אויף דעם מיליטער און

פּאָליציי מיט שטיינער, וואָס האָבן זיך גראָד געפונען אויף די גאַסען צוליב׳ן רעמאָנט פון ברוק.

האָט דער וואַרשאַווער גענעראַל־גובערנאַטאָר הורקאָ געגע־בען אַ בעפעהל קיין לאָדז: „נישט צו קאַרגען קיין קוילען". און פאַר יעדען פרייז צו אונטערדריקען דעם „אַרבייטער־בונט". די קוילען האָבן געווירקט. אַ גרויסע צאָהל אַרבייטער האָ־בען בעצאָהלט מיט׳ן לעבען און דער „בונט" איז געוואָרען תיכף אונטערדריקט.

און וועלענדיג איצט אָבווענדען די פערביטערונג פון די אַרבייטער פון דער צאַרישער מאַכט, האָט זיך די לאָדזער פּאָ־ליציי אויך גענומען צום אַלט אויסגעפּרובטען מיטעל און אָר־גאַניזירט אַ בלוטיגען פּאָגראָם אויף יודען אין אַ גרויסען מאַס־שטאַב, לויט דעם בעוואוסטען צאַרישען נוסח, כדי אין איין וועגס אויך צו קאָמפּראָמיטירען די אַרבייטער אַלס פּאָגראָמ־שטשיקעס. און דאָס איז איהר טאַקע געלונגען.

ב.

דאָנערשטאָג אין אָוונער, דעם 5־טען מאַי 1892, האָט זיך די פערברעכערישע וועלט, וועלכע האָט זיך פון כמה שנים אויפ־געהאַלטען אָפּיציעל אין באַלוט, אַלס „פּאָביטניקעס", און איז איצט אונטערגעהעצט געוואָרען פון דער פּאָליציי, אַרויסגעלאָפען אויף דעם אַלטען מאַרק און זיך גענומען שלאָגען יודען, ברעכען די טישלעך און בודקעס, ראַבירענדיג דערביי דאָס ביסע־ל אָרימקייט, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען; אָבפאַרטיגענדיג זיך מיט דעם, האָבן זיי זיך דאַן געוואָרפען אויף די דערבייאיגע פלייש־האַלעס. דאָ האָבן אָבער די אָנפאַלערס געכאַפּט פון די קצבים אַ מיאוס׳ן פּסק און האָבן זיך פון דאַנען אָבגעטראָגען. דערביי איז פערוואונדעט געוואָרען אויך אַ קריסטליכע פרוי, וואָס האָט נאָך מעהר צורייצט דעם המון.

די כוליגאַנעס האָבן זיך גענומען, פאַר די אויגען פון דער פּאָליציי, אויפברעכען די טויערען און די לאָדענס פון די הייזער

און נעוועלבער פון אַלט־שטאָדט און וואָס עס איז זיי נעקומען אונטער דער האַנד האָבען זיי געבראָכט און געבראָכען, ראַבירט וווערט־זאַכען און סחורות, אונטערגעצונדען אַ יודישע שענק, גע־שלאָגען מכות רצח די יודען אאַ״וו, אאַ״וו.

און ווען די געליטענע האָבען זיך געווענדעט צו דער פּאָ־ליציי וועגען שוץ, האָבען זיי בעקומען בלויז אַ ציניש ען ענטפער.

אַז עס איז צונעפּאַלען די נאַכט, האָט די פּאָליציי געגעבען אַ וואונק די פּאָגראָמטשיקעס, אַז פאַרלויפיג איז שוין גענוג — און דער פּאָגראָם האָט זיך אָבגעשטעלט.

דערזעהענדיג, אַז זיי זענען הפקר און שוצלאָז, האָבען די יודען אויף אַלט־שטאָדט געשאַפען אויף גיך אַ „זעלבסטשוץ", אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט קצבים, דראָזשקאָזשעס און אַנדערע געזונדע יונגען; ווי נאָר עס איז טאָג געוואָרען, האָבען זיך ווייטער בעוויזען מחנות פּויערים און פּויערטעס מיט ווידלעס, קאָסעס און קליניצעס, מיטבריגנענדיג אויך זעק, צו פּאַקען דאָרט דעם רויב.

מען האָט צווישען די פּויערים אין די שכנות'דיגע דערפער פערשפּרייט קלאַנגען, אַז די יודען אין לאָדז האָבען געשענדעט די קירכען, אויסגע'הרג'עט די גלחים — זענען זיי געקומען זיך אָברעכענען מיט די יודען. אַזוי ווי זיי האָבען זיך אָבער אויפ'ן אָרט איבערצייגט, אַז די גאַנצע מעשה איז נישט געשטויגען און נישט געפלויגען, האָבען די פּויערים זיך גלייך אָבגעטראָגען אַ היים, נישט טשעפּענדיג קיינעם.

האָבען אָבער די שטאָדטישע כוליגאַנעם צוזאַמען מיט די „באַלומער" קרימינאַליסטען זיך איצט געלאָזט אין „מסום" אריין און אויפ'ן רוסישען שטייגער אָנגעהויבען צו פּאָגראָמירען די יודישע הייזער און די וואוינונגען אויף דער שרעדניע, ווידזעווער (היינט קילינסקיעגאָ), קאַמיענגאַ, סקווערזאָווע, טאַרגאָווע א. אַנד. גאַסען, נישט שוינענדיג אפילו די פּיש־האַלעס.

די יודישע „זעלבסטשוץ" איז ביים בעסטען ווילען נישט

געווען בכוח זיך אנטקעגנצושטעלן געגען דער צאהלרייכער צר־יושעטע בעסטיע, וואס איז געווען בעוואפענט מיט שארפע כלים און אונטערגעשטיצט דורך דער פאליציי, אבער דערביי האט נישט איין כוליגאן געכאפט דעם געהעריגען אבשניט.

דער גובערנאטאר מילער, ארומגענומען פון זיין סוויטע און זשאנדארען, האט זיך גאנץ גלייכגילטיג צוגעקוקט צו דעם בלוט־באד און ווען עס האבען זיך צובלוטיגטע און צוקיילטע יודען אויף דער גאס צו איהם געווענדען, אז ער זאל בעשיצען זייער לעבען. האט ער בלויז געצויגען מיט די פלייצעס און גאר נישט געטהון.

דאן האט זיך איינגעשטעלט ממש דאס לעבען דער רב ר' אלי' חיים מייזעל ז"ל און געלאפען צו „זיין" גובערנאטאר, מילער, ביי וועמען ער פלעגט זיין א גאנצער יש, אז ער זאל זיך דערבארעמען און איינשטילען דעם פאגראם. יענער האט איהם זוייטער נעענטפערט, אז ער האט נישט גענוג מיליטער דעם פאגראם צו ליקווידירען.

די יודישע פאבריקאנטען, מיט וועלכע דער גובערנאטאר איז געווען שטארק בעפריינדעט, האבען זיך אויך נישט גענומען די יודישע צרות צום הארצען, נישט וועלענדיג זיך ווידער איינ־רייסען מיט זייער גובערנאטאר, וועלכער טהוט זיי שיצען געגען די שטרייקענדע...

די ארבייטער זענען געווען די איינציגע, וואס האבען גענו־מען בשעת דעם פאגראם די יודען אין שוץ, פאר זיי זיך איינ־געשטעלט, אבראטעווענדיג מעהר ווי איין יוד פון די כוליגאנישע הענד.

ג.

די ארבייטער האבען דערקלערט אנ'אלגעמיינעם שטרייק אין אלע פאבריקען אין לאדז און אומגעגענד. זיי האבען געווארפען די ארבייט, לאזענדיג זיך אין דער גאס אריין.

האט דער גובערנאטאר, אונטער דער אנפיהרונג פון פול־

סאָותיק באַלטין, ארומגערינגעלט די גאַנצע שטאָדט אין דער לענג און אין דער ברייט. דער גובערנאַטאָר אַליין האָט אָנגע־פיהרט מיט א מיליטערישער אַבטיילונג.

א פּראָוואָקאַטאָרישער שאָס פון א הויז אויף דער קאָנסטאַנ־טינער גאַס צו א פּאַטרול, איז געווען א סיגנאַל צו דער שחיטה אויף די ארבייטער.

דער גובערנאַטאָר האָט געהייסען שיסען צו זיי אָפען, אָהן שום רחמנות און עס זענען געפאַלען מענשען, ווי פליגען.

די ארבייטער, וואָס זענען נישט געווען צוגעגרייט צו א בע־וואָפענטען קאַמף, האָבען געמוזט פאַר די קוילען קאַפּיטולירען און מען האָט מיט זיי אויסגעפילט אַלע תפיסות און קאַזאר־מעס, מען האָט זיי דאָרט געקאַטעוועט צום טויט. און מיט דעם ליקווידירען דעם „ארבייטער־בונט" איז ממילא שוין געווען דער פּאָגראָם אנ'איבעריגע זאַך און ער האָט זיך טאַקע אויך אָבגע־שטעלט.

מאָנטאַג, דעם 9־טען מאַי, האָבען אין דער פריה די סירע־נעס פון די פאַבריקען גערופען צו דער ארבייט, צו וועלכער אַלע ארבייטער האָבען זיך צוגעשטעלט, ווי קיינמאָל נאָרנישט. האָט מען זיי דאַן ארומגענומען און אויף וועמען עס איז געפאַלען דער קלענסטער חשד, אז ער האָט געשטרייקט, האָט מען ווייטער ארעסטירט אא"וו.

צוליב דעם גרויסען „נצחון", וואָס דער גובערנאַטאָר האָט אָבגעהאַלטען, האָבען די פאַבריקאַנטען, וועלכע זענען שוין כמעט אַלע איצט אויפ'ן עולם האמת, איינגעאָרדענט א באַנקעט אין האָטעל „מאָנטייפּעל" פאַר איהם און זיינע בלוטיגע משרתים.

זיי האָבען דאַן אויך דעם רב מייזעל פערבעטען אויף דעם באַנקעט. ער האָט אָבער פון דעם דאָזיגען „כבוד" זיך אָבגעזאָגט. זייענדיג שטאַרק דערשיטערט פון דער גרויסער צאָהל הרוגים (איבער הונדערט מאַן, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען

א צוויי־דריי מנינים יודען) און פון דעם חורבן פון דער יודישער בעפעלקערונג.

אין דער צייט פון באנקעט האט מען פון דער גאס געשאָסען צום גובערנאטאר, אָבער נישט געטראָפען. דאס איז שוין געווען דער עפילאָג פון פאגראם.

די יודען האָבען איהם פעראייביגט מיט דעם לידעל, וואס מען פלעגט זינגען אין די לאָדזער גאסען און אויף די הויפען:

הערט נאָר יודען די גרויסע קלאָג,
וואס האט זיך אין לאָדז פאסירט,
ראש חודש אייר דעם ניינטען טאָג,
האט מען אונז יודעלער ראבירט...

אא"וו.

(דאס לידעל איז דאן ערשינען אין ניו־יאָרק, 1893).

פאדעמביצער רב ר' משה'ל חריף

א.

אין דעם שטעדטעל פאדעמביץ ביי לענטשיץ האט זיך די מצענע אבגעשפילט.

די שטאדט איז געווען פערנומען פון סיבירישע קאזאקען, וואס מען האט ספעציעל געבראכט קיין פוילען צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד, וועלכער איז אויסגעבראכען אין נאוועמבער (ליסטאפאד) 1830.

דער פחד פון די יודען איז געווען אויסטערליש גרויס. א לאדע מינוט האט מען זיך געריכט אויף א צוזאמענשטויס צווישען די צארישע ווילדע חיילות און די פוילישע פאווסטאנצעס, וואס האבען זיך געפונען אין די שכנות'דיגע וועלדער.

די דאזיגע גרופע פאווסטאנצעס איז מייסטענס בעשטאנען פון פריצישע קינדער פון דער אומגעגענד און פון דער שטאדטישער אינטעליגענץ אונטער דער אנפיהרונג פון דעם יונגען זאקזשעווסקין, דעם זוהן פון דעם פאדעמביצער פריץ. פלוצלונג ווערט אין דער שטאדט א מהומה, די קאזאקען לויפען זיך צונויף אויף דעם מארק, מען קלאפט צו די געוועלבער, דער עולם בעהאלט זיך. מען זאגט, אז די פאווסטאנצעס געהען אויף פאדעמביץ.

די שרעק האט אבער גרויסע אויגען, באלד דערוויסט מען

זיך, אַז נישט די פּאָווסטאַנצעס טרייטען זיך צו אַנ'אָנפאַל אויף פּאָדעמביץ, נאָר די סיבּירישע תּפילות נעהען אָנפאַלען אויף די פּאָווסטאַנצעס. אַ פּויער, אַ רוסישער שפּיאָן, איז געקומען אין שטאָדט אַריין און האָט געמאָלדען דעם גענעראַל סיווערס, אַז אין דער מיהל אין דאָרף באָלדזשעבאָוו האַלטען אָב אַ בעראַטונג די פּריצים, אָנפיהרערס פון דער פּאָווסטאַניע.

דער גענעראַל הייסט מיטנעהמען די שטאָדט־שפּריץ און די וואַסער־טונדלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין מאַרק, אָנפיהלען זיי מיט נאַפט, זיך לאָזען אין יענעם דאָרף אַריין, בעשפּריצען דאָרט די מיהל מיט נאַפט און דערנאָך זי אונטערצינדען, כדי עס זאָל נישט בלייבען קיין שריד ופליט פון קיינעם...

די קאָזאַקען לאָזען זיך אויף זייערע סיבּירישע פערדלעך גאַלאָפּ קיין באָלדזשעבאָוו, דער גענעראַל סיווערס הינטער זיי, אָבער ווי דערשטוינט ווערט דער צאָרנדיקער סאַטראַפּ, ווען קומענדיג אַהין, טרעפט ער שוין נישט קיין לעבעדיגען נפש אין דער מיהל... דאָרט ווערט דער גענעראַל סיווערס געוואָהר, אַז עטליכע מינוט פאַר זיין קומען האָבען די פּאָווסטאַנצעס פערלאָזט די מיהל און אַנטלאָפען אויף פערד קיין לענטשיץ אָדער אַנדערשוואו.

עפּעס אַנ'איינגעהויקערטער יוד — האָבען די פּויערים דעם גענעראַל דערצעהלט — איז געקומען צו לויפען מיט'ן גאַנצען אימפּעט און זיי געגעבען אַ סיגנאַל, אַז די קאָזאַקען קומען, שרייענדיג אויפ'ן גאַנצען קול: „שדי, שדי!" און די פּאָווסטאַנצעס, דערהערענדיג דאָס, האָבען באַלד געמאַכט „ויברח".

נישט האָבענדיג קיין „שטאָך אַרבייט", האָט דער גענעראַל, מיט אַ מיאוסער רוסישער קללה אין מויל, פערלאָזט דאָס דאָרף, לאָזענדיג פריהער אונטערצינדען די מיהל; ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין זוכען די פּאָווסטאַנצעס און דעם „פערשאָלטענעם" יוד, וואָס האָט זיי צו וויסען געגעבען וועגען זיין קומען...

ב.

אין פּאַדעמביץ איז דעמאָלט געווען רב ר׳ משה׳ל חריף, וועלכער האָט געשטאַמט פון ביאַליסטאָק און איז פריהער געווען רב אין שווינסק. דער עולם פלעגט איהם רופען אויך: משה׳ל ליטוואַק.

ער האָט גע׳שם׳ט מיט זיין גרויס פקחות און גאונות אין דער גאַנצער געגענד. ער איז געשטאַנען אין פריינדליכע בעציהונגען מיט די שכנישע פריצים און גלחים, בעזונדערס מיט׳ן הויף פון פּאַדעמביצער פריץ. די פריצים פלעגען אָפט צו איהם קומען און זיך מיט איהם שואל־עצה זיין אין פערשידענע פריוואַטע ענינים. דערפאַר פלעגען זיי איהם אויך שיקען לכבוד יום־טוב פיש פון זייערע סטאַוועס, אָדער עופות און אויך קאַרטאָפּלעס און האָלץ אויף ווינטער.

ווען עס איז אויסגעבראָכען די פּאָווסטאַניע, האָבען זיך יענע פריצים שטאַרק גע׳עצה׳ט מיט׳ן רב, איהם אויסגעגעבען אַלע זייערע סודות, געהייסען פאַר זיי גאָט בעטען אא״וו. נאַטירליך איז דאָס אַלץ געווען א גרויסער סוד אפילו פאַר זיין בני־בית, א פשיטא שוין פאַר דער שטאָדט.

דערוויסענדיג זיך פון זיין בית־דין־שמש, ר׳ מאיר זאב, אַז דאָס רוסישע חיל גרייט זיך צו מאַכען אַנ׳אָנפאַל אויף די פריצים אין באַלדזשעכאָוו, האָט ר׳ משה׳ל חריף זיך צוגעאיילט און געהייסען זיין שמש הענדום־פענדום לויפען מיט א בריף צו ר׳ חיים אורבאַך, וועלכער איז געווען דעמאָלט רב אין לענטשיץ. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א וויכטיגער שאלה־תשובה מכח חמצ׳דיגען שפּירט, וואָס מען האָט געפונען ערשט נאָך יום־טוב ביי דעם פּאַדעמביצער פּראָפּינאַטאָר, ר׳ אהרן שיקער און עס איז נישט געווען דערמאָהנט אין שטר־מכירה. ער האָט דערביי אָנגעזאָגט דעם שמש, אַז קוים וועט ער זעהן אויפ׳ן וועג פּאָור סטאַנצעס, זאָל ער שרייען: „שדי, שדי!‟ און אָזוי אַרום, ווען ער וועט, הייסט עס, רופען צו גאָט — וועט ער ניצול ווערען פון א סכנת־נפשות, וואָס קאָן איהם טרעפען אויפ׳ן וועג.

נאטירליך האט ער נישט אויסגעזאגט דעם שמש, וואס ער, דער רב, איז ערדמיט אויסען. האט זיך דער שמש זיין שליחות געטוהן בתמימות און קומענדיג פאר דער מיהל אין באדזשעכאוו און זעהענדיג דארט עטליכע געזאטעלטע פערד, ביי וועלכע עס זענען געשטאנען א סך בעוואפענטע פריצים, האט ער אויפ'ן גאנצען קול געשריגען „שדי, שדי!".

די פריצים, דערהערענדיג, ווי א יודעל שרייט אזוי הויך: „שדי, שדי!", האבען די דאזיגע ווערטער אויסגעטייטשט אויף גוייעה לשון, ד.ה., אז מיט'ן „שאדיי", וואס דער יוד שרייט, מיינט ער אודאי, אז זיי זאלען זיך אויפזעצען אויף די פערד און אנטלויפען, ווארום דער שונא איז נאהנט. און טאקע אין דעם מאמענט האבען זיי אלע אין גאלאפ פערלאזט דאס דארף און זענען טאקי ניצול געווארען פון די הענד פון די קאזאקען.

די קאזאקען האבען דערווייל געזוכט דעם יוד, וועלכער האט צו וויסען געגעבען די פאוסטאנצעס וועגען זייער קומען און האבען איהם מעהר אין ערגעץ נישט געטראפען. דער שמש האט זיך דאך צוגעאיילט, וואס גיכער צו קומען קיין לענטשיץ מיט'ן בריף.

אין דער גאנצער געגענד האט מען זיך תיכף דערוואוסט, אז דעם פריץ זאקזשעווסקי'ס קינדער זענען געראטעוועט געווארען פון די קאזאקען'ס הענד דורך עפעס א יודעל, וואס האט זיי בעצייטענס צו וויסען געגעבען וועגען דעם אנקומען פון שונא, אבער וואס און ווען האט נאך אלץ קיין שום ילוד־אשה נישט געוואוסט...

ג.

אין זיין שמאדט האט ר' משה'ל חריף געהאט גרויסע שונאים, וועלכע האבען איהם שטארק גע'רודפ'ט און פערביטערט דאס לעבען. די שנאה האט זיך גענומען הויפטזעכליך פון דעם, וואס ער איז געווען א לובלינער חסיד און די בעלי־בתים פון שטעדטעל זענען געווען מתנגדים. זיינע הויפט־געגנערס זענען געווען: א געוויסער אהרן וואלמאן, אנ'איידעם פון פראפינא־

טאַטן אהרן שיקער, דער אַזוי געראָפענער קליינער אַבֿרהמ'ל, בעריש מעקלער א. אנד.

די דאָזיגע פאַרשווינען האָבן זיך נישט אָבגעשטעלט פאַר קיין זאַך, כּדי דעם רבֿ צו פֿער'מיאוס'ן דאָס לעבן אין פּאַ־דעמביץ, ביז ער וועט מוזן די שטאָדט פערלאָזען. מען האָט גע'מסר'ט, אַז דער רבֿ האַלט ביי זיך נישט צענזורירטע ספרים, פאַרוואָס עס האָט צו יענער צייט געדראָהט מיט א גרויסער שטראָף. און טאַקי: מאַכענדיג אַנומעלט ביים רבֿ א רעוויזיע, האָט מען געפונען ביי איהם פיל ספרים, וואָס זענען גע־דרוקט געוואָרען אין פּרייסען און האָבען נישט געהאַט דעם רו־סישען צענזור־סטעמפעל. דאַן ווידער האָט מען איהם פער'מסר'ט, אַז זיינע זיהן ר' פישעל און ר' בונם מיידען אויס בייזוויליג דאָס מיליטער־דינסט א. ד. גל.

אָבער יעדעס מאָל איז געלונגען דעם קלוגען רבֿ זיך ריינ־צוואַשען פון זיינע שונאים'ס מסירות...

ס'איז געווען נאָך דער פּאָוסטאַניע. דערוויסענדיג זיך הינ־טען־אַרום, אַז דער רבֿ האָט געהאַט אָבגעראַטעוועט די פּוילישע פּאָוסטאַנצעס פון די צאַרישע הענד דורך א „שפּיצעל", האָבען זיינע שונאים אויסגענוצט די געלעגענהייט און איהם פער'מסר'ט פאַר פּאַסקעוויטשען אַליין. פּאַסקעוויטש איז געווען נאָך דער פּאָוסטאַניע דער צאַרישער בעל־הבית פון דעם דערדריקטען פּוי־לען.

אין איין שעהנעם פריהמאָרגען, ווען דער אַלטיטשקער רבֿ איז געזעסען אין זיין בית־המדרש ביי דער אָפענער גמרא, פער־טיפט אין א שווערער סוגיא (דאָס בית־מדרש'ל האָט זיך גע־פונען אין דער גאַרבער־גאַס, נעבען דער שוהל) — איז אָנגעקומען צו רייטען אין שטאָדט אריין א שטאַפעט מיט א בעפעהל פון דעם מיליטערישען קאָמענדאַנט פון לענטשיץ, אַז ער, דער רבֿ, זאָל זיך תיכף־ומיד שטעלען אין דער קאַנצעלאַריע פון קאָמענ־דאַנט אין א זעהר וויכטיגען ענין.

ווי נאָר דער שטאָפּעט האָט פּערלאָזט דעם רב'ס בית־המדרש, איז שוין געשטאַנען גרייט א „פּאָדוואָדע" (א וועגעלע מיט א פערד), מיט וועלכער מען האָט דעם רב אָבגעפיהרט קיין לענטשיץ. דער רב איז בעגלייט געוואָרען פון די חשובי העיר. מיט גרויס יאָמער און געוויין האָבען איהם אויך בעגלייט די ווייבער פון שטאָדט, וועלכע האָבען איהם געהאַלטען פאַר א הייליגען...

דער בייזער רוסישער קאָמענדאַנט, דערזעהענדיג פאַר זיך א יוד מיט א הדרת־פּנים, מיט א פּאַטריאַרכאַלישער באָרד, האָט דעם רב געבעטען זעצען. אזוי ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אז דער רב קען גוט רוסיש און פּויליש, האָט דער קאָמענדאַנט פאַר איהם פאָרגעלעזען די גאַנצע מסירה, וועלכע איז, אגב, גע־ווען אונטערגעשריבען מיט פאַלשע נעמען. אז ער, דער רב, האָט צוגעהאָלפען און געשטיצט אקטיוו די „מיאַטעזשניקעס" און זיי געגעבען סיגנאַלען דורך זיינעם א מענשען, ווען זיי האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דער מיהל אין באָלדזשעכאָוו, צוליב וואָס די מורדים איז געלונגען זיך אַרויסצודרעהען פון די רוסישע הענד.

דער רב האָט ביי די דאָזיגע ווערטער דרייסט און מוטיג געקוקט דעם רוסישען קאָמענדאַנט אין די אויגען אריין און האָט איהם דערצעהלט די מעשה מיט דער „שאלה־ותשובה" וועגען א מכשול מיט חמץ, וואָס האָט זיך געטראָפען ביי דעם פאָרעמ־ביצער פּראָפּינאַטאָר. ער האָט גע'אסר'ט פון דעם דאָזיגען חמץ צו האָבען הנאה, צוליב וואָס דער פּראָפּינאַטאָר האָט געהאַט א גרויסען היזק. און ווייל דער לענטשיצער רב ר' חיים אורבאַך, האָט מתיר געווען די שאלה, האָט ער געשיקט צו איהם א ספּעצ־יעלען שליח מיט אנ'ענטפער. דעם דאָזיגען שליח האָט ער אָנגעזאָגט, אז קוים וועט ער בעגעגענען פּאָוסטאַנצעס אָדער מיליטער, פון וועלכען צד עס זאָל נישט זיין, זאָל ער אָנרופען דעם אַלמעכטיג הייליגען נאָמען: שדי — אלס סגולה, אז ס'זאָל

איהם קיין שום בייז נישט געשעהן. דאָס דאָזיגע וואָרט שטעהט אויך אָנגעשריבען אין דער „מזוזה" אד"גל. טרעפענדיג גראָד אויפ'ן וועג פאָוזסטאַגצעס, האָט דער שמש טאַקי אַזוי געטהון און איז ניצול געוואָרען, נישט האָבענדיג דערביי, קיין שום אַנדערע, שלעכטע כונה...

די מוסרים, די שונאים זיינע — האָט ווייטער ערקלעהרט ר' משה'ל חריף דעם רוסישען נאַטשעלניק — זענען טאַקי קרובים פון פראָפינאַטאָר, וועלכען ער האָט גורם געווען אַ היזק פון עט־ליכע הונדערט רובל דורך זיין אסר'ן דעם חמצ'דיגען שפּירט, אַז מען זאָל איהם נישט טאָרען נוצען אויך נאָך פּסח. חוץ דעם זענען די מוסרים בייז אויף איהם, וואָס ער געהערט צו אַנ'אַנדער לאַגער, וואָרום ער איז אַ חסיד און פאָהרט צו אַ רבי'ן...

דער נאַטשעלניק האָט אָנגענומען דעם דאָזיגען קלוגען תירוץ פאַר גוט געלד און האָט צוריקגעשיקט די פּאַפּירען צום גענעראַל פאַסקעוויטש קיין וואַרשאַ.

דערווייל האָט מען פערהאַלטען דעם רב אין לענטשיצער מאַגיסטראַט־טורעם, אין וועלכען מען פלעגט אין די אַלטע „גוטע" צייטען אָנטהון יודען שטאַרקע ענויים צוליב פאַרשידענע בלבו־לים. און כאָטש דער לענטשיצער רב ר' חיים אורבאַך, זייענדיג זיין געגנער און האָט מכשיר געווען דעם שפּירט, האָט ער זיך דאָך שטאַרק משתדל געווען וועגען בעפרייען ר' משה'ל חריף פון אַרעסט, איבערנעהמענדיג דעם גאַנצען ענין אויף זיין פערזענ־ליכער פעראַנטוואָרטליכקייט. און אַ דאַנק דער דאָזיגער השתד־לות איז ער טאַקי דערווייל בעפרייט געוואָרען. ר' משה'ל חריף האָט אָבער נישט געשוויגען און איז אַוועק קיין וואַרשאַ און האָט אָנגעקלאַפּט אין די הויכע פענסטער, ווי זיין שטייגער איז גע־ווען. און פאַסקעוויטש, דער רשע, האָט עס טאַקע צוליב געטהון דעם וואַרקער צדיק און בעפרייט דעם פּאַדעמביצער רב פון דער שטראָף, וואָס האָט איהם געדראָהט און בעסטען פאַל: פערשיקונג קיין סיביר.

אָבער די שונאים פון ר׳ משה׳ל חריף האָבען איהם וויי־
טער גע׳רודפ׳ט ביז צום סוף פון זיין לעבען. דאָס האָט איהם
אַזוי פערביטערט, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַ צוואה זיינע
2 זיהן, אַז קיינער פון זיי זאָל נישט זיין קיין רב.

ר׳ משה׳ל חריף (פינקעלשטיין) איז נפטר געוואָרען אסרו־חג
שבועות תרי״ב, ניינציג יאָהר אַלט, איבערלאָזענדיג 3 זיהן און
3 טעכטער און פון זיין טאָכטער שרה לאה שטאַמט אויך אָב דער
שרייבער פון די דאָזיגע שורות.

ר' אברהם סבא

א.

פאר הונדערטער יאָהרען איז דאָס פּאַרגעקומען. אין שפּאַ־ניען האָט געלעבט אַ פּרינצעסין, וועלכע האָט געשמ'ט אין דער גאַנצער וועלט מיט איהר שעהנקייט און גרויס רייכקייט.

האָבען זיך צו איהר געשדכנ'ט די גרעסטע מלכים און פירשטען. צום הארצען איז איהר אָבער געווען דער פּוילישער קעניג, וועלכער איז אויך אויסטערליש שעהן און רייך געווען.

האָט זי זיך אָבער אויסגערעדט מיט איהם אַ תנאי, אַז ער מוז פריהער אַלע יודען פון קראָקאַ פערטרייבען, אויב דער קעניג וויל זי האָבען פאַר אַ ווייב.

זי האָט נישט געוואָלט, אַז די קעניגליכע רעזידענץ זאָל זיין פול מיט יודען.

האָט דער קעניג שוין געהאַלטען דערויף מסכים צו זיין. עס איז איהם דאָך געגאַנגען אין גאַנצען לעבען די דאָזיגע פּרינצע־סין צו בעקומען פאַר אַ ווייב.

דעם דאָזיגען בעשלוס האָט דער קעניג געהאַלטען שטרענג בסוד. ער האָט נישט געוואָלט, אַז די גאָס זאָל זיך דערפון דער־וויסען, וועלענדיג שטעלען די יודען פאַר אַ געשעהענעם פאַקט.

האָבען דאָך אָבער די ווענד אויך אויערען און די קראָקאָ־ווער יודען האָבען זיך דערפון, דורך אַ צופאַל, בעצייטענס דער־

וואוסט און האָבען אָנגעהויבען באַלד וועלטען איינצולעגען.

מען איז געלאָפען צום רב פון דער שטאָדט זוכען אַנ׳עצה. האָט דער רב גוזר תענית געווען און געהייסען אין אַלע קראָקאָווער שוהלען זאָגען תהלים גאַנצע דריי טעג און דריי נעכט.

די פּני העיר זענען אויך נישט געזעסען מיט פערלעגטע הענד און צונויפגעהמענדיג געלד, האָבען זיי אָנגעקלאָפּט אין די הויכע פענסטער און געוואָלט טייער בעצאָהלען, אַז די ביטערע גזירה זאָל בטל ווערען.

אָבער אומעטום האָבען די יודען אָנגעטראָפען אויף פערמאַכטע טהירען.

אין קול ואין עונה. נישט דער קעניג און נישט די מיניסטאָרען האָבען זיך געוואָלט צוהערען צו די בקשות און די געוויינען פון די יודען.

האָט טאַקע די שטאָדט געלעבט אין גרויס שרעק, נישט ווייסענדיג, וואָס דער מאָרגענדיגער טאָג וועט זיי ברענגען.

האָט זיך דעם רב גע׳חלומ׳ט אַ חלום, אַז דער איינציגער, וואָס קאָן די יודען אָבראַטעווען פון דער גזירה, איז אברהם דער שניידער און צו איהם זאָל דער רב תיכף זיך ווענדען ווענען אַנ־עצה.

האָט זיך דער רב, אַ שטאַרק דערשראָקענער, אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אויפוועקענדיג אויך דעם בית־דין שמש, האָבען זיך ביידע געלאָזט הענדום־פענדום אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, מיט אַ לאַמטער אין דער האַנד, אויפזוכען דעם דאָזיגען אומבעקאַנטען שניידער.

ב.

הינטער דער שטאָדט, אין אַ קליין, האַלב־איינגעזונקען הייזעל האָט געוואוינט אין אַ פינסטער דאַכשטיבעל אַנ׳אָרים שניידער׳ל, וועלכער איז געווען בעקאַנט אין יענער געגענד אַלס אַ פּראָסטער יוד און עם־הארץ.

נערופען האָט מען איהם לאַטשאַזש און געארבייט האָט ער מייסטענס פאַר קריסטען.

האָט זיך דער רב פאַר דעם דאָזיגען הייזעל אָבגעשטעלט און געהייסען דעם משמש בלייבען דאָ שטעהן און ער, דער אַלמיטשקער רב, האָט זיך בכבודו ועצמו נעלאָזט אויף די פינ־סטערע טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט צום דאַכשטיבעל, וואו דאָס שניידער׳ל האָט געוואוינט.

אָבער ווי ערשטוינט איז דער רב געוואָרען, דערזעהענדיג פאַר זיינע אויגען, ווי דאָס שניידער׳ל, אָנגעטהון איבער׳ן קאָפּ אַ זאַק, זיצט אויף דער ערד אין די זאָקען און ביים שיין פון אַ קליין חלב־ליכטעל טהוט ער אָבריכטען חצות מיט גרויסע, אין זיך דערשטיקטע בכיות, פערגיסענדיג ביי יעדען וואָרט באַ־כען מיט טרעהרען.

מיטגעריסען מיט די הייליגע טענער פון שניידער׳לס תפי־לות, איז דער רב געבליבען שטיין אויף דער שוועל פון דער טהיר און זיך נישט געוואגט פון אָרט צו ריהרען.

ערשט ווען דאָס שניידער׳ל האָט זיך אויפגעהויבען פון בענקעל און זיך גלייך געמאַכט די ביינער, האָט ער צו זיין גרויס פערוואונדערונג דערזעהן, אַז פאַר איהם שטעהט דער גרייז־גרויער קראָקאָווער רב, ווישענדיג זיך די טרעהרען פון זיינע אויס־געווײנטע אויגען.

און ווען דאָס שניידער׳ל האָט דעם רב געפרעגט, צי וואָס ער איז צו איהם געקומען אַזוי שפּעט ביינאַכט, האָט דער רב איהם ערשט דערצעהלט די גאַנצע מעשה מיט דער שפּאַנישער פּרינצעסין, וואָס וויל יודען אַרויסטרייבען פון קראָקאָ, ווערענ־דיג דאָס ווייב פון פּוילישען קעניג און ווענגען דעם חלום, וואָס ער האָט געהאַט די היינטיגע נאַכט און דערביי זיך ווייטער שטאַרק צעוויינט.

האָט דער „למד־וואָווניק“ קיין גרויס שהיות נישט געמאַכט און איז באַלד אוועק צו דער שפּאַנישער פּרינצעסין. דער רב

ווידער האָט געהייסען דעם משמש קלאַפּען גאַנץ פריה אין דער שוהל אַריין, רופען דעם עולם תהלים זאָגען.

ג.

ר׳ אברהם שניידער׳ל האָט זיך געלאָזט מיט אַ קוישעל אין דער האַנד אין ווייטען וועג אַריין. ער איז געלאָפען איבער שטאָק און שטיין, איבער בערג און טהאָלען, ווי פון אַ שטאַרקען ווינד געטראָגען.

צו עלות השחר, ווען די קראָקאָווער יודען זענען שוין געווען צונויפגעקומען אין די שוהלען און מיט גרויס געוויין תהלים געזאָגט, איז דאָס שניידער׳ל שוין געשטאַנען אויף דעם בעשטימטען אָרט, אַכשטעלענדיג זיך פאַר אַ פּראַכטפולען פּאַלאַץ.

האָט ער זיך באַלד געמאָלדען ביי די דינער, וואָס היטען די טויערען פון דעם פּאַלאַץ און נאָך אַ קליינער ווילע, איז די שפּאַנישע פּרינצעסין, אַנ׳אויסגעפּוצטע, אַריינגעקומען צו איהם אין וואַרטע־זאַל און מיט איהם זיך בעגריסט.

דאָ האָט דער „למד־וואָווניק" איהר דערקלערט, אַז אַזוי ווי זי דאַרף ווערען אַ כלה מיט דעם פּוילישען קעניג, וועלכען די יודען ליבען און שעצען זעהר, האָבען זיי, די יודען, פאַר איהר געשיקט טייערע מתנות, דערלאַנגענדיג דערביי דאָס קוישעל דער פּרינצעסין, אַז זי זאָל זיך אויסוועהלען און נעהמען זיך, וואָס נאָר איהר האַרץ גלוסט.

די פּרינצעסין איז געווען שטאַרק ענטציקט פון די שעהנע און קאָסטבאַרע זאַכען, וואָס די יודען האָבען איהר געשיקט.

אין אַרויסנעהמענדיג זיך פון קוישעל אַ טייערען האַלזבאַנד, אויסגעזעצט מיט בריליאַנטען און אַנדערע טייערע שטיינער, האָט זי זיך דעם האַלז־באַנד גלייך אָנגעטהון אויף זיך און אַריינקוקענדיג אין דעם שפּיגעל ווי ער קליידט איהר, איז דער דאָזיגער האַלזבאַנד אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שלאַנג, וועלענדיג די פּרינצעסין דערווערגען.

האָט זי, די פּרינצעסין, אָנגעהויבען שטאַרק צו שרייען פאַר

יסורים און געראפען הילף. אָבער קיינער האָט נישט געהערט איהר שרייען און ס'איז אויך קיינער צו איהר נישט אריינגעקומען.

האָט דאָס שניידער'ל זי בערוהיגט, אַז די שלאַנג וועט איהר גאָר קיין בייז נישט טהון, אויב זי וועט זיך אָבזאָגען פון איהר פערלאַנג, אַז דער פוילישער קעניג זאָל ארויסטרייבען די יודען פון קראָקא.

באין ברירה האָט נעביך די שפּאַנישע פּרינצעסין געמוזט, פערבייסענדיג די ליפּען, נאָכקומען דאָס, וואָס דער יוד האָט פון איהר געפאָדערט, צושווערענדיג איהם דאָס ביי איהר קרוין. האָט זיך די שלאַנג באַלד פון איהר האַלז אָבגעטהון און דאָס אָרימע שניידער'ל האָט דאַן אונבעמערקט פון די הויף־דינער פער־לאָזט דעם פּאַלאַץ מיט זיין קוישעל און איז בשלום צוריקגעקו־מען קיין קראָקא, אָנזאָגענדיג די גוטע בשורה די יודען.

איצט איז ר' אברהם שניידער נתגלה געוואָרען אלס „למוד־וואָווניק" און מען האָט שוין איהם גערופען נישט אַנדערש, ווי ר' אברהם סבא (זיידע).

ד.

ר' אברהם סבא האָט ווייטער זיך געוואוינט הינטער דער שטאָדט אין יענעם האַלב־איינגעזונקענעם הייזעל, אין דעם זעל־בען בוידעם־שטיבעל, ווייטער געפיהרט זיין עהרליכע מלאכה און איז אויך געבליבען דער זעלבער אָרימער לאַטשאַזש, ווי ביז איצט, נישט ווילענדיג נהנה זיין פון קיינעמ'ס גאָב אפילו אויף די אַלטע יאָהרען נישט, נאָר פון יגיעת כפּיו, פון זיינע אייגענע הענד.

און ווען דער פוילישער קעניג האָט חתונה געהאַט מיט דער האָזיגער פּרינצעסין, בעפרייענדיג די יודען פון גירוש און איז דאַן געקומען קיין קראָקע, האָט שוין ר' אברהם סבא נישט גע־לעבט. אַ קורצע צייט נאָך זיין נתגלה ווערען, איז ער נפטר געוואָרען.

און אזוי ווי ער איז געווען א גרויסער נסתר ביים לעבען, איז ער אויך געבליבען א נסתר נאָך זיין טויט.

צווישען די גאונים און צדיקים אויפ'ן בית־עלמין, נעבען דעם רמ"א'ס שוהל, איז ער געקומען צו קבורה, אָבער גענוי דאָס אָרט, ווייסט היינט קיינער נישט, אפילו די מצבה איז אויך פער־לוירען געגאנגען פון ר' אברהם סבא דעם „למד־וואָווניק".

ד.

אין קראָקא איז ביז היינט א מנהג צו זאָגען אין דער נאכט פון הושענא רבה סליחות אין די שוהלען און צומאָרגענס אין דער פריה פלעגט דער עולם אויך געהן אויפ'ן פעלד זאָגען א פּאָר קאפּיטלעך תהלים ביים קבר פון „למד־וואָווניק", וועלכער זאָל זיין, לויט א געוויסער מסורה, געשטאָרבען אין הושענא רבה, אויסבעטענדיג זיך דורך איהם א גוט קוויטעל ביי גאָט, אזוי ווי ער האָט אויסגעבעטען א גוט „קוויטעל" פאר די קראָקאווער יודען ביי דער שפּאנישער פּרינצעסין.

ר׳ ירחמיאל פשיסכער

א.

אין פשיסכע איז געווען א שניידער׳ל; ר׳ גדליה האט מען איהם גערופען.

ער האט שטארק שטאלצירט מיט דער מלאכה און פון זיך געבלאזען, ווי ער וואלט טאקע עפעס א יש געווען.

ער איז באמת געווען אין שטעדטעל דער בעסטער שניידער. מיט א גוט שטיקעל ארבייט איז מען דווקא צו איהם געגאנגען. האט ער זיך טאקי געהייסען פאר זיינ׳ס א שטיקעל ארבייט גוט בעצאהלען...

— ווער עס ברויכט ר׳ גדליה שניידער — פלעגט ער זאגען — דער מוז צו איהם קומען, זאל ער כאטש בעצאהלען, ווי אין פסוק שטעהט...

האט איינמאל פאסירט, אז דער פריץ פון דער שטאדט האט זיך געבראכט אזש פון פאריז סחורה אויף א מלבוש און וויסענ־דיג, אז ר׳ גדליה איז א גוטער בעל־מלאכה, האט ער נאך איהם געשיקט דעם לאקאי, ער זאל קומען צו איהם אויפנייהען א גארניטור.

האט טאקע אונזער ר׳ גדליה פערקעמט די צעשויבערטע האר פון קאפ, זיך גלייך געמאכט דאס בערדעל און געלאזט זיך הענדרום־פענדרום, מיט דער מאס אין דער האנד, צום פריץ אין ד׳הויף וואוינונג אריין.

מיט א צופרידענעם שמייכל אויף די ליפען האט דער פריץ דערלאנגט ר׳ גדליה׳ן די האנד, געוויזען איהם די סחורה, וואס ער האט געבראכט פון פאריז און געהייסען זיך אויפנייהען דער־פון א גארניטור.

דערביי האט דער פריץ זעהר שטארק ביי דעם פשיסכער שניידער׳ל געבעטען, אז ער זאל זיך בעמיהען, אז דאס גארני־טור זאל שען אויפגענייהט זיין, ווייל די סחורה איז נישט דא בנמצא פאר קיין הון שבעלמא.

ס׳האט אפילו ר׳ גדליה׳ן שטארק פערדראסען, וואס דער פריץ טהוט זיך מיט איהם אזוי פיל אויסרעדען. ער זאל אין א גוטער שעה אויסרעדען, האט ער נאך קיין שטיקעל ארבייט נישט פערפאסט, ער ארבייט שוין צעהנדליגער יאהרען פאר אלע פרי־צים אין פשיסכע און קיינמאל נישט געפרובט דעם טעם פון קאליע מאכען א שטיקעל ארבייט — און דא קומט דער דאזיגער פריץ און מאכט פון זיין גארניטור א גאנץ וועזען.

אבער, טראכט זיך אונזער ר׳ גדליה, זאל דער פריץ זיך רעדען, וואס ער וויל, ווען ער וועט נאר זעהען דאס שטיקעל ארבייט פערטיג, וועט ער שוין גאנץ אנדערש מיט איהם רעדען.

און ר׳ גדליה נעמט דעם פריץ א מאס אין דער לענג און אין דער ברייט, אויסגעמאסטען די סחורה און דערזעהענדיג, אז עס בלייבט איהם נאך איבער א שען יתור, האט ער צונויפגעלעגט די סחורה און זיך אהיימגעאיילט, נעהמענדיג זיך גלייך צו דער ארבייט.

ב.

ר׳ גדליה האט זיך זעהר געפלייסט ביים צושניידען און נאך מעהר ביים אויפנייהען דאס גארניטור פאר דעם פריץ: ער האט די ארבייט הונדערט מאהל איבערגעקוקט און איז שטארק פון זיך צופרידען געווען, וואס דאס שטיקעל ארבייט איז אזוי שעהן און עלעגאנט ארויסגעקומען.

אבער ווי זאָגט מען: „דער מענש דענקט און גאָט לענקט".
ווען ער האָט עס מיט גרוים־שניידערישער גאווה געבראַכט צום
פּריץ און אָנגעמאָסטען, האָט זיך צו זיין גרויסער בושה און
שאַנד, אַרויסגעוויזען, אַז עס טויג אויף טויזענד שאָק כפּרות:
איין פּאָלע איז לענגער פון דער צווייטער; ביים קאַרק גרובעלט
עס זיך, די קלאַפּעס שטעהען אָב אַא"וו, אַא"וו.

צינדט זיך אָן ביים פּריץ דער ווילדער כעס און, אָנגעהמענ־
דיג דעם שניידער ביים קאַרק, האָט ער איהם צוזאַמען מיט דעם
גאַרניטור אַראָבגעוואָרפען פון אַלע טרעפּ, בעגלייטענדיג איהם
נאָך מיט די מיאוס'טע זלזולים און קללות.

האָט זיך דאָס גענומען דאָס אָרימע שניידער'ל שטאַרק צום
האַרצען, נישט קאָנענדיג זיך דאָס שענקען, אַז ער, דער אַלטער
און געניטער בעל־מלאכה, זאָל פערפּושען אַזאַ עלעגאַנט שטיקעל
אַרבייט. ער האָט דאָך אויך מורא געהאַט, אַז יענער פּריץ זאָל
איהם נישט קאַליע מאַכען די מערכה ביי די אַנדערע פּריצים,
וואָס זענען געווען זיינע קונדען, ער זאָל זיי נישט פערלירען און
ווערען אַ חסור פּרנסה.

און ער איז אַרומגעגאַנגען אַזוי שטאַרק פערזאָרגט און פער־
צוגט, נישט קאָנענדיג עסען און נישט שלאָפען. דאַן האָט איהם
מחלה, זיין ווייב, געראַטען, ער זאָל אַריבערגעהן צום הייליגען
רבי'ן — אַ גאַנצע וועלט פאָהרט דאָך צו איהם פון וויט און
ברייט און ווערט ביי איהם געהאָלפען — און זיך מיט איהם
שואל־עצה זיין.

פאַר קיין ברירה האָט אונזער שניידער'ל געפאָלגט זיין
ווייבעל און געגאַנגען צום רבי'ן אָבגעבען אַ קוויטעל.

ג.

אין דער „רבי'שער רעזידענץ" פּישטכע, האָט דעמאָלט גע
פּראַוועט רבי'שקייט דער רבי ר' ירחמיאל, איינער פון די דריי
זיהן פון „יוד הקדוש".

ער האָט געהאַט אויף זיך גרויסע מתנגדים פון די חסידישע

קרייזען, וואָס האָבען געהערט צו אַנדערע לאַגערס, וועלכע האָבען איהם שטאַרק נע׳רודפ׳ט.

דער איינציגער רבי, וואָס האָט איהם שטאַרק מקרב געווען און זיך מיט איהם גע׳חבר׳ט, איז געווען דער רבי ר׳ בער פון ראַדאָשיץ.

זיי פלעגען צוזאַמען מחדש זיין די לבנה און יעדען ערב ראש־חודש צונויפקומען זיך ביי דער פיליצע, וועלכע געפינט זיך צווישען פשעדבאָזש און ראַדאָשיץ און בעשטימען, ווי די וועלט האָט זיך צו פיהרען אין פערלויף פון קומענדיגען חודש.

און אַזוי ווי זיי האָבען זיך אָבגעשמועסט, דערצעהלט מען, האָט זיך אַלץ טאַקי פערלאָפען.

אָבער דער רבי ר׳ ירחמיאל איז דערביי געווען כל ימיו אַן׳אָרימאַן און נישט געקאָנט מיט זיין עלטערער טאָכטער קיין שידוך טהון, נישט האָבענדיג צו סילוק׳ן קיין נדן, וואָס דעם חתנ׳ים צו פלעגט פאַרערען.

האָט איהם טאַקי געגעבען דער „ראַדאָשיצער" צדיק אַ ברכה, אַז דער עולם זאָל זיך איהם מעהרען און ממילא וועט אויך אַריינפאַלען וואָס מעהר פדיונות און ער איז טאַקע געקומען באַלד צו אַ ביסעל געלד אויף אַ נדן פאַר דער טאָכטער.

מיט דער צייט איז דער רבי ר׳ ירחמיאל נתגלה געוואָרען אַלס אַ גרויסער בעל־מופת און דער עולם, וואָס האָט זיך ביי איהם געהאַלטען, פלעגט זאָגען, אַז דער רבי ר׳ ירחמיאל איז דער „גאַנצער פאָטער".

האָט טאַקע דאָס פשיסכער שניידער׳ל אויך געהאָפט ביי איהם פון דער צרה געהאָלפען צו ווערען.

און אָבגעבענדיג דעם רבי ר׳ ירחמיאל דאָס קוויטעל, האָט ר׳ גדליה שטאַרק געביטערט פאַר איהם, אַז דער שטאָדט־פריץ איז אויף איהם שטאַרק אין דער רציחה צוליב דעם, וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט אַ טייער שטיקעל ארבייט. ער הייסט זיך איצט בעצאָהלען פאַר דער סחורה אַ ממון מיט געלד, וואָס ער, דער

שניידער, פערמאַגט נישט. חוץ דעם שרעקט איהם דאָס הארץ, דוהך איהם צו פערלירען די ארבייט ביי די איברינע פריצים.

האָט איהם דער בעשיידענער רבי ר׳ ירחמיאל תיכף גע־הייסען אהיימגעהן, צוטרענען די גאנצע ארבייט און אויפס־ניי אויפנייהען דאָס גארניטור און איצט וועט עס שוין גוט זיין.

האָט טאקע דאָס פשיסכער שניידער׳ל זיך גענומען צו דער ארבייט. צוטרענט און צולעגט דאָס גארניטור פון אָנהויב ביז צום סוף און עס גאָכאמאָל איבערגענייהט.

און איצט, ביים צווייטען מאָל, איז עס שוין גוט געלעגען אויף דעם פריץ, ביי וועמען די ארבייט האָט אויסגענומען.

פאר פרייד האָט איצט דער פריץ געקלאפט ר׳ גדליה׳ן אין די פלייצעס אריין און בעצאָהלט איהם מלאכה־געלד ביד המלך.

איז דאָך דאָס שניידער׳ל באלד געלאָפען מיט גרויס שמחה צום רבי׳ן און איהם דערצעהלט דעם מופת מיט דעם גארניטור און פאר פרייד זיך שטארק צעוויינט.

איז דאָך אָבער ר׳ גדליה אַ שניידער איז ער געווען אַ בעלן צו וויסען, ווי אזוי דער מופת איז געשעהן.

האָט איהם דער רבי ר׳ ירחמיאל מסביר געווען, אז דער מופת איז גאר קיין מופת נישט.

זיין גאווה האָט גורםגעווען, אז ער זאָל ביים פריץ נכשל ווערען און די ארבייט זאָל נישט געראָטען; דער רבי האָט דער־ביי איהם גע׳עצה׳ט, אז פון היינט אָן זאָל ער זיך שוין אזוי שטארק נישט איבערנעהמען און שטאָלצירען מיט זיין מלאכה, וועט שוין ווייטער אַלץ געהן כשורה און ער וועט מצליח זיין.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך שוין ר׳ גדליה, דער בעסטער שניידער אין פשיסכע, נישט מעהר אַזוי געגרויסט מיט זיין מלאכה.

אבער פון יעדן שמיסעל ארבייט האט ער איצט אראפ־ געגעבן מעשר דעם רבי׳ן ר׳ ירחמיאל.

דער רבי ר׳ ירחמיאל איז נפטר געווארן ח׳ אייר תקצ״ן (1836) און איז געקומען צו קבורה אין דעם זעלבן אוהל, וואו די ביינער פון זיין גרויסן פאטער געפינען זיך.

ר' דודל לעלעווערס א ברכה

א.

איידער ר' משה'ל לעלעווער, ר' דוד'ל לעלעווערס א זוהן, איז עולה לגדולה געווארען אויף דעם פאטערס ארט, איז ער גע־ווען ביי די יודען אין דארף שטשולקאוו, נעבען פלאונע, א דרדקי מלמד.

קיינער האט אין דארף נישט געוואוסט, אז דער דאזיגער ארימער מלמד איז א זוהן פון ר' דוד'ל לעלעווער און אנ'איי־ניקעל פון „יוד הקדוש" פון פשיסכע — אזא עניו איז ער געווען.

געזעסען איז ער זיך אין דארף על התורה ועל העבודה. אבגעטהון פון כל תאוות שבעולם, און דארט צוזאמען געהונגערט מיט זיין ווייב און קינדערלעך.

האט זיך איינמאל ר' דוד'ל לעלעווער פערגלוסט צו זעהן, וואס זיין זוהן מאכט, האט ער זיך ארויסגע'גנב'עט פון זיין שטוב פארטאג אין א ווינטער־פרייטאג, ווען דער פראסט האט געקנאקט און איז הענדום־פענדום געלאפען קיין שטשולקאוו.

דער וועג האט געפיהרט אין דעם דאזיגען דארף אריין דורך פארשוויערק. ווען ער איז אנגעקומען אהין, האט שוין אנגעהייבען טאגען. דערזעהענדיג נעבען פארשוויערק א טייך, האט ר' דוד'ל אויפגעהאקט א שטיקעל אייז און זיך גע'טובל'ט לכבוד שבת, רעכענענדיג, אז ער וועט שוין נישט בעווייזען זיך

צו טובל'ען אין שטשולקאוו, וואו זיין זוהן וואוינט, ווייל אהין איז נאך געווען א מהלך רב פון פאדשוויערק. אבער גראד אין דער צייט, ווען ר' דוד'ל האט זיך גע'טובל'ט, איז פארביינגע־פאהרען מיט זיין פערד און וועגעלע דער פאדשוויערקער שווייגער (מלך פאכטער) ר' יענקל, פיהרענדיג זיך א היים א ביסעל האלץ פון א דערבייאיג וועלדעל.

דערזעהענדיג, ווי אנ'אלט יודעל מיט א גרייז־גרויער בארד קריכט נאקעט ארויס פון דעם פערפרוירענעם טייך, ציטערענדיג פאר קעלט, איז דער שווייגער אראבגעשפרונגען פון זיין וועגעלע און אויף גיך פון זיך אראבגעווארפען זיין דובליאנען פעלץ און איינגעהילט אין איהם דאס פערציטערטע יודעל און, אראבווארפענדיג אויך דאס האלץ פון וואגען, האט ער איהם ווארים ארומ־געבעט מיט שטרוי און היי און געיאגט די שקאפע, כדי וואס גיכער מיט דעם פער'הלש'טען צו קומען קיין פאדשוויערק.

אין דער שטוב ביי זיך האט דער שווייגער ר' דוד'ל לעלע־ווער'ן דערוואַרעמט מיט וואַרעמפּלאַשען און הייסען טהיי און ווען ער איז געקומען צו זיך, האט ר' דוד'ל לעלעווער אויסגע־פרעגט ביים ארענדאר, ווי ס'געהט איהם מיט פרנסה אא"וו.

האט זיך דער שווייגער פאר ר' דוד'לען שטארק מתנצל געווען, אז פרנסה האט ער פיל־זועניג, אבער ער מוז זעהר שווער הארעווען, ער האט נישט קיין טאג און קיין נאכט. ער מוז אזוי ווי גאט גיט דעם טאג, פאהרען מיט די קאנען מילך אין שטאדט אריין, און ער קאן אויך נישט נאכקומען דאס אלץ, וואס דער פריץ פאדערט פון איהם.

האט ר' דוד'ל לעלעווער שווער אבגעזיפצט און ווי כלאחר־יד צום ארענדאר געזאגט: עס וואלט שוין די העכסטע צייט גע־ווען, אז דו זאלסט זיך דאס גוט קויפען און ווערען אויס שווייגער.

ר' יענקל, הערענדיג די דאזיגע ווערטער פון זקנ'ס מויל, האט זיך שטארק צולאכט, אבער געטראכט האט ער זיך: הלואי פון זיין מויל אין גאט'ס אויערען.

אָבער ביי גאָט איז אַלץ מעגליך, האָט איהם געזאָגט ר׳ דוד׳ל לעלעווער. ער האָט זיך אָבגעזעגענט מיט דעם אַרענדאַר און זיין בני־בית און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אריין, צו זיין זוהן קיין שטשולקאָוו.

אַ שטיק פאַר ליכט צינדען האָט ער נאָך בעוויזען אריינצוקומען צו זיין זוהן אין שטוב אריין.

ב.

פאַדשוויערס האָט דעמאָלט געהערט צו אַ גרויסען פריץ, וועלכער האָט כמעט געוואוינט אין קראָקא און אין גוט זיינעם האָט ער געהאַט זיצען אַן׳אַדמיניסטראַטאָר.

דער פריץ פלעגט נאָר בעזוכען זיין גוט פון צייט צו צייט, כדי אַ קוק טהון, וואָס מען הערט דאָ און אָברעכנען זיך מיט זיין אַדמיניסטראַטאָר, דאַן פלעגט ער צוריקפאָהרען קיין קראָקא.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אין דעם זעלביגען פרייטאָג צו־נאַכט, ווען ר׳ דוד׳ל לעלעווער האָט זיך געפונען ביי זיין זוהן ר׳ משה׳לע לעלעווער אין שטשולקאָוו, איז גראָד געקומען דער פריץ צו פאָהרען אין זיין גוט אריין אין פאַדשוויערס און, קאָנ־טראָלירענדיג דעם צושטאַנד פון גוט, איז ער געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט צוליב דער שלעכטערווירטשאַפט פון דעם אַד־מיניסטראַטאָר און באַלד אין דער פריה האָט ער געהייסען צו זיך רופען דעם יודישען פאַכטער ר׳ יענקל.

איז דאָך ר׳ יענקל געוואָרען פערציטערט, רעכענענדיג, אַז דער פריץ וויל איהם בעזייטיגען פון דער פאַכט. אָבער ווי ער־שטוינט און איבערראַשט איז ער געוואָרען, אריינקומענדיג צום פריץ אין דרייען געבראָכען מיט דעם היטעל אין דער האַנד, ווען דער יאַשניע פאַן האָט איהם פאָרגעלעגט, אַז ער זאָל זיך שאַפען געלד און ביי איהם אָבקויפען דאָס גוט, אַזוי ווי עס געהט און שטעהט.

טענה׳ט דאָך ר׳ יענקל, איצט שוין אַ ביסעל דרייסטער: פריץ לעבען, איך האָב דאָך נישט אַזוי פיל געלד, וואָס דאָס גוט

ברויכט צו קאָסטען. בערוהיגט איהם דער פריץ, אז ער זאָל זיך נישט אַזוי שטאַרק איבערנעהמען, ווייל ער וועט איהם צולעגען אויף ראַטעס.

און דער פריץ קוקט נישט אויפ'ן יוד'ס פערלעגענהייט און הייסט איהם זיין גרייט אויף מאָנטאָג צו קומען קיין קראָקאָ, וואו מען וועט מאַכען דעם פערקויפס־אַקט.

פערלאָזענדיג דעם פריץ, דערמאָהנט זיך ר' יענקל אין די רעד, וואָס דער „אַלטיטשקער" האָט איהם געזאָגט ערשט פרייטאָג, ביים פערלאָזען זיין הויז. און טאַקע ווי נאָר ער האָט דערזעהן די ערשטע דריי שטערען אויפ'ן הימעל, האָט ער געמאַכט הבדלה און זיך געלאָזט מיט זיין פערד און וועגעלע קיין שטשוּלקאָוו צו שלוש־סעודות, פון זיי האָט ער זיך ערשט דערוואוסט, אַז דער „אַלטיטשקער", וואָס ער האָט איהם געטראָפען ביים טייך זיך טובל'ען, איז דער גרויסער צדיק און עניו, דער רבי ר' דוד'ל לעלעוער. צו וועלכען אַ גאַנצע וועלט פאָהרט. האָט ר' יענקל איצט נאָך מעהר קוראַזש בעקומען און טאַקע צוגעזאָגט מיט דער בייטש זיין שקאַפע, וואָס גיכער אַהינצוקומען.

ג.

אריינקומענדיג צו ר' דוד'ל לעלעווער, האָט ר' יענקל גראָד געטראָפען, ווי דער רבי האָט געזונגען „זרעינו וכספנו ירבה כחול", אונזערע קינדער און אונזער געלד זאָל זיך מעהרען ווי זאמד.

איז דאָך ר' יענקל געבליבען שטעהן ביי דער טהיר, נישט וועלענדיג דעם רבי'ן איבעררַאשען מיט זיין קומען. אָבער ווי נאָר ר' דוד'ל לעלעווער האָט געענדיקט דעם זמר, האָט ער צוגערופען צו זיך דעם פּאַדשוויערקער אַרענדאַר, פרעגענדיג איהם: „נו, ווי האַלסטו מיט'ן פּריץ, וויל ער דיר שוין אוועקנעמען דאָס גוט?".

איז דאָך ר' יענקל געוואָרען שטאַרק צוטומעלט, זעהענדיג, אַז דער רבי ווייסט שוין פריהער, וואָס ער גייט איהם זאָגען.

אָבער ר' דוד'ל לעלעווער בעמערקענדיג די פערלעגענהייט פון ארענדאר, הייסט זיך אלץ דערצעהלען, ווי די זאך איז צוגעגאנ־גען. האט דאן דער פאכטער איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה און צום סוף צוגעגעבען:

— פון וואנען נעמט מען דערויף געלד, היילינער רבי, איך בין דאך אנ'אָרימער ארענדאר?

האט ר' דוד'ל לעלעווער דערויף איהם גאָרנישט געענטפערט און ווייטער זיך בנעימות געזונגען און צוגעבאמקעט מיט די הענד די „זמירות" פון דער פולער וואך. ווען ער האט געהאלטען ביי „אל תירא עבדי יעקב", האט ער א זאג געטהון:

— ווייסט יענקל, פאהר קיין קראקא, קויף מיט מזל דאס גוט פון פריץ, זארג גארנישט, גאט וועט העלפען, האסט דאך א יוד געראטעוועט פון טויט!...

קערעוועט ר' יענקל דעם דישעל צוריק אהיים. דערצעהלט דעם ווייב, וואס דער היילינער רבי האט געזאגט, און מאנטאג ביי בעגינען פערפאהרט דער פריץ מיט זיין קארעטע איינגע־שפאנט אין 4 טייערע צוג־פערד, פאר ר' יענקל'ס הויז און מיט־גענומען איהם קיין קראקא.

דא האט איהם דער פריץ אוועקגעגעבען דאס גוט פאר־שווערק אויסצוצאהלען עס אין ראטעס, כתוב והותם לויט אלע כללים פון געזעץ, ביי א נאטאר.

ווערט דאך א גרויסע בהלה צווישען די קרובים פון יענעם פריץ, וועלכע בעשולדיגען דעם יוד, אז ער האט אויסגענארט ביי איהם דאס גוט און האבען טאקע פערפיהרט געגען איהם א פראָ־צעס, אז דער כלומר'שטער פערקויף זאל ווערען גע'פסל'ט.

לויפט דאך ווייטער דער ארענדאר צו ר' דוד'ל לעלעווער, איז ער איהם מבטיח, אז דער פראצעס וועט בטל ווערען און ר' יענקל האט איהם טאקע אין אלע אינסטאנצען געוואונען.

ווערט איצט ר' יענקל דער ארענדאר א גרויסער גביר און איז אויך א גרויסער מכנים אורח. אלע זיינע קינדער זענען דאן

אויך צוליב דעם דאזיגען נוט געווארען גרויסע נבירים און אדירים, צפדאנס ר׳ דוד׳ל לעלעווער׳ס ברכה, וואס ער האט געגעבען זייער פאטער, דעם „ארענדאר״

דער ראדזימינער און זיין משמש

א.

אין איין צייט מיט דעם „חידושי הרי״ם״ און אנדערע רביים פון דער פלעיאדע „גוטע יודען״ אין פוילען איז אויך געווען דער רבי ר׳ יעקעלע ראדזימינער, וועלכען דער עולם האט געהאלטען פאר א גרויסען קדוש ונורא.

פאר זיין הבל של פיו האט מען געציטערט, זיינם א קללה איז אויך באלד מקוים געווארען. דערביי איז ער געווען א קליין מענשעלע און שטארק איינגעהויקערט, די ליולקע מיט׳ן ציבוק טאבאק, וואס ער האט כסדר געפיפקעט, האט דערגרייכט ביז צו דער ערד, אזוי קליין איז ער געווען.

האט ער אבער געהאט א שוואכקייט, אז יעדע קלייניגקייט האט איהם אויפגערעגט און זייענדיג א קרענקליכער האט ער אויסגעלאזט זיין כעס צו זיין משמש בקודש, וועלכער איז אין זיין הויז געווען שוין א סך יאהרען.

די קאפריזען פון ,ראדזימינער האט דער ארימער שמש אנגענומען באהבה, הגם דער רבי ר׳ יעקעלע פלעגט איהם שטענדיג זידלען פאר די חסידים, אבער דער מענש איז דאך נישט פון אייזען, פלעגט אויך דער משמש ארויסגעפיהרט ווערען פון גלייכגעוויכט און עס פלעגען פארקומען צווישען דעם רבי׳ן און משמש מחלוקות אהן א סוף. ,

האט דער ראדזימינער איינמאל זיך שטארק צעבייזערט און

דעם משמש אינגאנצען באַזײַטיגט פון הויף און אויף זיין אָרט אַרײַנגענומען אַ צווייטען.

איז אָבער די משמש'טע (דעם משמש'ס ווײַב) געבליבען ווייטער אין רבי'נס הויף. זי פלעגט פון ימים און שנים באַקען די געבעקס פאַר'ן רבי'ן. איהר לעקעך האָט שטאַרק דעם רבי'ן געשמעקט, האָט דער רבי נישט געלאָזט זי אויך צו בעזייטיגען פון הויף.

מיט איהרע קוכענס פלעגט זיך די משמש'טע שטאַרק גרויסען און די גרעסטע גבירים אין דער שטאָדט האָבען אויך געלאָזט אויף שמחות ביי איהר אַלץ באַקען, פון וואָס זי האָט זיך שעהן דערנעהרט.

האָט זיך געמאַכט, אַז דער ראַדזימינער האָט זיך דערכאַפּט זיין שוואַך האַרץ מיט אַ ביסעל ווײַן און לעקעך, ווי זיין דרך איז תמיד געווען. האָט ער בעקומען פלוצלונג גרויסע מאָגען־קראַמפען, אויף וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געליטען. האָט מען תיכף געשיקט נאָך די בעסטע דאָקטוירים פון דער שטאָדט און אויספלומפּענדיג דאָס עסען פון מאָגען, האָבען די דאָקטוירים פעסטגעשטעלט, אַז דער רבי איז געווען פער'סמ'ט מיט אַרשע־ניק; ערשט נאָך גרויס מיה און אַרבייט איז די דאָקטוירים גע־לונגען דעם רבי ר' יעקעלע אָבצוראַטעווען פון אַ זיכערען טויט, און ערשט נאָך אַ געוויסער צייט איז דער רבי אינגאַנצען פון דער געפאַהר אויסגעהיילט געוואָרען.

ב.

באַלד אין ערשטען אויגענבליק איז געפאַלען דער חשד אויף דעם אָבגעשאַפטען משמש, אַז ער האָט געמוזט אַריינטהון אַר־שעניק אין דעם טייג פון לעקעך, צוליב נקמה, ווייסענדיג גאַנץ גוט, אַז דער רבי ר' יעקעלע האָט דאָס געבעקס ליב און קיין אַנדערע קוכענס עסט ער נישט.

האָט אָבער דער רבי ר' יעקעלע נישט געוואָלט מאַכען דער־פון קיין געבראָיך צוליב חלול השם און אויך צוליב דעם, וואָס ער

האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ האַרבע שטראָף עס דראָהט דעם משמש דערפאַר.

האָבען אָבער די דאָקטוירים דאָס נישט געוואָלט פערשוויי־גען און עס געמאָלדען דער פּאָליציי, וועלכע האָט תיכף דעם משמש מיט זיין ווייב אַרעסטירט און זיי אָבגעשיקט קיין וואַרשא אין דער תפיסה.

דער משמש האָט געלייקענט שטיין און ביין. דאָס זעלבע האָט אויך גע'טענה'ט די משמש'טע. זי האָט דערקלערט, אַז דאָס ביי איהר געפונענע אַרשעניק האָלט זי פאַר די מייז, וואָס מאַכען איהר אַן גרויסע שאָדענס אין דער בעקעריי און זי קען נישט וויסען, ווי אַזוי אַרשעניס האָט זיך אַריינבאַקומען אין לעקעך. האָט די געריכטס־מאַכט דעם משמש בעפרייט און די משמש'טע, זיין ווייב איז צוגעצויגען געוואָרען צו דער פערענטוואָרטליכקייט, בלייבענדיג די גאַנצע צייט אין תפיסה.

אין יאָהר 1857 איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס אין וואַר־שאווער קרימינאַל־געריכט.

דעם רבי ר׳ יעקעלע האָט מען אויך אַרויסגערופען צום פּראָצעס אַלס עדות.

האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פריינד, דעם „חידושי הרי״ם" וועגען אַנ׳עצה׃ וואָס ער זאָל טענה'ן, ער האָט נישט געוואָלט אַ יודיש קינד אַריינזעצען אין דער תפיסה און האָט אויך גוט געוואוסט, אַז דאָס איז נישט געווען איהר מלאכה, נאָר דער משמש האָט איהם געוואָלט אָב'סמ'ען. ער האָט אויך געבעטען דעם „חידושי הרי״ם", אַז ער זאָל זיך אין וואַרשא משתדל זיין ביי די ריכטערס, אַז די משמש'טע זאָל נישט בע־שטראָפט ווערען און פריי זיין.

דערויף האָט דער „חידושי הרי״ם" דעם רבי'ן ר׳ יעקעלע ראַדזימינער בריפליך גע'עצה'ט, אַז ער, דער רבי, זאָל אַלץ, וואָס ער ווייסט און וואָס ס'איז אמת, דערציילען די ריכטער, וואָרום ס'איז נישט זיך מרחם צו זיין אויף אכזרים, אַז מען

זאָל זיי אײַנגאַנצען בעפרײַען פון א שטראָף, אָבער ער, דער „חי־דושי הרי״ם" וועט פון זײַן זײַט אַלץ אָנווענדען, וואָס עס וועט נאָר מעגלעך זײַן, אַז איהר שטראָף זאָל נישט זײַן קײַן שווערע.

האַרבענדיג דעם „חידושי הרי״מ׳ס" עצה האָט זיך דער ראַדזימינער רבי געשטעלט צום פּראָצעס. די גרעסטע חשובים און גבירים פון וואַרשא זענען מיט איהם מיטגעגאַנגען אין געריכט. דאָס זענען אַלץ געווען דעם גערער רבי׳נס חסידים, וואָס האָבען געהאַט דעם גרעסטען אײַנפלוס אפילו אויף די וואַרשאַווער ריכטער.

אָבער ווי דערשטוינט זענען די ריכטער געוואָרען, הערענדיג, ווי דער ראַדזימינער רבי בעמיהט זיך רײַנצוּוואַשען די בע־שולדיגטע פרוי, בעהויפּטענדיג, אַז עס לעגט זיך איהם נישט אויף דעם געדאַנק, אַז זי זאָל האָבען מתכוון געווען איהם אָבצו־סמ׳ען, וואָרום זי איז א פרומע פרוי און קײַן פרומער מענש קאָן נישט טויטען דעם צווייטען, סײַדען דורך א צופאַל, אָבער נישט מיט א רײַנעם געוויסען.

האָבען אָבער די עדות — די הויזמענשען און דאָקטוירים פאַר׳ן ריכטער־טיש ענטפּלעקט דעם סוד, אַז איינער פון זיי בייד־דע, אָדער דער משמש, אָדער זײַן פרוי, האָבען געהאַט בדעה דעם רבי׳ן אומצוברענגען צוליב נקמה.

ראַדזין, דער גרויסער וואַרשעווער אַדוואָקאַט, האָט אויפ׳ן סמך פון רבי׳נס טענות. די משמש׳טע פערטיידיגט, אַז אין דעם פאַל האָט העכסטענס געקאָנט זײַן א טעות מיט דעם סם און זייענדיג אויך שטאַרק געבעטען מצד דעם „חידושי הרי״ם", האָבען די ריכטער איהר פעראורטיילט נאָר מיט עטליכע חדשים אַרעסט.

אָבער אויך די דאָזיגע קלײנע שטראָף איז די משמש׳טע נישט אָבגעזעסען; דורכן מאַניפעסט, וואָס ס׳איז אַרויס צוליב דער קרוינונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, איז זי געוואָרען אײַנגאַנצען פרײַ.

די שטאָדט אָבער, וואָס איז געווען איבערציינגט אין דער שולד פון משמש האָט נישט גערוהט.

מען האָט אויפגעהערט צו האָבען א מגע ומשא מיט דעם משמש און זיין ווייב. ס'האָט מער קיינער נישט געגעבען זיי צו באַקען און ביי זיי אויך קיין געבעקס נישט געקויפט. איז ראָך אויסגעקומען, אז דאָס גאנצע בני־בית פון משמש זאָל לייר דען הונגער און נויט.

האָט דער רבי ר' יעקעלע איינגעריסען וועלטען, אז מען זאָל נישט נעהמען קיין נקמה אין זיי, אָבער דער עולם, וואָס איז געפאַלען פאר'ן רבי'נס וואָרט, האָט דאָס מאָל ווייטער דאָס זייר נינע געטהון. איז דער משמש באין־ברירה פלוצלונג געקומען אין רבי'נס בית־המדרש אריין אין קיטעל און זאָקען און זיך מודה ומתודה געווען, אז ער האָט אליין אריינגעלעגט דעם סם אין דעם טייג פון לעקעך, וויסענדיג, אז פון דעם לעקעך עסט קיי־נער נישט, נאָר דער רבי אליין... זיין ווייב אָבער האָט דערפון די מינדעסטע אהנונג נישט געהאַט. ער פאַלט דעם רבי'ן צו די פיס און איז, מיט גרוים געוויין, קלאַפענדיג זיך אין הארץ אריין „חטאתי, עויתי,ו פשעתי", דעם רבי'ן מפייס בפני קהל ועדה.

האָט דער רבי איהם אַרויסגעגעבען א תשובה א גאַנץ יאָהר צו שלאָפען אויף דער גאָלער ערד, פאַסטען יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אא"וו.

דערביי האָט איהם דער ראדזימינער דערלויבט צו קומען אין זיין בית־המדרש אריין נעהמען נדבות ביי די צוגעפאָהרענע חסידים און די גרעסטע נדבה האָט איהם שטענדיג געגעבען דער רבי אליין.

ג.

דאָס, וואָס דער משמש האָט זיך מודה ומתודה געווען בפני קהל ועדה, אז ער האָט אריינגעטהון סם אין „לעקעך" צוליב נקמה־געפילען פאר בעוויטיגען איהם פון הויף, האָט עמיצער ווייטער צוגעטראָגען דער פאָליציי. דעריבער האָט זיך דער משמש

אויסבעהאַלטען פאַר דער פּאָליציי און זייענדיג אַ לענגערע צייט נע־ונד אין דער וועלט, איז איהם דאָס לעבען נמאס געוואָרען און ער האָט זיך אַליין צוגעשטעלט. מען האָט איהם טאַקע אַריינ־געזעצט צוריק אין דער תפיסה.

האָט דאָך דאָס ווייב מיט די קינדער געשטורעמט דעם רבי׳נס הויף, און דער ראַדזימינער האָט ווייטער אָנגעווענדעט אַ סך כוחות דעם משמש זיינעם צו בעפרייען, אָבער דאָס מאָל איז די זאַך שוין אָנגעקומען אַ ביסעל שווערער. די ריבטער האָבען זיך מעהר נישט געלאָזט בעאיינפלוסען פון וועלכען צד עס זאָל נישט זיין. אָבער צוליב דעם, וואָס קיינער פון די עדות, וואָס זענען ארויסגערופען געוואָרען צו דער אויספאָרשונג, האָט נישט בעשטעטיגט דעם פאַקט פון מודה־זיין זיך, איז אויך דער משמש פריי געוואָרען פון דער בעשולדיגונג.

האָט אָבער איהם, דעם משמש, גאָט׳ס שטראָף נישט אויס־געמיטען. ער איז אויסגעגאַנגען, דערצעהלען חסידים, ווי אַ ליכט און ער איז אַלס בעל־תשובה געשטאָרבען נאָך ביים רבי׳נס לע־בען.

דער רבי ר׳ יעקעלע האָט איהם מוחל געווען במחילה גמורה דאָס, וואָס ער האָט געהאַט בדעה איהם צו פער׳סמ׳ען און ווייטער טועם געווען פון דעם לעקעך, וואָס די אלמנה האָט פאַר איהם געבאַקען.

און אויך די גאַנצע שטאָדט האָט ווייטער ביי איהר געבאַ־קען אָדער געקויפט געבעקס, פון וואָס זי האָט זיך דערנעהרט און אויסגעהאַלטען איהר אָרים הויז.

דער ראדאשיצער רבי ר' בער

א.

דער רבי ר' בער פון ראדאשיץ האט געהערט צו דעם אלטען טיפּ רביים פון דעם „חוזה'ס" הדר, וואס האבען עוסק געווען אין חסידות לשמה און זיך קונה שם געווען אין יודישען וועלטעל מיט די „מופתים", וואס זיי האבען בעוויזען.

דער פאטער זיינער, ר' יצחק, איז געווען שוין בהור'זויז א משמש בקודש ביי דעם מעזרימשער מגיד, דעם רבי'ן ר' בער, דעם בעל שם טוב'ס א תלמיד.

ביים מעזריטשער האט געדינט א סך יאהרען א דינסט מרים האט זי געהייסען, וועלכע איז געווען שוין א בעיאהרט מיידעל און חוץ דעם א גרויסע מיאוס'קייט און א קראנקע, ווי גאר.

האט דער מגיד צענויפגעפארט זיין משמש מיט דער מרים. תחילת האט דער משמש זיך אנטקעגענגעשטעלט דעם שידוך, ער האט זי דאך גוט געקענט, אבער ווי נאר דער מגיד האט איהם צוגעזאגט פון איהר א זוהן, וועלכער וועט אבנעהמען די וועלט און ער וועט בעקומען זיין נאמען, איז ער מיט איהר שוין געגאנגען אונטער דער חופה.

אבער דער לעבענס-וועג פון דעם דאזיגען ליכטיגען זוהן איז נישט געווען מיט רויזען אויסגעבעט. ער האט זיך אין די יונגע יאהרען ארומגעוואלגערט אין די ישיבות און צוגעהונגערט.

כדי צו קומען צו א תכלית. און ווען דער פאָטער זיינער האָט איהם שוין מיט מזל געפיהרט אונטער דער חופה, מיט א ישוב׳-ניקס א טאָכטער, איז איהם איסגעקומען אויפסניי צו הונגערען צוזאמען מיט זיין צניעותדיג ווייבעל.

דער שווער זיינער, וועלכער האָט געהאַלטען די דאָרפס-פּראָפּינאציע, איז געוואָרען א גרויסער יורד, צוליב וואָס ער האָט געמוזט קוים א יאָהר נאָך דער חתונה אָבזאָגען די קינדער די צוגעזאָגטע קעסט. האָט זיך דאָס „קעסט-בחור׳ל" גענומען צו האַנדלען. ער האָט ארומגעטראָגען א ביסעל צעלניק אין די דערפער, אויף די יארידען, אָבער קיין גרויס חיונה האָט ער נישט געהאַט פון זיין מסחר, איז איהם דאָס האַנדלען אויך נמאס געוואָרען און ער האָט געזוכט ווייטער א תכלית.

איז זי, דאָס אָרימע ווייבעל, נעבעך, געוואָרען איצט די פרנסה-געבערין. זי איז געוואָרען א דאָרף-געהערין. אָבער אויך איצט האָט דער רבי ר׳ בער געליטען דחקות און נויט און זיך געמוזט באַגנוגענען מיט א שטיקעל פּערדאַרט ברויט אפילו אין די הייליגע שבתים און ימים-טובים. דערפון האָט קיין שום ילוד אשה נישט געטאָרט וויסען; אפילו ווען ער האָט זיך מזכיר געווען ביים „חוזה" און ווען יענער האָט איהם געפרעגט, ווי ער האַלט מיט פרנסה, האָט דער רבי ר׳ בער איהם געענטפערט, אז נישט ווענען דעם איז ער דאָ אהערגעקומען...

האָט אָבער דאָס ווייב לענגער נישט געקאָנט צוזעהן, ווי דאָס אויסגעוויינטע קליינוואַרג גייט פשוט אויס פאר הונגער, האָט זי זיך צו׳בעס׳ט אויפ׳ן מאַן און געשריגען פאר איהרע גרויסע צרות: „בערעל בטלן", וואָס וועט זיין אונזער שוואַרץ-פינסטערער סוף? נעהמט זיך ר׳ בערעל דאָס טלומאַס׳ל אויף די פּלייצעס און לאָזט זיך אויף דעם ברייטען שליאַך אין דער גרויסער וועלט אריין. ער זיצט אָב גאַנצע צייטען ביים „חוזה", ביים „יוד הקדוש" און ביי אַנדערע גדולים. וואָס אַרט איהם ווייב און קינדער, ער שטרעבט צו א תכלית.

זי דאָס ווייב, געהט וואַשען וועש אין די הייזער, כדי די קינדער ביים לעבען צו דערהאַלטען. ער ווייטער ווערט אַ האָרפּס־מלמד, אומעטום האַלט מען איהם פאַר אַ בטלן, אָבער פאַר אַ גרויסען ירא־שמים. אָבער ביי דער מלמדות קען ער אויך זיך נישט דערהאַלטען.

און ווען דער „חוזה" דערזעהט איהם ווייטער ביי זיך אין קלויז, רופט ער איהם: „בערעל, קום, וועלען מיר דיך בענטשען", און געזאָגט, „דער השם יתברך יזמין לך, זאָל דיר געבען יודען, וואָס זאָלען דיך אָברייסען פון דער תורה און תפילה. דאָס איז געווען אַ בפירוש אָנצוהערעניש פון רבי'ן, ער זאָל רבי ווערען.

האָט דער עולם איצט גאַנץ אַנדערש אָנגעהויבען צו קוקען אויף דעם בלומר־שטען „בטלן". ער ווערט רב אין ראַדאָשיץ און אַ געוויסע צייט איז ער אויך רב אין פשעדבאָרז.

קיין פרנסה האָט שוין זיין בני־בית נישט געפעהלט. באַלד ווערט ער אויך נתגלה פאַר דער וועלט דורך זיינע מופתים, וואָס ער האָט בעוויזען. און נאָך דעם חוזה'ס טויט האָט זיך אַ גרויסער טייל חסידים מיט אַ חך רבנים בראש צו איהם בעהאַפטען און מען קרוינט איהם אַלס רבי ר' בער פון ראַדאָשיץ.

ב

דעם רבי ר' בער'ס שווער האָט געהאַט אַ פּאַראָבעק, מאַטשעק האָט ער געהייסען. עסענדיג „קעסט" ביים שווער, פלעגט זיך דער רבי ר' בער אַ סך מיט דעם משרת אוים'טענה'ן און שמועסען.

איינמאָל האָט געהייסען דער שווער זיין איידעם מיטפאָהרען מיט דעם פּאַראָבעק ביים איבערפיהרען אַ פאַס בראָנפען פון ברויז אין דער פּראָווינציע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין דאָרף אין פאַכט ביים פּריץ.

און אַזוי ווי דער וועג איז געווען אַ שלעכטער, פול ליים־גריבער, איז דער וואָגען מיט דעם בראָנפען געבליבען שטעקען

אין א לײם־גרוב און מען האט נישט געקאנט פאר קײן פאל איהם ארויסציען. זאגט דער שוין פערשוויצטער און מידער פא־ ראבעט צום רבי ר׳ בער: „דזשוויגניטשע, בארען, ציהט ארויס דעם וואגען. האט איהם דער רבי געענטפערט: „ניע מאגען״, איך קען נישט. ער אליין איז אויך שוין געווען שטארק אבגעשוואכט פון דער קעלט און דורכגענעצט פון דעם רעגען. ווערט שוין מאטשעק אין כעס און זאגט ווי כלאחר־יד: „מאזשעש, אלע ניע בצעש״, דו קאנסט, אבער דו ווילסט נישט. שטרענגט איצט אן דער רבי ר׳ בער זײנע לעצטע כוחות און האט טאקע ארויסגע־ שלעפט דעם וואגען פון לײם. פון דעמאלט אן האט מאטשעק באקומען גרויס דרך־ארץ פאר׳ן רבי׳ן ר׳ בער. און ווען ער איז רבי געווארען האט ער מאטשעק׳ן צו זיך אין הויז אריינגענומען אלס משרת און דערציעהלט זײנע חסידים, אז ער האט א סך פון איהם געלערענט.

איצט איז שוין מאטשעק נישט דרייסט געווען צו רופען דעם רבי׳ן, זײן האר, פראסט פשוט „בערקא״, ווי ער פלעגט אם טהון, ווען ער איז געווען פאראבעק ביי זײן שווער, נאר גערופען „פאן ראבין״.

הייסט דער רבי איהם ווייטער זיך רופען מיט דעם נאמען „בערקא״. ער האט געהאט דערפון א גרויסע הנאה. ער האט איהם אפילו נישט דערלויבט, אז מאטשעק זאל רעדען מיט איהם יודיש, וואס ער האט זיך אויסגלערענט, ווען ער האט נאך גע־ דינט ביים שווער אין דארף, נאר ער זאל רעדען אויף זײן מאמע־ לשון.

און ווען דער רבי האט געהאט פאר זיך א שווערען ענין, אדער ער האט געוואלט אויס׳מוסר׳ן זײנע חסידים, אז זיי זאלען גוט און פרום זיין, פלעגט ער זיך בעגנוצען מיט מאטשעק׳ס ווער־ טעל, וואס ער האט אנומעלט צו איהם געזאגט, בשעת ער האט איהם געבעטען, אז ער זאל איהם העלפען דעם וואגען פון בלאטע ארויסשלעפען: „דו קאנסט, נאר דו ווילסט נישט״.

מאכט זיך א מעשה, אז קיין ראדאשיץ איז געקומען צולוי־פען א צערודערטער א גרויסער וואלד־סוחר ר׳ ישראל פון מאנ־דזשעוו. וועלכען א קאנקורענט האט אבגע׳מסר׳ט פאר׳ן מלכות אין עפעס מיסברויכען, צוליב עס קומט צו איהם א קאנטרא־לער מאכען א קאנטראל אין די ביכער, וואס ער האט שטארק מורא.

גראד ווען דער סוחר האט אבגעגעבען דאס קוויטעל דעם רבי׳ן, האט מאטשעק אויפגערוימט דעם רבי׳נס שטוב און הערענ־דיג לעזען דעם רבי׳ן הויך און ציהענדיג די ווערטער „ישראל בן אליה ממאנזשעוו״, האט מאטשעק נאכגערעדט מיט זיין פויערישער אויסשפראך און לויט זיין אויפפאסונג: „יסראעל באנדז (בן) אלע (אליה) מאנדזשי (מאנחזשעוו)״. איז דער רבי ר׳ בער נבהל ונשתומם געווארען פון מאטשעק׳ס אויסלייגעכץ די דאזיגע ווערטער פון קוויטעל און דער רבי האט טאקע איינגע׳חזר׳ט די דאזיגע ווערטער מיט דעם וואלד־סוחר און איהם פערטייטשט דעם פשט פון „יסראעל באנדזש, אלע מאנדרי״, ישראל זיי, נאר קלוג.

האט ר׳ ישראל מאדזשעווער זיך משער געווען, אז ער בע־דארף דעם בעאמטען משחד זיין, און אלץ וועט שוין זיין אין בעסטער ארדנונג.

און ער האט אזוי געטהון און מצליח געווען...

אויסלערנענדיג זיך פון מאמשעק׳ן אביסעל פויליש רעדען און פערשטעהן, האט דער רבי ר׳ בער, ווי דער קאזשעניצער צדיק, מיט פוילישע ווערטער מרמז געווען אויף א סך זאכען, וואס זענען געווען ענטפערס אויף די קוויטלעך.

הויפטזעכליך האט ער זיך בעדיענט מיט פוילישע ענטפערס צו די פריצים און די פויערים פון יענער געגענד, וואס האבען איהם אנגערופען „נאש בערעק״ און זענען געקומען צו איהם פרעגען אנ׳עצה אדער מיט א בקשה.

מאַטשעק האָט שוין פֿערשטאַנען אויף דעם וואונק דעם רבינ'ס ענטפֿער און אויף זיין לשון זיי, די קריסטען, עס צולעגט אויף טעלערלעך.

און ווען דער רבי ר' בער איז געווען ביי א גוטער שטימונג און אויפגעהייטערט, האָט ער מיט א זיסען, ליבליכען ניגון זיך געזונגען דעם פּסוק פֿון „שיר השירים" (קאַפּ. ו. י"א): אל גנת אגוז ירדתי לראות באבי הנחל, לראות הפרחה הגפן הנצו הרמנים", ענדיגענדיג מיט דעם אָנהויב פֿון צווייטען פּסוק: „לא ידעתי נפשי", און איהם גלייכצייטיג פּאַראַפֿראַזירט און איגטערפּרעטירט אויף פּויליש: „קאָזאָלא מאַטושקא אָזשעשקי רוואַמש, אַלע וויסאַטש ליכטשקי, א זא ניזקיע בלאַפּטשיקי, טרודנאָ שען דאָסטאַטש, טרודנאָ שען דאָסטאַטש". און דאָן אויף יודיש: „די מוטער האָט געהייסען, ניסעלעך פֿון בוים אָב־רייסען. צו הויך זענען די ביימעלעך, צו קליין זענען די יודעלעך, זיי קענען נישט דערגרייכען, זיי קענען נישט דערגרייכען"...

מאַטשעק האָט צוגעברומט מיט זיין פּויעריש קול ווען דער רבי האָט געזונגען זיך בנעימות דאָס מיסטישע לידעל און ווען דער רבי האָט געהאַלטען ביי „טרודנאָ שען דאָסטאַטש", איז ער ארויס אויפ'ן גאַנצען קול „ווען בערקא וויל קען ער, נאָר ער וויל נישט"... און דער רבי האָט געשוויגען...

ג.

אין גרויס נחת און כבוד, כאָטש דער רבי ר' בער איז דאָס נישט אויסען געווען, האָט ער אָבגעלעבט זיינע שפּעטערדיגע יאָהרען מיט זיין צניעות'דיגער פֿרוי, וועלכע ער האָט שטאַרק געשעצט. האָט ער דאָך. ווי ער האָט שטענדיג זיינע חסידים דערצעהלט, איהם צו פֿערדאַנקען זיין גאַנצע גרויסקייט, מיט דעם, וואָס זי האָט מפרנס געווען די בני־בית און ער האָט געקאָנט במנוחה זיך זיצען על התורה והעבודה.

האָט אָבער דער אומ'ברחמנות'דיגער טויט אויך איהם נישט פֿערשוינט און ער איז נסתלק געוואָרען י"ח סיון תר"נ (1843).

זיין ממלא מקום איז געווען דער עלטסטער זוהן ר׳ ישראל יצחק, אבער ער האט זיך נישט לאנג געהאלטען אויף דעם רבי'ן ר׳ בערים ארט, ער איז נפטר געווארען אין ווארשא כ׳ כסליו תרי״ח (1858).

אבער די ראדאשיצער דינאסטיע דערהאלט זיך נאך ביז דעם היינטיגען טאג.

אויך דאס טראריציאנעלע בעטעל, אין וועלכען דער קדוש האט געדרימעלט, דאס בית־המדרש'ל, אין וועלכען ער איז גע־זעסען טאג און נאכט און תפילה געטהון, ווי אויך דער פאטעל, אויף וועלכען ער פלעגט זיצען און אויסהערען די צרות פון זיינע ברידער און אפילו דער היסטארישער ברונעם, פון וועלכען ר׳ נחמן, דער משמש בקודש, האט געשעפט וואסער און געגע־בען די חולאים צו טרינקען אלס רפואה — קאן מען נאך ביים היינטיגען טאג זעהן אין ראדאשיץ.

ראדאשיצער רבי און פראנץ יאזעף

א.

אין דער צייט ווען דער בעקאנטער פאליטיקער, מעטערניך, איז געווען רייכס-קאנצלער אין עסטרייך, איז אויסגעבראכען א קאנפליקט צווישען רוסלאנד און דעם עסטרייכישען קייזער, פערדינאנד דעם ערשטען, וועלכער האט געקיניגט פון יאהר 1835 ביז 1848.

רוסלאנד האט געדראהט עסטרייך מיט מיליטערישע סאנקציעס, אויב זי וועט נישט נאכקומען, וואס ניקאלאי דער ערשטער פאדערט פון איהר.

איז דער ארימער קייזער פערדינאנד צוליב די דאזיגע דראהונגען שטארק בעאומרוהיגט געווארען און האט באלד צונויפגערופען אלע זיינע שרים און יועצים אויף א געהיימע בעראטונג, אבער צוליב די גרויסע חילוקי-דעות, וואס האט געהערשט דארט צווישען די טיש-זיצערס, איז מען צו קיין בעשלוס נישט געקומען.

רוסלאנד, דערזעהענדיג דאס וואקלעניש פון עסטרייך, איז נאך מעהר חוצפה'דיג און שטרענג געווארען און נישט בעקומענדיג אזוי גיך קיין ענטפער, האט זי ארויסגעשיקט אנ'ארמעע צו דער עסטרייכישער גרעניץ.

איז דאך איצט די לאגע אין עסטרייך געווארען נאך מעהר

אָנגעשטרענגט און שווער, האָט דער קייזער ווייטער צונויפגע־רופען זיינע יועצים, אָבער מען האָט ווייטער נישט געפונען קיין אויסוועג, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרעהען פון דעם פּלאָנטער.

פון איין זייט האָט מעטערניך נישט געוואָלט צוליב פּרעס־טיזש קאַפּיטולירען פאַר רוסלאַנד און איהר נאָכגעבען אַזעלכעס, וואָס איז געווען אונטער דעם כבוד פון עסטרייך. פון דער צווייד־טער זייט ווידער האָט מען געציטערט פאַר אַ מלחמה מיט רוס־לאַנד, וואָס איז געווען פיל מעכטיגער און שטאַרקער פון עסט־רייך.

האָט זיך איינער פון די יועצים אַרויסגעכאַפּט מיט אַ פאָר־שלאָג, אַז מען זאָל עמיצען אַרויסשיקען צום ראַדאָשיצער רבי ר' בער און זיך מיט איהם שואל־עצה זיין. ער אַליין — האָט דער פאָרשלאָג־געבער גע'טענה'ט — איז מיט אַ צייט צוריק ביי אַ שווערען ענין געהאָלפען געוואָרען דורכ'ן רבי'ן.

בלית ברירה האָבען אַלע מסכים געווען אויף דעם דאָזיגען פאָרשלאָג.

און דער קייזער פערדינאַנד האָט תיכף אַרויסגעשיקט קיין ראַדאָשיץ זיין זוהן פראַנץ יאָזעף, דעם יורש עצר.

ב.

אין אַ געוויסען פריהמאָרגען איז גאַנץ ראַדאָשיץ געשטאַנען אויף די פיס.

פאַר'ן רבי'נס בעשיידען האָלצערן הייזעל זענען פערפאָה־רען עטליכע קעניגליכע קאַטשען מיט טייער געשפאַן און פון דאָרט האָבען אַרויסגעקוקט גרויסע לייט, אויסגעפּוצט מיט „גאָל־דענע טרעסען" און מיט זילבער־ווייסע שטרויס־פעדערען אויף די היט.

ארום דעם נידריגען הייזעל, וואו דער רבי האָט געוואוינט, זענען שוין פון האַלבער נאַכט געשטאַנען צעהנדליגער מאַנסלייט און פרויען מיט פערביטערטע הערצער, וואָס האָבען שוין געוואַרט עטליכע טעג כסדר, אַז זיי זאָלען קאָנען אַנקומען צום רבי'ן

דערזעהענדיג דעם עולם, איז איינער פון די אָנגעפאָהרענע „גרויסע לייט" ארויס פון דער קאָטש און זיך_געפרעגט, צי דאָ וואוינט דער „הייליגער מאַן".

און ווען מען האָט איהם געזאָגט: יאָ, האָט דער זעלבער קיין גרויסע שהיות נישט געמאַכט און איז גלייך אריין אין רבי'נס בית־מדרש'ל זיך צו זעהן מיט דעם רבי'ן.

האָט איהם געבעטען ר' נחמן דעם רבי'נס קאַמערהער", ווי די דאָזיגע געסט האָבען איהם גערופען, אז ער זאָל אַ ביסעל צו־וואַרטען, ביז ער וועט זיך פערשטענדיגען מיט'ן רבי'ן.

און בעקומענדיג פון דעם זעלבען דייטש אַ שעהנעם מתנת־יד אין דער האַנד אריין, האָט זיך ר' נחמן, דער משמש בקודש, נישט געפוילט און גלייך אריין צום רבי'ן אין זיין התבודדות־שטיבעל און איהם געמאָלדען, אז ס'זענען געקומען גרויסע לייט פון מלכות, אָנגעטהון אין „גאָלדענע טרעסען", און האָבען אַ וויכטיגען ענין מיט דעם רבי'ן צו איבערעדען.

האָט דער רבי ר' בער זיי צו זיך באַלד אויפ'ן אָרט אריינ־געבעטען און מיט אַ צופרידענעם שמייכעל זיי מקבל פנים געווען, זייענדיג אָנגעטהון אין זיין בעליבטען טערקישען, פיל־פאַרביג געבלימעלטען זיידענעם שלאַפראָק, אין וועלכען ער פלעגט תמיד געהן אין דער פריה פאַר'ן דאַווענען. נאָכ'ן פאָרשטעלען זיך פאַר איהם פון דער דעלעגאַציע פון אַלמעכטיגען עסטרייכישען קייזער, פערדינאַנד דעם ערשטען, מיט דעם קרוין־פרינץ פראַנץ יאָזעף בראש, האָט זיך דער רבי ר' בער באַלד אויפגעשטעלט פון פאָטעל און, ארויפלעגענדיג דעם סויבעל־שטריימעל אויפ'ן קאָפּ, האָט ער געמאַכט מיט אַ געהויבענער שטימע און שטאַרק בעגייסטערט, די ברכה „שנתן מכבודו לבשר ודם", וואָס מען מוז מאַכען, ווען מען זעהט אַ קייזער און פראַנץ יאָזעף האָט צוזאַמען מיט דער מאַנשאַפט, וואָס האָט איהם בעגלייט, זיך פערבויגען דריי מאָל פאַר'ן רבי'ן און געגומען „שלום".

און בעטענדיג די הויכע געסט זיצען, האָט דער רבי ר' בער

מיט זיי זיך פערשלאָסען און אויסגעפּרעגט זיך ביי זיי, וואָס ס'איז זייער בקשה.

האָט פראַנץ יאָזעף שטאַרק פאַר'ן רבי'ן געביטערט, אַז רוסלאַנד מאַכט זיך גאַנץ פוילע פּרעטענזיעס צו עסטרייך, דראָ־הענדיג זאָגאר מיט מלחמה, סוים מען וועט נישט נאָכקומען איהר וואונש, וואָס עסטרייך קאָן אפילו ביים בעסטען ווילען נישט נאָכגעבען.

צו אַ מלחמה איז ווייטער עסטרייך אויך נישט צוגעגרייט, ווייל זי איז נאָך ערשעפּט פון די מלחמות, וואָס ס'איז איהר אויסגעקומען צו פיהרען אין דער לעצטער צייט.

און הערענדיג, אַז דער „היילינגער מאַן" איז אַ גרויסער בעל־מופת, האָט ווייטער דערקלערט דער קרוין־פּרינץ, האָט איהם דער קייזער ספּעציעל אַהערגעשיקט, אַז דער רבי זאָל בעווייזען אַ מופת, אַז צווישען עסטרייך און רוסלאַנד זאָל ווייטער הער־שען שלום, ווי פריהער.

ענדיגענדיג זיין בקשה האָט דער קרוין־פּרינץ אַנידערגע־לעגט אויף דעם טיש אַ גרויסען פּדיון בלויז גאָלדשטיקלעך.

דער רבי ר' בער האָט דאַן אַ שווערען קרעכץ געגעבען, ווי ער וואָלט גרויס רחמנות האָבען מיט דעם, אַזוי שטאַרק בע־זאָרגטען, קייזער פערדינאַנד, אָבער ער האָט גלייכצייטיג דעם נידערגעשלאָגענעם קרוין־פּרינץ בערוהיגט, אַז ער זאָל זיך נישט אַזוי שטאַרק איבערנעהמען מיט רוסלאַנד'ס דראָהונגען, דער טייוועל איז נישט אַזוי שוואַרץ, ווי מען מאָהלט איהם.

האָט זיך אָבער דער קרוין־פּרינץ מיט דעם דאָזיגען ענטפער נישט געוואָלט בעגנוגענען. ער האָט געוואָלט הערען פון דעם „היילינגען מאַנ'ס" מויל אַ צוזאָג, אַז רוסלאַנד וועט זיך אָבזאָגען פון די פּרעטענזיעס, וואָס זי מאַכט זיך צו עסטרייך און עס וועט ווייטער הערשען צווישען די צוויי מאָנאַרכען שלום ושלוה, ווי פריהער. ער האָט דערביי צוגעזאָגט דעם רבי'ן אַ גרויסע בע־לוינונג.

האָט דער רבי ר׳ בער זיך אָבגעזאָגט פון פריון און אויך פון דער צוגעזאָגטער בעלוינונג, בעטענדיג דעם קרוין־פּרינץ, אַז ער זאָל דאָס געלד בעסער פערטיילען צווישען יודישע אָרימע, פערזיכערענדיג איהם, אַז אין דעם זכות וועט עסטרייך געהאָלפען ווערען צו אַ שלום מיט רוסלאַנד.

מיט דעם דאָזיגען ענטפער איז שוין פראַנץ יאָזעף צופרידען געוועזען און, געזעגענענדיג זיך הארציג מיט דעם רבי׳ן, האָט ער זיך ווייטער פערבויגען דריי מאָל פאַר׳ן רבי׳ן ביים ארויסגעהן, אַזוי ווי ער האָט עס געטהון ביים אריינקומען און איז באַלד אָבגעפאָהרען אַ היים.

ג.

אין קייזערליכען הויף אין וויען האָט מען אויסגעקוקט מיט גרויס אומגעדולד אויף דעם ענטפער, וואָס דער קרוין־פּרינץ וועט ברענגען פון „הייליגען מאַן" פון ראַדאָשיץ.

און קוים האָט פראַנץ יאָזעף בעוויזען צו בעטרעטען די שוועל פון קייזערליכען הויף, איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון רוסלאַנד, אַז דער קייזער ניקאָלאַי געהט איין אויף הנחות און איז נוטה צו בענייען דעם שלום מיט עסטרייך אויף דעם בעסטען אופן.

און עס האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און דער דאָזיגער שלום איז געשלאָסען געוואָרען לטובת עסטרייך.

פראַנץ יאָזעף, איבערנעהמענדיג דעם טראָהן נאָך דער רעזיגנאַציע פון זיין פאָטער אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אין יאָהר 1848, האָט ער זיך דערמאָהנט אין דעם מופת, וואָס דער ראַדאָשיצער רבי האָט געוויזען, ווען ער איז ביי איהם געוועזען אַלס קרוין־פּרינץ. האָט ער אין דער גאַנצער צייט פון זיין קעניגען, אַנ׳ערך 70 יאָהר, געהאַט אַ דאַנקבאַר האַרץ פאַר יודען, וועלכע האָבען איהם פאַר זיין גוטהאַרציגקייט און פאַר זיינע טובות, וואָס ער האָט געטהון יודען, שטאַרק פערעהרט און פערגעטערט.

דער ראדאשיצער צדיק האט איהם ביים געזעגנען זיך געבענשט מיט אריכת ימים, אויסרעדענדיג זיך מיט איהם א תנאי, אז ער זאל נוט בעהאנדלען די יודען.

דער גאַסטינינער „למד-וואָווניק"

מיט דעם נאָמען למד-וואָווניק האָט דער קאָצקער געקרוינט דעם גאָסטינינער רבי ר׳ יחיאל מאיר.

ווען ר׳ הירש טאָמאַשאָווער האָט זיך אָנומעלט בעקלאָגט פאַר דעם קאָצקער, אַז ער איז מסופּק, צי ס׳איז אין דעם איצטיגען זינדיגען דור פּערהאַן ל״ו צדיקים, אויף וועלכע די וועלט שטעהט, האָט זיך דער קאָצקער אָנגערופען: וואו איז אונזער מאיר יחיאל? איז ער נישט איינער פון די למד-וואָווניקעס?

ביז דעמאָלט האָט קיינער גאָרנישט געוואוסט, אַז ר׳ יחיאל מאיר פון גאָסטינין איז אַזאַ גרויסער צדיק, אַז דער קאָצקער האַלט איהם אַזש פאַר אַ למד-וואָווניק. אַזאַ גרויסער נסתר איז ער געווען.

מען האָט געוואוסט, אַז ר׳ יחיאל מאיר איז אַ טאַבאַק-סוחר און זיין ווייב איז די גאַנצע בריה׳טע. זי האַנדעלט און וואַנדעלט און ער, דער מאַן איהרער, פאַהרט כסדר אויף אַ יום-טוב אָדער אויף אַ יומא דפּגרא קיין קאָצק, זיצט דאָרט אָב צייטען און פּראַוועט חסידות...

צייטענווייז איז ער אויך אפילו מיטגעפאָהרען מיט זיין ווייב קיין קרושניעוויץ און קוטנא איינקויפען במקח טאַבאַק, אָבער — מעהר נישט.

ווען דער קאָצקער האָט מגלה סוד געווען, ווער ר׳ יחיאל

מאיר איז, האָט מען שוין מעהר נישט געדאַרפט. דער עולם האָט איהם באַלד אָנגעהויבען רופען: רבי, דערלאַנגט איהם קוויטלעך, און געגעבען פדיונות. ער אַליין האָט שטאַרק אויסגעמיטען דעם פרסום ביים קאַצקער לעבען. ר׳ יחיאל מאיר איז געבליבען דער זעלבער. דאָס ווייב איז געשטאַנען אין קלייטעל און ער איז זיך ווייטער געפאָהרען, ווי תמיד, קיין קאָצק.

אָבער ס׳איז איהם נישט מעהר געלונגען אַרויסדרעהען זיך פון עולם. דער נסתר איז געוואָרען בעל כרחו רבי און פון טאָג צו טאָג איז געוואַקסען זיין אויטאָריטעט אין דער חסידישער וועלט. מען האָט אפילו געזאָגט, אַז ר׳ יחיאל מאיר האָט גילוי אליהו...

מען האָט דעם גאָסטינינער למד־וואָווניק געהאַלטען פאַר אַ גרויסען אויפטהוער און בעל־מופת, הן אין פרנסה־זאַכען, הן אפילו אין פראַצעסען א.ד.גל. דאָ האָט ער ממש מופתים בע־וויזען. דער אומשולדיגער איז זיכער געווען, אַז ער וועט ביי איהם געהאָלפען ווערען, אָבער אויך דער שולדיגער, קוים האָט ער זיך פאַר איהם מודה געווען און ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער האָט חרטה, האָט ביי איהם שטאַרק אויסגענומען און ער פלעגט איהם צוזאָגען הילף.

דאָס איינציגע מיטעל, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיין עולם, איז געווען, אַז מען זאָל זאָגען תהלים, געבען צדקה און ליכט אָנצינדען פאַר ר׳ מאיר בעל נס...

נאָכ׳ן דאַווענען, אין דער פריה און אין אָווענד, פלעגט ער דעם עולם „אָבפאַרטיגען", נישט קוקענדיג וויפיל איינער לייגט אַריין פדיון־געלד אין דעם טאַרבעלע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין דער האַנד. און באַלד אויפ׳ן אָרט האָט ר׳ יחיאל מאיר דאָס געלד פערטיילט נצרכים, אויך נישט קוקענדיג וויפיל ער גיט. טיילמאָל האָט איהם נאָך אויסגעפעהלט געלד אין טאַרבעלע צו פערטיילען, האָט ער אויפגעמאַכט זיין טייסטערל און ווייטער געגעבען מיט דער פולער האַנד. ביים געזעגענען זיך מיט׳ן עולם,

פלעגט ער אַלע אָנווינשען, דעם — מיט פּרנסה, יענעם — מיט „זרע קיימא״, קינדער־האָבען, אַ דריטען ווידער — מיט אַנ־אַנדערע ברכה אא״וו און דער גאַנצער עולם האָט דערויף געענט־פערט מיט אַ הילכיגען „אמן״...

אַנומעלט, דערציילט מען, איז צו דעם גאַסטיניער למד־וואָווניק געקומען אַ יוד, אַ גלות, און שטאַרק נעביטערט פאַר איהם, אַז עס האָט אין זיין שטעדטעל אַ קריסט אויפגעמאַכט אַ געשעפט מיט די זעלבע סחורות, מיט וועלכע ער האַנדעלט. איצט איז איהם דער קריסט מקפח די פּרנסה, וואָרום אַלע קריס־טען קויפען נאָר ביי יענעם. דער רבי, בעמערקענדיג, אַז דער דאָזיגער יוד רעדט שוואַך יודיש, האָט איהם געענטפערט: ס׳איז גאָרנישט קיין וואונדער, וואָס די יודען האָבען בעוונותינו הרבים, איצט קיין פּרנסה נישט, וואָרום — די יודען נעמען ביי די גוֹיים צו דאָס לשון און זיי, ווידער, נעמען צו ביי יודען די פּרנסה...

ווענען נאָך אַ כאַראַקטעריסטישען פאַקט מיט׳ן גאַסטינינער ווערט דערציילט:

אין שטעדטעל אוניעוו, נעבען לענטשיץ, איז אַ צעהן־יעהריגער שייגעץ נאָכגעלאָפען אין די גאַסען דעם דאָרטיגען יודישען פּאַר־בער ק. און איהם נאָכגעשריגען: מאַטע, מאַטע!...

דער דאָזיגער שייגעץ איז געווען אַ פּרא־אדם, אַ ממזר. זיין מוטער פלעגט הייצען ביי יודען אין שבת די אויוועגס.

ס׳האָט עמיצער אָנגערעדט דעם שייגעץ, אַז ער זאָל אַזוי טהון און דער פּאַרבער האָט פאַר בושה, נעבעך, נישט געקענט דאָס פּנים ווייזען פאַר מענשען אין דער גאַס. אַזוי שטאַרק האָט איהם פערדראָסען דאָס ממזר־בלבול.

פּלוצלונג האָט מען געפונען דעם דאָזיגען שייגעץ אין אַ זאַק, צו וועלכען ס׳איז געווען צוגעבונדען אַ גרויסער שטיין, דערטרונ־קען אין טייך וואַרטע, וואָס שטראָמט אַדורך די שטאָדט. אַ חבו׳ה קריסטען האָט גלייך בעשולדיגט אין דעם דאָזיגען מאָרד דעם יודישען פאַרבער. האָט מען איהם גלייך אָבגעפיהרט אין דער

תפיסה קיין קאליש, וואו מען האט איהם געהאלטען א לענגערע צייט.

מיט די קריסטען האט אויך געהאלטען דער גלח פון דער שטאדט. דאס קאלישער קרייז-געריכט האט דעם פארבער פער-משפט אויף 12 יאהר קאטארגע.

דעם פארבער׳ס ווייב און קינדער זענען דאן געלאפען קיין גאסטינין און דארט ביים רבי׳ן מרעיש עולם געווען. זייער געוויין איז געווען אין לשער. דער רבי האט זיי געהייסען פאה-רען קיין ווארשא און אנגעבען אנ׳אפעלאציע און אויב זייער מאן און פאטער וועט באמת נישט זיין שולדיג — וועט ער פון גוייס׳ס הענד בעפרייט ווערען...

און טאקע צו דעם אפעלאציע-פראצעס אין ווארשא מעלדעט זיך יענער גלח און ערקלערט איצט, אז דער אמת׳ער מערדער, וועלכער האט דעם שייגעץ דערטרונקען, איז א גוי, וועלכער האט זיך פאר איהם מודה ומתודה געווען, אזוי, אז דער פארבער איז לחלוטין אומשולדיג.

איז דער יוד אנערקענט געווארען פון דעם ווארשאווער גע-ריכט פאר אומשולדיג און איז תיכף בעפרייט געווארען. האבען חסידים געזאגט. אז דאס האט דער גאסטינינער אריינגעגעבען אין הארץ פון אמת׳ן מערדער, דעם גוי, דעם חרטה-געדאנק און דער יוד איז אזוי ארום ניצול געווארען...

דער גאסטינינער איז געווען א גרויסער עניו. אין פרט פון עניוות איז באמת נישט געווען זיינ׳ס גלייכען.

אין שטעדטעל גאסטינין, וואו ר׳ יחיאל מאיר איז אויך געווען רב, איז אמאל אויסגעבראכען א מחלוקה צוליב א שוחט. דער רב האט געהאלטען שטאהל און אייזען פאר׳ן שוחט, דאנעגען די שטאדט-בעלי-בתים זענען געווען דעם שוחט׳ס נעגנערס.

אזוי ווי דער רבי האט געדאווענט שבת און יום-טוב אין דער שטאדט-שוהל, האבען די בעלי-בתים פערלאזט די שוהל אלס

פראַטעסט און זיך איינגעאָרדענט אַ בעזונדער קלויז צו דאַ־ווענען.

ר' יחיאל מאיר, נישט קוקענדיג אויף זיין כבוד, האָט זיך גענומען זיין שמש ר' אברהם יוסף, איז צוזאמען געגאַנגען פאַר כל־נדרי צו די בעלי־בתים אין זייער שטיבעל אריין און זיי מפייס־געווען.

און ווען דער עולם האָט גלייך געוואָלט מיט איהם מיטגעהן אין דער שוהל אריין, האָט ער מוחל געווען אויף זיין כבוד און געהייסען זיי איבער יום־טוב ווייטער ביי זיך דאַוונען.

ערשט נאָכ'ן יום־קדוש איז דער עולם צוריקגעקומען אין שוהל אריין.

מיט אַ זעהר הארציגער שפּראַך און אין אַ גוטען יודיש פלעגט ער אָהן שום וואָרנונגען און אָבשרעקונגען, אין דער שוהל אָדער ביי זיך אין דער היים, מוסר זאָגען דעם עולם, בע־טען, אַז זיי זאָלען בעסער ווערען, יודישלעך לעבען אא"וו.

איינמאָל, אין אַ פּראָסטען מיטוואָך, האָט ער געהייסען זיין שמש קלאַפּען און רופען אין שוהל אריין, ווייל מ'דאַרף תהלים זאָגען.

אַ שרעק האָט ארומגעכאַפּט דאָס שטעדטעל, וואָרום קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס די סיבה איז. ערשט אין עטליכע טעג ארום. ווען ס'איז אויסגעבראָכען ביים רבי'ן אין הויז אַ שרפה און ס'איז אינגאַנצען אַלץ אָבגעברענט געוואָרען און אין דער שטאָדט האָט עס קיינעם נישט געשאַדט, האָט מען ערשט פער־שטאַנען, וואָס דער הייליגער רבי קען אויפטהון אין הימעל... ער האָט הייסט עס פערהיט די שטאָדט פון אַ שרפה, פאַר'ן פרייז פון זיין אייגען הויז...

אויף דער עלטער איז דער נאָסטינינער אַנ'אַלמן געוואָרען און חתונה געהאַט מיט אַנ'עלטער מיידעל פון זשיכלין. האָט זי איהם מקצר ימים געווען מיט דעם, וואָס זי האָט ביי איהם גע־וואָלט „מאַכען אַ לעבען". ער האָט נישט געקאָנט איהר נאָכקו־

מען און ער האָט זי געמוזט גט'ן, אוועקגעבענדיג איהר אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט. אַזוי האָט איהר צונע'פסק'נט דאָס בית־דין.

באַלד נאָכדעם איז דער גאָסטינינער למדן־וואָווניק נסתלק געוואָרען (כ"א שבט, תרמ"ח), איבערלאָזענדיג 2 זיהן: ר' לייבוש און ר' משה'לע. ער האָט אויך איבערגעלאָזט בירושה עט־ליכע הייזער און מייערע ווערט־זאַכען.

ר' לייבוש האָט נישט געוואָלט ווערען דעם פאָטער'ס ממלא מקום. ר' משה'לע אָבער האָט איבערגענומען זיין פאָטערס רבי־סטווע. ער האָט געהאָט ווענינ גליק. ער האָט געוואוינט אין קאָ־וועל, בלוינע, פּרושקע, צום סוף אין וואַרשע — און קיין עולם זיך נישט ערוואָרבען...

פון גאָסטינינער זענען דערשינען: לקוטים און ספר „מרום חבי"ם".